STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05765

# A LEBN TSVISHN TOVLEN

Ephraim Auerbach

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַ לעבן צווישן טאָוולען



# אפרים אויערבאַך

# אַ לעבן צווישן טאָוולען

ניו־יאָרק, נ. י.

1968 התשכ״ח

# A LEBN ZEVISHEN TOVLEN

(A Life Between Covers)

By

EPHRAIM AUERBACH

*Copyright 1968 by*
EPHRAIM AUERBACH

שער-בלאַט געצייכנט פון פנחס שרון

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

*Printed in U.S.A. by*
SHULSINGER BROS., INC.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003
253

# אַלגעמיינער אינהאַלט


קאַראַוואַנען (1918) / 9-18

דער רויטער פּאָדעם (1927) / 19-52

לויטער איז דער אַלטער קוואַל (1940) / 53-120

יעקבס געצעלטן (1945) / 121-182

גילדענע שקיעה (1959) / 183-288

וואַך איז דער סטעפּ (1963) / 289-378

אין שפּעטן נאָכזומער (נייע לידער) / 379-426

דאַנקשאַפט — דער יזכור פרייז ביבליאָטעק ביים וועלט-פאַרבאַנד פון בערגען-בעלזענער;

פאַניאַ און משה גינזבורג;

ואחרון-אחרון — דעם זון אונדזערן הערשלען און זיין פרוי רות, וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

א. א.

# ווערטער־פאַרטייטש

באַרעטל — אַ געשטריקטער זיידענער שאַל פאַר פרויען.

עיסקא — פּראָצענט, וואָס מע נעמט פאַר געלט.

געקלעירט — געלייטערט. דער ווין האָט זיך אויסגעקלעירט מיינט, אַז די הייוון האָבן זיך אָפּגעזעצט און דער וויין איז לויטער.

טיזיק — געטריקנטע פלעצלעך פון בהמהשן מיסט, וואָס מע נוצט צום הייצן.

פּוזיטן — פּאַפּיר־געלט, אַסיגנאַציעס, באַנקנאָטן.

אָבאָרע — הויף הינטער אַ הויז.

טאָמנע — האַרבסט.

נעמען אויפן דראָנזשעק — אָפּנאַרן מיט שפּאַס.

טשאָבאָנעס — פּאַסטעכער.

סטינעס — שטיבלעך אויפן פעלד, וואו שאָף כאַוועז זיך און מע מאַכט דאָרטן שאָפענע קעז־און־פּוטער.

קאָטיגע — נידעריקער, נישט אַרומגעצוימטער וואָגן, וואָס מע פירט אויף אים זעק מיט תבואה.

קאָטיזשניק — דער, וואָס פירט די קאָטיגע.

ברינדזאַר — איינער, וואָס מאַכט שאָפענע קעז. ברינדזע איז אַ שאַרף־געזאַל־צענער שאָפענער קעז.

מיליוטן מיט סעקוטן — שמירעכצן פון פאָלקס־מעדיצין.

אָנטלען וויין — פּעסער וויין.

פּעיטערס — אָבות.

פּאָפּשויעס — קוקורוזע, טערקישער ווייץ, מאַאיס.

קאָדרע — געגנט אין בעסאַראַביע, וואו די וויינטרויבן וואַקסן.

קאַצעפּיניקעס — קצבים. קאַצעפּיע — יאַטקע.

מאַראַקעס — נעפּלען.

אָקע — אַ מאָס פאַר וויין.

בורדעי — אַ שטיבל, וואָס איז טיף אין דער ערד, געדעקט מיט אַן ערדענעם דאַך.

צוויקל — אין אַ העמד, אַז סע פעלט־אויס לייוונט, שטעלט מען אַריין אַ צוויקל.

קאַש — אַזאַ שאָפענער קעז.

פּאַלשע — ערד אין בעסאַראַביע האָט מען געמאָסטן אויף דער פּאַלשע.

טראַפּאַרעט — אַ מין מוסטער, וואָס האָט אויף ווענט אָפּגעמאָלן פאַרשידענע פיגורן.

שעס — לאַנקע.

לאַצאַרע — אַרומפאָרן איבער דערפער צונויפקויפן ביי פויערים די תבואה.

לאַיצעס קוועטשן — שלאָפן אין פויערישע שטיבער אויף האַרטע ברעטער.

קאַסאַ מאַרע — גרויס צימער. די פויערישע שטוב האָט אַ קאַסע מאַרע, וואָס איז געווען אַ מין זאַל.

שלאַמבאַן — שלאַגבוים, ביי דער בריק אַ טויערל, וואו מע האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר דורכפאָרן.

קאַרוצע — פור.

צאַראַן, צאַראַנדל — פויער.

אָום פראָסט — פּראָסטער מענטש.

בינדיוחשניק — דער וואָס פירט תבואה אויף זיין וואָגן.

ווין מיט אַ צוויק — מיט אַ צופּ.

אַדייע — פריצישער גוט.

צניפל — אַ יינגל פון אַ יאָר פינף־זעקס.

פּרוע־נאָגל — ביי אַ שוחט איין נאָגל אַ גרויסער, וואָס מיט אים האָט ער אויסגעפּרואווט דעם חלף, צי ער האָט נישט קיין פּגם.

אַרביזעס — אין העברעאיש אבטיח, אין ענגליש וואָטער־מעלאָן.

באַסטאָנעס — פעלדער, וואו אַרביזעס זענען געוואָקסן.

אַרבל — וואָגאָנעס, וואָס זענען געווען דריי מאָל די גרייס ווי די געוויינטלעכע פראַכט־וואָגאָנעס.

פּרוטיענע שטוב — אַ שטוב פון גראָבע ביימער־צווייגן, צונויפגעפלאָכטן געדיכט און דערנאָך פאַרפלאַסטערט מיט ליים.

דאַנגען — דאגהנען.

מאַליאָנעס — אין ענגליש קענטאַלאָפּ.

פאַמען — וויינטרויבן.

טאָלעקע — פאַשע־פעלד.

קאַדעלע — עקעלע.

געפאַטעט — געבוירן לעמעלעך.

גאָספאָדאַר — פּריץ

פּימייע — פרוי.

ויני קאַש — קום אַהער.

אַ ליימל — אַ לייכטערל פון ליים.

פאַרעס — געלט.

שטעכער — אַ פאַרקיילעכיקט מעסער מיט אַ רערל, אַריינצושטעכן אין פאַרנייטן זאַק תבואה און אַרויסנעמען אַ מוסטער.

באַקלוואַ — אַזאַ מין שטרודל.

קוב — אַ גרויסער איינגעמויערטער קעסל, וואָס מע האָט אים געהייצט און אויפגעזאָטן וואַסער. דאָס זודיקע וואַסער, אָקרעפּ, האָט מען פאַרקויפט.

# קאַראַוואַנען

(1918)

אויף דער שוועל
הײלן הײלן
פֿאַרטאָג
רעגן־געבעט
טרוקענער גרוב
רעגן־געלעכטער
רו, מײַן פֿערד
אונדזערע פֿעלדער

# אויף דער שוועל

א

ווייזן זיך גילדענע, זאַמדיקע ברעגן,
בלויע, פֿאַרחלומטע בערג פֿונדערווייטן,
דערפֿעלער קליינע, מיט סטעזשקעלעך שמאָלע,
לויזע אַראַבער אויף אייזעלעך רייטן.

ליגט אויף מיין קאָפּ נאָך דער שטויב פֿונעם וואַנדער,
איז נאָך מיין רוקן געבויגן אין דרייען,
וועל איך אויף פֿעלדער טרייסט דאָ געפֿינען,
לעבן מיינס וועל איך דאָ לויטער באַנייען.

כ'בין איצט אַ קינד, כאָטש אויסגעוואַקסן,
וועל איך מיט קינדער דאָ שפּילן זיך, שטיפֿן.
דאָ ווילט זיך מיר ליגן ביים ים אויף אַ בערגל,
קוקן אין הימל, אויסגעבלויט טיפֿן.

ב

ס'האָט אַ פֿאָדעם זיך געצויגן
דורות טרויער נאָכאַנאַנד,
און פֿאַרקניפּט מיך און פֿאַרבונדן
מיט מיין ווייטן, וויסטן לאַנד.

איין עק דאָ און איין עק דאָרטן,
דאָ — אַ האַרץ און דאָרט אַ לאַנד,
דאָ אַ האַרץ, וואָס בענקט פֿאַרציטערט,
דאָרט — אַן אויסגעווייקטע וואַנט.

אַז צוריק בין איך געקומען
אויף די חורבות פֿון מיין לאַנד,
איז מיר יעדער הייל און בערגל
האַרץ צעפּיבערט מיט פֿאַרשטאַנד.

## היילן היילן

אין די פייכטע היילן,
אונטער גרויע שטיינער,
רוען הונדערט דורות
די מלכימס ביינער.

אַז אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט
פונעם גלות איינער,
שטייט ער פול מיט וואונדער
ביי די גרויע שטיינער.

דורותדיקער ווידערקול
זינגט אַרוים פון היילן
און נשמהס וואונדן
טוט ער אים פאַרהיילן.

דאַכט זיך אים, אַז יינגער,
גלייביקער און ריינער
מאַכן אים די קברימס
שימלדיקע שטיינער.

דינע פעדים בינדן
אים צו קברים־היילן,
און פון זיך דעם וואַנדער
הייבט ער אָן צו שיילן.

## פ אַ ר ט אָ ג

אַז אַ שטערן גיט אין פאַל אַ פלי,
וועקט אונדז אויף דער גלאָק: שוין פרי...
שאַרפן מיר די קאָסעס אָן,
גיט דעם צווייטן קריי דער האָן.

אין דער שטאַל מעלקט מען די קי
נאַכטיק ווינטל גיט אַ ציִ,
ברעג פון הימל רויטלעך ווערט,
ראָסעדיק און פריש די ערד.

ווער זענען יענע און די?
זינגערס פון יידישער מי,
שניטערס פון יידישן היי
אינעם פאַרפרי זענען זיי.

ווייסט נישט ווען און ווייסט נישט ווי
אין דיין בלוט זינגט־אויף די מי,
ווי צו זון דיין קוק געווענדט
לויכט אַרויס פון דיינע הענט.

## רעגן־געבעט

ליבער גאָט, גיב רעגן,
זעטיק־אָן די ערד,
פאַרן מענטש וואַקסט קאָרן,
האָבער פאַרן פערד.

ווײַנשטאָק הייבט־אָן גרינען,
ווען טרויבן זיין,
זון וועט זיי מיט ליבשאַפט
אָנגיסן מיט ווייַן.

מאַנדלשטאָק וועט בליען
און וועט ווערן ווייס, —
כלות צו דער חופה
גייען שורותווייז.

רעגנבלעזלעך טאַנצן,
וואַקסט אין גראָז די פרייד,

קרייזלט זיך אַ ניגון
אויף דער גרינציוויג־בייט.

## טרוקענער גרוב

כ׳לאָז אַראָפּ אין גרוב דעם עמער
און איך צי אים לער אַרויס.
קינד־און־רינד און שטומע לעמער
דאָרשטיק זענען אין מיין הויז.

טריקענען די מאַנדלביימער,
זאַנגען דאַרן אויפן פעלד,
זאָגט דאָס ווייב: אוי ווינד־און־ווי מיר,
גראָז אפילו איז פאַרגעלט.

מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער
גייען־אום אין הויף די הינט,
טוען אייגן שפייעכץ שלינגען,
זוכן מיט די נעז דעם ווינט.

גאָט, איך שרייב דיר אָן אַ בריוול
אויפן גראָז, וואָס איז פאַרדאַרט,
איך אַליין, — אין פעליץ און שטיוול, —
לייג זיך אויפן שטרוי און וואַרט.

## רעגן־געלעכטער

ס׳איז ביינאַכט געווען דער הימל
טיף אַזוי און בלוי,
און געלייגט האָב איך זיך שלאָפן
אין אַ סטערטע שטרוי.

פּלוצלינג איז מיר קאַלט געוואָרן, —
פאַלט שוין איצט דער טוי?

טיפער האָב איך זיך געטוליעט
אינעם האַרטן שטרוי.

ווער האָט זיך געריכט אויף רעגן
אין אַ נאַכט אַזאַ?

אויסגענעצט מיר אַלע ביינער,
לאַך איך כאַ־כאַ־כאַ.
קוקט נישט טראָפּנס אויף מיין ציטער,
טאַנצט און לייב מיינס דרעשט,
גאָט, וואָס צינדט אָן די לבנה,
וואָלקנט זי, פאַרלעשט.

אין דער פינצטערניש מיין ברייזל
לייענט גאָט און הערט
דאָס געלעכטער מיינס צום רעגן,
צום געזאַנג פון ערד.

## רו, מיין פערד

רו, מיין פערד, זיך אויס אין שטאַל,
וואַלגער זיך אין היי,
עס פון קאָריטע געשמאַק,
כ׳גיב דיר עסן היינט פאַר צוויי.

כ׳קעם דיר היינט די גריווע אויס,
פלעכט דיר סטענגעלעך אַריין,
שיכור בין איך, פערד מיינס, היינט,
שיכור, הערסטו, נישט פון וויין.

ס'ווילט זיך זינגען אַ געזאַנג,
קלאַפּ זשע צו צום טאַקט, מיין פערד,
ביסט דאָך קלוג, פאַרשטייסט דאָך ווי
דאָרשטיק ס'איז געווען די ערד.

וואָלט נישט נאָס געווען דער וועג,
יאָלט איך אָנגעזאָטלט דיך
און אַ צי־געטאָן די צוים:
טראָג זיך, יאָג זיך גיכער־גיך.

און געטיאָכקעט וואָלט מיין האַרץ
פון דער גרויסער רעגנפרייד, —
ביימער האָב איך שוין געפלאַנצט,
פעלדער האָב איך שוין פאַרזייט.

## אונדזערע פעלדער

אַנדערע פעלקער האָבן לענדער,
מיר — נאָר יונגע ביימער.
יענע וועלדער היטן זעלנערס,
אונדזערע היט דער שומר.

יענע וועלדער זענען אַלטע,
ברייט די צווייגן־קרוינען.
אונטער די געדיכטע צווייגן
ווילדע חיות וואוינען.

קען די זון אַהין נישט שיקן
אירס אַ שטראַל אַ שטיפער,
און געדיכטער ווערן שאָטנס
אינעם וואַלד וואָס טיפער.

אונדזערע זענען זון באַגאָסן
שלינגען דאָרשטיק שטראַלן,

אין דער ערד די יונגע וואָרצלען
זוכן וואַסער־קוואַלן.

יענע וועלדער זענען מיילן,
אונדזערע זענען שפּאַנען,
אָבער האָפענונג און ליבע
איז אין זיי פאַראַנען.

# דער רויטער פאָדעם

(1927)

דער רויטער פּאָדעם
בלוט־געשריי
די באַערי
הערי שעילפּען
יידישע קינדער
אָרטשאַרד סטריט
ווידערקול
דריי
טילטאַן

# דער רויטער פּאָדעם

מיין עלטער־זיידע ז״ל,
דער ערשטער בעלצער שוחט,
האָט נאָך פאַרכאַפּט דעם טערק,
נאָך ווען ס׳איז ביי אונדז פאַרבליבן
האַלב־קיילעכדיקע מויערן,
אין דרערד פאַרזונקענע,
מיט פענצטערלעך פאַרשפּיצטע
און זיבנקאַנטיקע קאַרניזן.
אַרונטער פינעף טרעפּלעך
און איבער דיר אַ יאַרמעלקע
מיט שויבן פאַרביקע,
וואו ס׳שפּילט די זון זיך מיט קאָלירן.

דער טערק האָט אויך געלאָזט
אַ טורמע וואָס ישראל האָז
האַלט איצט דאָרטן וואָל
אוןווייץ און גערשטן און פּאַפּשויעס.
און אַז סע קומט אַ חתונה אין בעלץ,
פאַרדינגט ער זי צום טאַנצן,
אַבצן פאָרלעך אין דער לענג,
און ס׳בלייבט נאָך פלאַץ גענוג
צו שטעלן טישן פאַר דער „וועטשערע"
און אויך פאַר באַלעבאַטים
צו שמועסן פון דער פאַרשייטער יונגוואַרג.

נאָר אונטן איז אַ לאַבירינט
פון שטיינערדיקע קעמערלעך,
מיט טיש און בענק פון גרויע שטיינער,
מיט מורא אויסגעפּינצטערטער
אין שאַרפע שפּיצן פון די ווענט.
אין בלינדקייט זענען מענטשן
דאָרטן אויסגעגאַנגען.
און אויבן שפּילט ירוחם קלעזמער

פאַר אַכצן פאָרלעך אין דער לענג
אַ קאַדריל.

דער זיידע ז״ל האָט די חזקה
מיט נחת־רוח אָפּגע׳ירשנט —
אַ תמימותדיקער ייִד געווען,
געגאַנגען אין די דרכים פון די אבות.
דער טאַטע שוחט,
ער שוחט.
אַ רינגעלע אין דער שלשלת.
און אָפּגעהוסט האָט ער דאָס לעבן,
און אַ הוסט האָט אין קבר אים געטריבן...

געבליבן איז מיין טאַטע, אַ בן־יחיד,
דער יורש פון דער שוחט׳ישער חזקה —
אַ יאָך אויף זיינע ברייטע פּליצעס.
אין קאָפּעטש באַ די שניאורסאָנס,
די אייניקלעך פון בעל־התניא
און מענדעלע ליובאַוויטשער
האָט ער געלערנט שחיטה,
נאָר שחיטה איז אַ יאָך אַ שווערער
פאַר שוואַרצע, גוטע אויגן,
מיט שאָטנדיקע ברעמען איבער זיי,
פאַר אַ זינגענדיקער פריילעכער נשמה,
וואָס גייט אוים אין בענקען נאָך אַ וואָלד.
די באָבע אסתר־לאה האָט אויסגעוויינט די אויגן:
אין פרעמדע הענט די שוחט׳שע חזקה
פון ערשטן בעלצער שוחט,
אַז וואָס האָט זי דערלעבט אַזאַ ירידה.
דעם זיידנס און דעם עלטער־זיידנס קברים
האָט זי געריסן מיט יללות:
מיט זיך דאָרט אויף יענער וועלט
ביי אַלע אָבות, קומט פאַר רש״ין,
אייער עלטער־עלטער־זיידן,
אַז די מחשבות רעות פון אלעזרס קאָפּ

אויף ווייסטע פעלדער, פוסטע וועלדער
זאָלן צעשפּרייט ווערן
און ער, אַ ריינער און געלייטערטער,
זאָל איבערנעמען די חזקה
און ווייטער שפּינען דעם רויטן פּאָדים.

שטאָט האָט זיך אַריינגעלייגט,
קרובים אַזש פון קעשענעוו געקומען:
מ׳איז גוזר אויף דיר, אלעזר בר׳ חיים־שמואל,
דו זאָלסט די אָבות נישט פאַרשעמען.

דער טאַטע איז געוואָרן שוחט.

מיט שוואַרצע, גוטע אויגן,
מיט שאָטנדיקע ברעמען איבער זיי,
מיט אַ זינגעוודיקער, פריילעכער נשמה,
וואָס גייט אויס אין בענקען נאָך אַ וואָלד.

און אַז ישראל האָז האָט זיך דאָס צווייטע ווייב גענומען,
האָט זי נאָר טייבעלעך געוואָלט פאַר יאַיכלעך
(אויבן טאַנצן אַכצן פּאָרלעך אין דער לענג
און אונטן איז אַ לאַבירינט פון קעמערלעך
מיט שרעק פאַרגליווערטער אויף ווענט).

האָט דער טאַטע ווייסע טייבעלעך געקוילעט,
קלאָרע, לויטערע, מיט אויסגעשטרעקטע העלדזעלעך,
אַמאָל זיי נישט דערקוילעט און מיט די פינגער
אין הייסן בלוט זיך איינגעגראָבן
און די גערגעלעך צעריסן.

ווייסע, כשרע טייבעלעך.

ישראל האָזס ווייב איז אַ שטיק געזונט צוגעקומען
פונעם זיסן פלייש, פון די ווייכע ביינדעלעך,
אַ דריטער גוידער האָט זיך שוין געוויגט באַ איר,

פאַרשטעלנדיק דעם אויסגעקאַרבטן האַלדז,
דער טאַטע מײַנער האָט ווײַסע טײַבעלעך געקוילעט
און זײַנע אויגן זענען פינצטערער געוואָרן,
בײזער, שטעכיקער, —
אַך, מײַן טאַטנס שוואַרצע, גוטע אויגן.

און איך, אפרים בן אלעזר,
איך הער בײַנאַכט ווי אָקסן רעווען,
ווען ס'פּלײַצט דאָס בלוט פון זײערע העלדזער,
איך זע די שטומע אויגן מיט שרעק פאַרגליווערטער
אין שוואַרצע פינטעלעך.
שטרעקן ווײַסע טײַבעלעך די העלדזלעך,
איך קוילע זײ.

מײַנע ווײַסע טײַבעלעך,
אין בלוט פון אײגן האַרץ דערטרונקענע —
דער רויטער פאָדים שפּינט זיך ווײַטער.

אויבן טאַנצן אַכצן פאַרלעך אין דער לענג
און אונטן איז אַ לאַבירינט פון קעמערלעך
מיט שרעק פאַרגליווערטער אויף ווענט.

## בלוט־געשרײ

אַז די קאַמער איז מיט בלוט באַשפּרענקלט
ווי אַ פעלד מיט רויטן מאָן.
אַז צו ווענט פון דעמבע־קלעצער
האָבן פעדערן זיך צוגעקלעפּט,
געל־ווײַס־שוואַרץ.
פעדערן פון הינער,
אַ קאָליר־געדרײ
און אינמיטן —
לאָזער שוחטס קאָרטענע קאַפּאָטע,

ווי דער באָבעס טערקישע פּאַטשיילקע, —
רויט־געל־ווייס־רויט,
וואָס אַ שטייגער אַרט עס פּרויקען ?
הינער פּאַטשן מיט די פליגלען,
טאַנצן אין דער קאַמער מיט אַ רויטן שטרעמעלע,
מיט אַ זיידן שנירל פון די העלדזלעך.
קעפּלעך פאַלן.
פּסס.
איינגעשלאָפן ווי די גוטע קינדער.

אָבער אין אַ ווינטערדיקער נאַכט
האָט דערהערט דאָס בלוט־געשריי
פּרויקע לאָזער שוחטס.
שניי.
שויבן מיט פאַרקרימטע הערנער.
צוויי ביינאַכט קלאַפּט מען אין דער טיר.
בייזערט זיך דער ווינט,
רייסט אַרויס דאָס קול ביי יענעם,
אַנטלויפט מיט דעם און ברענגט צוריק.
לאָזער שוחט גיסט זיך אָפּ די נעגל :
אַ בהמה שעכטן.

צוויי ביינאַכט ?
ענטפערט דאָס צוריקגעבראַכטע קול :
מאָרגן וועט זי פאַלן.
און אויף פּרויקעס וואַרעמען געלעגער
קייקלט זיך דאָס פראָסט־געלעכטער :
מאָרגן וועט זי פאַלן.

געלער צירקל פון לאַמטערנשיין
ווי אַ קריינדל פון לבנה
אויפן שניי אין הויף.
די בהמה ברעכט די פיס אין גאַנג.
פּרויקע לייכט פאַר איר דעם לעצטן גאַנג
מיט לאַמטערן אין דער האַנט

און מיט אָפּגעשטעלטן האַרץ.
דרייט זיך ווינט אַרום בהמה,
וויל פון לאָזער שוחטס האַנט
אַרויסרייסן דעם חלף
און שעכטן.
בערל קצב שטיקט דעם רוף
מיט די ברייטע פּלייצעס.
נאָר דער ווינט האָט אים געכאַפּט —
מו־־ו־־ררר.
רויטער שטראָם פאַרפּליצט דאָס געלע קריינדל,
לעבן צאַפּלט זיך אַרויס
פון בהמהס האַלדז,
פון די קראַנקע פיס.
מו־ו־ו.
און זשיאָנע קלאָגט אין שטאַל:
מו־ו־ו.

פרויקע לויפט צוריק אין שטוב,
ס'קול פון לעבן לויפט אים נאָך,
ס'קול וואָס איז געשטאָרבן אויפן שניי
אינעם געלן צירקל פון לאַמטערן.
אין דער קאַלדרע ברענט דאָס לייב.
אונטערן פענצטער שטייט דער קצב
און אינמיטן שטוב ליגט דער קאָפּ פון אַ בהמה
אין אַ טייך פון שוימענדיקן בלוט.
מאָרגן. פרויקע לאָזער שוחטס
האַלט זשיאָנעס קאָפּ אין זיינע הענט,
אָטעמט מיט דער וואַרעמקייט פון אירע נאָזלעכער:
„זשיאָנע. זי, אַ פּגירה.
האָב קיין מורא נישט, זשיאָנקעלע".

## די באַערי
(סאָנעטנרינג)

א

דאָס האַרץ איז אויפגעריסן, אָפן דאָס געשריי
פון ברוסטן טרעמפּישע, פון קרומע זווילן,
פון פּנימער געוואַלגערטע אין קווילן,
פון אויסגעמישטער קלאָג אויף שפּראַכן אַלערליי.

דער גורל גייט דאָ נאַקעט נישט פאַרהוילן
און בעטלט שטאַמלענדיק אויף קאַווע און אויף טיי,
נאָר איך בין שעמעוודיק און כ׳האַלט אין האַרץ מיין וויי
ער זאָל אין מיר אַ נישט געזאָגטער קנוילן.

איך קום אויף באַערי מיט קראַגן און קראַוואַט,
ווי כ׳וואָלט נאָך אַ פאַרזיגלט־רואיק האַרץ געהאַט,
ווי ס׳וואָלט דער רוף פון גאַס מיך גאָרנישט אָרן,
און כ׳הער דעם קלאַנג פון מיינע טריט אויף נאַסן שטיין
און כ׳וויים אַז אָפן איז מיין האַרץ אַליין,
ווי אָפן ס׳איז די ברוסט ביים טרעמפּ ביים דאַרן,

ב

ווי אָפן ס׳איז די ברוסט ביים טרעמפּ ביים דאַרן,
ווי בייז און שטעכיק ס׳איז זיין נישט געגאָלטע באָרד,
אַזוי וועט אָפן, שטעכיק זיין דאָס בייזע וואָרט
וואָס וועט די וועגט פון מויערן צעשפּאַרן.

איך האָב דאָס וואָרט געהאַט, פאַרשפּילט עס אויף אַ קאָרט
אין נעכט פון בראָך און פינצטערע קאָשמאַרן,
איך זוך עס איצט אין שטאָטישע ווירוואַרן
און בעט פאַר דעם מיט ווייטיק און מיט מאָרד.

אויף באַערי רינט אויס אין שאָטנדיקן רויט
דאָס לעצטע רערל בלוט, און אויסגעמישט מיט קויט

דערטליען דאָ די מענטשן ווי די זשאַרן.
דער אונטערגאַנג איז אָפּן, אַן אַנטפּלעקטער סוד,
די שטיינער דרייען זיך מיט מענטשן אין אַ ראָד,
צעבראַסטעט ליגן דאָ די טראָטואַרן,

ג

צעבראַסטעט ליגן דאָ די טראָטואַרן,
דאָס האַרץ פון יעדער שטיין איז וואונדיק־אויפגעפּראַלט,
אַז ווען די זון איז אין פאַרשטעלטער הייך צעשטראַלט
זאָל איך ביי שאָטנדיקע ווענט זיך שאַרן.

אַז אייגן זאָל מיר זיין אַ שטעכעדיק געשטאַלט
און אויגן וואָס אויף גרויע סלופּעס שטאַרן,
אַז איך ווי ער זאָל גאָרנישט, גאָרנישט גאַרן
און וויסן אַז דער סוף איז הינטער מיר, איז באַלד.

אַז ברענגען זאָל איך אויסגעפּוצטע שעה'ן
און לאָזן זיי אויף הפקר מיט די שטיינער וואָיען,
ווייל פרעמד בין איך און אייגן דאָ מיט זיי.
אַז זען זאָל איך אין פינצטערן באַגינען
ווי קראַנקע שטראָמען שיין אויף שוועלן רינען
מיט האַרץ צעשניטענעם און מאָנענדיקן וויי.

ד

מיט האַרץ צעשניטענעם און מאָנענדיקן וויי,
מיט אַקסלען שפּיציקע און אויגן שפּיזן
האָט ער זיך צוגעשאַרט און מיר געוויזן
די הוילע קאַלטע ברוסט און מיר געזאָגט אַזוי:

דאָס לעבן שפּילט זיך, הוליעט מיט קאַפּריזן,
דו זעסט — אַ בייזער פראָסט און איך אַזויאָ גיי,
איך מאָן ביי דיר, איך בעט אַ וואַרעם גלעזל טיי,
ווייל כ'האָב דיר אויפן פראָסט מיין ברוסט געוויזן.

איך שעם זיך נישט און מאָן פאַר דעם פון דיר באַצאָלט
דערפאַר וואָס איך בין דאָ ווייל כ'האָב אַזוי געוואָלט,
ווייל כ'וויל אַז איבער מיר זאָל נאָר דער גורל האַרן,
איך פייניק זיך אַליין אויף האַרטן, נאַסן שטיין
און ווייס אַז דאָ וועל איך אין עלנטקייט פאַרגיין,
ס'איז באַערי די גאַס פון קלאָרע צער'ן.

ה

ס'איז באַערי די גאַס פון קלאָרע צער'ן,
דו עפן אויף דאָס האַרץ און זע דיין אייגן פיין
און אויפגיין וועט פאַר דיר די לעצטע קלאָרע שיין
וואָס ליגט געפאַנגען אין די בודואַרן.

דעם שלייער רייס אַרונטער און אַנטבלויז דיין זיין
און קום אין געלן שיין פון די פאַנאַרן
דיין מיד געביין אויף שטיין דאָ אָנצושפּאַרן
ווען ס'קריכט דער זאַטער מיט זיין ווייב אין בעט אַריין.

דער גוף אויף שטיין, צוקאָפּנס דאַרע פויסטן
און ביי דער שוועל פון לעבן אויפגעברויזטן
ליגסטו אין מיסט אַ לויטערער ווי שניי,
פון מויער בלינדע שויבן, שוואַרצע טרויבן,
פאַר דיינע אויגן וועלטער — ווייסע טויבן:
דער אמת לויטערט זיך אין נאַקעטן געדריי.

ו

דער אמת לויטערט זיך אין נאַקעטן געדריי
און זינגט אַרוים פון דיינע טריט און וואַקל,
די אויסגעשטרעקטע האַנט — אין נאַכט אַ פאַקל
צו לויכטן אויפן וועג פאַר דיר, פאַר מיר, פאַר זיי.

געצווינגען איז דער שטריך און דער סך־הכל
וועט פירן דיך אין וועג, דו גלייב אים נאָר און גיי
און מיט געזאַנג דעם לעצטן גאַנג פאַר זיי פאַרזיי
און זאָג: באַפרייט ביסטו פון דעם ספעקטאַקל.

דו זאָג: ביסט אויסגעטאָן פון גוטס און צאָרן,
אַלצאייגנס פאַר דיר: צי טעג, חדשים, יאָרן.

אַליין ביסטו און לעבסט אין זיך אַליין פאַר צווייִ,
מיט קיינעם זיך נישט חברן און קריגן
און אמת איז דער אויפגעדעקטער ליגן,
פון אויגן שיינט אַרויס דער קלוגער „איך פאַרשטיי״.

ז

פון אויגן שיינט אַרויס דער קלוגער „איך פאַרשטיי״
און גוט איז מיר און קאַלט אין זיי צו קוקן,
ווי פאַר אַ הייליקן וויל איך זיך בוקן
און בעטן ביי דעם פרעמדן: טרייסט מיך און דערפריי.

ס'איז הייזעריק זיין קול, זיין האַנט איז טרוקן,
נאָר אייגן איז מיר ווי מיין אייגן האַרץ זיין „סעי״,
און אַז ער קערט פון מיר זיך אָפּ, דערפיל איך און דערגיי
דעם סוד פון זיך אַליין אין שאָטן פון זיין רוקן.

איך ווייס שוין אַז מיין גליק האָב איך זיך איינגערעדט,
אַז פאַלש בין איך געווען דער פריידיקער פּאָעט,
אַ ליגן מיינע ליכט־קאָלירטע זשאַרן.
זיין קלוגער קוק, זיין האַנט, זיין ביינערדיק געזיכט
און מעסער־קלאָר איז מיר געוואָרן אומגעריכט:
ווי קאָן איך דאָ מיט פריידיקייט זיך נאַרן?

ח

ווי קאָן איך דאָ מיט פריידיקייט זיך נאַרן?
פאַרגיב מיר, קרבן עולה מיינער, און פאַרצייִ,
כ'האָב זיך אַליין פאַר'שרפ'עט אינעם ליד פון דריי
און איצט איז מיר באַשערט אַליין צו קוואַרן.

כ'האָב דיר אַמאָל געבראַכט אַ ליכטיק נאַשעריי:
אַ הויפן גאָלדן־קלינגיקע דינאַרן,

נאָר מיר בין איך פון קלאַנג וואולגאַרן
און אין דער מידיקייט בין איך דערהויבן, פריי.

די גרויקייט פון דער באַערי איז אייגן
און ווי דער טרעמפּ וועל איך מיין פלייצע בייגן
און זיין ווי ער פון טעג און יאָרן אויסגעשפּאַנט.
און אַז איך קום אַהיים ווי זאָל איך דיר נישט זאָגן
וואָס כ׳בין דערגאַנגען ביי דער שאַרף פון ראָגן:
ס׳איז פּשוט גיין מיט וואַקלענדיקע טריט ביים ראַנד.

## ט

ס׳איז פּשוט גיין מיט וואַקלענדיקע טריט ביים ראַנד.
טראָגסט נאָך דעם שלעפּ פון לעבן, פּאַזש אין שמאַטעס,
דיין חלום הענגט אַ קוויטיקער אויף גראַטעס
אין באַערי האָטעל, צי אויף אַ קרומער וואַנט.
דו לייגסט אַרויף די טעג אויף צייט ווי לאַטעס,
קאָלירטע טעג אויף אָפּגעריבן־גרוי געוואַנט,
דו פּייניקסט אוים די נעכט מיט לויטערן פאַרשטאַנד
און הערסט אין זיך דעם רוף פון שטומע טאַטעס.

אַמאָל געווען, — ווי נאַריש צו דערמאָנען
געפּלאַצטן שוים פון פאַרביקע באַלאָנען
אין איצט דערהויבענעם און אמתדיקן שטאַנד,
אַז פּשוט איז דער טאָג און קלאָר און אָפן
און פּשוטער אויף האַרטן שטיין צו שלאָפן,
דערנערן זיך פון ליכטיק אויסגעשטרעקטער האַנט.

## י

דערנערן זיך פון ליכטיק אויסגעשטרעקטער האַנט, —
אַז גוט איז דיר אַזוי זיך צו דערנערן,
פון טרוקן שטיקל ברויט געזעטיקט ווערן
און פּשוט זאָגן: כ׳זעטיק זיך פון בעטל־שאַנד.

דער רויש פון גאַסן, עוועניוס און סקווערן
צענויפגעדרייט ליגט דאָ אין שפּיציקן דרייקאַנט,
מאַנהעטן בריק אַריבער בלויע שטרעקעס שפּאַנט
מיט דראָט־געפלעכט און בייגיק־שוואַרצע רערן.

אויף שטיינער אונטער בייזע טריט ליגט אויסגעשפּרייט
דאָס מאָגערע דאָס שטאָטישע דאָס אינגעווייד
און איבער דעם דיין טרעמפּישער „יו ליסן".
דיין ליכטיק אויסגעשטרעקטע האַנט איז דיין פּאַרמעג,
דיין נאַכט איז אמת, אמת זיינען דיינע טעג, —
אַז גוט איז דיר דעם קלאָרן אמת וויסן.

## יא

אַז גוט איז דיר דעם קלאָרן אמת וויסן
און טראָגן אים געצייכנט אויף דיין דאַר געביין
צו צייכענען פאַר אַנדערע דעם וועג אויף שטיין
מיט דיינע טריט און דיינע וואונדן־ריסן.

דו האָסט אויף באַערי געוויזן מיר אַליין
דעם זין פון זאַטן איינגערעדטן ביסן
און ס'האָט זיך אָנגעהויבן בלוט צו גיסן
פון שטיקל ברויט און פלייש צווישן מיינע ציין.

און טאָג און נאַכט זע איך דיין קלאָרן צייכן
ווען מיינע זאַטע טעג, ווי איך, פאַרבלייכן
און הויז איז אויסגעליידיקט, גאַס און שטאָט איז וויסט.
איך קום צום ראַנד צו הייסן דו זאָלסט פירן
און עפענען פאַר מיר די לעצטע טירן, —
דו ביסט דער לעצטער און דו ווייסט עס אַז דו ביסט.

## יב

דו ביסט דער לעצטער און דו ווייסט עס אַז דו ביסט,
מיט אויגן מידע, שיינענדיקע ווייסטו

און טראָגסט די שעה'ן פרייע, אויפגעלייזטע
ווי ס'טראָגט דיין חברטע די דאַרע אירע בריסט.

אויף באַערי מיט איר אינאיינעם גייסטו,
אויף יעדער לאָמפּ פּאַר אייך געקרייציקט הענגט דער קריסט
מיט אָפּגעדעקטן לייב, געשענדט און דורכגעשפּיזט,
ווי דו און זי — אין לעצטן גאַנג געטרייסטע.

און ערגעץ אין אַ קעלער, צי ביי אַ לאָמפּ אַ בלינדן
ווערסטו ביי איר דעם לעצטן פלאַם צעצינדן
צו ברענען אין געביין ביי דיר, ביי איר אומזיסט.
צו זען ווי דאָס געשאַנק פון דיינע לענדן
האָסטו געבראַכט אַהער אין קויט צו שענדן,
צו וואַלגערן דיין אויפגעריסן האַרץ אין מיסט.

יג

צו וואַלגערן דיין אויפגעריסן האַרץ אין מיסט
ווי ס'וואַלגערט זיך דער לויכטנדיקער דאָרן
און אַז אַמאָל ברויזט אויף אין מיר דער צאָרן,
דערמאָן איך זיך ווי דו אַ לויטערער פאַרגיסט.

ווי דו האָסט אויסגעמעקט פון דיין זכרון
געשטאַלטן בייזע, אַלצדינג אייגנס וואָס פאַרדריסט
צו בלייבן קלוג, צו בלייבן גוט, פאַרגעבלעך ווי דו ביסט,
צו טראָגן אויף די הענט, ווי קינדער, דיינע יאָרן.

און איך פאַרגיב ווי דו און ס'פלאַטערט איבער מיר
דיין רייַן געשטאַלט, דיין קוק און דיין באַריר
ווי ס'פלאַטערן די קלאָרע נעכט אין ניסן.
איך ווייס ווי אַנדערש אָפּגעשלייערט לעבן איז
און כ'זאָג צו זיך: נאָך איינעם, נאָך דעם לעצטן ריס, —
אַז גוט איז מיר, מיין האַרץ איז אויפגעריסן.

## יד

אַז גוט איז מיר, מיין האַרץ איז אויפגעריסן,
מיין גוף איז לויטער, מיין פאַרשטאַנד אָן פיין איז העל,
מיט פאַרבן ליכטיקע געפלאַסטערט איז מיין שוועל
און כ׳דאַרף מיין טיר פאַר קיינעם נישט פאַרשליסן.

כ׳האָב אויסגעמאָלט אין שטוב אַ וואונדערלעך געמעל
דעם אייגענעם און פרעמדן צו באַגריסן,
איך גיב אַוועק מיין שטוב, מיין לעצטן ביסן
און שרייב אַליין סאָנעטן פאָרנדיק אין „על״.

איך בין דעם סוד פון באַערי דערגאַנגען
און טרעמפס ווי הארבסטיק־וואַקלענדיקע זאַנגען,
ווי עלנטע, פאַרפוילטע, ברוינע, סטערטעס היי,
האָב איך פאַראייגנט און איך האָב פאַרמיינוקט
און כ׳האָב אין זיי דעם אמת אויסגעפיניקט:
דאָס האַרץ איז אויפגעריסן, אָפן דאָס געשריי.

## טו

דאָס האַרץ איז אויפגעריסן, אָפן דאָס געשריי,
ווי אָפן ס׳איז די ברוסט באַם טרעפ באַם דאַרן,
צעכראַסטעטע ליגן דאָ די טראָטואַרן
מיט האַרץ צעשניטענעם און מאָנענדיקן וויי.

ס׳איז באַערי די גאַס פון קלאָרע צער׳ן,
דער אמת לויטערט זיך אין נאַקעטן געדריי,
פון אויגן שיינט אַרויס דער קלוגער „איך פאַרשטיי״, —
ווי קאָן איך דאָ מיט פריידיקייט זיך נאַרן?

ס׳איז פשוט גיין מיט וואַקלענדיקע טריט ביים ראַנד,
דערנערן זיך פון ליכטיק אויסגעשטרעקטער האַנט, —
אַז גוט איז דיר דעם קלאָרן אמת וויסן.
דו ביסט דער לעצטער און דו ווייסט עס אַז דו ביסט
צו וואַלגערן דיין אויפגעריסן האַרץ אין מיסט, —
אַז גוט איז מיר, מיין האַרץ איז אויפגעריסן.

# הערי שעילפּען

וואָס איז אַ מענטש?
און אַז דער מענטש, וואָס איז אַ ייד, קומט פון קאָפּרעשט, —
וואָס איז ער? האַ, וואָס איז ער?
געהייסן האָט ער הערשל. פּשוט, הערשל פון קאָפּרעשט.
ס'איז גוט צו הייסן הערשל, ווען פון איין זייט לויפן סטעפּעס
מיט ברויטן, דערפער, און מיט שניטערשן געזאַנג,
און פון דער צווייטער זייט דער דניעסטער
ווי אַ שוואַרצער סאַמעטענער גאַרטל.
און אַז מע הייסט נאָך נטע חלפנס,
איז אַוודאי און אַוודאי גוט.
קאָפּרעשטער יידן ווייסן ווער ס'איז נטע חלפן.
דער ערשטער חלפן איז געווען דער ערשטער אין קאָפּרעשט
און זיין מצבה איז שוין האַלב פאַרזונקען אין דער ערד.

די חלפנס אין קאָפּרעשט ווי ס'ראָד פון וואַסערמיל:
די ציין אַריינגעביסן איינס אין אַנדערן.
דער אָנהייב ווערט דער סוף, דער סוף — דער אָנהייב.
דרייט דאָס ראָד זיך אויף דער אַקס
און וועט זיך אייביק דרייען.
די שטוב איז בייכיק פונעם זיבנפאַכיק ליים
און פּרוטיעס איינגעדרייט אין פּרוטיעס.
אַ וואַנט פון זיבן ווענט פון זיבן דורות.
דער דאַך האָט שינדל-לאַטעס,
נאָר לעבן קוימען ליגט דער ערשטער שינדל.
פון שטוב אַ סטעזשקע
וואָס טריט פון זיבן דורות חלפן האָבן אויסגעטראָטן.

פּאָדעשוועס האַרטע, טשוועקעדיקע.
די סטעזשקע גייט אין געסל
און קומט צוריק אין שטוב
און רוט זיך אָפּ פון וועג באַ דער קרומער שוועל.

די פּנימער באַ יידן אין קאָפּרעשט
קוקן אָפן ווי דער הימל אין אַ תמוז-טאָג.

די אויגן זוכן נאָר אַ וואָלקן אויפן הימל:
די ברויטן זאָלן אויף די פעלדער ניט פאַרשרפען.
די צווייטע וואָך אין חודש זוכן זיי דעם האַלב־רונד
פון דער ליכטיקער לבנה.
און ווייטער זענען אויגן רואיק.
זוכן גאָרנישט.
די גאַנצע וועלט איז אויסגעשפּרייט פאַר זיי מיט רחבות
און הינטער ד ע ר וועלט
איז דאָ אַן אַנדערע.
פאַרמאַכסט די אויגן, עפנט זיך די וועלט די אַנדערע
מיט ליכטיקע קאָלירן.
מיט זיידעס, עלטערזיידעס, מיט באָבעס, עלטערבאָבעס.

די גויים אויפן ברעג קאָפּרעשט
וואָס וואוינען אין די ערדענע בורדייען
מיט הינט קודלאַטע, גויעס רויכיקע
און לוזשעס פאַר חזירים,
קומען אין די געסלעך יידישע
צו קלאַפּן זיך מיט שווערע פויסטן אין די ברוסטן
און ווייַנען שיכור, שעלטן די זשידאַנעס, —
אַז פרומע יידן זאָלן זיך דערמאָנען אינעם גלות
און קצבֿ־יונגען זאָלן זיי מיט העק פאַרטרייבן.

דעם זומערטאָג
עפנט אויף די טשערעדע
און פאַרמאַכט אים מיט די פולע דאָינעצעס.
פּאָסעסאָרן אין די ברייטע לייוונטענע מאַנטלען
שפּאַנען רייטוועגעלעך און ברישקעס
צו שטויבן וועגן און צו קוקן ווי די זאַנגען
ווערן אָנגעפילט מיט קערנער,
פאַרנאַכט אַהיימצוקומען און זיך זעצן אויף די גאַניקעס
טרינקען טיי מיט זאַנגענהערעלעך צווישן פינגער.

אַרום וואָקזאַל,
וואָס קוקט מיט רויטע ציגל אויף די סטעפּעס,

דרייען זיך די איידעמלעך
מיט שטעקעלעך און קאַפּעלושן
און קעניגסבערגער טעלעגראַמעס
(אַן אַכטל קאָפּיקע אַרונטער,
נאָר עס וועט נאָך זיין אַ פּוריע).
פון ווייטנס קומען באַנען
מיט ליידיקע וואַגאָנען
און די קאָפּרעשטער סטעפּעס
פילן זיי מיט ברויטן אָן.

באַ דער בריק, —
איידער נאָך דער ערשטער רויך
שלענגלט זיך פון אַ קאָפּרעשטער קוימען,
שטייען יידן מיט פאַרהאַרטעוועטע פּנימער
און וואַרטן אויפן גוי
צו קומען פונעם דאָרף
מיט אַ זעקל ברויט,
מיט אַ ביסל רעטשקע,
מיט אַ צענדליק אייער
אין אַ ציצענער פאַטשיילע מיט פאַפּשויכמעל.

אַז הערשל, פּשוט הערשל, הייסט אַצינדערט הערי,
אַז חלפן זיבן דורות הייסט אַצינדערט שעילפען,
איז ווידער דאָך: וואָס איז ער? האַ, וואָס איז ער?
אַ מענטש אַן אָפּגעריסענער.
אַ בוים, וואָס טריקנט אויס פון זיך דאָס לעצטע ביסל חיות.

אַ מענטש, וואָס טראָגט אַ גרויסן דימענט אין קראַוואַט
אַ קאַראַט און אַ פערטל אויסגעשליפן
מיט קאַנטן, רויט און בלויע פייערלעך
אין ווייסגאָלד איינגעפאַסט,
און קיינער וועט זיך נישט דערוועגן אים צו רופן אַנדערש
נאָר: מיסטער שעילפען
און אונטערטראָגן אים דעם שמייכל:
נאַט, אַ שמייכל אָנגעמאָסטן נאָר פאַר אייך, —

אַ מענטש אַזאַ איז גאָרנישט
און ווייסט:
ער — איז גאָרנישט.

אַזוי, למשל, איז געווען די פּוסטע מיל,
וואָס איז געשטאַנען אין קאָפּרעשט ביים וואַסער:
ווענט. אַ ראָד. אַ דאַך.
און אינעווייניק — גאָרנישט.
און שדים האָבן אין דער מיל געטאַנצט.
און שדים טאַנצן אויך אין שעילפּענס האַרץ.

באַוואַקסן איז אַ מענטש מיט האָב און גוטס
ווי אַ קרעציקער מיט וואונדן.
דאָס ווייב טראָגט שעילפּענס רייכקייט
מיט מידער איינגעשפּאַרטקייט.
פון די פינגער אירע שרייען די בריליאַנטן.

די קינדער טאַנצן דזשאַז
און ווייסן נישט אַז שעילפּען האָט צעריסן
די זיבנדורותדיקע חלפן־קייט.
און אַז זיי וואָלטן שוין געוואוסט?
זיי וואָלטן זיך געוואָרגן מיט דער „כּעס":
קאַלפן. טשאַלפן. אָבער חלפן, פּשוט חלפן.
אַז שעילפּען קוקט אויף זיינע קינדער,
דאַכט זיך אים, אַז פון די אויגן זייערע
ווײנט אַרויס אַ גרויסער עלנט.
פאַרפרעמדטע קינדער.
פלייש פון זיין פלייש,
בלוט פון זיין בלוט,
זיי גייען אויף דער וועלט אַליין,
די גאַס האָט זיך זיי איינגעגעסן אין די ביינער.
און פרעמד, פרעמד, פרעמד.
ווייל הינטער זיי גייט קיינער נישט.
ווייל שעילפּען האָט געבראַכט זיי אויף דער וועלט
און אָפּגעלאָזט.

די שטוב איז נאָר אַ טיר און שוועל,
אַ קרעטשמע אויפֿן וועג פֿון גאַס.
די בריק פֿון טאַטן צו דעם זון
איז נאָר דער טשעק.
דער קוק פֿון קינד איז קאַלט.
פֿאַרשלאָסן איז זיין האַרץ.
דזשעיקעלע, דיין טאַטע האָט געזאַמלט אוצרות
און האָט פֿאַרלוירן דיך — אַ חלום.
אָ, פּאַפּ, איי דאָנט אָנדערסטענד יו.
און דזשעיק הייבט אָן צו וואַרפֿן מיט די פּיס
און פּייפֿן שטיקער גאַס.
און בעטי האָט דער באָבע ברײנע'ס אויגן,
נאָר מיט קליינע שדימלעך אין זיי.

גייט אַוועק אַ מענטש פֿון הויז
און ווייסט אַז קיינעם לאָזט ער נישט אין הויז.
קומט אַ מענטש צוריק אין הויז
און ווייסט אַז קיינעם האָט ער נישט אין הויז.
ווייסט אַ מענטש
אַז אויפֿן וועג פֿון אָרטשאַרד סטריט צו ריווערסייד
האָט ער פֿאַרלוירן זיך
און ווייב און קינד.
פֿאַרלוירן דורות הינטער זיך
און דורות פֿאַר זיך.
פֿילט אַ מענטש אַז וועגט פֿון אייגן הויז
זענען זיינע שונאים.
זוכט אַ מענטש אַ וואַרעם אויג
און אויגן שטעכן אים.
שרייט אַ מענטש צו זיך אַליין:
גאָרנישט, קיינער וועט נישט הערן.
איז ווידער דאָך דאָס אייגענע:
אַ מענטש אַן אָפּגעריסענער.
אַ בוים אָן וואָרצלען
און צווייגן — פֿרעמדע, דאַרע, שטעכעדיקע.

אַז הערשל חלפן האָט געוואָלט,
האָט ער צוגעלייגט אַ הונדערט שינדלען אויפן דאַך.
פאַרקלאַפט די שפּאַלטן.
די שטוב שטייט ווייטער.
פון קוימען דרייט זיך ווייטער דער שוואַרצער רויך
אַרויף צום הימל —
קאָפּרעשטער הימל.
און אַז הערי שעילפן וויל,
בויט ער אויס אַ גאַנצע שטאָט.
גאַסן. עוועניוס. בולוואַרן.
שיקט ער מויערן אַרויף צום הימל
צו לעסטערן זיין בלויקייט.
צו שניידן פאַסנווייז זיין ברייטקייט.
איז הערי שעילפּען דאָך אַ כישופמאַכער.
אַ וואָרט — אַ הויז.
אַ מורא אַזש צו רעדן אַז ווערטער בויען הייזער.
פון איינסן און פון נולן וואַקסן שטעט.
אַ חשבון נאָר געמאַכט —
מיט בלייפעדער אויף פּראָסט פּאַפּיר.
אַ פּאַסיקל נאָר אונטערגעצויגן
און דינאַמיט רייסט שטיינער.
מאַשינען גראָבן און שפּייען אויס די ערד.
מאַשינען רייבן שטיינדלעך אין ציינערדיקע בייכער
און ליידיקן זיך אויס מיט שיטערן צעמענט.
טראַקטאָרס שניידן גאַסן.
און מענטשן — הונדערטער. טויזנטער.
קיין שיער נישטאָ.
שטאָל און אייזן, שטיינער אויסגעטעסעטע,
ציגל. פענצטער. טירן.
פון זונאויפגאַנג און זונפאַרגאַנג
(פון צור און צידון, בבל און מצרים
האָט מלך שלמה אויסגעבויט פּאַלאַצן)
ברענגט מען. פירט מען. שלעפּט מען.
און מענטשן. מענטשן. מענטשן.

פון טאָג ביז נאַכט פאַרהאָרעוועטע,
ווייל הערי שעילפען האָט געמאַכט אַ חשבון,
צו אייגסן נולן צוגעשטעלט
און אונטערגעצויגן אַ פּאַסיקל.

איז נאָכאַמאָל דאָס אייגענע:
וואָס איז אַ מענטש?
פּאַפּיר, בלייפעדער, אייגסן, נולן.

אַ מענטש קאָן טרייבן מענטשן מיטן קוק,
אַ מענטש קאָן מיט דינאַמיט דאָס האַרץ פון בערג צערייסן,
באַפעלן קאָן ער און פון טייכן מאַכן טריקעניש
און טריקעניש צעשניידן מיט קאַנאַלן.
אַ מענטש דאַרף הייסן הערי שעילפען
און וויסן ווי אַזוי אויף פּראָסט פּאַפּיר
צו אייגסן צוצושטעלן נולן.

און אַז דער אייגענער, דער הערי שעילפען
וועט בלייבן זיצן אין דער היים
אַליין אין ווייכן פּאָטער־שטול,
וועט דרייען זיך פאַר זיינע אויגן
אַ ראָד פון אייגסן, נולן, שטיינער, הייזער,
און פון זיין האַרץ וועט פּוסטקייט שרייען,
און פרעמד וועט זיין דער נאָמען: הערי שעילפען,
דער גרויער קאָפּ וועט פאַלן נידעריק
באַיאָכט פון גאַסן, עוועניוס, בולוואַרן,
די אויגן וועלן מידע זיך פאַרמאַכן
זיך קיינמאָל נישט צו עפענען,
און דאַכטן וועט זיך אים אַז זיינע אברים
צעפאַלן זיך: די הענט באַזונדער,
די פיס באַזונדער,
און יעדער אבר גייט זיין וועג
און ער אַליין בלייבט גאָרנישט —
אַ ראָד פון אייגסן און פון נולן.

אַז הערי שעילפּען וויל, — און אפשר וויל ער גאָרנישט ?
דער כח איז נישט זיינער, נאָר דעם פּאַפּיר'ס.
דער כישוף איז אין איינסן. נולן.
און ער אַליין איז נאָר אַ נול וואָס דרייט זיך אינעם ראָד.
מיט מידע ביינער דרייט ער זיך.
מיט פרעמדע הענט.
מיט אויגן אויסגעלאָשענע.

„גוד מאָרנינג, מיסטער שעילפּען".
דער איטאַליענישער קאָנטראַקטאָר מיט שוואַרצע אייגלעך —
צוויי טאַנצנדיקע נולן.
דער שמייכל קריכט אים אויף די ליפּן ווי אַ שלענגל.
„גוד מאָרנינג, מיסטער שעילפּען"
און „מיסטער שעילפּען" ציט ער אויס פּאַמעלעך
ווי ער וואָלט געגעסן אַ געשמאַקן מאכל.
אַ גליק האָט אים געטראָפן :
מיסטער שעילפּען.
און וואָס וועט זיין אַז מיסטער שעילפּען וועט אים זאָגן :
איך בין אַ נול. אַ נול ?

אַז הייזער וועלן האַלטן מענטשן אין די בייכער.
אַז גאַסן וועלן לויפן כאַפּן גאַסן.
אַז שטיינער וועלן ברענען.
אַז לאָמפּן וועלן פיבערן
און מענטשן וועלן יאָגן זיך אויף הייסע קוילן.
וועט מיסטער שעילפּען קומען און וועט זאָגן :
איך הייס אויפהערן.
איך האָב באַשאַפן
און איך וועל אומברענגען.
וועט ער קאָנען ? וועט ער ?
איז קומט ער דאָך צוריק :
אַ מענטש איז גאָרנישט ווען ער איז עפּעס.
אין פאָטער־שטול באַנאַכט צעלויפן זיך זיינע אברים
און ס'בלייבן נאָר די גרויע האָר צו שטעכן

און ס'פּוסטע האַרץ צו נאָגן און צו שרייען:
איך בין פּוסט.

אַ פּראָסט פּאַפּירל
און מיסטער שעילפּען שרייבט איינסן, נולן.
פון אונטער זיינע פינגער רייסן זיך געביידעס.
דאָס פּאַפּירל פליט שוין מיטן ווינט
צו וויסטע שטיינערדיקע ערטער.
נאָר מיסטער שעילפּען לויפט עס נאָך
און קרעמפּט עס איין אין זיינע אַלטע פינגער:
ער לאָזט נישט. ער, מיסטער שעילפּען, לאָזט נישט.
צינדט אָן אַ שוועבעלע
און הייזער ברענען. ברענען.
אַ רגע.
אַש.
אומגעבראַכט.
פון מיסטער שעילפּענס אויגן שפּרינגט די פרייד:
פאַרברענט.
ער איז אַ בישופמאַכער: בויט און וואַרפט.
אָפּגעשטעלט דאָס ראָד.

---

נאָר אַנדערע פּאַפּירלעך ליגן אויפן טיש
און לאַכן מיט אַ ווייס געלעכטער.
דאָס בלייפעדער שטעכט מיטן שפּיץ.
פאַרברענט נאָר אַ פּאַפּירל, אַ פּאַפּירל.

איז וואָס זשע דאַרף אַ מענטש, וואָס ווערט דערשטיקט
אין יאָך פון הייזער?
אַ מענטש דאַרף הייסן הערשל חלפן,
פשוט: הערשל פון קאָפּרעשט.
אַ מענטש דאַרף אומקערן זיך צוריק צו זיבן דורות חלפן
און שטעלן זיך מיט זיי:
דער אַכטער חלפן.

און אַז אַ מענטש האָט שטעט געבויט,
שטעט, וואָס מאַכן פון אים חוזק,
שפּעטן אָפּ פון אים, זייער באַשעפער, —
פאַרוואָס זאָל ער נישט בויען זיין קאָפּרעשט ?
פאַר זיך אַליין קאָפּרעשט ?
די שטיבלעך וועלן ווי אַמאָל אויף געסלעך רוען
און געסלעך וועלן גיין אין דער ווייט
צו סטעפּעס. צום דניעסטער. צום בית עלמין.
דער עמער וועט זיך הוידען איבער דער קרעניצע
און שפּיגלען זיך אין קלאָרן וואַסער.
די אַלטע שול וועט בייגן זיך צו באַרג־אַרויף
און שרעקן מיט איר אַלטקייט, רופן מיט איר היימישקייט.

די שטוב, די אייגענע, די חלפן־שטוב,
וועט טראָגן אונטער דער סטרעכע
למדנות. פאַרטראַכטקייט. מרה־שחורה.
און זיבן דורות חלפן וועלן אומשפּאַצירן
אין זיידענע געבלומטע שלאָפרעק
איבער די חדרים.
די פּריזבע וועט זיך וואַרעמען בייטאָג אויף דער זון,
אַ שטילע, אַ געבויגענע, ווי די עלטער־באָבע.
די פענצטער וועלן זאָגן צו דעם געסל :
אַ גוט־מאָרגן, אַ גוטע־נאַכט.

איז וואָס זשע דאַרף אַ מענטש ?
אַ מענטש דאַרף הייסן הערשל חלפן.
אַ מענטש דאַרף אויף דער עלטער בויען זיך אַ נײַ־קאָפּרעשט,
פאַר זיך אַליין קאָפּרעשט.

און איבער הערי שעילפּענס גרויען קאָפּ
איז אויסגעוואַקסן נאָך אַ קאָפּ,
אַ יונגער, בלאָנדער, קרעפּטיקער,
וואָס לייכט האָט ער געטראָגן דעם געדאַנק :
נײַ־קאָפּרעשט.
פון ווענט באַשאָטנטע מיט הויקערס

האָבן ווייסע טויבן מיט די פליגלען געפּאָכט.
ס'איז שטיל אין גאַס. פּאַרטאָגיק.
פון ווייטנס אַ פאַרטויבט געראויש:
ס'ברומט דאָס אינגעווייד פון שטאָט.
אַזוי איז הערי שעילפען: אַ טויבער קלאַנג.
דערווייטערט איבער שטרעקעס.
דער נאָמען איז געלעגן אויף די פּלייצעס ווי אַ מויער
און איצט איז ער נישטאָ.
אָט נישטאָ.
אין פּאָטערשטול זיצט הערשל חלפן.
אין בעט וועט שלאָפן הערשל חלפן.
אויפשטיין וועט מאָרגן הערשל חלפן.

אַ שטראָם פון וואַרעמקייט פאַרפליצט דאָס האַרץ
ווי אינעווייניק וואָלט אויפגעשיינט אַ זון.
די אויגן קוקן ליכטיק.
אַ קאָפּ און נאָך אַ קאָפּ.
וויטן שפרייטן זיך פאַר זיי.
אַ האַרץ און נאָך אַ האַרץ.
אַנו, ווי האָט געזונגען דער אַלטער חזן אין קאַפּרעשט?
כבקרת רועה עדרו.
מיט אַ קנייטשעלע אויף עדרו.
און אַלע חלפנס האָבן זיך געציקלט:
עדרו.

האָט אויסגעבויט אַ מענטש פאַר זיך אַ נײַ־קאַפּרעשט
מיט קרומע געסלעך ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט וואוהין צו גיין.
ליימענע, פאַרטראַכטע שטיבלעך.
דעכלעך שינדלענע, וואָס גליטשען זיך אַרונטער.
דעכלעך שטרויענע ווי פעלצן.
די אַלטע שול מיט קיילעכדיקע שויבן
און חלפנס שטוב
מיט ברייטע, באַלעבאַטישע חדרים.
מיט ווענט צעשפּאָלטענע, פאַרשמירט מיט ליים,
וואָס קוקן אויס ווי אָדערן אויף מענערישע הענט.

נײַ־קאָפּרעשט.
האָט אויסגעזוכט אַ מענטש חברים פֿון קאָפּרעשט
די שמואל־סעמס און מענדל־מאַיקס.
אַנו, חברה,
אַראָפּ פֿון באַרג. אַרויף דעם באַרג.
מיר שפּילן איצט אין בלענדעניש
אין הויף פֿון אונדזער שול.

האָט אויסגעזוכט אַ מענטש חברים פֿון קאָפּרעשט
און צאָלט פֿאַר יעדער שעה זיך שפּילן אין קאָפּרעשט.

## יידישע קינדער

צעווייגטער, קאָנוואולסיווער דזשאַז,
צעהאַקטע שטיקער שלאַנג — די הענט,
די אייניקלעך פֿון ווילנער ש״ס
די לעצטע שמותן פֿאַרברענט.

ניגונים פֿון רוזשינער טיש,
רב לוי־יצחקס פּראָסט געזאַנג,
מיט נעגער־בריאַזגען אויסגעמישט
אין ברומענדיקן שטאָט־געקלאַנג.

אויף גאַסנווינקלען ליגט אַנטבלויזט
דאָס האַרץ פֿון אַ פֿאַרשעמטן דור,
און, ווען אַרום דאָס לעבן ברויזט,
פֿאַרגייט אַ האַרץ אין גרויער וואָר.

## אָרטשאַרד סטריט

אויף אַלטוואַרג, ברוכוואַרג, פּאָרצעליי און מיסט
שפּאַצירט די פֿרייד מיט הויל־און־בלויזע טריט,
און אַז איך קויף אַ מעסערל דאָ האַלב אומזיסט,
איז גוט און וואויל צו מיין געמיט.

אַ ברייט געשריי פון אויפגעפראַלטער ברוסט,
ווי אויף אַ זומערדיקן סטעפ,
פאַרליבט איז דאָ בעטהאָוונס בלינדער ביוסט
אין ליימענע, קאָלירטע טעפ.

דאָס וואָרט איז קרעפטיק דאָ און קלאָר דער מיין,
דער זאָג האָט דאָ אַ לויטערן באַטייט,
די פראָסטע רייד פון ווייבער זענען פול מיט חן
און חנעוודיקער זייער קוק אויף יונגעלייט.

איך קום אַהער אַ מידער פון די פיינע רייד,
וואָס זענען שפיציק, שטעכיק־ראַפינירט,
און פון פושקאַרטס שטראַלט צו מיר די פרייד
וואָס ווי אַ שיקסעס קלייד איז זי קאָלירט.

די זון איז קאַרג און קוקט דאָ פון דער קרום
אויף קעפ צעשויבערטע און ריידעוודיקע בערד,
נאָר ס'לויפן קינדער ליכטיקע אַרום
און ס'קלינגען אויף די שטיינער טריט פון פערד.

דער יידיש דאָ פון ליטע און וואָלין,
פון סאָד און בעסאַראַבער „שעס",
די רייש צעקייקלט זיך און ס'פייפט די שין,
און ווי די האַמערס קלאַפן טאָוו און טעס.

## ווידערקול

איך האָב אַריינגעזונגען אין דער שטאָט
מיין ערדיק־פויערישן טראָט,
אַריבער דעכער האָב איך אויסגעשפרייט
די פליגלען פון מיין פעלדער־פרייד.

אויף שטיין פון גאַס און שטאָל פון ווענט
האָב איך די לעצטע זון פאַרברענט,

די לעצטע זון, דעם גאָלדנשטויב
און נאַכטיק שווייגט אַצינד מיין שויב.

און וואָס איך רעד אַצינד און זאָג,
איז ווידערקול פון לעצטן טאָג
אויף סטעפּ וואָס כוואַליעט זיך אין טאָל, —
איז ווידער־ווידער־ווידערקול.

## ד ר י י

מיט אויגן קלאָרע, ליכטיקע,
מיט אויסגעשטראַלטער פּיין, —
אין דרייען לאָמיר זיין.
געבונדן אין דער דרייאיקייט,
באַהעפט מיט לויטער שיין, —
אין דרייען לאָמיר זיין.

דער גורל פון דער צווייאיקייט
צו וייטיקן געטריי
געפאַלן איז אויף דריי,
מיר וועלן אין דער דרייאיקייט,
אין איך, אין ער, אין דו,
אין אומרו זוכן רו.

אין טרויעריקייט גע׳גורל׳טער,
געבונדענע און פריי, —
מיר זענען, זענען דריי,
געשטאָרבן אין דער צווייאיקייט
און אויפגעלעבט אויפסניי, —
מיר זענען, זענען דריי.

# טילטאַן

## א

געקרייזלט איז דער צייטיקער טילטאַן,
ווי בײַ אַ קינד די גאָלד־געקרויזטע האָר,
ער צייטיקט זיך און גאָלדיקט זיך אַזוי
דאָס פערטע מאָל שוין היינטיקס יאָר.

און ביז דער שפּריירעגן וועט קומען אינעם לאַנד
וועט ער זיך אפשר צייטיקן צום פינפטן מאָל,
ווייל ס'שטראָמען דאָ אַהער די וואַסערן פון בערג
און אָפן פאַר דער זון איז אונדזער טאָל.

## ב

אַ קאַלטע שלאַנג האָט זיך געלייגט אינמיטן וועג,
די קאָסע גיט אַ האַק און ס'שפּרינגען אין דער הייך
צוויי שטיקער פון דער שלאַנג און ס'שפּריצט פון זיי מיט טוי.
זיי בלייבן אויף דער ערד פאַרפרוירענע און בלייך.

און ווייטער באַרג אַרויף איז שטיינערדיק דער וועג,
די איילבירטביימלעך שוואַרץ, פאַרפרוירן אויף דער ערד,
ווי שטיקער פון דער נאַכט. די דערנער אויף דער ערד,
ווי אויסגעשפּרייטע, שטעכעדיקע, גרויע בערד.

ס'גייט הינטער אונדז די נאַכט, אַ וואַכיקע אַזאַ,
מיט אויפגערוזשטיקע און ציטערדיקע טריט,
אַנטקעגן אונדז קומט אָן דער טאָג מיט בלייכן שיין
און ס'דאַכט זיך אַז געבוירן ווערט ער שעמעוודיק און מיד.

## ג

אין טאָל. פון נעכטן שטייען סקירדעס
ווי שאָטנדיקע דעכעלעך צעשפּרייט
און ס'דאַכט זיך מיר זיי זענען וואַך צו יעדן שאָרך
פון זונעדיקן טאָג וואָס גייט.

און אין צווישן דעם געצייטיקטן טילטאַן
ווי שמאָלע געסלעך ציען אין דער ברייט,
פון נעכטן בלאָנדזשעט אום נאָך דאָ
אַ ניט פאַרשטערטע אונדזער פרייד.

ד

די קאָסעס כוואַליען זיך אין זון,
די גאָלדן־זאַנגען פאַלן אויף דער ערד, —
אינמיטן ליגט אַ „פּאַראַזיט"
וואָס האָט דאָס גראָז אַרום פאַרצערט.

מיט געלן שפּינוועבס האָט ער זיך פאַרשפּרייט
און אויסגעזויפט פון גראָזן גאָר די קראַפט, —
אַליין אין דער ערד קיין וואָרצלען נישט געלאָזט
האָט ער צעוואַקסן זיך פון פרעמדער זאַפט.

און אונטער אים — דאָס אויסגעצערטע גראָז,
די ערד — צעשפּאָלטן און פאַרדאַרט, —
ס'ע האָט דער געלער פּאַראַזיט
דער זון דעם וועג צו זיי פאַרשפּאַרט.

ה

דער קאַמיליאָן —
דער טויזנטפאַרביקער,
דער אַלערליי קאָלירטער, —
אויף גראָז — אַ סאַמעט־גרינער,
אויף דרערד — אַן ערדיק־שוואַרצער,
אויף שטרוי — אַ גאָלדן־געלער,
אויף ראָסט — אַ רויט־פאַרראָסטער.
דער קאַמיליאָן,
וואָס אַלע פאַרבן זענען זיינע
און ער אַליין — אָן פאַרב און אָן קאָליר,
דער קאַמיליאָן

ליגט איצט אויף מיין פאַרברענטער האַנט,
און צאַפּלט זיך פון מיינע אָדערן,
פון אויפגערייצטן בלוט אין זיי,
פון דער דערמידטער פרייד
אין טיאָכעדיקן האַרץ.
דער פּאַראַזיט פון פאַרבן.
דער קאַמיליאָן —

1

פון פאָרנט קומט די זון,
פון הינטער מיר די פרייד
און באַ די זייטן דער טילטאַן
געקרייזלט רויק שטייט.

אַ גאָלדן בליאַסק פון זון,
אַ ציטער פון טילטאַן,
ס'ווערט ציטערדיק צעשפּרייט
דער נאַכטיקער טומאַן.

מיין קאָסע איז געשאַרפט,
מיט וואַסער פול מיין דזשאַר,
די זון גייט אויף היינט רויט,
ווערט הייס זיין היינט דערפאַר.
ווערט טריקענען טילטאַן,
פון הייסער זון געברענט, —
אָ, ברענג, כאָטש, גאָט, אַ פרישן ווינט
און שטאַרק מיר מיינע הענט.

# לויטער איז דער
# אַלטער קוואַל

(1940)

מודה אני
קריאת שמע
אשרי יושבי
גאָט פון אברהם
ויתן לך
אלהי נצור
אני מאמין
במה מדליקין
לכה דודי
בלאָנדער אליהו
קדמון
די באַלאַדע פון וואונדער
אַ דודו
דער בעש"ט אויפן ים התיכון
האָ לחמא עניאָ
מדבר־מאָטיוון
משה־הערש אַ פלייצע
די באַלאַדע פון פוסי וואַסערפירער
זאָגט דער וואָלעד
דער עלפטער
יאַנקל ראַפאַעל
אַן עבירה פאַר גאָט
חברים מיינע
מיר מיט די בלויע אויגן
ווי ברוריה

ואני
שכנה׳שאַפט
קראַנקער בוים
רייפטלעך ברויט
ביים טייך
זילבערנע מאַמע
קאָרנבלימלעך
אומעטיקע שניטער
אומעט שפרייטן
מענטש ריס
אויבסן אַ קאָרב
בלעטער־רייד
ווינט אין אָקטאָבער
אין דער קילקייט פון טאָג
פויערישע פלייצעס
דער ווייסער לאַם
צוריקוועגס
וואַנדערפייגל
אַ פויגל געפאַלן
געלע בלעטער
אַלטמאָדיש
קין
ישמעאל
יעקב און עשו
יוסף און זיינע ברידער

# מודה אני

ס'איז דיינער דער גוף, די נשמה איז דיינע,
אַפילו דאָס בענקען נאָך דיר אינדערפרי,
דער שטויב נאָר, וואָס גרויט אויף מיין לעבן, איז מיינער, —
מודה אני.

דו האָסט מיר געגעבן אַ לעבן צו טראָגן,
מיט פשוטע רייד און מיט מענטשלעכער מי,
און איך האָב דאָס האַרץ מיינס אויף שטיקער צעשלאָגן, —
מודה אני.

אויף ד ע ר וועלט בין איך אַזאַ גאַנצער געקומען
צו גיין מיט געזאַנג, ווי דער פויגל אין פלי,
און איצט ברענג איך קריק דיר אַ לעבן מיט מומ'ען, —
מודה אני.

כ'האָב היינט מיינע אויגן פאַרוואונדערט געעפנט
און ס'האָט צו דיין ריינקייט געטאָן מיך אַ ציִ,
אַז ווידער זאָל איך פון דיין ליכטיקייט שעפן, —
מודה אני.

ס'איז לויטער דיין קוואַל פאַר דעם, וואָס איז גלויביק,
צו טרינקען און קילן דעם דאָרשט און זיין ברי,
נאָר איך בין פאַרגרויט און אומווערדיק שטויביק, —
מודה אני.

# קריאת שמע

דו וואַרפסט די נעץ פון שלאָף אויף מיינע אויגן,
ווי זאָל איך דיך דערפאַר נישט לויבן ?
איך האָב מיין טאָג פאַר דיינעטוועגן אָפגעוואויגן
און איצטער רוט די נאַכט אויף מיינע שויבן,
דער דרימל אויף די וויעס מיינע נידערט,
דאָס לעבן איז אַ שאָרך אין מיינע גלידער,
און באַלד וועסטו דעם צער אין מיר צעשטויבן, —

אַזויפיל פיינט אויף מיר היינט אויפגעשטאַנען,
אַזויפיל רויבער מיך אַרומגערינגלט,
מיין בלוט געצאַפּט, ווי וואַסער פון די קראַנען,
און טראָפנס חיות מיינס פאַרקויפט פאַר גינגאָלד.
איצט ליגט מיין קאָפּ אַ מידער אויפן קישן,
מיט טרייסטונג, אַז לא ינום ולא יישן,
אַז וואַכן וועסטו איבער מיר פון אויבן, —
ווי זאָל איך דיך דערפאַר נישט לויבן?

גיבורים זעכציק — ביי שלמהס בעט געשטאַנען,
ביי מיינעם שטייט די נאַכט פאַרעלנט,
און ברידער אויף די וויסטע וועגן שפאַנען
פון חורבה־היימען, אָפּגעברענטע שוועלן,
נאָר נעץ פון שלאָף וואַרפסטו אויף מיינע אויגן
און שפרייטסט אויף מיר די רו, ווי פליגלען פון אַ פויגל,
אין מיר ביסטו, און איבער מיר דערהויבן, —
ווי זאָל איך דיך דערפאַר נישט לויבן?

## אשרי יושבי

וואויל איז די, וואָס זיצן אין דיינע שטיבער
און דאָס ליכט דיינס דערוואַרעמט פאַר זיי די וועלט,
דו האָסט אָנגעצונדן אין דרויסן אַ פיבער
און דיין זון מיטן מענטשנס פייער פאַרשטעלט.

וואויל איז די, וואָס טראָגן דיין ליים־און־ציגל
מיט פאַרגלייבטע הענט און ליכטיק געמיט,
דו ביסט אָפן פאַר זיי, ווי אַ זילבערנער שפּיגל,
ביסט דער מאָנער און שטראָפער, וואָס אייביק פאַרגיט.

ס'איז געווען היינט אַ פּראָסטיקער, ווייסער באַגינען,
נאָר די נאַכט האָט דאָס בעט מיינס מיט אומרו געברענט,
כ'האָב געוואָלט נאָר אַ שטרויעלע אָנהאַלט געפינען
און צו רואיקער ווייסקייט ביים פענצטער געגענט.

אַזויפיל זון האָט געשטראַמט, אַזויפיל שיין איז גערונען,
אַזוי טיף האָט דאָס ווערן צו ווערן גערעדט,
נאָר דאָס שטרויעלע אָנהאַלט האָב איך נישט געפונען
פאַר דער אומרו, וואָס האָט מיר צעוואָרפן דאָס בעט.

איצט איז ווידער שוין נאַכט און די היים ווערט מיר ליבער,
כ'האָב דעם גאַנצן טאָג געזונגען דער קעלט:
וואויל איז די, וואָס זיצן אין דיינע שטיבער
און דאָס ליכט דיינס דערוואַרעמט פאַר זיי די וועלט.

## גאָט פון אברהם

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
דער ליבער שבת גייט אַוועק,
נאָר סע בלייבן וואַרעמע געדאַנקען
פאַר די וואָכעדיקע טעג.

מיר שפּאַרן־אָפּ אַ קוואַל מיט אמונה
פאַר דער וואָך, וואָס אויף די שויבן גרויט,
אַז מיר זאָלן שעפּן פון זיין ליכטיקן ברונעם
אינעם אָנגעזיכט פון טויט.

אינדערוואָך ווען מיר דורכגיין אַזויפיל טרויער,
ביז דער לעצטער טרויער וועט זיין אויסגעשעפּט,
ביז מיר וועלן עפענען דעם ליכטיקן טויער
צו דער פרייד, וואָס אויף יענער זייט לעבט.

און איין ווינטערטאָג גייען־אויף אַזויפיל זונען
און אַזויפיל זונען פאַרגייען היינט,
נאָר דיין ליכט איז פול אין אונדזער אמונה,
ווי סע וואָלט פאַר אונדז זיך ערשט צעשיינט.

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
האָסט דעם שטערן וואָך אַרויסגעשיקט,

אָבער וואַרעם וועט דער שבת נאָך צאַנקען,
ביז דו וועסט אים אונדז ברענגען צוריק.

## ויתן לך

גאָט זאָל דיר געבן פון הימל דעם טוי
און די פעטקייטן פון דער ערד, —
מיר איז גענוג דאָס פאַרטריקנטע שטרוי
און דאָס געזאַנג, וואָס מיר איז באַשערט.

דו דאַרפסט קאָרן אויף צו ווערן זאַט,
בעטסט אַז דער ווייץ זאָל דיר אויפגיין פאַרצענט,
מיר איז גענוג אויפן בוים דער בלאַט
און אַ שטיקל פאַפיר אין די הענט.

מיר זינגט דער בלאַט פון טוי און פון זעט
און דאָס פאַפיר נעמט־אויף דאָס געזאַנג,
מיר איז גענוג אַז מיין וואָרט זאָל זיין פעט
און אַז ווי קאָרן זאָל זיין מיין געדאַנק.

גאָט זאָל דיר ברענגען דאָס ברויט צו דיין טיר
און די פעטקייטן פון דער ערד,
נאָר דאָס געזאַנג פון דיין פעלד זאָל מיר
אויף דער עלטער זיין באַשערט.

## אלהי נצור

היט־אָפּ מיין צונג פון רעדן שלעכטס
און מיינע ליפּן היט פון פאַלשע רייד,
היט־אָפּ מיך פון צו זיין גערעכט
מיט שווערד, געצויגענער פון שייד.

היט־אָפּ מיין צונג פון רעדן פוסט,
פון וואָרט, וואָס האָט קיין וואונד נישט אויסגעהיילט, —

איך האָב צום וואָרט אַזויפיל גלוסט,
אַז כ'שלינג עס, איידער ס'איז נאָך אָפּגעשיילט.

היט־אָפּ מיין ליב, מיין זודיק בלוט,
ווי מיינע אָבות האָסטו אָפּגעהיט, —
ס'איז דאָ אַ קילקייט, וואָס בּאַרוט,
ס'איז דאָ אַ רו, וואָס לייכט אין דיין געמיט.

איך קום צו דיר מיט מיין געבעט
אַצינד, אַז ס'זעגען גרוי שוין מיינע האָר,
און אויב סע איז נאָך אַלץ נישט שפּעט,
היט־אָפּ אין מיר דעם חלום אויפן וואָר.

## אני מאמין

איך גלייב, אַז קומען וועט דער יושר.
אַפילו אַז ער וועט פאַרזאַמען,
וועל'ך וואַרטן אויף אים יעדן טאָג,
אין שווערע נעכט, אין טעג פון בלוטיקן רויש,
און זאָגן, ווי אַ צינד איך זאָג:
אני מאמין.
איך גלייב, אַז ווי אין וואַלד די ביימער ציען
די זאַפט פון וואָרצלדיקע שטאַמען,
אַזוי ציט אויך דער מענטש זיין זאַפט
פון גלייבן, אַז סע וועט זיך נאָך צעבליען
די העכערע, גערעכטע קראַפט, —
אני מאמין.

איך גלייב מיט מיינע אָבות אין אמונה,
מיט ריינקייט פון מיין טאַטע־מאַמע,
אַז ס'וועט דאָס שלעכטס פון דרערד פאַרגיין,
אַז קומען וועט דער קץ מיט קלאָרע זונען
און אויפדעקן דאָס גוטס אַליין, —
אני מאמין.

## במה מדליקין

מיט וואָס צינדט מען אָן דאָס שטילע פייער,
וואָס לויכט אין דיר און וואַרעמט און דערפרייט ?
מיט גלייבן צינדט מען דאָס שטילע פייער,
און עלנטע, — מיר ביידע זאַלבעצווייט, —
דערוואַרעמען דאָס אייגענע געמיט
מיט איינס־אין־אַנדערן פאַרטרויטע רייד,
ווי זומערדיקע נאַכט אין ווייכע טריט, —
מיט גלייבן צינדט מען דאָס שטילע פייער.

## לכה דודי

לכה דודי זינגט ר׳ שלמה אלקאבייץ :
קום אַרויס, געליבטער, אַנטקעגן דער כלה.
לאָמיר באַגעגענען דאָס פּנים פון שבת,
וואָס וויקלט זיך אַרויס פון פּורפּורנע שאַלן.

ליכטיקער ווערט דער כלהס פּנים
אויף די רויטע בערג, די צפתער,
ס׳קומט די כלה אונדז צו דערמאָנען,
אַז ריין איז געוואַשן איר לייב אין וואַסער.

כיצד מרקדין לפני הכלה ?
מיט שטיקער זון אויף קעפּ, ווי קרוינען, —
ס׳קומט די נאַכט, די טומאה זאָל פאַלן
פאַר דער באַהעפטונג, פאַר דער עונה.

לכה דודי, — לייב איז קדושה,
גוף־צו־גוף איז מעשה מרכבה,
לאָמיר דעם שבת, ווי כלה־לייב קושן,
לאָמיר דאָס ליבשאַפט אין זיך כאָוועז.

כ׳נעם דיך, כלה, אויף די הענט צום געלעגער,
ווי אין דער ערשטער נאַכט אַ חתן,

אייביק איז צובונד אין דער ערשטער רגע,
אייביק איז די זון פון ליבשאַפט צעגאָסן.

לכה דודי זינגט ר' שלמה אלקאביץ
און די געליבטע קומט אים אַנטקעגן, —
לויטער לייב, גלוסטיקער שבת,
אויף די פאַרנאַכטיקע צפתער וועגן.

## בלאָנדער אליהו

ווייט איז דער סטעפּ, נאָר גאָט איז נאָענט,
היימיש, ווי ווינט אין צעשויבערטע האָר.
איך — אַ בלאָנדער אליהו —
האָב אים פאַרנומען אין זוניקן שאָרך
מיט דער פרייד פון דערוואַרטונג און פאָרכט.

יאָרן צערונען ווי האַרבסטיקע זונען,
עמערווייס שיין פון האַרצן געשעפּט.
כ'קוק אין זיך ווי אין פולן ברונעם, —
מענטש איז פולער ווי ער לעבט, —
כ'גיי נאָך מיט גאָט, מיט זון און מיט סטעפּ.

## קדמון

אַ געשריי איז דאָ, דאָס ערשטע וואָרט פון קדמון,
וואָס איז מער נישט ווי געשריי, — בלוט און ביין און לונג,
דאָס געשריי וועט מענטש אַמאָל אין וואַלד דערטשאַטשעווען
און די וועלט וועט ווידער ווערן בראשיתדיק און יונג.

כ'הער דעם אָפּקלאַנג, וואָס איז פול און ליידיק,
אַ צעריסענעם און גאַנצן, ווייט און נאָענט,
ווי געבורט איז ער — געוויין און פריידיק
און ווי לעבן, וויקלט ער זיך אויס און מאָנט.

דאָס געביין דאָס אייגענע וויל מענטש פאַרלענדן,
שענדט ער ברודער מיטן טויט, ווי זיך אַליין,
ווייל דאָס בענקשאַפט נאָך בראשית ברענט אין זיינע לענדן,
נאָכן ערשטן אויסגעשריי, נאָך קדמונס פרייד־געוויין.

גייט דער מענטש צום אָנהייב דורך אַזויפיל סופן,
טראָגט ער אָפּגאַנג צו זיין אָנגאַנג אויף דער ערד,
ביז דער וואַלד וועט ווידער פינצטער זיין, און אָפן,
ביז די וועלט וועט ווידער שפירן ווי זי ווערט.

## די באַלאַדע פון וואונדער

עד שדרשה בן זומא...

מיט צעשפּרייטע פליגלען, ווי אַ בלויער פויגל,
האָט די נאַכט אַראָפּגעניִדערט אויף בני ברק
און געבראַכט צוטראָגן מעשהלעך אַ פולן זאַק
און דערנאָך צוריק אַרויפגעפלויגן.

שטייט דער זאַק מיט מעשהלעך נישט אויפגעבונדן,
ליגן וואונדער צוגעטוליעט, איינגעקניפּט,
און די נאַכט האָט אירע שטערן אָנגעצונדן,
אויף בני ברק אַ רעשעטע מיט ליכט געזיפּט.

רעדט אַ שטערן צו אַ שטערן: זע־נאָר, זע־נאָר,
ווי די וואונדער זענען עלנט אין בני ברק.
ס'וועלן קרייען באַלד דעם ערשטן קריי די הענער
און נישט אויפגעבונדן שטייט נאָך אַלץ דער זאַק.

די לבנה קוקט אַראָפּ מיט ווייסן טרויער,
פייגל פאַטשן מיט די פליגלען, — וואָס־נאָר־זען,
ווער וועט עפענען מיט זוכעניש אַ טויער
און דעם זאַק מיט נישט־דערציילטע וואונדער זען?

קיינער עפנט נישט קיין טויער נס צו זוכן,
ס'ליכט פון צוגעמאַכטע פענצטער אויסגעשעפּט,
איבער שטיבער גייען־אום פאַרשטיקטע סקרוכן, —
וויינט דער זאַק, וואָס ס'האָט די נאַכט אים דאָ פאַרשלעפּט.

אַ צעפּאַלענער, אַ בלויער, שטייט אַ קוימען,
די לבנה גיט אַ קוק און ווערט דערשטוינט,
ווען זי זעט דעם יונגן, ליכטיקן בן זומא'ן,
ווי מיט שיין האָט אים דאָס אָרעמקייט באַקרוינט.

## אַ דודו

אייגן לעבן, איך וועל פאַר דיר אַ דודו שפּילן, —
דו. דו. דו.
זיפּלעך שיין אויף בלויען פראָסט פאַרקילן,
שנייִ, ווי זשאַר, צעגליט אויף שוואַרצע דראָטן,
צינדט אויף שויבן זילבערנע מאָטן.
ביימער וועלן זיך אין וויים פאַרהילן, —
לווייצחקס מיט צעצויגענע פינגער.
לעבן אייגנס, איך וועל פאַר דיר אַ דודו שפּילן
וויפל פיין איך בין געוואָרן יינגער,
וויפל טרויער כ'בין געוואָרן גרויער, —
דו. דו. דו.

דער באַרדיטשעווער פאַר מיינע שויבן
ווערט פאַרווייסט, ווערט שטיל און הימלעך,
קומט דער ווינט צו מוחל זיין און לויבן
לעבן אייגנס אויף איינגעדעקטע ביימלעך.
שיין צעקרוינט זיך אויף די גאַס־לאַמטערנס,
הייב איך אָן דאָס אייגן בלוט צו פילן
און צוריק די יאָרן מיינע הערן.
לעבן אייגנס, איך וועל פאַר דיר אַ דודו שפּילן, —
דו. דו. דו.

# דער בעש״ט אויפן ים התיכון

דער פאַרנאַכט איז מיט רויטן ווייַן אָנגעגאָסן
און אַריבער די ברעגעס צעגיסט זיך דער שוים.
דייַנע אויגן שפילן ווי טראָפנס ראָסע
אויף שפעטזומערדיקן בוים.

מיט די פינגער טאַפסטו־אָן געזאַנג, שייַן, פאַרבן,
ביסט אַליין דער בעכער און אַליין געטראַנק.
ווילסט אַרומנעמען די וועלט ביז צום שטאַרבן,
ווילסט צעשטויבן זיך אין ליכט וואָס צאַנקט.

אין דייַן בלוט הערסטו ווי ווערטער רינען,
ס׳קלאַפט מיט רייד דייַן ברענענדיקער פולס,
נאָר אַ וואָרט פאַר זיך קענסטו נישט געפינען,
שטום ביסטו מיט אַ האַרץ אַ פולס.

אין אַ שעה אַזאַ, — פאַרוואָרפן אויף אַ ווייספע
אויפן ים התיכון, — האָט געזאָגט דער בעש״ט:
— גיב אַ וואָרט פון תורה, גיב אַ וואָרט פון מספר,
גיב דאָס וואָרט, איידער גאָט די זון פאַרלעשט.
וויינט ר׳ צבי:
— כ׳האָב פאַרגעסן נגלה..
און די זון צום וואַסער באַלד וועט טאָן אַ פלי,
ווי אַ פויגל מיט צעגליטע פליגלען.
שרייַט דער בעש״ט:
— גיב אַ וואָרט פון נסתר, צבי.

— כ׳האָב פאַרגעסן, רבי, נסתר...
בייגט דער בעש״ט דעם קאָפ אין אָוונטיקן ברען, —
ס׳האַרץ איז פרייד, נאָר אַפילו נישט קיין פליסטער
פאַר דער גרויסקייט, וואָס אַרום אים איז געווען.

— וואָס געדענקסטו, צבי? כאָטש אַ וואָרט, אַ רמז...
און פאַרשעמט זאָגט צבי:
— אַן אלף נאָר, אַ בית...

זינגט דער בעש"ט:
— אַן אלף נישט פאַרשעמען,
אין דעם אלף ליגט דעם בוראס גאַנצע גרויס.

— אַלף, בית, גימל, דלד...
בערג צעזינגען זיך, ביימער שטייען אָנגעברייט —
פאַר אַ וועלט, וואָס לייזט־זיך־אויף אין שטראַלן,
פאַר אַ האַרץ, וואָס פול געוואָרן איז מיט פרייד.

## האָ לחמא עניאָ

דאָס איז דאָס אָרעמע ברויט, וואָס אונדזערע פעטער
האָבן געגעסן דעם וועג פון מצרים, —
ווער ס'איז דער צווינגער, ווער ס'איז דער נייטער,
אָרעם ברויט וועט אונדז ווידער באַפרייען.

אָרעם ברויט האָט אונדז צונויפגעברידערט
און צום סיני געפירט איבער מדבר־זאַמדן,
איצט האָט די זון איבער אונדז געניִדערט
און אָנגעצונדן בלוטיק די ראַנדן.

איצט קריכט די נאַכט — אַ צעשויבערטע חיה,
אונדז צו פאַרצוקן מיט לייב־און־לעבן,
ווער וועט דאָס אָרעמע ברויט באַנייען,
גאַנג צום סיני אויף שטעכערס אונדז וועבן?

נעם דיין קלייענמעל אויפן וואונדיקן נאַקן
און אין דער מדבר גיי־אַרויס ווידער,
מיטן גלייבן, ווי אין דער נאַכט אַ פאַקל,
הייב־אָן דיין גאַנג צום באַרג פון דער נידער.

# מדבר־מאָטיוון

## א

ס׳האָט די מדבר צעכוואַליעט איר זאַמד
און געשפּילט זיך מיט גילדענע שטויבן, —
ס׳האָט אַ פאָלק זיך אין וואַנדער צעשטאַמט,
דו און וואַנדער זענט נאָענטע קרובים.
ס׳איז מיין קאָפּ, — האָב איך איצט ער׳שט דערפילט, —
מיטן שטויב פון דער מדבר באַגילדט.

כ׳טראָג אַצינד נאָך די זוניקע קרוין
פון דער מדבר, ביים צוקום צו חמות,
מיינע פעיטער — נאָך אַלץ רועי צאן,
מיט דער בענקשאַפט נאָך גראָז, ווי נאָך מאַמעס,
מיטן הונגער און גלוסט נאָכן שליו,
מיט דער פרייד און דער־נאָד מיט דער שטראָף.

כ׳הער אין בלוט נאָך ביי מיר דאָס געוויין
וואָס דאָס פאָלק האָט געוויינט ביי מי־מריבה,
ס׳שלאָגט נאָך משה אין מדבר דעם שטיין
און דאָס וואַסער — אַ שטראָם ווי אַ גריווע —
האָט מיין גומען ערשט איצטער דערפרישט
און געוויין מיינס מיט פרייד אויסגעמי׳שט.

ס׳האָט דאָס האַרץ מיינס זיך נעכטן צעוואָיעט
אויפן אומקום אין וואַרשע, לובלין, —
קום צו שוועל פון דעם אהל מועד,
הייב דיין קול ווי אין מדבר פון צין,
קעגן גאָט — דיין געוויין און דיין קריג,
ביסט פון מדבר, קום אין מדבר צוריק.

שטעכיק דראָט אין דיין לייב גיט אַ ריס
אַרום נאַלעווקעס, סמאָטשע און דזשיקע,
נאָר דיין בונד מיטן ארון הברית

ווען צערייסן די דראָטן אויף שטיקער.
האָסט געקריגט אין דער מדבר אויף גאָט,
דו ביסט שטאַרקער פון שטעכיקן דראָט.

ס'איז פון מלאָווע ביז הויך נאָר אַ שפּאַן,
ס'ליגט דער ים־סוף ביי אונדזערע שוועלן,
ס'גייט דאָס פאָלק נאָך דעם וועג צו כנען
איבער זאַמד, איבער מדבר און עלנט, —
ס'איז מיין קאָפּ, — האָב איך היינט ערשט דערפילט, —
מיטן שטויב פון דער מדבר באַגלידט.

ב

אָרעם זענען די געצעלטן פון שם,
זייער לייוונט — אין רעגן געווייקט,
ס'גיט זיי אַמאָל דער ווינט אַ צעקעם,
ווי זיי זענען אַזוי אין מדבר צעלייגט.

און נאָך איידער דער טאָג גיט אַ שפּראָץ,
זענען די געצעלטן פון שם שוין וואַך,
איינער גראָבט, איינער זעגט, איינער האַקט אַ קלאָץ,
איינער גייט אַנטקעגן די אורחים אויפן שליאַך.

און אַז די אורחים קומען מיט פאַלדן שטויב,
לויפט זיי אַנטקעגן אַ ברוך־הבא מיט פאַרנעם,
ס'הייבט זיך ערשט אָן אַ פרייד און אַ לויב
אין די אָרעמע געצעלטן פון שם.

וואַסער אין די עמערס,
ברויט אויף אַ וואָגן,
אַלצדינג וואָס די שמ'ער
טוען נאָך פאַרמאָגן,

ברענגט מען צו די אורחים, —
אכלת ושבעת,

שטיל, נאָר מדבר־שאָרכן, —
לויב צו דיר, גאָטעניו, טאַטע.

קושט אַ ווינטל אוים די גראָזן,
ס'פּלאַפּלען די אָאַזיס־שטראָמען,
זינגען די אורחים ברכת המזון
און די שמ'ער ענטפערן: אָמן.

ווייסטו גאָר וואָס, דאָס אָרעמקייט נעמ,
מיט געזאַנג אין אונדזער געביין,
און אין די אָרעמע געצעלטן פון שם
לאָמיר ווי אייגענע ברידער גיין.

ג

נאַכט פאַלט צו. אונדזערע גראָע קעפּ
זענען צו די רויטלעכע פּאַסן סוף געווענדט.
גוט וואָס מיר האָבן זיך דערשלעפּט
צום אַמאָל, וואָס האָט דאָ געברענט.

ס'איז נאָך געבליבן דאָ פריסעק גענוג
אויפצובלאָזן פאַר דער נאַכט אַ פלאַם,
ס'האָט זיך פאַרוואַלגערט אַן ערדענער קרוג
וואַסער צו שעפּן פאַר אונדזער שטאַם.

ווידער זענען מיר אַ מדברדיקער קלאַן
און מיר זוכן פּאַשע פאַר אונדזער פי,
זענען מיר צוריק דאָ אין בית־שאַן
נאָר צו פאַרבלייבן ביז אינדערפרי.

טראָגן מיר פון מדבר אַ געדאַנק, —
נאַקעט און ליכטיק ווי אָנגעגליט זאַמד, —
אַלטער שופט, הייב־אויף דיין געזאַנג
פון אונדזער אייביקייט, פון אונדזער שטאַם.

דורכגעגאַנגען זענען מיר שוין דעם גאַנג,
אָבער מיר הייבן אים אָן ווידער צו גיין, —

קלוגער שופט, צינד אָן דעם געדאַנק,
מיר זאָלן אים טראָגן אין אונדזער געביין.

נאַכט פאַלט צו. סע אָטעמט־אויף דער זשאַר
און אין מדבר אויגן־פונקן צעשפּריצט
אונדזער שופט, איינגעהילט אין צער,
ביי דעם אָנהייב אונדזערן זיצט.

## משה־הערש אַ פּלייצע

אָפּענע פּלייצעס פאַר זעק און פאַר לעמער,
קינדער צו וויגן ווי אויף אַ הוידע,
אָבער די אויגן — זיך אייביק צו שעמען,
ווי אין אַ שולד זיך אַלעמאָל מודה.

ווער ס'האָט געהאַט אין שפּייכלערס ווייצן,
ווער ס'האָט אין קעלערן וויין געעלטערט, —
קום, משה־הערש, מיט דיינע פּלייצעס
אונטערצושפּאַרן צעשאָקלטע וועלטן.

זומער פאַרנאַכט. אין דרויסן די פּעסער
שפּילן מיט וויין און מיט רויטלעכע פּלייצן,
שניידט אים אַרונטער אַ קול ווי אַ מעסער:
— עי, משה־הערש, לייג אונטער אַ פּלייצע.

שפּאַרט ער אין קעלער אונטער דעם אַנטל *)
ביז די שטריק לאָזן נאָך ווי לייצעס, —
קינדער אַפילו אין אונדזערע קאַנטן
זינגען אים נאָך:
— משה־הערש, אַ פּלייצע...

רוקט זיך אַרונטער אַ געבויגענע סטרעכע,
בייגט זיך אַ וואַנט מיט געשוואָלענע ריפּן, —

*) אַנטל — אַ פּעסל וויין. איך האָב דאָס דאָזיקע וואָרט געפונען אויך אין בער באָלעכאָווערס זכרונות.

קום, משה־הערש, צו דער וועלט, צו די דעכער,
ברענג דיינע פּלייצעס מיט גוטסקייט אויף ליפּן.

אונטער איין דאַך וואוינט דער שמיד און דער שטעלמער,
איבערן ליקל — דער האָריקער טעסלער,
רימער און קירזשנער אין שטיבלעך ווי בעלמעס,
שווערע, פאַרקלעצערטע, אָרעמע געסלעך.

ווינטער־קאַיאָרן. פון קאַניצלעך רינען
רויכיקע וועלף מיט צעשויבערטע פעלן, —
טעסען אַ שפּיצע און שווייסן אַ שינע
קומט משה־הערש צו באַלמעלאָכישע שוועלן.

פונקען און שפּענער און פּנים'ער כמאַרעס,
שניי איבער דעכער דרייט זיך און שפּרייט זיך,
האַמער און הובל מאַכן אַ וואַרע
פאַרן פאַרנייג פון צעזונגענע פּלייצעס.

קומט פון די ווינטיקע סטעפּעס אַ פרעמדער,
פאַלט ביי דער קוזניע פאַרפרוירן אַנידער,
שטייט משה־הערש אַ שולדיק־פאַרשעמטער,
רייבט אים מיט שניי אַריין בלוט אין די גלידער.

שלאָגן זיך איבערן ביסן טרעגער, —
שטריקענע בערד און אָרעמס ווי אַקסן, —
טראָגט משה־הערש די פּלייצעס צו שלעגער,
שטויסט צווישן מעסערס און דרענגלעך די אַקסלען.

פּלייצע צעשניטן, אַ וואונדיקער שמייכל:
— יידן, איר ווייסט דאָך די סדרה כי תצא...
גוט איז אַ מענטשן אַז ער קען דערגרייכן
שלום צו ברענגען מיט בלוט פון זיין פּלייצע.

## די באַלאַדע פון פוסי וואַסערפירער

פוסים באָרד איז אַ גאָלדן קרייגדל
צו אַ פּנים אַ צעקאַרבטס,
פוסי פירט וואַסער פונעם „שטיינדל"
מיט אַ קוק פון שפּעטן האַרבסט.

פוסי קען עברי נאָר מיט נקודות,
קומט ער דאָס דאַווענען אָפּ מיט אַ זאָג, —
כ'גיי פאַר דיר, גאָט, צום „שטיינדל" אויף רודעס
יידן וואַסער צו ברענגען פאַרטאָג.

נאָר אַ געזאַנג קען פוסי, — לכה דודי, —
שעפּט ער מיט דעם דאָס וואַסער קאַיאָר
און צוריק, אויפן פעסל צעהוידעט, —
לכה דודי, מיין גניאַדעלע, פאָר.

און ביי די שטיבער עפנט פוסי דעם צאַפּן,
שטראָמט דאָס וואַסער אין דער קאַן,
קומען יידן אַ טרונק צו כאַפּן,
ווי פונעם שטיין ביים לאַנד כנען.

טרעפט אין אַ ווינטער, דער שניי איז בלאָלעך,
ס'אָטעמט דער פראָסט מיט קאַלטן שטאָל,
פוסי דערמאָנט זיך אַ פּשוטן וואָלעך
און צעזינגט זיך אויפן קול.

נאָר סע רופט אים דער לכה דודי,
בלייבט ער שטיין אַזוי געפּלעפט, —
זע נאָר, איך בעט דיך, כ'פאַרקריך אויפן בוידעם,
ס'זאָל זיך נישט טרעפן ווי סע טרעפט.

אָבער דער וואָלעך קריכט אין די ביינער,
ווי אַ קליעשטש זיך צוגעקלעפּט.
טראַכט שוין פוסי: מענטש, פאַרשטיי נאָר,
ס'וואַסער אין דיר האָט זיך אויסגעשעפּט.

ס'האָט אַ ווינט דעם שניי צעקלויצעט,
פלאַכטעס וואַרפט דער פראָסט מיט כעס,
פוסים געזאַנגען — אַ ויתרוצצו,
לכה דודי . . .וואָלעך . . . גניאַדע . . . פּאַס . . .

פוסים באָרד — אַ קרישטאָלן קריינדל
און דאָס פּנים — אַ לאָמפּ וואָס צאַנקט, —
ווער האָט פוסין ווײַן פון שטײַנדל
אין אַ רויטן גלאָז דערלאַנגט?

יידעלעך טרינקט, ס'שטראָמט ווײַן פון צאַפּן,
און דערוואַרעמט אייך דאָס געביין.
נאָר דעם לכה דודי וויל פוסי דערטאַפּן,
רינט ער אים אויס צווישן די ציין.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט זיך דערשלעפּט אַליין די גניאַדע
קריק אויף דער רימערישער גאַס, —
וואו איז פוסי? פּאַרפּרוירן אַוודאי,
אָבער אָנגעפּילט דאָס פּאַס.

## זאָגט דער וואָלעך

מרדכי ציגיינער זאָגט איצט דעם וואָלעך, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.
ס'פינצטערע לעבן דיינס איז נאָר אַ שאָלעכץ,
שייל אויס דעם יאָדער פון אונטער דער הויט,
וועסטו די פרייד דיינע עסן ווי ברויט,
וועסטו דיין שיין
טרינקען ווי ווײַן, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.

וואָס איז דען טרויער? אַן אַנדער מדרגה
פרייד, וואָס פֿאַרטאַיעט זיך אַזש ווי אַ קינד.
אָט, ווי אַ טייך אין זיין טיפֿקייט אַ שטייגער
פֿון די אייגענע קוועלעכלעך רינט.
שטראָמען מיט שטראָמען ווערן פֿאַרקניפּט,
פרייד דורך טרויער ווערט דורכגעזיפּט,
לויטער דיין לייב ווי אַ זומער פֿאַרפֿרי,
זינגט אין דיין בלוט דאָס געזאַנג פֿון אר״י,
גוטסקייט פֿון וועלט איבער דיר זיך צעגיסט, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.

ציגעלעך מיינע, ווייסע, ריינע שפּייזער,
קלייען מיט שטרוי האָט איר פֿריידיק געקייט,
ווען איך צעטראָגן איבער די הייזער
שוימיקע מילך פֿאַר אָרעמעלייט.

מענטש, וועל איך זאָגן, אַ קווערטעלע פרייד
האָט פֿון די אייטערס אַרויסגעשנייט.
מענטש, וועל איך זאָגן, ביסט נאַריש, ביסט בלינד,
זעסט נישט ווי געזאַנג פֿון ציגעלעך רינט.
ציגעלעך מיינע זענען זונען אין מיסט, —
ברע האָמולי, מענטש וואָס דו ביסט.

## דער עלפטער

מיין ווייטן אברהם קופּערשטיינען
מיט ליבשאַפֿט.

צען גוטע ברידער זענען מיר געווען,
האָבן מיר די טעג געסליעט ווי די קרעלן,
האָבן מיר די בעלצער האָבערדיקע שוועלן
אָנגעזאָגט דער וועלט אַז מיר זענען צען, —
און דער עלפטער, אברהם, לעבט אין לעקסענדרען.

צען גוטע ברידער, מיט די שבחי בעש״ט
אויף אָניעגינס קני וויגן איין טאַטיאַנען,

דאָ איז בעלץ, און די וועלט איז בלאָ פונדאַנען
איינער גייט אַוועק מיט אַ פּאָרל וועש, —
און דער עלפטער, אברהם, זייט און שניידט און דרעשט.

צען גוטע ברידער, קומט אַרויס אין סטעפּ
מיט צעווייטע פּאָנען, מאַרקסן און לאַסאַלן,
וויינען מיט געזאַנג: איינער איז געפאַלן,
איינעם האָט דער גורל קיין סיביר פאַרשלעפּט, —
און דער עלפטער, אברהם, שווייגט און גראָבט און לעבט.

צען גוטע ברידער, — וויפל זענען הי?
לאָמיר זיך דערציילן „זאוויעסא זבראָשענא",
לאָמיר זיך צעטיילן ביי שטערן אויסגעלאָשענע,
ס'גייט אַוועק די באַן אין שנייאיקן פאַרפרי, —
און דער עלפטער, אברהם, האָט שוין זיבן קי.

צען גוטע ברידער, — ס'גיט דאָס האַרץ אַ ריס, —
האָבן זיך צעשאָטן ווי אַ שנירל קרעלן,
שטום זענען די טעג אויף די בעלצער שוועלן,
אָנזאָג צו דער וועלט איז געווען אומזיסט, —
און דער עלפטער, אברהם, — שרייב מיר וואו דו ביסט.

## יאַנקעל ראַפאַעל

אַ פּנים איז אַרויס פון ראַפאַעלס אַ בילד
און רופט זיך יאַנקל און איז אַ ייד אַ תם.
פאַרנאַכט־צו האָט די זון דאָס פענצטער אָפּגעגילדט
און יאַנקעל שטייט אין דעם, ווי אין אַן אַלטער ראַם.

פאַרקלערט איז יאַנקל, ווי זיין מייסטער ראַפאַעל,
און איצט איז זיין געמיט אַ ליכטיק אויפגעהעלטס,
ווייל ס'שטייט דאָס ציגעלע אויף זיין צעדרייטער שוועל
און מעקעט פרייד אויף זומערדיקער בעלץ.

און יאַנקל גייט אַרויס פון ראַם, און ס'שיינט אַ פלעק
אויף זיין פירעקעכיקער, אַשיק־גרויער באָרד,
ער טראָגט אין האַרץ דעם ווידערקלאַנג פון זומערדיקע טעג,
נאָר ס'מויל האַקט־אָפּ די פליגלען ביי זיין אייגן וואָרט.

אַ באָרוועסער שטייט יאַנקל, קייט אַ דאַרן שטרוי
און חידושט זיך וואָס ס'איז פאַרנאַכטלעך אומגעריכט,
וואָס רויטלעך איז דאָס ציגעלע און ברוין — דער גוי,
וואָס טרייסלט זיך דער וואָגן און דאָס פערדל קריכט.

אַ חידוש איז פאַר אים די וועלט אַצינד,
דאָס האַרץ זיינס איז אים ניי, ווי ערשט פאַרנאַכט אַנטפּלעקט,
אַ פאָדעם לויטערקייט האַלט ער אין האַנט און שפּינט,
נאָר טרויעריק איז דאָך, און עפּעס מאָנט און פרעגט.

און יאַנקעל נעמט דאָס ציגעלע אויף זיינע הענט
און רעדט צו דעם צעשפּילטע, זומערדיקע רייד,
דערציילט, אַז ווען ס'וואָלט אין אים זיך נאָר געווענדט,
וואָלט ער נאָר פעלד, — די הערסט, — געאַקערט און געזייט.

נאָר יאַנקל דאַרף דערנערן ווייב און הויזגעזינט
ער האַנדלט מיטן גוי, ער מעסט דאָס ברויט, און וועגט, —
אַ פאָדעם לויטערקייט האַלט ער אין האַנט און שפּינט,
נאָר טרויעריק איז דאָך און עפּעס מאָנט און פרעגט.

## אַן עבירה פאַר גאָט

אַזאַ ליכטיק פּנים, אַזאַ גילדענע באָרד,
אַזוי שטאַלטנע האָט שיקע געטראָגן די וועלט,
ס'איז געווען אַ נחת צו זען ווי ער פאָרט
אין דער ברישקע פאַרנאַכט אַהיים פונעם פעלד.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

ער האָט קינדער געהאַט, — נאָר צו גאָט און צו לייט,
און דאָס ווייב האָט געבלישטשעט אַזוי ווי בריליאַנט,
מ'איז געגאַנגען אין שטוב אַזוי שטיל, ווי אויף זייד,
ווי סע פּאַסט פאַר אַ יידן פון העכערן שטאַנד.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

אַ מאָנאַרך צווישן מענטשן, אַ גבירישער שטעל,
מיט דער שיינער נדבה, אַ שמייכל, אַ וואָרט, —
אַזוי יונג איז פון שיקען געוואָרן אַ תל,
נאָר געבליבן איז שיינען די גילדענע באָרד.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

פון דער שלייף איז גערונען אַ שנירעלע בלוט,
ס'האָט דער שטערן רבניש געטראַכט און געטרויט,
מיט די אייגענע הענט, — ווייסט דער מענטש וואָס ער טוט?
נעמט אַ ליכטיק לעבן און פאַרלעשט ווי אַ קנויט.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

אַז איר טראַכט ווי אַ מענטש איז אונדז אייגן און פרעמד,
ווערט דאָס לעבן אַזוי ווי אַ קנופּ־אין־אַ־קנופּ, —
אויפדערנאַכט האָט נאָך שיקע די באָרד זיך צעקעמט,
אינדערפרי האָבן גרעבער געגראָבן זיין גרוב.

אַן עבירה פאַר גאָט אים צו לייגן אין דרערד.

## חברים מיינע

אויף האַרבסטיקע וועגן גייען חברים מיינע
און טרינקען טרויער פון שטילע ביימער,
זיי טראָגן הבל'ען אַנטקעגן קינ'ען —
און יצחקן צו מוריה'ס גראָע שטיינער,
זיי טראָגן ליכטיקייט אויף וועגן פיינען, —
האַרבסטיקע חברים מיינע.

דער בלאָנדער הבל אויף זייערע הענט דערוואַרעמט
זיין חלום פון געבראָטענע זאַנגען,
אויף שטילע וועגן נעמט אַרום אַ צער אים
וואָס איצט דאַרף ער זיך קינ'ען דערלאַנגען,
אויף גוטע הענט אַנטקעגן קינ'ען, —
האַרבסטיקע חברים מיינע.

ס'ווערט דינער דער פּאַרנאַכט, אויף ביימער בליען
צעפּלאַמטע בלעטער — בלוטיקע קרישטאָלן,
אַזויפיל אומעט אין די הענט וואָס טראָגן צום מוריה
דעם יונגן גוף, פאַרהילט אין בלאָען וואָלנס,
אַזויפיל יצחק־טרויערס שיינע, —
האַרבסטיקע חברים מיינע.

## מיר מיט די בלויע אויגן

ה. לייוויקן

מיר מיט די בלויע אויגן
האָבן זיך באַגעגנט אויפן שטעכיקן פעלד,
און מיט די הונגעריקע פייגל אויף מטויגן
איבער דער נאַכט זיך געמאַכט אַ געצעלט.

ס'איז שוין געווען אין שפּעטן אָקטאָבער,
איז נאָר געבליבן דער אָפּשניט פון שטרוי,
ליידיקע מיצלעך פון האָריקן האָבער
און אַ ווינט, אַ ווינט, אַזוי בייז, אַזוי רוי.

ס'האָבן די פייגל אַוודאי פאַרשפּעטיקט,
וועלן זיי אונדז פאַרלאָזן גאַנצפרי, —
איר האָט ביי אונדז זיך מיט זון אָנגעזעטיקט,
זייט איצט געבענטשט אין אייער האַרבסטיקן פלי.

אָבער מיר מיט די בלויע אויגן
וועלן דאָ בלייבן אַ נאַכט מיט אַ טאָג

און זיך דערציילן פון געזאַלצענע לויגן,
און פון אַ האַריץ וואָס הענגט אויף דער וואָג.

ווייל פאַר אונדז איז נישטאָ קיין צוריקקער
פונעם שטעכיקן פעלד אין האַרבסט, —
נעמסט דאָס פיינלעכסטע פון זיך, דעם עיקר,
און מיט דער רויטקייט פון זון באַפאַרבסט.

דאָ אויפן שטעכיקן פעלד אין צווייען,
אויף אַ צעפוילטן, וואַרעמען סטויג,
ווינט וועט דעם וועג פון אָנהייב פאַרווייען,
וועלן מיר בלייבן אויג־צו־אויג.

דאָ איז דער לעצטער טאָג פאַר ביידן,
דאָ וועט צעבליען אונדזער זאָג,
וועלן מיר אויג־אויף־אויג דאָ ריידן
ביזן רויטלעכן פאַרטאָג.

און דערנאָך זיך נישט צעשיידן
איבער דער שטעכיקייט פון וועג,
נאָר זיך אַנטבלויזן אינעם ריידן
און זיך אויסשעפן ביזן דעק.

ווייל איבער אונדז מיט די בלויע אויגן
הענגט דער גורל, ווי אַ שאַרפער שניט,
ס׳האָט דער קאַפּריז אונדז צוגעצויגן
צו האַלטן אַ וואָגשאָל אינדערמיט.

האָבן מיר אונדזער בלוט אָפּגעוואויגן
און דעם סך־הכל צונויפגעשטעלט, —
נעכטן צעשיידט זיך, אַז מיט בלויע אויגן
היינט זיך באַגעגענען אויפן שטעכיקן פעלד.

ס׳האָבן דעם הימל צעריסן אויף שטיקער
ווינטן און כמאַרעס, — און אונדזערע רייד,

אַז ס׳איז נישטאָ פֿאַר אונדז קיין צוריקקער,
וועלן מיר טראָגן דעם צובונד, די קייט.

## ווי ברוריה

חנה׳ן

דער שוים פֿון קאַווע קיל איז ווי בורשטין
און דיינע קאַווע־אויגן זענען קאַלטער פֿלאַם,
די לאַנקע נאָכן רעגן זוניק איז און גרין,
נאָר זוניקער דיין רעדן פֿון קרשקש און רמב״ם.

סע זענען לויטער דיינע רייד ווי טראָפּנס טוי,
זיי טרינקען אָן, ווי טוי, מיר דאָס געמיט,
געדערט האָט ברוריה צו איר מאַן אַזוי
און רו, אין אָנגעזיכט פֿון טויט, געהיט.

דו האָסט צו זיך אַליין געמאַכט אַ סיג
און אָפּגעהיט די ריינקייט פֿון דיין שטאַם,
דיין האַרץ געוואויגן האָסטו אויף דער וואָג,
מיט חכמה האָסטו אָפּגעקילט דיין פֿלאַם.

מיט שטילן צער פֿאַר קאַרגער פֿרייד געצאָלט,
איך האָב געהערט ווי ליבּ אין דיר זיך רייסט,
נאָר ריינקייט האָסטו אין דיין שטוב געוואָלט
און ליבּ געצוימט אין לויטערקייט פֿון גייסט.

נישט איך בין רבי מאיר און מיין גאַנג
איז נישט קיין תמימותדיקער מיט מיין גאָט,
אין מיר — די שטרויכלונג פֿון אַ יעקב פֿראַנק
צערייסט דאָס גוטס פֿון דעם בעל־שם׳ס גענאָד.

נאָר דו, ווי ברוריה, ס׳גוטסקייט אין מיר היטסט
און ווייזסט מיר קלוג, ווי שלעכטס דאַרף זיין פֿאַרווערט, —
אין אייביקייט וואָלט איך דיך איינגעקריצט,
נאָר זיין אַ רבי מאיר איז מיר נישט באַשערט.

## ואני

און איך האָב מיט מיין מוטער חיה'ן נישט אַזוי געטאָן:
אַז די עלטער האָט פאַרטונקלט אירע אויגן,
האָב איך געלאָזט איר ליכט אין עלנטקייט פאַרגיין.
קום דו, מיין זון, און רעכענונג ביי מיר מאָן
פאַר אירע טעג אין טונקלקייט, פאַר אירע נעכט אַליין.
איר לעבן האָט זי אויסגעוויינט אין געזאַלצענע לויגן,
ווי די מוטער לאה אין איר עלנטן געצעלט, —
און איך האָב אפילו נישט קיין נאָמען נאָך איר אויפגעשטעלט.

אַז יעקב איז געקומען פון פּדן,
איז רחל אים געשטאָרבן אויפן וועג קיין אפרת, —
דאָס זאָג איך דיר, מיין טאָכטער אַדאַ,
אַז דו זאָלסט מיינע רייד פאַרנעמען.
געדענקען דאַרף דער מענטש ווער זיין באַשעפער איז
און איבערענטפערן אַ גאַנצע קריק זיין זעל.
מיר שטייען ביידע אויף דער שוועל,
נאָר איך אַוועקצוגיין און דו צו קומען,
און קומען וועסטו, — ווייס איך נישט מיט וועמען,
נאָר קלעפּן זאָלן מיינע רייד צו דיין גומען:
און איך האָב מיט מוטער חיה'ן נישט אַזוי געטאָן.

## שכנה'שאַפט

א. ראַבאָי'ן

ס'איז דאָ אַזויפיל פרייד אין שכנה'שאַפט פון שטיבער,
אין ברודערשאַפט פון פענצטער, אַז די זון פאַרגייט,
נאָר שכנה'שאַפט פון מענטש איז פריידיקער און ליבער,
און בונד פון שווייגעניש איז שטאַרקער ווי פון רייד.

מיר ציילן אונדזער שכנה'שאַפט אויף קאַרגשאַפט נאָר פון וואָכן,
נאָר איין מאָל שיינט דער מולד איבער אונדזער דאַך, —
אַזויפיל אומעט רעדט דאָס שווייגן פון מיין שכן,
אַזויפיל פרייד איז דאָ אין פּראָסטקייט פון זיין שפּראַך.

סע טיילט אונדז אָפּ אַ דין און פול מיט קלאַנגען ווענטל,
נאָר הערן הער איך, ווי מיין שכן שוויגט צו זיך אַליין,
אָט גייט ער אין די מעשטעס, אָט דרייט ער אָפּ דאָס קרענטל
און בלייבט ביים שטרעמל וואַסער ווי פאַרוואונדערט שטיין.

מיין ערד מיין היימישע געטראָטן האָט מיין שכן,
ער האָט, ווי איך, דעם סטעפּ געטרונקען אַ געטראַנק,
און איצט אפילו, אַז סע ציטערן ביי אים די קנאָכן,
דערשפּיר איך אין זיין קוק דאָס סטעפּישע געזאַנג.

מיר האָבן שוין אינאיינעם געגעסן מאַמעליגע
און וואָלעכלער געזונגען, און איינגעזאַלצן קעז,
מיר האָבן שוין אינאיינעם שעה'ען אָפּגעשוויגן
און אָפּגעזעסן ווייט אַ ליכטיקן מעת־לעת.

מיר האָבן שוין אינאיינעם לולקעס אויסגערייכערט,
מיר האָבן שוין געזען ווי אויף די בערג סע טאָגט,
דער אָוונט קומט שוין האַרבסטיקער און ווייכער, —
נאָר עפּעס איז געבליבן אַלץ נאָך נישט דערזאָגט.

## קראַנקער בוים

אינעם ווייסן אויפגאַנג פון באַגינען
האָסטו מיר געזאָגט מיט טרויעריק געמיט:
זע, ביי אַנדערע פענצטער ביימער גרינען,
אונדזער בוים איז קראַנק, ער האָט זיך גאָל צעבליט.

זיינע בליטן ברענען ווי געשווירן,
בלאָטערס אויף זיין גוף, ווי טשוועקעס איינגעשמידט,
פרייד פון ביימער זינגט אויף אַלע טירן,
אונדזער בוים איז קראַנק, ער האָט זיך גאָל צעבליט.

אונדזער בוים, ווי אונדזערע פאַרפריען,
טראָגט אין זיך דעם צער, וואָס מיר האָבן פאַרזייט,

ס'איז דער גורל זיינער געל צו בליען,
ווי דער גורל פון די אַנדערע איז פרייד.

## רייפּטלעך ברויט

בלויער פאַרנאַכט. וויפל זענען מיר? דריי.
אונדזערע קינדער ביים נאַקעטן פּלויט.
פּשוטע רייד זענען שניידיק־ניי
ווען מיר צעשניידן דאָס קלייענדיק ברויט.

פאַסמעס פאַרזילבערטע. טונקעלע הויט.
וויעס באַהאַלטן אַ קוק ווי אַ שניט.
הערינג, קאַרטאָפל און קלייענדיק ברויט,
וועטשערע עסן מיר דאָ זאַלבעדריט.

רייפּטלעך צעשניטן, פאַר אים און פאַר דיר,
ס'לעצטע — אַ רייפּטל געבליבן מיין טייל.
קריכט אַ געשטאַלט פון דער סאָפּע אַפיר, —
איך בין אורמענטש, מיין שטוב איז אַ הייל.

בויגן און פייל אין פאַרבלוטיקטע הענט.
כ'האָב דיר אַ לעמפּערט געבראַכט צו דער שוועל
שיר נישט אין שטרייט דאָס געביין מיינס פאַרלענדט
פלייש דיר צו ברענגען, און פאַרביקע פעל.

שטיינער און צווייגן, אַ פייער צעלייג,
מיד בין איך, ווייב, פונעם לעמפּערטס געפעכט.
אָבער דו האָסט זיך געגעבן אַ בייג
מיר צו דערלאַנגען אַ פאַרטיק געקעכץ.

טראָפּנדלעך בלוט אויף די שטיינער צעשפּריצט.
רויק איז צעגאַנגען, דער פריסעק פאַרשאַרט.
ס'האָט נאָך אַ פונק אין פאַרנאַכט אויפגעבליצט, —
ווייב, אויף מיין פאַנג האָסטו היינט נישט געוואַרט.

שפּעט דער פֿאַרנאַכט. ציטערט גראָז. ציטערט בלאַט.
ס׳איז אונדזער הייל אַזוי קראַנק, אַזוי געל.
ווייב, ס׳איז דיין פּנים מיט חלומ׳ען זאַט,
ווייך דיינע פּיס ווי פֿאַרטאָג אויף דער פֿעל.

שאַרט זיך אַרויס פֿון דער הייל אַ געשטאַלט.
פֿייל אָנגעצויגן און בויגן געשפּאַנט.
ווייב, ס׳האָט דיין פּנים פֿאַרנאַכט אויפגעשטראַלט, —
פֿאַלן וועט איינער פֿון אַנדערנס האַנט.

כ׳האָב היינט געטראָגן מיין אומגליק אין גאַנג.
זון איז אַנטלאָפֿן פֿון מיר אויפֿן וועג.
איצט וועל איך לאָזן אויף שטיינער מיין פֿאַנג
ביז ס׳וועט זיך ענדיקן אונדזער געשלעג.

דין איז דער פֿרעמדער און האַרט ווי אַ שטאַם.
האַלט ער מיין גוף אין זיין שטיינערנעם צוואַנג.
ווייב, דיין געלעכטער איז ביטער ווי סם, —
איך בין געפֿאַלן דעם פֿרעמדן אין פֿאַנג.

בלויער פֿאַרנאַכט, וויפֿל זענען מיר? דריי.
גייט אויס די זון ווי אַ מאָגערער קנויט.
הייב־אויף דיין קול און צום אונטערגאַנג שריי:
הערינג, קאַרטאָפֿל און קלייענדיק ברויט.

## ביים טייך

הערשלען

צעוויגט האָט זיך דער שלאַנקער גוף, די לופֿט געשניטן,
דאָס ברוינע לייב האָט אַזש געציטערט אין צעוויג, —
מיין זון איז אויף זיין יוגנט היינט אַרויסגעריטן
מיט מוסקולן ווי שטאָל צונויפֿגעדרייט אין שטריק.

פֿון נאָזלעכער אַ שוים, פֿון אויגן פֿונקען שפּריצן,
צעפּאַסמעט ווי אַ גריווע ווילד־געדיכטע האָר, —

אַ נחת איז דעם טאַטן דאָ ביים ברעג צו זיצן
ווען ס'וויגט זיך איבער אים זיין אויפגעשטעלטער דור.

אַ שפרונג פון הונדערט פוס — אַ לעמפּערט ביים פּאַרצוקן,
דאָס וואַסער ברעכט זיך אונטער אים ווי אַ גלאָז, און שוימט.
ער שווימט אַרויס, צעהוידעט אויפן שטראָם זיין רוקן,
און פּאַטשט מיט הענט, די גרויע לייבן־כוואַליעס צוימט.

העי, יונגער דו, פון הייך קען איך נישט שפּרינגען,
נאָר שניידן וואַסערן קען איך אַזוי ווי דו,
איך האָב אַמאָל דעם דניעסטער אויסגעדרייט אין רינגען,
די כוואַליעס האָב איך אויסגעבויגן ווי אַ דוה.

דאָס וואַסער ברויזט. מיר ביידע שווייגן און מיר שווימען.
דער ברעג, ווי רויך אין מיטנטאָגעדיקער זון, צערינט.
אָ, ווער האָט אַרום האַלדז מיר איינגעקרעמפּט אַ רימען?
די כוואַליעס וואַרפן זיך אויף מיר ווי בייזע הינט.

מיך שלעפּט צום גרונט, אין שלעסער הענט און פיס געקלאַמערט,
און דיך די שטורעמדיקע ווייטקייט רופט און ציט.
איך האָב אַזויפיל לידער אויף מיין לעבן אויסגעהאַמערט,
פאַר דיר, מיין זון, מיט פרייד דאָס פיינלעך־לעצטע ליד.

## זילבערנע מאַמע

זילבערנע מאַמע מיט גילדענעם קינד,
שויבן צום מזרח אין ווייסן פּאַרפרי,
זינגט אויף די פירהענגלעך פּאַלדיק דער ווינט:
— וואו איז דער טאַטע? ער איז נישטאָ הי.

ער וועט נישט ברענגען קיין פּעסעלע ביר,
ווען פון די ביימער וועט שנייען מיט צוויט.
אויב ער וועט קומען, איז הינטער דער טיר
וועט ער זיך שטעלן מיט פיינלעך געמיט.

אויב ער וועט קומען, — אַ גרויער ווי שטיין
וועט ער אייך ברענגען די ליידיקע הענט:
נאַט אייך מיין גורל, איך האָב דאָך נישט מיין,
אונטערגעגאַנגען מיט גאָלד מיין אָקרענט.

כ'האָב נאָר געראַטעוועט בלעטלעך מיט טינט
ווערטער צו שרייבן און לאָזן אין פלי, —
זילבערנע מאַמע מיט גילדענעם קינד,
אייגענע מיינע, אַזוי ווי איר זענט,
ווען דער אַפריל זיינע ברעגן צעצינדט.

## קאָרנבלימלעך

אַדעלען

רייסט דאָס מיידעלע קאָרנבלימלעך,
בלויע ווי פאַרטאָגן,
און דער מאַמען מיטן טאַטן
ברענגט זי זיי צוטראָגן.

האָט דאָס מיידעלע בלויע אויגן, —
קאָרנבלימלעך אויגן, —
ברענגט דאָס מיידעלע קאָרנבלימלעך
אין די הענט און אויגן.

טאַטע! מאַמע! קאָרנבלימלעך!
זעט ווי בלוי זיי זענען!
און די אויגן־קאָרנבלימלעך,
ווי צוויי שטערן ברענען.

קאָרנבלימלעך? וואו א שטייגער?
דאָ, צי אין די אויגן?
שטייט דאָס מיידעלע פאַרוואונדערט,
בלאָנדער קאָפּ געבויגן.

דאָ! איר זעט דאָך, קאָרנבלימלעך!
כ'האָב זיי אָנגעריסן.
איר זענט גרויסע, טאַטע־מאַמע!
זאָלט איר נאָך נישט וויסן?

ווייסן מיר, — נאָר קאָרנבלימלעך!
ווייסעך־וואָס זיי טויגן,
אַז אַליין האָסטו אַזוינע
קאָרנבלימלעך־אויגן.

לאַכט שוין מיידעלע צופרידן,
איר געפעלט די מעשה:
אָבער מיינע קאָרנבלימלעך
קען מען דאָך נישט רייסן.

אויב נישט רייסן, איז כאָטש קושן
קאָרנבלימלעך־זונען,
און דאָס בלויקייט פון זיי שעפּן,
ווי פון טיפן ברונעם.

## אומעטיקע שניטער

מיר, די אומעטיקע שניטער,
שניידן אָפּ די לעצטע גאַרבן.
ווער וועט זייען אונדזערע גיטער?
ווער וועט אונדזער אומעט אַרבן?

קאָסעס בלענדן, שניידיק, פריידיק
איבער בייטן בלאָנד־געקרויזטע,
פאַסן זאָלן בלייבן ליידיק,
שטעכיקע צום ווינט אַנטבלויזטע.

פון פאַרפרי ביז נאַכט געשניטן,
אויפגעשטעלט אַ שורה סטויגן.

זע דעם ערשטן, צווייטן, דריטן, —
וויפל צער אין זיינע אויגן.

נאַכט. אויף סטויגן ליגן שניטער.
שטילקייט אָטעמט. שווייגן שומעט.
זאָג מיר, ערשטער, צווייטער, דריטער:
ווער וועט ירש'ענען דיין אומעט?

## אומעט שפרייטן

צעקאַרבט איז די ערד. אין קאַרבן רינען
די בלויע טייכלעך פון באַגינען.
אויף שטעכערס הענגען אונדזערע געמיטער, —
די שניטער מיר און מיר די היטער.

אַ מחנה ראָבן איז אָנגעפלויגן
ביינאַכט אויף אונדזערע צעשפרייטע סטויגן,
צעפיקט די קערנער, צעפליקט די גאַרבן
און אונדז געלאָזט אַ פעלד מיט קאַרבן.

די סטויגן איצט, ווי איבערגעקערטע בעכערס,
צעוואָרפן קערנער אויף די בויזע שטעכערס.
דעם גורל, שניטער, וועט איר נישט פאַרמיידן,
דער טאָג גייט־אויף, מיר דאַרפן ווייטער שניידן.

מיר דאַרפן ווייטער אונדזער אומעט שפרייטן
מיט שאַרפע קאָסעס אויף געקרויזטע בייטן.

## מענטש ריס

מענטש איז איינער, מענטש איז אַלע,
מענטש איז קוואַל פון אַלע קוואַלן,
מענטש בין איך און איך בין — ריס.

בין איך פריידיק און פאַרטרויערט,
בין איך גרויסשטאָט, בין איך רויערד,
בין איך אַלצדינג וואָס סע איז.

פיל זיך אָן, מיין וואָרט, ווי טרויבן,
און דערנאָך אין אַלע שטויבן
גיס אין רינעלעך דיין טרונק.
איך אַליין, מיט הייסן גומען,
וועל צו דיינע רינעס קומען
צוצופאַלן נאָך אַ שלונג.

## אויבסן אַ קאָרב

ווען מיין געביין וויל צו מענטש אַ געשריי־טאָן,
זיך צו באַהעפטן מיט אים אין זיין גאַנג,
אַקער איך אויף מיינע ווערטער ווי בייטן,
אויפגיין פאַר אים זאָל מיין וואָרט אין געזאַנג.

זאַנגער־געזאַנגען, גאָלדיק צעקרויזטע,
ערדיקע רייד, מיט אַ סווישטש אין דער רייש,
סטעפעס אויף מיילן, צו דער זון אַנטבלויזטע,
בראָטן זיך זומער ווי שאָפן פלייש.

אמתער ווייז איז ביטער און זויער,
אויבסטיקער בוים האָט אַ וואונד און אַ האָרב, —
וואָרט — מיין ברויט, מיין וויין, מיין טרויער,
איך טראָג דיך מיט פרייד, ווי אויבסן אַ קאָרב.

## בלעטער־רייד

צווישן די שיטערע, נאַקעטע ביימער
זיפּט זיך שיין פון צעוואָרפענע שטיבלעך,
דער פאַרנאַכטיקער אומעט פון היימען
ווערט אויף שטויבעלעך ליכט דאָ צעדריבלט.

הערסט די קאָרעס אין וואַקסן זיך שפּאַלטן,
אין די הענט פּילסטו בלוט זייערס רינען,
דו אַליין ווערסט צעצווייגט אויף געשטאַלטן,
דיין געשטאַלט אין דער נאַכט צו געפינען.

ווערן וועגן פאַרשאָטנטער, ענגער,
נאָר אַרום דיר צעוואַקסט זיך דער שטח,
ווילסט אויף נאַקעטע צווייגן צעהענגען
דיינע רייד — דיינע בליאיקע בלעטער.

הענגען רייד, און די נאַכט הייבט־אָן בליען
מיט אַ ווינט אין צעמורמלטע בלעטער,
הערסט אין גאַנג פון צעוואַקסענעם פּריי־אָר
דיינע רייד, — ביז אַצינד נישט גערעדטע.

אינעם ווידערקול הערסטו די שטרעקעס
וואו דיין וואָרט איז געפאַלן ווי זריע,
וואו די בלעטער, צעקלונגען ווי גלעקער,
מיט דיין האַרץ, מיט דיין לויטערקייט בליען.

## ווינט אין אָקטאָבער

דער ווינט צערייסט די וואָלקנס אויף קנויטן,
ס'איז וואַרעם ווי אַ נעסט דיין קוק.
האָסט אויסגעלעבט אַזויפיל טויטן,
אַז ד ו האָסט שוין דעם טויט פאַרצוקט.

דו רעדסט און ס'איז אָפן דיין פּנים
מיט קלוגשאַפט, ווי פריי־האַרבסטיק גאָלד,
ווייל אַליך, וואָס געוועזן איז צו מאָנען
איז אויפגעמאָנט, איז שוין באַצאָלט.

דיין וואָרט, ווי דער ווינט אין אָקטאָבער,
מיט פרילינג און זומער איז זאַט,

מיט זייען, מיט שניט און מיט גראָבן,
מיט בוים, מיט געפּאַלענעם בלאַט.

געקאַרבט איז די צייט אין דיינע ביינער,
ווי ליכטרינגען אין מערב־פּאַרגאַנג, —
האָסט אויסגעווײנט אַזויפיל געוויינען,
אַז איצט איז געווין דיינס — געזאַנג.

## אין דער קילקייט פון טאָג

אין דער קילקייט פון טאָג ווערט וואַרעמער דער עלנט,
ווערן פּאַסיקלעך שיין אויף שטאַמען דינער.
זעסט ווי ביימער אין אייגענעם אומעט פאַרגעלן,
הערסט דעם אָפּקלאַנג פון וועלט ווי אַ וואַסערל רינען,
אין דער קילקייט פון טאָג וואָרט אויף ביימער בליט
ווי אויף אהרנס שטעקן דער שנייאיקער צוויט.

וואָרט איז דיינס, ווי ס'איז דיינער דער גילדענער עלנט,
טראָגסט אַנטקעגן דעם נאַקעטן בליעכיך זיי ביידע.
שאָטנס ווערן פאַרפרעמדט, ווי די אייגענע שוועלן,
זעסט אויף קוסטעם דערברענען דיין שיין — דיין עקדה,
זעסט ווי פונקען פון צווייגן רייסט דער היימישער ווינט, —
און דער אָפּקלאַנג פון דיר ווי אַ וואַסערל רינט.

## פויערישע פּלייצעס

הויך בין איך, מיט פויערישע פּלייצעס,
מיט דער וואַרעמקייט פון ברויט אין זומערס ענד,
כ'האָב נאָך זון מיין ווינטער צו באַהייצן,
כ'האָב נאָך ליכטיקייט פאַר אייגענע פיר ווענט.

ס'איז דער בוים צעפּייניקט מיט געשווירן
איידער צווייגן רייסן־אויף זיין הויט,

אָבער מיט די נאַקעטע קאָלירן
צינדט ער זיך אין זון, צו ברענען ווי אַ קנויט.

ערד צעשניטן אויפצונעמען זריעה,
און געזאַנג גייט אויף פון פּאָס און שניט, —
ס'איז אַ פּיין צו וואַקסן און צו בליען,
ס'איז אַ פרייד אויפצוגיין אין ליד.

## דער ווייסער לאַם

די זון אויף די הערנער האָט גענומען דער ווייסער לאַם
צו ברענגען דעם פּאַסטעך זיינעם אַ געשאַנק,
איז אָבער דער פּאַסטעך געווען אַ בלאָנדער תם
און אויף זון האָט ער געמיינט, אַז ס'איז בלעך וואָס בלאַנקט.

דער לאַם איז געשטאַנען מיט פּאָרכט און מיט פרייד,
מיט אויסגעוואַשענער וואָל און הערנער פאַרפלאַמט,
ביים פּאַסטעכס פיס האָט די זון צעגראָבן אַ בייט
און האָט אים מיט ליכטיקייט אַרומגעצאַמט.

און אויפגעהויבן האָט דער לאַם זיין צעבראָכן קול,
ווי ס'וואָלט זיך שטיקערווייז געקייקלט אויף דער ערד,
געקנוילט האָט זיך אין פרייד אין ווייסע פאַסמעס וואָל,
נאָר וואָס ער האָט געזאָגט, האָט דער פּאַסטעך נישט געהערט.

פאַרקערט, דער פּאַסטעך האָט געוואָלט אַרויס פון צאַם,
ווייל ס'האָט זיך זיין סטאַדע איבער די בערג צעשפּרייט,
ער האָט אפילו דעם שטעקן געוואָרפן דעם ווייסן לאַם,
נאָר ליכטיק און שטעכיק איז געווען די זוניקע בייט.

און אַז דער פּאַסטעך האָט נאָנט צום ראַנד צוגעשפּאַנט,
האָט ווידער דער לאַם צעבראָכן זיין קול אויף שטיק,
געמיינט האָט ער זאָגן:
— איך גיב דיר אַ זון אין דער האַנט
און דו ווילסט זי מיר וואַרפן, ווי אַ בלעכענעם טעלער, צוריק.

און אויסגעהויבן האָט דער פּאַסטעך זיין קול און געזאָגט:
— וואָס טויג מיר דאָס פייער, וואָס וואַלגערט זיך ביי מיינע פיס?
איך האָב אַמאָל אַ זון אין דער הייך פאַרמאָגט,
און איצטער ווייס איך איינס: אַז שאָפן־פלייש איז זיס.

ווען כ׳וואָלט פון דיין זון מאַכן אַ טעלער געקענט,
און בראָטן אויף אים אַזאַ נאַרישן לאַם, ווי דו ביסט,
וואָלט איך זי גענומען אין מיינע האַריקע הענט,
אַז ס׳זאָל דיין טרחה נישט זיין אומזיסט.

דער ווייסער לאַם האָט גענומען די זון אויף די הערנער צוריק
און איז מיט איר אַנטלאָפן אויף די בערג צו די שאָף,
ער האָט פון איר אויסגעפלאָכטן אַ דרייענדיקן שטריק,
וואָס זאָל די וועלט אַרומנעמען פונעם אָנהייב ביזן סוף.

און אָנגעבונדן האָט ער דעם שטריק ביי די עקן וועלט,
אַז גיין זאָל ער איבער אים ביזן סוף פון זיינע טעג
און ס׳האָבן זיך ביים ווייסן לאַם די הערנער צעהעלט, —
צו באַשיינען די גאַנצע וועלט פון עק צו עק.

## צוריקוועגס

דעם איצטיקן גאַנג וועסטו מער נישט גיין,
ווייל איין טראָט איז דער סוף פונעם גאַנג,
ווייל טויט הייבט זיך אָן מיטן לעבן אַליין,
ווייל אָנצינד איז שוין דער אָנהייב פון צאַנק.

האָסט לעבן געבראַכט און לעבן פאַרלענדט,
פון אַין האָסטו אויסגעשפונען אַ יש,
מיט פרייד האָט אין דיר דאָס בלוט דיינס געברענט
און אייביקן רוף נישט פאַרנומען:...פּ אַ ר ל ע ש.

איצט הערסטו דעם רוף, ווי אַ משפּט אויף דיר,
דער אָנהייב און סוף אין דיין בלוט איצטער שרייט, —

איך נעם דיך, מײַן לעבן, צום אָנהייב דיך פּיר,
צו זען ווי ס'איז נאָענט, צו זען ווי ס'איז ווייט.

וואָס האָסטו געפֿונען? אַ פּונקעלע זשאַר.
מיר וועלן עס איצטער צעבלאָזן אין פֿלאַם,
ס'איז דאָ אַזאַ פֿרייד אין צעצונדענעם צער,
ווי פֿרייד אינעם בלי אויף צעשניטענעם שטאַם.

ס'איז דאָ דער אין־סוף אַפֿילו אין בליץ,
ס'איז דאָ אַזאַ כּוח, וואָס אייביק געבערט, —
איך נעם דיך, מײַן לעבן, צוריקוועגס און קריץ
דײַן אומעט, דײַן גאַנג אויף דער ליכטיקער ערד.

## וואַנדערפֿייגל

וואַנדערפֿייגל האָבן היינט בײַ אונדזער שוועל זיך אָפּגעשטעלט,
מיד די פֿליגלען זייערע פֿונעם צפֿונדיקן פֿלי,
הונגעריק די שנאָבלען, אָבער ס'האָט זיך היינט דער טאָג צעהעלט,
מיט געזאַנג איז פֿול געווען די שטוב דעם גאַנצן אינדערפֿרי.

וואַנדערפֿייגל האָבן זיך אין הויף מיט זוכעניש צעשפּרייט,
קערנדלעך געפּיקט און האַרבסטיק־געלע בלעטער אָנגעשאַרט.
ס'איז פֿאַר אונדז די לעצטע, אומגעריכטע זומערדיקע פֿרייד,
איידער ס'קומט דער ווינטער אויף די בערג, בייז און פֿראָסטיק־האַרט.

מיר אַליין, ווי וואַנדערפֿייגל, זענען מיד און אויסגעשעפּט,
זיצן מיר צופֿוסנס פֿון די בערג, אינעם רויטן גלי פֿון טאָג,
ציילן מיר די יאָרן, — יאָרן וואָס מיר האָבן אָפּגעלעבט,
און מיר וויגן זיך מיט זיי, ווי אויף שאָלן פֿון אַ וואָג.

באַלד וועט נידערן דער טאָג, אונדז פֿאַרהילן אין טומאַן,
וואַנדערפֿייגל וועלן לאָזן זיך אין פֿלי אָנגעזעט,
בלייבן וועט אַ נאָכקלאַנג אויפֿן בערגלדיקן, געלן לאַן
און דער טעם פֿון פֿרייד, וואָס איז געקומען שטיל און שפּעט.

## אַ פויגל געפאַלן

אַ פויגל איז געפאַלן — צווי . . . צווי . . .
אין שטעכלעך געלן דראָט צונויפגעדרייט,
און פייגל פליען ווייטער — פלי . . . פלי . . .
און לאָזן איבער אומעט און צעשייד.

דער פויגל קוקט אַרויף — רינג . . . רינג . . .
שערענגעס פייגל האָבן זיך צעוויגט.
די הייך איז בלאָ און פליגל — גרינג . . . גרינג . . .
און מיד איז ער אויף שטעכלעך וואו ער ליגט.

דער לעצטער צווי פאַרלאָשן — וויט . . . וויט . . .
דער פויגל דאָ ציט אויס דעם מידן גוף,
איך הער: אין מיר דער טרויער — שרייט . . . שרייט . . .
צום נאָכקלאַנג פון אַוועקפלי אין דער לופט.

איך נעם דעם ציטערפויגל — ליג . . . ליג . . .
אַ קערנדל, אַ טראָפּנדל און וואַרעם היי,
דעם לעצטן קוק צום פליער — שיק . . . שיק . . .
און בלייבן וועלן מיר דאָביידע צוויי.

אַ טאָג, אַ נאַכט געבליבן — מיד . . . מיד . . .
און וואַנדערפייגל ווידער מיט געזאַנג.
דער פויגל צו די שויבן — פליט . . . פליט . . .
און פאַלט אַרונטער, איינגעשרומפּן, קראַנק.

## געלע בלעטער

טרעט נישט אויף די געלע בלעטער,
לעבן אָטעמט נאָך אין זיי,
בוים איז נאָך אין זיי פאַרוואָרצלט
און דער אָפּריים טוט נאָך וויי, —
טרעט ניט אויף די געלע בלעטער.

ברעך נישט די צעקרומטע צווייגן,
ס'איז נאָך דאָ אין זיי געוויין,
נאַקעט מאָנען זיי דאָס לעבן
מיטן וויסן פון פאַרגיין, —
ברעך נישט די צעקרומטע צווייגן.

## אַלטמאָדיש

מיינע געזאַנגען, פון ערד אויסגעקנאָטן,
זענען אין מיר מיט אַלצדינג געראָטן,
אָבער נישט איך, און נישט די געזאַנגען,
זענען נאָך אַלץ צו דער וועלט נישט דערגאַנגען.

כ'בין נאָך אַלטמאָדיש, ווי דאָרפישע קוויטן,
כ'גראָב נאָך די ווערטער ווי גוים די בייטן,
ס'האָט שוין די וועלט נייע ווערטער געפונען,
איך אָבער האַלט נאָך ביי ווינטן און זונען.

ס'איז מיר אַ חרפה פאַר מיינע קאָלעגן
היינטיקע צייט צו דערמאָנען דעם רעגן,
לעיעלעס, גלאַטשטיין און אהרן צייטלין
שמייכלען אוודאי: ער האַלט נאָך אין קוויטלען.

ס'שטייט היינט אַ פינצטערער באַרג מיר צוקאָפּנס
און אויף מיין פענצטער קייקלען זיך טראָפּנס,
אָבער אַ פּייערל ציטערט פון נעפּל,
ווי אַ באַלויכטן קינדעריש קעפּל.

גייט אין מיר אויף אַזאַ פרייד, אַזאַ טרויער,
ווערן די רייד מיינע פשוטער, רויער,
בין איך אַלטמאָדיש, — דער שד זאָל עס נעמען, —
וועל איך היינט זינגען פון באַרג און — זיך שעמען.

# ברידער

## קין

ווי אַ שטיק צעפּלאַמטע רודע
איבער קינ׳ען די זון פאַרגייט
און אַ ברודער וויגט אַ ברודער,
וואָס אַליין האָט ער געטייט.

ס׳רייכערט זיך נאָך פליש געבראָטנס,
ביינער פונקען נאָך אין זשאַר,
אין פאַרנאַכט וואַקסט־אויס דער שאָטן
פונעם ערשטן ברודערדיקן צער.

ס׳ליגט דער שטיין מיט בלוט באַשפּרענקלט,
הבל׳ס קאָפּ רוט לעבן שטיין,
און אין קינ׳ס האַרץ — אַ בענקען
שטיל גייט־אויף, ווי אַ געוויין.

עפן דיינע אויגן, הבל,
ס׳רופן דיך אין פעלד די שאָף,
ערשט ביסטו געווען דאָס לעבן
און אַצינד ביסטו דער שלאָף.

הבל, שווייגסט? די האָר צעשויבערט
און מיט פייער־רויט פאַרפּליצט,
ס׳פּנים דיינס איז בלייך און זויבער,
אָפן מויל דיינס שווייגט און רייצט.

ווער ביסטו? אַצינד ערשט אייגן,
ערשט דיין בלוט אין מיר דערשפּירט,
קין וועט ביי דיר זיך לייגן,
ווי אַ קראַנקע שאָף ביים הירט.

אַז דו שלאָפסט, ווער רופט מיך איצטער?
איבער גראָזן גייט דער רוף,

און די רייד, ווי שטיין־פּאַרשפּיצטע,
שניידן זיך אַריין אין גוף.

פרעמד דאָס קול און דו ביסט אייגן,
קיין שרעקט זיך פאַר די רייד;
קיין וועט צו דיר זיך בייגן,
ווי צום אַקער אויף דער בייט.

ס'קול מאָנט ברודער, — דו ביסט הבל.
ס'קול שרייט: קין, האָסט געטייט...
דו ביסט לעבן פון מיין לעבן,
דו ביסט איינס און זאַלבעצווייט.

נאַכט. דער ווינט אויףביימער — דרדו.
איבער גראָז דאָס קול נאָך גייט,
און אַ ברודער וויגט אַ ברודער,
וואָס אַליין האָט ער געטייט.

## ישמעאל

נאַכט איז אין מדבר. איך שטיי דאָ און זאָג איר:
מאַמע מיינע הגר.
ווער איז דער שטראָפער און ווער איז דער שלאָגער,
מאַמע מיינע הגר.
דאָ איז די מדבר און דאָרט איז דער יאָגער,
מאַמע מיינע הגר.
אויגן דיינע — הונגער, ס'פּנים דיינס איז מאָגער,
מאַמע מיינע הגר.

דער טאָג צינדט זיך אָן און אויף ייִנגלשע הענט
פאַרלאָשענעם גוף טראָגט ישמעאל און מאָנט, —
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט,
אַז דאָ ווערט פאַרלאָשן און דאָרט צינדט זיך אָן?

אברהם האָט גאָט אין די אויגן געקוקט
און אייביקייט זיינס אינעם אָנבליק דערקענט,
און דאָ האָט די מדבר די מאַמען פאַרצוקט, —
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

דאָס לעבן איז לאָגל, איז וואַסער, איז ברויט,
דאָס לעבן איז האַנט, וואָס דערשלאָגט און פאַרלענדט,
דער טויט איז דאָס האַרץ, וואָס האָט ליב און געטרויט, —
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

דאָס לעבן איז יצחק אין שרהס געצעלט,
דער טויט איז אַ גוף, אין דער מדבר געשענדט,
אַ פּנים — פאַרלאָשן, אַ מאַמע — פאַרגעלט, —
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

אָ, ברודערל יצחק, דו שטייסט אויף דער שוועל
מיט פריידיקן ציטער, ווען שרה געגעענט,
און איך — טראָג אַ גוף, ווי אַ טרוקענע פעל,
אין וועמען איז לעבן און טויט דען געווענדט?

אָט האָב איך דעם גוף שוין פאַרשאָטן מיט זאַמד,
אַ מאַמען פאַרשאָטן מיט יינגלשע הענט,
און ס'האָט, ווי אַ בוים, זיך די ליבע צעשטאַמט, —
אין וועמען איז ליבשאַפט און פיינטשאַפט געווענדט?

אויף דער שוועל פון מדבר
האָט אַ בוים זיך צעבליט, —
יצחקל, מיין ברודער,
כ'האָב דיין שאָטן געהיט.

כ'האָב געזען דיך וואַקסן
אין דעם שאָטנס גרוים —
יצחקל, מיין שאָטן,
ווייסט נישט אַז איך וויים.

כ'האָב געזען דיך פירן
אויג־אויף־אויג צום טויט

און כ'האָב נאָכגעטראָגן
מײַן פאַרברענטע הויט.

כ'האָב געזען דיך שטרעקן
אויפן שטיין און האָליק, —
כ'וויל נישט, גאָט פון מדבר,
מאַמעס טויט באַצאָלט.

כ'האָב געזען דאָס מעסער
ווי פאַרטאָג סע בלאַנקט
און מיט דיר אינאיינעם
האָט מײַן האַרץ געצאַנקט.

כ'האָב געזען דעם ווידער
און דאָס קול געהערט, —
ברידער זענען ברידער
אויף דער שאַרף פון שווערד.

## יעקב און עשו

### א

דאָס חומש דערציילט אַזוי: ס'איז עשו
געקומען אויף דער וועלט האָריק און רויט,
און נאָכגעשלעפּט נאָך אים האָט זיך יעקב,
מיט הענטלעך אין ברודערס פּיס פאַרטרויט.

נאָר עשו דערנאָך האָט אָפּגעריסן
פון יעקב'ס הענט זײַנע רויטע טריט,
און ביים מאַן פון פעלד האָט זיך די שנאה
צום שטילן ברודער זײַנעם צעגליט.

דאָס חומש דערציילט נאָך ווייטער, אַז עשו
האָט חיות מיט בויגן־און־פייל געטייט,

און יעקב איז אין געצעלט געזעסן
און רבקהס האַרץ מיט זיין שטילקייט דערפרייט.

אַזוי האָט די קריג זיך אָנגעהויבן, —
פון קליינעם פונק צום גרויסן פלאַם, —
און האָט זיך געצויגן פון ברודער צו ברודער
דורך אַלע דורות פון שטאַם צו שטאַם.

ס'איז יעקב געווען אַ יושב אוהל
און יצחקס בלינדקייט האָט ער געהיט,
נאָר עשו אין פעלד האָט אין זיך געטראָגן
דעם אָנריר יעקבס אין זיינע טריט.

דער האָריקער, האַרעפּאַשנער עשו, —
אין פעלד ביים אַקער, אין וואַלד אויף געיעג, —
האָט יעקבס שטילקייט אַריינגענומען
אינאיינעם מיט דער אייגענער שרעק.

דאָס חומש דערציילט, אַז פאַרקויפט האָט עשו
די בכורה זיינע פאַר לינדזן־געקעכץ,
פאַרהאָרעוועטער, מידער עשו, —
און יעקב איז שטיל און איז גערעכט.

דאָס לינדזן־געקעכץ האָט עשו געשלונגען,
דערנאָך אָפּגעשלאָפן ביז קאַיאָר,
און אויפגעשטאַנען מיט דער דערמאָנונג
אַז איצטער איז ער שוין נישט דער בכור.

דאָס חומש דערציילט נישט פון עשו'ס אויפשטיין,
ווי ס'האָבן געשטאָכן אים די האָר
און ווי פון זיין האָריקייט האָט זיך געריסן
דאָס אויסגעשריי: כ'בין שוין נישט דער בכור.

דערשלאָגן איז עשו אין פעלד געגאַנגען,
נאָך אים — דאָס אייגענע געשריי,
אַ פויגל מיט אָפּגעהאַקטע פליגלען,
וואָס כאָוועט די שנאה אין זיין ווײ.

ב

טעג זענען דאָ הונגעריקע, טעג זענען דאָ זאַטע,
אָבער שטענדיק איז די מורא מיינע, טאַטע.

כ׳רייס דאָס ברויט פון פעלד אַרויס מיט ציין־און־נעגל,
לייב און לעמפּערט גיי איך מיט מיין ברוסט אַנטקעגן.

נאָר ס׳פּאַרלויפט אַ שאָטן מיר דעם וועג אַ סך מאָל,
זון פאַרגייט אויף מיר אַ קאַלטע און אָן רחמים.

ס׳האָט געטראָפן: אויף מיין אָנגעשטייפטן בויגן
האָט אַוועקגעזעצט זיך אַזאַ גרויער פויגל.

אָט אַזוי געזעסן, ווי אַ דעמב געשוויגן
און דערנאָך פאַרשפּרייט אויף מיר די גרויע פליגל.

נעכטן, אַז געשניטן כ׳האָב אין פעלד אַ רודע,
האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ׳שנייד דאָס לייב פון ברודער.

כ׳האָב אין ערד־שניטן געזען דאָס בלוט זיינס רינען, —
היט מיך, טאַטע, איך האָב מורא פאַר מיין שנאה.

וויפל מאָל שוין האָבן רינוועלעך געזאָטן
און אויף זיי געלעגן איז מיין ברודערס שאָטן.

שרעק אין מיר, דער בויגן אין די הענט — אַ טעמפּער
און אַנטקעגן מיר געשפּרונגען איז אַ לעמפּערט.

אויף אַ בוים האָט מיר די שרעק אַרויפגעקלעטערט,
נאָר געבריט, ווי פריסעק, האָבן מיך די בלעטער.

כ׳ווייס, אַז דו אַליין האָסט ברודער־האָס דערקענט שוין,
שפּרייט אויף מיר די הענט, — מיט ליבשאַפט מיך צו בענטשן.

כ׳ווייס, דו האָסט דעם טויט אַמאָל אין אַ באַגינען
אָנגעקוקט, נאָר נישט מיט שרעק און שנאה.

דו ביסט בלינד, נאָר מיט די פינגער דיינע זעסטו,
ווי די אויגן מיינע יעקבס שאָטן מעסטן.

הערסט אין מיר דעם ציטער אויפגיין אין פאַרפריען,
ווי איך דיר אַליין אויפן באַרג מוריה.

ס'האָט די פיינטשאַפט באַלד ס'האַרץ אין מיר פאַרברענט שוין, —
שפּרייט אויף מיר די הענט, — מיט ליבשאַפט מיך צו בענטשן.

ג

דאָס קול איז יעקבס, נאָר די הענט זיי זענען עשו'ס
די האָריקייט טאַפּט יצחק אָן און פעלדער־ריח שפּירט:
געשמאַק געווען דאָס מאָלצייט דיינס, איך וועל דערפאַר דיך גרייסן,
מיין זון — דער אַקערער, דער יעגער, דער וואַנדערער, דער הירט.

דער בלינדער יצחק גיט אַוועק די ערשטע, זאַטע ברכה
צו יעקבן, וואָס האָט די הענט מיט האָריקייט פאַרשטעלט:
דעם טוי פון הימל און דעם שפּריי, וואָס קומט אַ שטיפער נאָך אים,
די תבואה צייטיקע און מער: ס'געזאַנג פון זומערדיקן פעלד.

און עשו יאָגט זיך אום אין וואַלד מיט הייסע פייל־און־בויגן,
מיט פרייד: ס'האָט יצחק צוגעזאָגט אים בענטשן פאַרן טויט.
ער ווייסט דאָס גאַנצע לעבן זיינס מיט לייכטע טריט אַזוי גיין
און זינגען: ס'האָט דער טאַטע מיר זיין ברכה אָנגעטרויט.

די זון האָט זיך אין צווייג־געדריי, ווי הערנערלעך פאַרפּלאָנטערט
און עשו זינגט צו זיך, צו זיי: די זון איז אַ גאַזעל,
איך וועל אויף זיך, אויף זיך אַליין די הערנער אירע אָנטאָן
און — קומען אַ גאַזעל פאַרשטעלט צום טאַטן אויף דער שוועל.

מיט זיידנס האָט דער ווינט פאַרשפּינט דאָס גראָז
אוןביימער־שטאַמען
און עשו פילט אויף זיינע האָר דעם אָנריר פונעם זייד.
אַזוי האָט אים אַמאָל מיט גוטס אויך אָנגערירט די מאַמע
און איצטער נאָך דאָס האַרץ אין אים צו מאַמעס זיידנס שרייט.

און ברודער, זינגט ער, ווי אַ שאָף, אַ מידע און אַ קראַנקע,
זיצט אין דער זון אַריינגעהילט און וואַרעמט זיך פאַרשטילט, —
אָ, ברודער מיינער, שטילער תם, מיין אייגענער, מיין יעקב,
מיין האַרץ האָב איך אַצינד צו דיר מיט ליבשאַפט אָנגעפילט.

ס'איז אָפן איצט מיין גאַנג צו דיר, מיין האַרץ איז דיינס אַ טויער,
אַריבערטרעטן נאָר די שוועל, איז גוטס פאַר דיר געגרייט,
צו דיר האָב איך מיין ליבשאַפט צעאַקערט היינט ווי רויערד, —
אַ מענטש, וואָס טאַטנס ברכה טראָגט, פון זיך רייסט שטיקער פרייד.

די שרעק דיך פיינט צו האָבן — היינט ווי וואָלקן איז צערונען,
דער וואַלד טרינקט מיין געזאַנג און שאָקלט זיך פון טרונק,
אַ ברודער, זאָגט דער וואַלד, האָט עשו היינט געפונען
און פילן וועט ער אים, ווי ווייַן מיט ציטער אויף זיין צונג.

ד

עשו האָט אַ הערש געפאַנגען
און אַהיים מיט פרייד געגאַנגען,
מיט דערוואַרטונג, ווי אויף אַ נס:
טאַטנס הונגער צו דערנערן
און מיט בענטשונג זיינער ווערן
אָנגעפילט, ווי אַ געפעס.

האָט נאָר פייל געדאַרפט אַ צי־טאָן
און דאָס אויג זיינס דאַרף שוין היטן
ווי דער הערש פאַרוואונדערט פאַלט.
דינע פיס און הערנער־פלאָנטער
און דער גאַנג איז איצט אַ נאָנטער,
נאָר אַ שפאַן איז היים פון וואַלד.

טאַטע יצחק, ברודער יעקב,
גוט איז ברענגען אייך געשאַנקען
מיט אַן אָפן, פריידיק האַרץ.
ברודערס שוועל וועל איך פאַרביי־גיין
און אַ זינג־טאָן צו זיין שווייגן
און אַ לאַך־טאָן: נישט גענאַרט!

יאָ געגאַרט, — איך בין דיר מוחל,
ס'איז צערונגען, ווי אַ רויכל
דאָס צו דיר פֿאַר לינדז־געקעכץ.
אין די נעכט, צעשויבערטע־וואַכע,
מיט דער ליבשאַפֿט און דעם פּחד,
האָט דאָס האַרץ נאָך דיר געלעכצט.

אַז פֿאַריאָגט האָב איך די שנאה,
קאָן איך בכורה דיר פֿאַרגינען
און דעם בונד צו מיינע טריט.
דו ביסט גלאַט און איך בין האָריק,
דו ביסט שטוב און איך בין נאָרע,
נאָר מיין בלוט מיט ליבשאַפֿט זידט.

בלינד דער טאַטע, טאַפּט נאָר, הערט נאָר,
אָבער יונג ביים הערש די הערנער
און ס'איז ווייך זיין פֿלייש און זיס.
קום, וועט זאָגן טאַטע יצחק,
נאָך דער ברכה מיינער זיך־נאָך
ס'לעצטע מאָל ביי מיינע פֿיס.

שפּעטער מיטנטאָג, נאָר סאַיווי
פֿאַרבט די זון געצעלטן־לייוונט
מיט אַ שטיל און טונקל גאָלד.
טויטער הערש אויף עשו'ס אַקסל, —
ליכטיק־ברוין די פֿעל און פֿלאַקסיק, —
הוידעט גרינג זיך ווי אַ טראָלד.

ה

דאָס געשריי עשו'ס פֿון יצחקס געצעלט
האָט פֿאַרנאַכט זיך געריסן דערשטיקט און רוי,
ס'האָט דער הערש זיך געוואַלגערט מיט קויטיקער פֿעל
און מיט טויטע אויגן געהערט דאָס געוואָי.

ס׳האָט אַ ציטער געטאָן יצחקס בלינד געשטאַלט,
מיט די הענט האָט ער כאַפּן די ווערטער געוואָלט, —
ווער איז עשו? ווער איז יעקב? ס׳האָט פעלד און וואַלד
פון זיי ביידע געשמעקט און געלויכטן ווי גאָלד.
כ׳האָב געמיינט, אַז פאַרבינדן מיט ברודער דעם קנופּ
איז געווען צו פאַרגעבן, ווי איך האָב אַמאָל.
זיין געשריי האָט עשו מיט די ציין געצופּט
און אויף יצחקס קאָפּ געוואָרפן זיין קול:

כ׳האָב געמיינט, אַז אַן אויסלייז פאַר שנאה אין מיר
וועט דיין ברכה זיין אין פאַרלאָשענע טעג,
אַז דאָס לעבן מיינס וועל איך אַזוי גוט, ווי איך שפּיר,
ביזן סוף דערטראָגן, דערשעפּן ביזן דעק.

ס׳איז פאַרפינצטערט פאַר מיר דער טאָג אַצינד,
דיינע הענט זענען פרעמד, דיין קול איז אַ שניט,
נישט קיין ליבשאַפט צו ברודער, נאָר שנאה פאַרבינדט,
איך בין איינער געבליבן און איר — זאַלבעדריט.

דער פאַרנאַכט האָט אויף יצחקס געצעלט דערברענט
מיט אַ רויט־פאַרגאָסענער צעיאַטערטער וואונד
און ס׳האָט עשו ווידער צום טאַטנס בלינדקייט געגענט
און זיין צער אויפגעעפנט, ווי אין פאַס אַ שפּונט.

ס׳איז איצט ליידיק דיין האַרץ און דיינע טעג געציילט,
ס׳האָט פון דיר גאָטס חסד זיך אָפּגעקערט,
איז מיט וואָס וועסטו בענטשן, אַז די ברכות צעטיילט
און האָסט יעקבן געגעבן דאָס גוטס פון דער ערד?

צווישן טאָג־און־נאַכט, אויף דער גרענעץ פון צייט,
האָט זיך אויפגעשטעלט יצחק, ווי אַן אָנזאָג, אַ טרעף, —
כ׳הער אין יאָרן שפּעטער, ווי דאָס בלוט דיינס שרייט,
כ׳זע דיין לעבן, עשו, צו דער שווערד צוגעהעפט.

אויף דער שווערד וועסטו לעבן, אין אייביקער קריג,
וועסט מיט בלוט דערנערן דיין דור און דיין שטאַם,

# אפריס אויערבאַך

צווישן דיר און דיין ברודער וועט זיך שאָקלען די בריק
און דיין האַרץ וועט זיך הוידען צווישן גוטסקייט און סם.

ס׳וועט דיין ברודער זיין האַר, אָבער דו, מיט דער שווערד
וועסט דעם גאַנג דיינעם שניידן ביזן לעצטן שניט,
ס׳וועט דיין האַרץ זיין אַ קנויל, צעבליט און פאַרצערט,
וועסט דעם האַס טרינקען און זיך שטילן דערמיט.

צווישן טאָג־און־נאַכט, אויף דער גרעניץ פון צייט,
האָט זיין קול מיט געוויין רויטער עשו צעשפריצט, —
וויפל אומגליק איז דאָ אין דער שווערד, אַז זי שניידט,
וויפל טרויער אין האַנט, אַז די שווערד אין איר בליצט.

ס׳איז די נאַכט צוגעפאַלן — צעשניטן אויף העלפט,
ס׳האָט איין העלפט פון דער צווייטער מיט רויט זיך געווערט,
דאָס געשריי איז אַרויס פון יצחקס געצעלט,
און ס׳איז עשו אַוועק מיט זיין גורל — דער שווערד.

ו

גרויס איז דאָס לאַנד שעיר,
גרויס איז דער הערשער איבערן לאַנד,
יעקבס וועג צעהאַקט עס אויף צווייען
צו כנען אַצינד, ווי ער שפּאַנט.

ווער איז דער הערשער איבער שעיר?
עשו — דער ברודער, וואָס לעבט אויף דער שווערד,
יעקב — דער וואַנדערער, דער גייער —
האָט פון עשו׳ס מלחמות געהערט.

מיט זיין הויזגעזינט, מיט שאָף און רינדער,
קנעכט און קעפּסווייבער און עלף זין, —
יעקב גייט צום לאַנד פון זיין שטאַם אַצינדערט,
וואו ס׳איז בלוי דער הימל און די פּאַשע — גרין.

וואו ס׳האָט אברם גאָט דערזען אין פייער
און פאַרשניטן מיט אים אַ בונד,

וואו אויף גראָז און שטיין — דער שם הויה
גיט זיך גוט אַמאָל, און בייז אַמאָל, אַ צונד.

לאַנד פון אָפּשטאַם, יעקבס אייגנס,
ס'לאַנד האָט צוגעזאָגט אים גאָט,
יעקב גייט, — דעם קאָפּ אַוועקצולייגן
אויף דער ערד, וואָס פול איז זי מיט סוד.

סוד פון פייער, סוד פון צוזאָג, סוד פון ליידן,
סוד פון גאַנצקייט און פון ריס,
לאַנד, וווּ ער אַליין וועט זיך צעשניידן,
ווי די צוועלף שטיקער אין אברהמ'ס ברית.

נאַכט. פאַרהילט דאָס לאַנד איז אין אַ שלייער,
גאָט פאַרלעשט מער שטערן, ווי ער צינדט, —
אויף דער גרעניץ, צווישן כנען און שעיר,
קומט צו יעקבן דערמאָנונג פון אַ זינד.

ברודערס ווייגען הערט ער, אָבער מער דאָס שווייגן,
וואָס אַליין האָט ער געשוויגן יענע נאַכט,
ווען עשו האָט מיט געשריי געבראָכן צווייגן
און מיט צער געגאַנגען אויסשניידן זיך אַ דאַך.

פול די נאַכט מיט שאָרכן און מיט סקרוכן,
יעקב זוכט אין פינצטערניש באַשייד:
ברענגען קריק פון ברודער די שלוחים
גוטן אָנזאָג, צי די שווערד אַרוים פון שייד?

כ'גיי צו דיר, יעהאָווע, און פון דיינעטוועגן
שטעל איך איצט דאָס לעבן מיינס אויף פּרואוו,
כ'האָב ביי לבנ'ען, דורך ליגנס און געשלעגן,
דיך געהערט, געשפּירט אין זיך דיין רוף.

קום אַנטקעגן מיר, אין שווערער שעה, יעהאָווע,
כ'האָב מיין שטאַם נאָך אַלץ נישט אויפגעשטעלט,

מיינע זין, — די שבטים, — וואָס איך כאָווע
טוליען זיך נאָך אַלץ צו מיר אין מיין געצעלט.

ז

ס'שפּראָצט אַרויס די זון מיט גילדענע הערנער,
אָפּן אויף דער זון שלאָפט יעקבס מחנה,
איינער נאָר טראָגט שרעק פאַר ברודער־צערנער,
איינער נאָר, — יעקב איז פון נעכטן וואַך נאָך.

ס'פעלד איז אָפּגעשניטן, קעגן זון — די סטערנע,
ווי צעשפּריצטע האָלעוועשקע פינקלט,
אין געצעלט ביי רחלען שטעכט דער טאָג די הערנער,
רייסט דעם שלאָף אַרויס פון שטילער רחלס ווינקל.

יעקב, מיטן סוד פון זיין געראַנגל,
מיטן מום אויף זיך — יעהאָוועס צייכן,
הוידעט זיך אין גאַנג, ווי אויף שטאַנגען,
נאָר צו רחלען קען ער נישט דערגרייכן.

וויפל שטרעקעס צווישן אים און רחלען גרינען,
וויפל ציטער איבער די געצעלטן־דעכער,
דאַכט זיך אים, אַז ווידער דאַרף ער פאַר איר דינען,
ס'לויטערקייט אין איר נישט צו פאַרשוועכן.

אָפּגעדינט פאַר איר זיבן יאָר, און פערצן,
אָבער נאָך נישט אויסגעשעפּט צום דעק דאָס דינען,
ס'איינע האַרץ — צו איר אַ קנויל פון הערצער, —
וויפל שטרעקעס צווישן אים און רחלען גרינען.

אויף דער מחנה וועט דער טאָג זיך באַלד צעברענען,
יעקב די חיילות, ווי אַ הערשער וועט צעשטעלן,
נאָר צו רחלען וועט ער ציטערדיק גענענען
און פון נאָענט וועט נאָך גרעסער זיין זיין עלנט.

ס'איז דער עלנט, וואָס אין גרויסקייט ווערסטו קלענער,
ווייל אַן אָפּשטעל האָט די גרויס די גרעסטע,

פונעם צעדער בלייבן אויך נאָר איבער שפּענער,
איינגעשרומפּן ווערט אַ שטרעקע אינעם מעסטן.

ס'איז דער עלנט, וואָס דעם צובונד דאַרפסטו קניפּן
נאָר מיט זיך, מיט אייגן ביסל פּעדים,
וואָס דיין וואָרט דאַרף דורכגיין דורך די ליפּן, —
וואָס געבראַכט האָסטו דיין רחלען צו דעם אדום.

וואָס דיין אויסלייז וויגט זיך אויף אַ שטריקל
און דיין זינד אויף דיר — פאַרוואָקסן ווי אַ קאָרע,
וואָס דער אמת איז אין דיר פאַרוויקלט
און דער ליגן שניידט — אַן אָפענער און קלאָרער.

יעקב וואַקלט זיך דער זון אַנטקעגן
מיט דער דיך, דער אויסגעלענקטער,
ביי דעם אויפגאַנג פונעם טאָג גאָט צו פרעגן:
וויפל זענען אים באַשערט נאָך טעג פאַרבענקטע.

ח

ביי טאָג איז עשו'ס מחנה געקומען
מיט בויגן, מיט שווערד און מיט טאַצן,
און יעקב האָט געטראָגן זיין אומעט
אַנטקעגן, ווי אַ שטאָלענעם פאַנצער.

ס'איז עשו געגאַנגען פונפאָרנט,
זיין שווערד אין דער זון האָט געפאָכעט,
זיין רויטקייט — נאָך רויטער מיט יאָרן,
נאָך פולער מיט קראַפט זיינע קנאָכן.

ס'האָט צוגעגרייט יעקב אַ סעודה
און קנעכט אויסגעשטעלט מיט מתנות,
נאָר עשו — געקומען צום ברודער
זיין אייגן געשריי צו דערמאָנען.

ס'האָט ברודער צו ברודער געענטפערט, —
אויף שפּאַנען צו מעסטן די שטרעקע, —

און צווישן זיי ליגן געשענדטע
די יאָרן פון גיין און אַוועקגיין.

ס'גייט עשו מיט שפּאַן צוגעשמידטן
צו ערד און צו שווערד און צו רודע,
ס'גייט יעקב מיט גאַנג אָפּגעהיטן,
מיט מום צו באַגעגענען ברודער.

ביי מחנות די פרייד איז צעפּלאָשעט,
ביי האַרן — די אומרו צעהוידעט,
באַגעגענען ברודער איז פּשוט,
נאָר סקנוילן ביי ברידער זיך סודות.

די יאָרן פון אָפּשייד — פאַרהוילן,
נאָר אָפּן פון צובונד די יאָרן, —
וועט איצטער דער סוד זיך צעקנוילן,
וועט שיילן פון זיי זיך די קאָרע?

געזאַנגען אין מחנות פאַרקלינגען
דעם שטח צעווישן די ברידער,
ס'איז מחנה צו מחנה געריגגלט
מיט פריינטשאַפט, מיט אָפענע לידער.

נאָר האַרן — אין בלוט זייערן נאָנטע,
צעריסן אַנטקעגן זיך גייען,
סע קנוילט זיך אין זיי דער פּלאָנטער
פון ברידער אין כנען, אין שעיר.

## ט

(די מחנות עסן די רייכע סעודה, זינגען, צימבלען און פּויקן. טענצערינס פון יעקבס לאַגער טאַנצן פאַר די געסט. יעקב און עשו זיצן אָפּגעזונדערט אונטער אַ ברייט־צעצוויגטן בוים)

**עשו:**

אויף אַ טאָג אַזאַ האָב איך געוואַרט.

**יעקב:**

איך האָב פאַר אים מורא.

עשו:

מורא? לאַנג אין מיר שוין אויסגעברענט.
ס'האָט דער לעצטער פונק זיך אויסגעלאָשן
מיטן אויסגעשריי אין יענער נאַכט.

יעקב:

יענע נאַכט?

עשו:

יענע נאַכט. די פרייד וואָס כ'האָב געטראָגן
מיטן טויטן הערש אויף מיינע אַקסלען,
די דערוואַרטונג אויפן טאַטנס ברכה
און דערנאָך... פאַרוואָס אַזוי, יעקב?

יעקב:

ברודער...

עשו:

זאָג, פאַרוואָס אַזוי, יעקב?

יעקב:

פרעגסט מיך פשוט, נאָר דער ענטפער
איז פאַרפלאָנטערט, ווי אַן אַלטער וואַלד.

עשו:

כ'האָב דעם פלאָנטער מיט דער שווערד געשניטן.

יעקב:

איך האָב אים אַרויסוויקלען געוואָלט
מיטן חלום וועגן גאָט און שטאַם.

עשו:

אָבער זאָג, — פאַרוואָס אַזוי?

יעקב:

חלום וועגן גאָט און שטאַם.

עשו:

ניין, נאַרעריי פון ברודער צו זיין ברודער.

יעקב:

ס'איז געווען דער רוף אין מיר יעהאָוועס.

עשו:

כ'ווייס, אָבער פעלשן אין אַ ברודער...

י ע ק ב :

נישט געפעלשט, נאָר דעם רוף געפּאָלגט.

ע ש ו :

כ'ווייס, אָבער אויבן איז יעהאָווע,
דאָ איז מענטש, דאָ איז האַרץ, דאָ איז גוף.
מענטש דאַרף טראָגן מענטשנס גורל,
נישט יעהאָווע.

י ע ק ב :

ברודער, ס'איז געווען אין מיר אַ פייער,
וואָס פאַרצערט דאָס האַרץ ווי קרבן.

ע ש ו :

קרבן? איך בין דאָך דער קרבן.

י ע ק ב :

דו האָסט שווערד, האָסט לאַנד און חייל.

ע ש ו :

נישט געוואָלט האָב איך די שווערד,
כ'האָב געוואָלט מיין לעבן בויען
אויף דער ערד, דעם אַקעראייזן,
אויף דער שטילקייט פון פאַרנאַכטן,
אויף דער זוניקייט פון פאַרטאָגן.
כ'האָב געוואָלט דאָס האַרץ זאָל אָפן
גיין אַנטקעגן דיר, מיין ברודער.

י ע ק ב :

אָבער איך האָב אויסגעחלומט שטאַם און פאָלק.

ע ש ו :

איך האָב אויך געחלומט . . .

י ע ק ב :

דו געחלומט?

ע ש ו :

נישט קיין וויטן חלום, נישט אין אייביקייט,
מענטש, נאָענטקייט געווען מיין חלום.

י ע ק ב :

האָסט דאָך פיינט געהאַט.
פיינטשאַפט שטעכט דעם חלום מיט אַ שפיז.

עשו:
מורא פאַר דער שנאה, נישט קיין שנאה.
כ'האָב געזוכט אין דיר באַפרייאונג פון מיין האַס,
אָבער דו האָסט מיר געגעבן שווערד
און פאַר זיך גענומען גוטסקייט פון דער ערד.

יעקב:
כ'האָב גענומען? ווען די שווערד האָט דיך שוין
פאַר אַ האַר געמאַכט אויף לאַנד און מענטש,
וואו בין איך געווען? געדינט ביי לבנ'ען,
רייך געמאַכט מיט מיינע גאָט־חלומות
זיינע פעלדער, זיינע סטאַדעס, זיינע שייערן.
און אַצינד — דו הערשער איבער שעיר,
איך — מיט מיין הויזגעזינט אין וואַנדער.

עשו:
שעיר איז מיר פרעמד, און כנען — מיר פאַרבאָטן.
מיך רייסט אויך צום לאַנד פון אונדזער אָפּשטאַם,
אָבער דו האָסט אויסגענאַרט דאָס לאַנד ביי יצחקן.

יעקב:
כ'האָב דיר שוין געזאָגט...

עשו:
יאָ געזאָגט... אָבער וואָס איז שטאַם, אַז ברודער
האָסטו צו אַ לעבן אויף דער שווערד פאַרמשפּט?

יעקב:
איינער דאַרף דאָך לעבן אויף דער שווערד.

עשו:
אפשר איינער דאַרף, אָבער איך, — פאַרוואָס איך?

יעקב:
ווייל פאַר מיר האָט יעהאָווע אויסגעקליבן שטאַם צו בויען.

עשו:
ווידער ער, יעהאָווע. כ'קען אים נישט, נאָר מיט מיין שווערד
וועל איך שניידן אים דעם גאַנג אפילו אויפן הימל.

יעקב:
שווערד קען שניידן נאָר דעם גוף.

עשו:
שווערד איז מיינע הענט איז אויך יעהאָוועס ברכה.

יעקב:
אויף אַ צייט נאָר, ביז איך וועל דערגיין צו כנען.

עשו:
כנען איז פאַר דיר נאָר חלום, יעקב.
כ'האָב געזען אין טאַטנס בלינדקייט,
כ'האָב געהערט אין ציטער פון זיין קול,
אַז פאַר דיר איז כנען נאָר אַן אָפּשטעל, נאָר אַ שוועל.
איך מיט שווערד און דו מיט חלום —
ביידע זיינען מיר געבענטשט און אויך פאַרמשפּט.

יעקב:
ערשט די נאַכט האָט מיר געשיקט יעהאָווע
זיינעם אַ שליח, שטרייטן זאָל ער מיט מיר ביז פאַרטאָג.
כ'האָב אים ביינגעקומען, נאָר אַ מום איז מיר געבליבן...

עשו:
ערשט די נאַכט האָב איך מיט זיך אַליין געשטרייט,
ווען שלוחים דיינע זענען אין מיין לאַנד געקומען.
פון יעהאָוועס שטרייט ביסטו אַרויסגעקומען מיט אַ מום,
איך — פון שטרייט מיט זיך אַליין בין אַרויסגעקומען גאַנץ,
דיך באַגעגענען, דיר מוחל זיין, דיך האַלדזן...

יעקב:
כ'ווייס נישט, אפשר איז דיין שטרייט . . .

עשו:
דאַרפסט נישט זאָגן, ברודער, ס'איז געגנוג דער מום,
ס'איז געגנוג וואָס אייביק וועסטו טראָגן גאָטס באַריר
און די מורא זיינע, ס'קול זיינס וועט דיר נאָכגיין.

יעקב:
כ'האָב אויף זיך דעם יאָך גענומען...

עשו:
איך — דעם יאָך פון שווערד.

יעקב:
און די וועגן אונדזערע צעשיידטע וועלן זיין.

עשו:

נישט צעשיידט, נאָר אָפּגעריסן, אַז באַגעגענען דערנאָך
זאָלן מיר זיך ווידער — יעהאָווע קעגן שווערד.

יעקב:

וואָס־זשע מאָנסטו איצטער? — ווייסט דאָך שוין דעם גאַנג.

עשו:

כ׳ווייס דעם גאַנג, נאָר איך שטרייט אַקעגן שווערד.
דו יעהאָווען האָסט גענומען מיט דיין ליבשאַפט,
איך — די שווערד מיט מיין געוויין.
דו ביסט אויסגעלייזט אַפילו אין דיין וואַנדער,
איך — אין הערשאַפט מיינער בין אַ קנעכט!

יעקב:

איך האָב דאָך געשיקט צו דיר שלוחים
מיט מתנות, מיט געבעט, מיט מורא.

עשו:

אָבער דו וועסט גיין דורך אַלע דורות פּיין
צו אַ לעצטן אויסלייז, צו צעברעכן מיר די שווערד.

יעקב:

האָסט דאָך פּיינט די שווערד...

עשו:

איך האָב פּיינט די שווערד, אָבער גורל מיינער איז זי.
כ׳טראָג זי אין דער האַנט און זי פּילט מיך אָן מיט לעבן.
אָן דער שווערד ווערט אויסגעליידיקט לעבן מיינס...

יעקב:

אַז צעבראָכן וועט דיין שווערד זיך וואַלגערן אין שטויב,
וועסטו ווידער לעבן, נאָר אין מיר, דורך מיר.

עשו:

ווידער לעבן, ווידער פרעמד, ווידער גורל...
ס׳פּאַלט שוין צו די נאַכט, יעקב, גיי דיין וועג,
איך וועל מיינעם גיין, ווי ס׳איז מיר באַשערט.
נאָר מיר וועלן זיך באַגעגענען...

יעקב:

האָסט אַליין געזאָגט: יעהאָווע קעגן שווערד.

# יוסף און זיינע ב'רידער

## א

ס'זענען די ברידער געגאַנגען קיין שכם
מיט די שאָף און רינדער אויף פּיטער,
דאָס געזאַנג דיינס, יוסף, נעם
און צו ברידער גיי, געטרייער היטער.

ס'האָבן ברידער מיט דיר זיך געקריגט,
ס'זענען דיך ברידער מקנא,
אָבער צוויי טעג, אַז איך האָב זיי געשיקט
און ווער ווייסט, ווי ווייט זיי זענען פונדאַנעט.

פונעם עמק חברון ביזן שכמ'ער פּלעין
האָט געטראָגן יוסף דעם אָנזאָג יעקבס, —
גוט איז אַ ברודער צו ברידער גיין
און אפילו פאַר קריג זיי דאַנקען.

יוסף ווייסט פון יעקבס קריג
מיטן ברודער זיינעם עשו, —
האָט דער טאַטע געהאַט אַזאַ גליק,
גיין צו ברודער זאָל מען אים הייסן?

יונג איז יוסף, זיין חלום איז רונד,
ווי די לבנה אינמיטן חודש,
זינגט ער: פאַרהיילן ברודער־וואונד, —
און ס'האַרץ זיינס גיט זיך אַ הוידע.

ברודער־וואונד אין אונדזער שטאַם, —
מיינע און יעקבס און יצחקס און קינ'ס, —
איך טראָג דעם חלום, וואָס יעקב דער תם:
ברודער־בונד זאָל געקניפּט זיין אין דרייען.

טאָג איז געווען און נאַכט איז געווען,
אָנגעהויבן האָט טאָגן שוין ווידער,

יוסף זינגט ליבשאַפט צו ברידער צען
און צום טאָל פון דותן נידערט.

און דערנאָך, אין שפעטן בייטאָג,
בענקט שוין יוסף, אַ שטויביקער, מידער,
און דאָס האַרץ זיינס גיט אים אַ שלאָג :
ברידער זוך איך, מיינע ברידער.

יונגער יוסף, דיר איז באַשערט
ס'געשריי דיינס זאָל קלינגען אין הערצער און לידער,
ווייגען זאָל תמיד דער מענטש אויף דער ערד :
ברידער זוך איך, מיינע ברידער.

ב

געקומען בין איך, ברידער, אייך צו ברענגען
דעם טאַטנס ברויט־און־זאַלץ און זיינס אַ וואָרט,
דער טאַטע אונדזערער איז אַלט און ס'ע הענגען
די מידע אויגן זיינע אויף גרויע פּאַסמעס באָרד.

געהייסן האָט ער מיר : די ברידער דיינע זאָלסטו זאָגן,
אַז ווייט פאַרגאַנגען זענען זיי פון מיין געצעלט,
איך בענק נאָך זייער גאַנג, אַז ס'הייבט נאָר אָן צו טאָגן,
אַז לויטער שטרעמל מיט געזאַנג פון באַרג־אַרונטער קוועלט.

פאַרוואָס־זשע וואַרפט איר מיך אין גרוב, מיינע ברידער ?
פאַרוואָס האָט איר צעריסן מיר דאָס פּראָסטע קלייד ?
ווי איר, האָב איך געזונגען אויף דער פּאַשע לידער,
קיין זיידן העמדל האָט דער טאַטע מיר נישט אויסגענייט.

און טאָמער האָב איך יאָ חלומות, און דערצייל אייך,
איז נישט אַז שטערן בוקן זיך צו מיר אין נעכט,
און נישט, אַז צווישן גאַרבן שטיי איך ווי אַ מלך
און איר צו מיינע פיס פאַלט אַזוווי קנעכט.

די שטערן גיסן ליכט און כ'שעפּ עס ווי פון ברונעם,
צו ברענגען אייך אין עמערס, — נעמט און טרינקט !

די גאַרבן קרויזן זיך פאַר מיר, ווי תמוזדיקע זונען
און תבואה צייטיקע אין בלוט מיינעם זינגט.

פאַרוואָס־זשע וואַרפט איר מיך אין גרוב דערצערנט ?
איך האָב דאָך נאָך חלומות און געזאַנג,
דער הימל אין כנען איז נאָך אויסגעשטערנט
און איבער ברונעם ליכט וויגט זיך נאָך דער עמער אויף אַ שטאַנג.

דעם טאַטנס ברויט־און־זאַלץ, און ליבשאַפט מיינס צו ברידער,
האָב איך צו אייך געבראַכט, מיט חלום אויסגעשפּינט,
און איצט ליג איך אין גרוב, מיט נישט־דערציילטע לידער,
און די חלומות מיינע פאַרטראָגן וועט דער ווינט.

ג

איבערן גרוב האָט צעלייגט זיך אַ שאָטן,
אַ געשטאַלט האָט געוויגט זיך איבערן גרוב, —
ס׳איז אַ ברודער אין אַ ברודער געראָטן,
ס׳איז געבונדן אַ לייב־צו־אַ־לייב, ווי אַ קנופּ.

איבער יוספן האָט זיך צעהוידעט
דאָס געשטאַלט מיט צעשויבערטע רייד :
יינגל־ברודער, איך בין זיך דיר מודה,
אַז די זון היינט גאָר אַנדערש פאַרגייט.

ס׳איז אַ טרוקענע זון, און אַ קאַלטע,
ס׳הענגט אַ כמאַרע אויף איר, ווי אַ ברעם,
פון דערביי, פון די היילן און שפּאַלטן,
קומט אַנטקעגן די זינד מיר פון שכם.

כ׳האָב געוואָלט היינט דיין עלנט אויספּרואוון
און צערייסן דיין צובונד אויף שטיק, —
יינגל־ברודער, אויף דיר הענגט איצט ראובן,
צו דיין חלום פאַרקניפּט, ווי מיט שטריק.

דו ביסט ריין פון דער זינד דער שכם׳ער,
האָסט פאַר ליבע קיין בלוט נישט פאַרשפּריצט,

שעפּסט די זעאונגען דיינע אין עמערס, —
יינגל־ברודער, אין גרוב וואו דו זיצסט.

איך בין דער ערשטער פון יעקבס לענדן,
דו ביסט יעקבס ליבע צו ווייב,
מיך האָט שנאה געבוירן, און שענדונג,
דיך — צונויפבונד פון הערצער מיט לייב.

איך בין לאהס און דו ביסט רחלס,
נאָר אין מיר ציטערט יעקבס פאַרבלענד,
ווען ער האָט אין דער פינצטער געבראָכן
לאהס לייב מיט די גלוסטיקע הענט.

— — — — — — — — — — —

איבער יוספן הוידעט זיך ראובן,
ווי אַן עמער איבערן גרוב,
יינגל־ברודער, מיין עלנט צו פּרואוון
וועל איך ווידער צעבריען דעם קנופּ.

ראובנס רייד איבער יוספן רוישן,
ווי דער שפּריירעגן רוישט אויפן ווינט,
און צו יוספן — חלום פון גושן
אין זיין גרוב, ווי אַ וואַסערל רינט.

אין דער הייך גיט דער שאָטן אַ ציטער,
דאָס געשטאַלט, ווי אַ שאָטן פאַרשווינדט,
ס'איז דאָס ליכט אינעם גרוב איצטער שיטער
און דער חלום — דאָס וואַסערל — רינט.

# יעקבס געצעלטן

(1945)

שיר השירים קאַפּיטל ה׳
אל מלא רחמים
היים פון האַרצן שעפן
אַ טאָרבע ליכט
דער טרויער טרינקט זון
דאָס אַקאַציע־צווייגל
אויף דער שוועל
אָפּגעטאָן דיין טרויער
דער פאַרשטעלטער ייִד
האָסט שוין פאַרברענט
אויף אייביק פאַר׳קנס׳ט
דער נאַר פונעם מזמור
נישט דערוואַקסן
פאַר די שפּעטערע טעג
זעער פון תקוע
שאול
דער שה
אין דער שטילקייט פון נאַכט
ס׳איז דערפאַר
ווינט
צוריק פון דער זון
חיים נחמן ביאַליק
מ׳האָט נאָך אים געשיקט
אָדלערס אונדזערע
אַריינפיר
אַ שנירל פּערל
אַ ייִדיש קינד
די הייל

# שיר השירים קאַפּיטל ה׳

ש ל מ ה :

אין מיין גאָרטן בין איך, כלה־שוועסטער,
אין מיין גאָרטן בין איך געקומען,
אויפגעוועקט די פייגל אין די נעסטן,
איינגעזאַמלט קרייטעכצער און בלומען,
כ׳האָב מיין סטעלניק און האָניק געגעסן,
כ׳האָב מיין ווייַן און מילך געטרונקען.
נאַכט פאַלט צו, איבער מיר פאַרשפרייט
איז אַ בלויקייט, אָנגעזעצט מיט פונקען,
הערט, חברים, הערט, געטרייע, מיינע רייד :
טרינקען טרינקט מיט מיר די ליבשאַפט פון די קרוגן,
ווערט פאַרשיכורט פון דער האַרצשאַפט צו דער וועלט,
מענטש אין גוטסקייט איז דער קוואַל פון יוגנט,
אויף דער ליבשאַפט איז די ערד געשטעלט.

ש ו ל מ י ת :

שלאָפן שלאָף איך און מיין האַרץ איז וואַך,
ס׳קלאַפט מיין האַרצפרייַנט אין דער טיר פאַרטרויט :
ברענג מיך, רייַנע טויב, אונטער דיין דאַך,
וואָרן ס׳איז מיין קאָפּ פאַרטויט,
פול די האָר מיינע מיט טראָפּנס נאַכט.
כ׳האָב מיין אָפּרוך נישט געוואַויגן,
ווערטער אומבאַראָטענע געשיקט :
ס׳העמדל מיינס האָב איך אַראָפּגעצויגן,
ווי וועל איך עס אָנטאָן קריק ?
כ׳האָב געוואַשן מיינע פיס אין מירע,
ווי וועל איך זיי אַצינד פאַרשמירן ?

ש ל מ ה :

כ׳האָב מיין האַנט פון ריגל צוריקגעצויגן,
ווידער האָט די נאַכט אַריינגעזויגן
אין איר טיפער בלויקייט גאָר מיין עלנט,
ביז די זון וועט זיך אויף מיר צעהעלן.

שולמית:
אויפגעשטאַנען פון געלעגער בין איך,
אויפצועפענען די טיר פאַר שלמהן,
פון די פינגער אויפן ריגל טוט די מירע רינען,
אויף מיין לייב דער אויל טוט שוימען.
איך צו מיין געליבטן, מיין געליבטער איז אַוועק,
אויסגעגאַנגען איז דאָס האַרץ מיר, ווען ער האָט גערעדט,
כ'האָב געזוכט אים, כ'האָב צו אים די האַנט געשטרעקט,
כ'האָב גערופן און מיין קול האָט אים געגלעט,
נאָר מיין האַרצפריינט האָט מיר נישט געענטפערט.
הערט, איר טעכטער, ווי שולמית טרויערט,
וואָרן ס'האַרץ אירס אין דער בענקעניש פאַרברענט ווערט,
דאָס אַליינקייט אויף איר ליכטיק פּנים הויערט.

אין דער שטאָט האָב איך די נאַכט אַרומגעוואַנדערט,
אויסגעוואַלגערט זיך אין שטויב און קויט,
וואָרן אַנדערש איז מיין ליבע, אַנדערש,
שטאַרקער איז מיין ליבע פונעם טויט,
אויף דער זון אין מדבר האָט זי זיך געפיטערט,
צו די שטערן אין דער נאַכט האָט זי געגרייכט, —
ווי, געטראָפן האָבן מיך די טויער־היטער,
ווען דער מזרח־זוים פון הימל האָט געבלייכט,
אויסגעטאָן מיך ביז דער מאַמעס ריינער הויט
און צעפייניקט מיך, צעוואונדיקט ביז צום טויט.

איך באַשווער אייך, טעכטער, ווי איך בין צעשלאָגן,
אַז געפינען זאָלט איר מיר דאָס טייערסטע געשאַנק.

מיידלעך:
וואָס, שולמית, זאָלן מיר אים זאָגן?

שולמית:
זאָגט אים, אַז פון ליבע בין איך קראַנק.

# אל מלא רחמים

גאָט דערבאַרעמדיקער, וואָס אין הייכן טוסטו וואוינען,
אונטער דיינע פליגלען ברענג די הייליקע און ריינע,
די, וואָס אומגעבראַכט האָט זיי די בייזע האַנט פון שונא,
די, וואָס זענען פון דער וועלט געגאַנגען אָן באַוויינער.

ווי דאָס ליכט אין הימל, שיינען זיי אַזוי געזויבערט,
די נשמות פון פאַרפייניקטע, געשענדטע גופ'ן,
ווען די לעצטע רגע האָט אויף זיי מיט טויט געשוועבערט,
האָט דאָס קלאָרע האַרץ צו יושר אויף דער וועלט גערופן.

נישט פאַרשניטן האָט דער טויט די יידישע אמונה,
נישט פאַרשטומט דעם נביאס וואָרט פון אויסלייז אויף די ליפן,
גאָט, וואָס דיין גענאָד איז טיפער פון אַ ברונעם,
אינעם קנופ פון אייביק לעבן זאָלסטו זיי פאַרקניפן.

ס'האָט געהייליקט זיי דאָס לעבן און דער טויט נאָך מערער,
ס'האָט זיי ריינער נאָך געמאַכט די מערדערישע טומאה,
אַז פאַרשאָלטן זאָלן ווערן צינדער און צעשטערער,
פונעם קרבן זאָל דער אויסלייז, — אונדזער יושר, — קומען.

# הײם פון האַרצן שעפן

האָסט מיין הײם מיט דער האַנט אויסגעריסן,
האָסט פאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער,
נאָר דעם טעם פונעם ערשטן ביסן
שפיר איך איצטער נאָך אויף מיין גומען,
כ'הער דעם אַקערערס שניט אין דער רויערד,
כ'זע דעם סטעפ אינעם פרייאָר מיט מומ'ען
און דערנאָך — אַזאַ יונגן און קלוגן,
מיטן אויפשפראָץ פון וואַקסן און וויסן,
מיט דער פולקייט פון וויינען אין קרוגן,
מיטן אומעט אין אויגן ביי לעמער.

כ'שטיי נאָך איצט צווישן יידן אויף סטעפּעס,
ביי דער בריק, צי אין שול ביים באַלעמער, —
כ'וועל פון האַרצן די היים מיינע שעפּן
און צוריקברענגען פולע די עמערס.

האָסט פאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער,
האָסט מיין היים אויפן ווינט צעהורבעט,
כ'וועל צוריק זי אין וואָרט אויפבויען,
מיט געוויין אויף די יידישע חורבות.

## אַ טאָרבע ליכט

ס'האָט זיך אָנגעטרונקען די נאַכט מיט לבנה
און גייט איבער די שטיבער גוט־יום־טוב־ביטן,
מיט אַ טאָרבע ליכט, מיט אַ כשרן פּנים,
מיט די שטערן, וואָס זאָלן פון בייז זיי באַהיטן.

צו מיין פענצטער איז זי צוגאַסט געקומען,
אַזאַ שטיל־באַריידעוודיקע און פולע,
ווי די דאָרפישע, די הישדיענער מומע,
וואָס ברענגט ווייץ און הינער און פרעגט אויף דער גאולה.

ס'איז געווען מיר היימיש מיט דער נאַכט ביים פענצטער,
כאָטש אין שטוב אַריין זאָל איך זי פאַרבעטן,
ווי דער באָבעס שטערנטיכל, זאָג איך איר, בלענדסטו,
און די אויגן דיינע פאַרשיינען דאָס שטעטל.

האָט די נאַכט מיט מיר געלערנט אַ קאַפּיטל תהלים
און זיך אָנגעלענט אויפן וויסן באַשטידל, —
אַ געזאַנג צו דוד'ן, דעם פאַסטעך דעם שטילן,
ווען געשפּילט פאַר שאולן האָט ער אויפן פידל.

ס'האָט אַ שאָרך געטאָן דער ווינט אין די שויבן,
דאָס געזאַנג דודס גייט אַרום אין די ליקלעך,

נאָר די נאַכט האָט מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן
און אין דינער שאָל זיך איינגעוויקלט.

ס׳האָט איר פּנים אָנגעהויבן צו בלייכן,
אויף די אויגן איז דער טוי געוואָרן, ווי טרערן,
ווי ס׳האָט גאָט אַליין איר געגעבן אַ צייכן
זיך געזעגענען מיט מיר און מיט די שטערן.

כ׳האָב מיט יענער נאַכט זיך שוין לאַנג געזעגנט,
ס׳איז דאָס האַרץ אַצינד מיר דורכגעבוירט,
ס׳איז אפילו נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן,
אַז פאַרוויסט איז די היים, אי די פרייד, אי דער טרויער.

## דער טרויער טרינקט זון

פון דער ערד זענען יידן געוואַקסן
און צום הימל די פעדעם געשפּונען,
אין די פרייע נאָך־פּסח שלאַקסן,
אין די תמוז׳דיקע זונען,
ס׳איז די ערד געווען ווי אַ ברונעם
פונעם הימל פרייד אָנצושעפן,
ס׳איז דער הימל געווען דער אַקסל
פאַר דער ערד זיך אָנצושפּאַרן,
צווישן הייך און צווישן נידער,
ווי אַ בוים האָט געבליט דאָס סידור.

ס׳האָט דער טרויער זון געטרונקען,
ס׳האָט די פרייד זיך אין כמאַרעס געגאָסן,
אין די נעכט האָבן שטערן, ווי פונקען,
אויפגעוועקט די פרומע חצות׳ן,
וויפל שפּאַן האָט דאָס וואָרט אויסגעמאָסטן
אין דער לענג און ברייט פון חדר,
איין געטראַנק אויסצומישן פון ביידע, —
דאָס געטראַנק האָט דער חורבן פאַרזויערט,
האָסט פאַרוויסט אי די פרייד, אי דעם טרויער.

# דאָס אַקאַציע־צווייגל

פונעם דאָרף האָט ער אַ צווייגל מיטגענומען,
אַן אַקאַציע־צווייגל. ס'האָט געטריפט נאָך זאַפט
פונעם שניט אין דער קאָרע. אויפן גומען
האָט ער שאַרף געשפּירט דעם ריח און די קראַפט
פון געוויקס, פון וואָרצלען, ערד און בלעטער.
ווי אַ צעשניטענעם פינגער, וואָס בלוט נאָך רינט,
האָט ער עס פאַרבונדן, צו היטן פונעם ווינט,
און געבראַכט מיט זיך אין די ווענט פון געטאָ.

אויפדערנאַכט, אַז די לבנה האָט בלייכע בינטלעך
שיין געוואָרפן אויף דער געטאָ, האָט ער עס פאַרזעצט.
אויף דער זייט געבויגן האָבן עס געקרייזלטע ווינטלעך,
און באַזונגען האָבן עס הונגעריקע קעץ.
דאָס געוויין איז געשלאָפן אין די שמאָלע ליקלעך.
פון די רינוועס האָט ער זשמעניעס וואַסער אָנגעשעפּט
צו באַוואַסערן דאָס צווייגל, וואָס האָט נאָך געלעבט,
און געזאָגט: אַז סע לעבט נאָך, בין איך גליקלעך.

וויפל אומעטיקע טעג זענען אויסגערונען,
וויפל אָנגעפילטע מעסטלעך האָט פאַרזייט דער טויט, —
דאָס אַקאַציע־ביימל האָט אַן אָנשפּאַר זיך געפונען
ביים שטאַכעטל פון אַן אָפּגעברענטן פּלויט.
אין דער טיף זיך צעפּעדעמט, צו זאַפט געקלעטערט,
אין דער הייך זיך צעצווייגט מיט אַ דין געוועב.
כאָטש געווען איז עס אַ פינגער נאָר די גרעב,
האָט געבליט אויף דעם אַ ווייסע קרוין מיט בלעטער.

איצט איז ווינטער, און דאָס ביימל האָט פאַרוויאַנעט,
נאָר דער ווייסער שניי האָט זיך אויף דעם צעבליט,
אין די כמורנע טעג שיינט אַ ליכטיקייט פונדאַנעט,
פון דער נאָענטקייט, דאַכט זיך, אַ ווייטקייט ציט,
ס'שטייט אַ מענטש און מיט ווערטער נישט גערעדטע,
נאָר מיט ציטער אין פיבערדיקן בליק:

מיין אַקאַציע, איך ווייס, אויפגיין וועסטו צוריק,
ווי פאַרן לעבן אונדזערן אין די ווענט פון געטאָ.

## אויף דער שוועל

אויף דער שוועל פונעם אומאַנער שטיבל
זיצט צעפלאַקערט דער בראַסלאַווער חסיד,
ס'איז צעאַקערט די גאַס און צעדריבלט,
ס'ליגן ווענט ווי אונטערגעקאָסעט,
וויפל טעג ס'האָט דאָס פייער געריבערט,
וויפל נעכט ס'האָט דער פריסעק געטליעט, —
דער פאַרטאָג, אַ צעשראָקענער, בלייבער,
ווי אַ פויגל אַ קראַנקער פרואווט פליען,
נאָר דער ברעג פון זיין פליגל איז געל
און ער פאַלט אויף דער אומאַנער שוועל.

שטייט דער אומאַנער אויף ווי אַ פויגל,
וואָס צעשפּרייט זיינע פליגלען צום פליען,
ער צינדט אונטער דעם טאָג מיט די אויגן
און צעזינגט זיך: אָ, גאָט, דיין עליה,
איך בין גרייט, איך בין גרייט, איך בין גרייטער,
איך בין דאָ, איך בין דאָ, איך וועל זיין נאָך,
כ'האָב געשטריקט פון מיין גלויבן אַ לייטער
און איך שעפּ אויף די טרעפּ דיינע שיינען,
כ'וועל דיך הייליקן, גאָט, אויף דער ערד,
אויב ס'איז ווייטער מיר לעבן באַשערט.

אַ באַלעמער געווען, אַ פּרוכת,
ס'איז דיין ריינקייט געשטאַנען אין אָרון,
קעגן טויט, קעגן פלאַם, קעגן רויבן
האָבן ווענט, האָט דער דאַך נישט באַוואָרנט,
ס'האָבן הענט זיי געריבן מיט טומאה,
נאָר אַ שוועל איז געבליבן — אַ טויער
צום געדאַנק, צום געמיט, וואָס איז אומאַן,

צו דער אייביקער שיין פונעם זהר,
נאָר אַ שוועל, נאָר אַ טראָפּ, נאָר אַ טראָט,
מיט דער רחבות פון שטייגן צו גאָט.

דער פאַרפרי איז איצט ציטערדיק לויטער,
ס'רינט אַ ליבשאַפט פון טויזנטער קוואַלן,
אויף די חורבות, אויף פּלויטן, אויף טויטן,
אויף דער אימה, וואָס איז דאָ געפאַלן,
ס'טראָגט דעם חסיד'ס געזאַנג זיך נאָך העכער:
האָסט, ר' נחמן, געלאָזט אַ ירושה,
וואָס מיט ווייַן איז זי פול ווי אַ בעכער,
וואָס דעם חורבן אפילו צו קושן, —
פון דער שוועל, פונעם תל, פונעם שטעל
וועט אַ וועלט זיך צעעפענען העל.

## אָפּגעטאָן דיין טרויער

גאָטס טרויער רוט אויף בליעכץ און געוויקסן,
אויף ערד, וואָס טרינקט די זון זיינע, און רעגן,
דעם מענטשנס טרויער ברענט אַרויס פון ביקסן
און קלאָגט זיך אויס אין בלוטיקע געשלעגן.

דער טרויער דיינער, גאָט, האָט מיך געוואַרעמט,
אַ טאַטע איז ער מיר געווען, אַ שפּייזער,
כרחם אָב על בנים זיך דערבאַרעמט
און אָנגעצונדן אין דער נאַכט פאַר מיר אַ ווייזער.

איצט ברענט דעם מענטשנס טרויער אינעם דאָרן,
דעם טויט פאַרזייט דער ווינט מיט פונקען,
האָסט אָפּגעטאָן דיין טרויער אפילו פונעם קאָרן,
פאַרדאַרט דעם קוואַל, וואָס כ'האָב פון אים געטרונקען.

אַ וועלט האָסטו באַשאַפן, גאָט, פאַרטרוי איר
דאָס ביסל גוטס, וואָס דו האָסט אויסגעליטערט,

ס'איז קאַלט, ס'איז פינצטער אָן דיין ריינעם טרויער,
דאָס האַרץ ווערט קלענער ביי דעם מענטשנס שייטערס.

## דער פאַרשטעלטער ייד

דאָס בין איך, דער אייגענער, דערקענסט מיך נישט, מיין גאָט?
ביים בית־עלמין אין קאָפּרעשט האָב איך געלעבט, פון דער זייט גדר,
און געזאָגט האָט מען אויף מיר, אַז כ'בין דער אומעטיקסטער ייד
אין שטאָט,
כ'האָב אַ רויטע באָרד געהאַט
און געדאַוונט אין חבר
און צום ערשטן מנין האָב איך תמיד זיך געפּעדערט.

ס'איז דען שייך איצט קאָפּרעשט? אַ קנייטל אויפן ווינט,
פּיו, פאַרלאָשן, אוי, פאַרלאָשן, ס'נפש, דאָס פאַרמעגן,
אַז אַ ייד, ווי איך, גייט אום נאָך אויף די רודעס און געפינט,
וואָס געפינט ער? שטיקער קויל,
און דער ייד אַליין איז הויל,
ס'גייט דער הונגער נאָך אים און די קעלט — אַנטקעגן.

נאָר דער ייד, וואָס האָט אַמאָל אַ רויטע באָרד געהאַט,
גייט אַרום מיט אויסגעפליקטע האָר — אַ פאָלנער טומטום,
מיט די גויים אין די דערפער איז ער פּאַני־בראַט,
אַ פאַרשטעלטער ייד — אַ גוי,
און ער ווייסט נישט, צי ס'איז גוט אַזוי,
אָבער לעבן וויל ער, זאָג אַליין, צי לעבן קומט אים?

דאָס בין איך טאַקע דער ייד, ס'איז מיט מיר געשען דער נס,
און איך הייס נישט מאיר, פּיאָטער הייס איך, ניין, פּעטרושאַ,
כ'בין זיך מודה, ס'טרעפט אַמאָל, אַז איך אַליין פאַרגעס,
אַז נאָך איצט בין איך אַ ייד,
נאָר דאָס האַרץ מיינס קאָכט און זידט,
כ'פיל, ווי ס'ברענט אויף מיר די הויט פון ווייטיק און פון בושה.

# אפריס אויערבאַך

ווי איך שטיי דאָ איצטער, ציטערדיק און דורכגעווייקט,
אויף די חורבות פון חבד'ער, אומעטיקער, עלטער,
פרעג איך אַלץ: פאַרוואָס האָסטו אויף אונדז די שטראָף
אַרויפגעלייגט?

און פאַרוואָס־פאַרווען
איז מיט מיר דער נס געשען,
אַז נאָר איך זאָל לעבן, וועלן לעבן, אַ פאַרשטעלטער?

דאָס בין איך, כ'האָב די טעג געקאַרבט, פאַר יעדן טאָג אַ קאַרב
אויף אַ סלופּ, כ'האָב אָפּגעציילט דעם גאַנג פון דער לבנה,
און איך ווייס, אַז וויפל יידישקייט איך טרעט, פאַרדאַרב,
איז נאָך דאָ אין דאָרף דער סלופּ,
וואָס פאַרבינדט מיך ווי אַ קנופּ
מיטן שורש, אַז איך זאָל זיך אין די פאַרכטיקע טעג דערמאָנען.

נו, איז פאַרכטיק, טעג פון רעכענונג צו דיר, פון דין,
כ'האָב קיין סידור נישט, קיין מחזור האָב איך נישט אוודאי,
נאָר כ'געדענק דעם תוך פונעם געבעט, די טייטש, דעם זין,
און געביין ליגט מיר דער טעם
פון געוויין, געזאַנג און פלאַם
אינעם שטיבל ראש־השנה ביים חבד'ער.

כ'הייב דאָס קול מיינס און איך זאָג דיר, אַז איך פאָרכט, איך פאָרכט,
ווי איך שטיי דאָ, אָן דער באָרד, אין גויאישער סערמיענגע,
ווי דער ווינט אויף חורבות קרעכצט, ווי דער טויט נאָך שאָרכט,
ווי דער ציטער פונעם בלאַט
אויף די שטיינער פון חבד,
ווי די גרויע כמאַרעס, וואָס מיט פחד אויף מיר הענגען.

דאָס בין איך, אין שערי־רחמים קלאַפּ איך, ווי איך בין,
און איך ווייס, אַז דו דערקענסט מיך, מיך — דעם שטילן מאיר,
וואָס געהאַט האָט ער אַ רויטע באָרד און האָט געגלייבט אין דיך,
וואָס אַצינד איז ער פאַרשטעלט
און אַליין שטייט ער אין פעלד,
אַז אַרונטערדרייסן זאָל דער ווינט פון אים דעם שלייער.

ס'איז פֿאַרטאָג, כ'דאַרף האַקן האָלץ און כ'דאַרף נאָך גראָבן ערד,
ווייל אַ גוי בין איך, פּעטרושאַ, אַפילו מיט מיין ציטער,
איך וועל ווידער קומען, ווי לאַנג מיר וועט נאָך זיין באַשערט,
און דיר זאָגן ווער איך בין,
און דיך בעטן: גאָט, געפּין
אין דיין רחמים, אַז זאָלסט זיין מיין שירעמער און היטער.

## האָסט שוין פֿאַרב'רענט

האָסט שוין פֿאַרברענט מיין האָב־און־גוטס און מיך אַליין,
האָסט מיין הילצערנע שטוב צעהאַקט אויף שפּענער,
האָסט שוין אָפּגעשניטן אַפילו מיין געוויין,
איצטער טרעפֿן מיר זיך ווידער, צווישן אַש און שטיין, —
איך דער פֿאַרברענטער און די דער פֿאַרברענער.

וואָס איז פֿון מיר געבליבן? נאָר דער פֿלאַטער פֿון געדאַנק,
ווי פֿון פֿליגל, ווען דער פֿויגל איז פֿאַרפֿלויגן,
ווי דער אָנריר פֿונעם ווינט אויף אַ צעטראָטענער זאַנג —
ס'שוועבט אויף איר אַפילו נישט דאָס שניטערישע געזאַנג,
ס'רוט איר שטויב אַפילו נישט אין וואַרעמקייט פֿון סטויגן.

ס'איז פֿאַרנאַכט, גרויע פֿאַטלעס האָט דער ווינט צעקעמט
אויף דיביימער, אויף די חורבות, אויף די שליאַכן,
ס'ווערט דער ברעג פֿון הימל טרויעריק און שווער באַברעמט,
ס'שטרעקט צו דיר זיך אויס אַ האַרטע האַנט און נעמט
פֿירן דיך צו מיר, צום אָנהויב פֿון דערוואַכן.

כ'זע דיך, גייסט צו מיר מיט וואַקלדיקע טריט,
וויפֿל נענטער דו קומסט, אַזוי פֿיל ווערסטו קלענער,
און סך־הכּל בין איך אַ נישטאָ־מער־ייִד,
וואָס זיין קול נאָר אינעם זונפֿאַרגאַנג צום אין־סוף פֿליט, —
איך בין דער פֿאַרברענטער, דו ביסט דער פֿאַרברענער.

איצט באַגעגענען מיר זיך — די אין גוף און איך אין קול,
די מיט הענט פֿון צינדער, איך מיט קוים אַ פֿלאַטער,

אויף דער גרענעץ דאָ הענגט אַ וואָג, אַ שאָל,
ס׳ווערט דער וועג דאָ איינגעשרומפן, שמאָל,
אָפגעוואויגן ווערט דאָ מאַטערער און מאַטער.

שטייסט פאַרגליווערט, ווייסט נישט ווער די טריט דיר צוימט,
ווילסט די גראָבע הענט מיט טויט צעשווינגען,
אָבער ס׳האָט דער טויט מיט לעבן אויפגעשוימט,
דיך האָט ער מיט פינצטערניש אַרומגעזוימט,
דיך אַריינגענומען אין אַ נעץ פון רינגען.

האָסט פאַרברענט, טויט האָסטו אויף מיר געשפרייט,
נאָר געבליבן איז פון מיר אַ רוף אַ דינער,
שטייסט אַצינד אַ צוגעשמידטער צו אַ קייט
און דו ווייסט נישט, אַז דאָס וואָרט מיינס גייט,
אַז דו ביסט דער פאַרלירער און איך בין דער געווינער.

## אויף אייביק פאַר׳קנס׳ט

מיט דער פינצטערער נאַכט איז ער אַריבער דעם דניעסטער,
ס׳האָט דאָס קאַלטע וואַסער דאָס לייב אים געבריט,
פון דער ווייט שטייט סאָראָקע — אַ באַרג הרובע נעסטן,
וואו די ווינשטאָקן האָבן נישט לאַנג זיך צעבליט.

אויפן ברעג פון ד ע ר זייט — אַ דאָרף און אַ צווינטער,
מיט צעגרינטער תבואה אַרומגעזוימט,
מיט צעפאַרעטן שטרוי פון פאַראַיאָריקן ווינטער
און אַ טייכל, וואָס רינט אויף שטיינער און שוימט.

בעסאַראַביע דאָרט און דאָ איז פאָדאָליע,
ס׳האָבן דייטש און רומענער סאָראָקע פאַרוויסט,
נאָר דער דניעסטער גייט ווייטער פאַרטראַכט און פאַוואָליע, —
און דו, עלנטער בוים, טוסט אַליין און בליסט.

ער איז מיד געווען, צעפאַסעוועט, מומ׳יק,
ס׳האָט דער יונגער גוף צו רו זיך געשטרעקט,

האָט ער אונטערגעלייגט צוקאָפּנס דעם קלומעק
און אַנטשלאָפן געוואָרן, ביז דער טאָג האָט געוועקט.

אַ פאַרפלייץ פון זון, אַ געזאַנג פון פייגל,
נאָר דער טאַטע רופט אים דעם גאַנצן קאַיאָר:
ס'דאַרף אַ יתום אָנהייבן תּפילין צו לייגן
נישט צו דרייצן, ווי אַלע, נאָר צו צוועלף יאָר.

ביסט דאָך, טאַטע, דאָ — האָט ער ביי אים זיך געבעטן —
און דער ווייגאָרטן אונדזוערער האָט זיך צעבליט,
נאָר דאָס קול שרייט ווייטער: מ'עט די טרויבן נישט טרעטן,
ביסט אַ יתום, לייבל, אַ יתום, אַ ייד.

האָט די אויגן לייבל אויפגעריסן
אינעם פלייץ פון זון, אינעם פייגל־געזאַנג,
און דערמאָנט זיך די נעגל אָפּצוגיסן,
ווי געווען איז דעם טאַטנס און זיידנס גאַנג.

אַז קיין קוואָרט איז נישטאָ דאָס וואַסער צו שעפּן,
איז אַ שערבל אַ כּלי בשעת הדחק, —
ווי ער שטייט ביים טייכל, הערט ער וואָגנס זיך שלעפּן
אויפן ווייטן, צעריסענעם דאָרפישן טראַקט.

גיט די האַנט אַ ציטער, פאַלט אַרויס דאָס שערבל,
זאָגט דאָס האַרץ: אַנטלויף, דאָרטן שלעפּט זיך דער טויט, —
מיטן קלומעק אויף פּלייצע, ווי אַ שפּיציק הערבל,
שפּרינגט אַריבער לייבל אַ פּרוטיענעם פּלויט.

און פון דאָרט — אַ טויער, אַ סטעזשקע, אַ ווענל,
אין דער הויכער תּבואה האָט לייבל געשפּאַנט
און געשפּירט, ווי נישט אָפּגעגאָסן די נעגל,
און ווי ס'קאַרבט זיך אים אַלץ די לינקע האַנט.

ס'איז דער ברי־מינן טאַטע אים נאָכגעגאַנגען
און די מאַמע פון פאָרנט האָט אים געהיט:

וועסט דעם וואַלד, אונדזער יתום, באַלד דערלאַנגען
און זיך הייליקן דאָרטן, צו ווערן אַ ייד.

נאָכן סטעפּ האָט דער וואַלד זיך אָנגעהויבן
מיט צעוואַקסענעם דעמב, סאָסנע און קליאָן, —
גיי אַריין אין דער טיף דעם באַשעפער צו לויבן,
שטעל זיך אונטער אַ דעמב און גערעכטיקייט מאָן.

אין דער טיף איז דער וואַלד געווען ווי אַ סוכה,
ס'האָבן ביימער־קרוינען זיך צונויפגעדרייט,
ס'האָבן וועווערקעס זיך אָפּגעשטעלט צו קוקן
ווי אַ ייִנגל אַליין מיט אַ קלומעק גייט.

דורכן וואַלד איז אַ גאַרטעלע וואַסער גערונען
און אַ פּאַסיקל שיין האָט עס דורכגעקאַרבט,
דאָ האָט לייבל אַ הויפן בלעטער געפונען,
וואָס דער ווינט האָט אָנגעוואָרפן אין האַרבסט.

האָט ער ס'פּנים געוואַשן און די הענט געריייניקט
און מיט טרוקענע בלעטער זיי אָפּגעווישט,
און דערנאָך מיט פינגער, פאַרהאַרטעוועט, ביינִיק,
די צעריסענע בלעטער אין סידור געמישט.

פונעם קלומעק אַרויסגענומען די תפילין
וואָס געראַטעוועט האָט ער פון חרובער שטוב, —
אַ געזאַנג פון פייגל, אַ געוויין פון גרילן
האָט צעקלונגען זיך איבערן וואַלדיקן קנופּ.

ס'איז דער וואַלד מיט זיין פולן געוויקס און געפליגל
אויף דער וואַך געשטאַנען מיט ציטער און פרייד,
ווען ער האָט דעם של־ראש אָנגעטאָן ווי אַ זיגל
און רצועות פון של־יד אַרומגעדרייט.

ס'האָט דער טאַטע געזאָגט: אַז גוט איז און וואויל אים, —
און געוויגט זיך ביים דעמב אַזוי ווי אַ מאַסט,

ס'האָט דער וואַלד געענטפערט: ארשתיך לי לעולם,
כ'האָב אויף אייביק דיך, לייבל, צו מיר פאַר'קנס'ט.

פונעם וואַלדיקן וואַסער האָט לייבל געטרונקען
און פאַרביסן אַ רייפּטל טרוקן ברויט,
ס'האָט די זון דורך צווייגן געשאָטן פונקען
און געוואַרעמט מיט ליבשאַפט זיין יינגלשע הויט.

## דער נאָר פונעם מזמור

די שטילע לבנה אויף צעשטורעמטן הימל איז פול מיט רחמים,
צעריסענע, עלנטע כמאַרעס באַזוימט זי מיט וואַרעם געוועב,
אַ מענטש איז אַליין און שפּירט אין זיין דיר, אַז איבער אים
וואַכט מען,
ס'איז אימה און היימיש, ווי טריט, וואָס דו הערסט אין דער נאַכט
אויף טרעפּ.

פאַרלעשסט דאָס ליכט און קוקסט דורך שויבן, ווי נאַכט
אין געראַנגל איז מענטשלעך,
ווי כמאַרע אויף כמאַרע פאַלט־אָן און יאָגט זיך אַוועק מיטן רויב,
דו זעסט די לבנה איצט אַנדערש — דער מאַמעס צעשראָקענע
בענטשליכט,
וואָס דאַרפן די גויאישע מורא פאַרטרייבן פון יידישער שטוב.

צעבראָכן די שויב, און די ליכט אויסגעלאָשן, אין שטיבל איז חושך,
די הענט, וואָס האָבן געבענטשט, אין דער אייביקער רו שוין פאַרוויגט,
נאָר ס'בלאָנדזשעט אַרום נאָך דאָס קול אויפן ווינט, אינעם
פטעפּיקן רוישן,
און בענטשט די מלאכי השלום, וואָס גאָט האָט אויף שבת געשיקט.

ווער הערט אין דער נאַכט דאָס געבעט? נאָר אַ שוועל,
נאָר אַ וואַנט, נאָר אַ קוימען,
נאָר דו, וואָס אַ פּעניץ לבנה איז פול מיט דערמאָנונג פאַר דיר,
נאָר דו, וואָס דו וויקלסט ערשט איצט זיך אַרויס, ווי אַ קינד,
פונעם דומם

און שפּירסט אין געהער נאָך דעם סקריפּ פון דער ערשטער צעעפנטער טיר.

ס'איז דאָ אין דער נאַכט אַ צונויפשפּיל פון שטילקייט,
פון מידקייט, פון שטרייטן,
געוויין פונעם ליכט, וואָס וויל לויכטן און איז פון די וואָלקנס פאַרשטעלט,
געוויין פון די כמאַרעס, וואָס יאָגן, ווי פערד פון געפאַלענע רייטער,
דאָס שטילסטע געוויין פון געוויינען — געוויין פון צעריסענער וועלט.

נאָר א י ב ע ר דער נאַכט אַזאַ גאַנצקייט איז דאָ, וואָס פאַרבינדט אַלע ריסן,
וואו אויפגעלייזט ווערן אי טרויער, אי פרייד, אי לעבן, אי טויט,
וואו צייט וואַקסט אַריין אינעם שטח און שפּירונג איז לויטער, ווי וויסן,
וואו סוף ליגט אין אָנהייב מיט קינדערשן אומעט פון חכמה פאַרטרויט.

ס'איז ד אָ אַזאַ גאַנצקייט, — אַ וואָלקן צעשפּאַלט זיך און עפנט אַ פאָרטקע
צו שטילן, פאַרבאָרגענעם ליכט, וואָס איז וואַרעם אַזוי ווי אַ נעסט,
דו הערסט אויף אַ רגע די טויב פון דער אייביקייט ציטערדיק וואָרקען,
באַהאַלטסט אַזש די אויגן פון פחד פאַר בלענד, פאַר אַנטפּלעקונג פון נס.

נאָר ווידער צעפליקט איז דער הימל, די גוטע לבנה פּרוּאווט ווידער באַזוימען מיט רחמים די ברעגן און טרויעריק בלייבן אַליין,
באַשערט דיר געווען נאָר אַ רגע די אייביקייט זען פון דיין נידער, —
ביסט דאָ, אין דער נאַכט ביסטו דאָ, אין דער פינצטערער נאַכט פון פאַרגיין.

דו קוקסט איצט אַרונטער, און נענטער ווערט דיר דאָס אייגענע ווינקל,
ביסט דאָ, ביי דער שויב, ביים געזימץ איז דיין קאָפּ אַזוי מיד אָנגעלענט,

פונוויִיט, פון דער צייט, פון דער טיף, גיט מיט ליבשאַפט
אַ ליכט דיר אַ פינקל,
די פילסט ווי די האַלטסט נאָך אַצינדערט דאָס קריינדעלע שיין
אין די הענט.

די וואַרעמסט דאָס קריינדל, די שטעלסט ביים געזימץ עס
מיט ציטער אַנידער,
אַרום דיר, פון טיפשאַפט, פון נאַכטיק געוויקל, צעוואַקסט זיך
געזאַנג,
אַ טרויעריק קול זינגט מזמור שיר ליום השבת אַרויס פונעם סידור
און ציילט אויס די ווערטער אַזויווי אַ כלה דעם חתנ׳ס
אַ פערל־געשאַנק.

דאָס קול איז דיר נאָענט, — דעם טאַטנס, אַ ברודערס, און אפשר
דיין אייגנס,
אַ קול, וואָס אין דיר האָט עס יאָרן געשוויגן, געוואַרט און געוואַכט,
די ווערטער, — צעשויבערטע, דאָרשטיקע זאַנגען, — צום הימל
זיך בייגן
און טרינקען, ווי קידוש, די טראָפּנס לבנה אַרויס ביי דער נאַכט.

דער קאָפּ דיינער פאַלט, אַ שטרעקע צעעפנט פאַר דיר זיך
פון פענצטער,
די זעסט זי און טראָגסט איר אַנטקעגן דאָס זשמענקעלע ליכט
פון געזימץ, —
ס׳איז דיינס, כ׳האָב פון דיר אָפּגעשפּאָרט און פאַר דיר אָפּגעהיט,
די מיין נענטסטער,
דאָס גאַנצע פאַרמעג פון אַ לעבן, אַ בלאָנדזשענדיקס
און אַ פאַרקרימטס.

די ווערסט איצט אַליין דאָס געזאַנג און די ווערטער אויף
שטרעקע צעשפּרייטסטו,
דערנאָך גייסטו זוכן דעם קלייבער, וואָס האָט זיי ביז איצט
אָפּגעהיט, —
אָ, גאָט, וויפל ווינטן די האָסט אין דער נאַכט, וויפל ווינטן צערייצטע,
און איך קען זיי וואָס פאַרמאָג? נאָר דאָס יידישע שטילע געמיט.

דער נאַר פונעם מזמור בין איך, כ׳בין דער פּראָסטער
איש בער לא ידע,
אַז ס׳וואַקסן רשעים ווי גראָזן, בין איך דער לא יבין את זאת,
אַז זינד וועט פּאַרטיליקן זינדער און אונטערגייען וועלן זיי ביידע,
פאַרוואָס זאָל דערווייל אין די פלאַמען פאַרברענען דאָס יידישע הויז?

ס׳האָט פרום דיינע בענטשליכט געוואַרעמט דאָס יידישע הויז
אין דער פינצטער,
ס׳האָט שייבלעך געשיקט צו דער וועלט, מיט צעפינקלטן,
זילבערנעם שטויב, —
דער נאַר פונעם מזמור בין איך און כ׳פאַרשטיי נישט, מיין גאָט,
ווי פאַרבינדסטו
דעם מענטשלעכן ציטער צו גוטס מיטן שטורעם פון מאָרד
און פון רויב.

אַ שטיק פונעם כמאַרע־געראַנגל רייסט אָפּ זיך און יאָגט אַזוי עלנט,
אַליין אַ צעריסענער אינדזל אין ים פון צעברויזיקטן קריג,
נישטאָ קיין לבנה צו זוימען די בערגלעך, די טרעפּ און די שוועלן,
נישטאָ פאַר דער איינציקער כמאַרע צו אַנדערע כמאַרעס אַ בריק.

די נאַכט ווערט איצט טיפער, פאַרגראָבט זיך אין צער פון די
אייגענע צויטן,
איר שטילקייט איז קאַלט און פאַרדעקט, ווי זי וואָלט זיך
פון דיר אָפּגעווענדט,
דו בלייבסט איצט אַליין מיט דער זעאונג פון גרוילן, פון קנוילן,
פון טויטן,
דו האָסט נישט קיין שותף צום אומקום, דו טראָגסט אים אַליין
אויף די הענט.

אויב עמיצער וואַכט איבער דיר, איז באַהאַלטן דאָס אויג זיינס,
פאַרהוילן,
אַפילו זיין אָטעם האָט איצט איינגעשלונגען די נאַכט, און פאַרצערט,
דאָס פענצטער צעבראָכסטו און וואַרפסט צו דער נאַכט
מיט געשריי דיינע גרוילן,
נאָר ס׳שליידערט צוריק זיי די נאַכט, ווי ס׳וואָלט שטיינער
געשפּיגן די ערד.

## נישט דערוואַקסן

ניטש דערוואַקסן בין איך, גאָט, צו דיין שטראָף,
כ'בין נאָר מענטש פון בלוט און פון פלייש,
מיט דער שרעק פאַר דיין עמוד האש,
כ'גיי אַרויס אין דיין עמוד הענן
מיט נישט וויסן דעם אָנהייב און סוף, —
וויפל קענסטו פון מיר דען מאָנען,
אַז מיין וואָרט איז געצאַמט מיט דער תיו?

נאָר אַ פונק פון דיין אייביקן ליכט
גיט אַמאָל מיר אַ בלענד — און פאַרשווינדט,
און דערנאָך גייט מיר נאָך דער ווינט,
צעשויבערט די שטילע ביימער,
אויפן הימל אַ וואָלקן קריכט,
זאַלבעדריט אין טרויער גייען מיר, —
ס'איז דער ווינט, דער וואָלקן און איך.

כ'קען נאָר וויינען אויף איינעמס אַ טויט,
וואָס איז היינט נאָך מקדש השם,
נעם דאָס שטאָלענע קעמל און קעם
די ר' עקיבא'ס אַלע לייבער,
ס'איז נאָר איינס אַ לייב און אַ הויט,
נאָר איין האַנט איז תמיד דער טרייבער,
נאָר איין האַרץ אין דיר איז פאַרטרויט.

וואָלקנס בלאָנקען, ווי אַ טשערעדע שאָף,
ס'האָט דער ווינט שוין די ביימער צעפליקט,
מיטן דריטן, — מיט מיר, — זיך צעקריגט.
כ'זאָג נאָך אַלץ אַז ס'איז נאָר אַ נסיון,
כ'קוק אַריבער דעם חורבן און האָף,
נאָר מיין האַרץ, ווי אַ חיה טויט וואָיען:
נישט דערוואַקסן בין איך, גאָט, צו דיין שטראָף.

## פאַר די שפּעטערע טעג

דער שטיין, וואָס די בויער האָבן פאַר'מיאוס'ט,
וועט ווערן דער ווינקלשטיין פאַר אַ וואונדערגעביי,
דאָס לאַנד, וואָס צעשטערער האָבן פאַרוויסט,
וועט רינען מיט מילך און האָניק פונסניי.

דאָס וואָרט, וואָס איז ליידיק, ווי שטרוי אויפן ווינט,
וועט ווידער זיין פול מיט קערנער און זאַפט,
דו זע, דער צעשטער אַ פייערל צינדט,
איין האַנט מאַכט חרוב, די צווייטע באַשאַפט.

געשטאַרקט וועט ווערן דער, וואָס איז שלאַף
און דער פון דער נידער וועט ווערן דערפרייט,
נאָר אויפגיין וועט פונעם נייעם באַשאַף
דער צער, וואָס דער טויט האָט פריער פאַרזייט.

פון קברים, וואָס באַהאַלטן אונדזער געביין,
פון ים־גרונטן, וואָס שלינגען אונדז איצטער איין,
וועט אונדזער געדעכעניש איבער דער וועלט גיין
און אָנפילן זי מיט אונדזער וואַרעמער פיין.

איר נאָכקומער אונדזערע, לויטער און ריין,
וואָס אַקערן וועט איר די דערפרישטע ערד,
טראָגט אונדזער ירושה פון ציגל און שטיין,
פון אונטערגאַנג, וואָס איז אונדז איצטער באַשערט.

אין אייער געזאַנג זאָל ציטערן געוויין
פון אונדז, וואָס מיר טייטן און ווערן געטייט, —
איר נאָכקומער אונדזערע, לויטער און ריין,
פאַרנעמט אָט די פשוטע, מענטשלעכע רייד.

אַ גוטער באַשירעמער זאָל זיין אונדזער צער,
אַז איר זאָלט נישט שטרויכלען מיט צופיל גליק,
אַז לויערן זאָל נישט אויף אייך דאָס געפאַר
מיט טויט אָנצוהייבן דאָס לעבן צוריק.

# זעער פון תקוע

## א

פונעם אַקערפעלד האָט מיך נישט גערופן קיין קול,
אויפן שניט איז נישט איבערגעגאַנגען קיין ציטער,
נאָר אַ וואָלקנדל, פוכיק ווי ערשטע וואָל,
האָט געמאַכט דעם הימלבלוי דין און שיטער.

אין געוועב פונעם וואָלקן האָב איך אַן אומרו דערשפירט,
מיט דער שרעק, אַז דאָס בלוי וועט אינגאַנצן צערינען, —
מיר אַנטקעגנגעקומען איז עמוס דער הירט
און מיט אים איז געגאַנגען ביטאָג דער באַגינען.

ס'האָט דער האָניק פון ליבשאַפט אויף די זאַנגען געטוי'ט,
ס'איז גערונען דער טעם אויף מיין דאָרשטיקן גומען, —
וויפל גוטסקייט ס'האָט מיר דאָס לעבן פאַרטרויט
און צו דיר, מיין ליבשאַפט, בין איך אַליין נישט געקומען.

וויפל מאָל האָט דער אָפקלאַנג פון אַ רוף מיך געוועקט,
נאָר דאָס קול האָט געבלאָנדזשעט אויף ווינטן רויע,
ביז פאַר מיר האָט אין לויטערן טאָג זיך אַנטפלעקט
דאָס געשטאַלט פון דער ליבשאַפט, דער הירט פון תקוע.

ס'איז די קלאָרקייט שאַרף, די דערקענונג בלענדט,
די געדאַנקען אין קאָפ גייען דורך ווי שניטן,
ווען דו נעמסט דיין אייגן וואָרט אויף די הענט
אָפצוהיטן, אַז ס'זאָל זיך אויף שטויב נישט צעשיטן.

ס'איז די ליבשאַפט אַ וואונד, דאָס ליכט פונעם צער,
אין דער שטראָף אויסגעוואַרעמט ווערט דאָס טרייסטן,
כ'האָב די זיכערקייט געזען ביים ברעג פון געפאַר,
כ'האָב געהערט אין גלות די פרייד פון דערלייזטן.

כ'האָב דערפילט ווי גרינג ס'איז צו טראָגן דעם עול
פונעם מענטש, אַז דאָס האַרץ דיינס איז דיר לויטער,

ווי די קרוין פון דער זון אַרום וואָלקנדל וואָל,
ווי דער טוי אויפן גאָלד פון די צייטיקע ברויטן.

## ב

דערשפּירט האָב איך אין אים דעם ריח פונעם פי,
די פּאַרע פון דער ערד נאָך זומערדיקן שפּריי,
אַזויפיל פרישקייט אין אַ מענטשנס ערד־געשריי,
אין זיינע האָר — אַזויפיל וואַרעמקייט פון היי,
דאָס פּנים אָנגעצונדן פון דעם אויגנגלי,
דאָס קול — דעם פּיטערערס געזאַנגען אינדערפרי.

דער מאַן פון פי בין איך און דו — דער מאַן פון ערד,
אין שטילקייט פון געוויקס, אין גרעזל און אין לאַם
האָט אויפגעבליט אין אונדז דאָס קלוגשאַפט פונעם תם,
וואָס ווייסט, אַז ס'וואַקסט די צווייג נאָר צוגעהעפט צום שטאַם,
אַז מענטש, ווי ערד, פון אייגן גוטסקייט ווערט גענערט
און שלעכטס — דעם שלעכטן ווי אַ פלאַם פאַרצערט.

צוויי טויזנט זיבן הונדערט יאָר האָט אונדז צעטיילט,
נאָר וואָס איז צייט, אַז מענטש אַלצאיינס איז אַלעמאָל,
ביי מיר איז שטיין געווען דער טויט, ביי דיר איז שטאָל,
און ס'טראָגט דער איינציקער נאָך אַלץ אויף זיך דעם עול
פאַר הבל'ס ערשטער וואונד, וואָס איז נאָך נישט פאַרהיילט,
פאַר בענקשאַפט, וואָס פון מאָרד האָט זיך אַרויסגעשיילט.

## שאול

פון אַקסל און אַרויף פון גאַנצן פאָלק געווען העכער,
פון האַרצן אין דער טיף — געווען טרויעריקער פון טרויער,
באַשייד געזוכט פאַר פּחד ביי טרעפערס און ביי שפּרעכערס,
פון דוד'ס האַרף אַרויסגעטרונקען גאַנצע בעכערס
מיט אומעט און מיט גורל און מיט לויער.

אָ,קעניג ערשטער מיינער, פרישגעזאַלבטער,
אין פשוטקייט אַ גאַנצער,
אין קרוינשאַפט אַ צעהאַלבטער,
נאָך היינט ביסטו אַ צייכן און אַ פאַנצער
פאַר אונדזער גאַנג פון צער צו לויטער רייך,
ווי דו האָסט אין דיין קרוינשאַפט געוואָלט גיין.

איך שטיי פאַר דער לבנה, פול איז זי און אָנגעטרונקען
מיט נאַכט, מיט ברעג פון טאָג, מיט אומעטיקער חכמה,
די קליינע שטערן אַרום איר זענען שפּריצלעך נאָר, ווי פונקען,
וואָס הייבן זיך צום פלי און ווערן באַלד פאַרזונקען.
ווי איך ביסטו פאַר איר געשטאַנען, אפשר נאָכמער —
איר לויטערקייט געשעפּט ווי פון אַ ברונעם
און אָנגעפילט דיין האַרץ, צו ווערן ריינער.
די אייזעלינען האָסטו נישט געפונען,
נאָר אָנגעקומען איז דיר אויפן וועג דער קריינער, —
געזאַלבטער ערשטער מיינער, ס'איז שווער געווען דיין לוין :
אַ וועלט מיט טרויער טראָגן אין קאַרבן פון אַ קרוין.

מיר גייען אַלע זוכן, — פשוטקייט, צי קרוינען,
דאָס נישט געזוכטע אָבער, — טרויער, — טוען מיר געפינען,
נאָר ווער האָט אָפגעהיט, ווי דו, דאָס ריינקייט קעגן שונא
און ווער האָט אָפּשטאָם זיינעם געקענט מיט ליבשאַפט שיינען ?
פאַרהילט ביסטו געווען אין ליכט און שאָטן, ווי באַגינען,
און נישט אַרויסגעהילט זיך פונעם וויקל
ביז ס'האָט די שווערד דאָס האַרץ דיינס דורכגעלעכערט.
פון אַקסל העכער — צו דורן אַ בריקל,
און גאַנג צו אים איז פול געווען מיט שטעכערס, —
מיר גייען אַלע זוכן, ס'איז טרויער אונדזער צינז
פאַר אומגעריכטן, ליכטיקן געפינס.

## דער שה

דאָס לעמעלע איז קליין אַזוי, מיין גאָט,
און אויגן האָט עס גרויסע, פול מיט צער,
פאַרפלאָנטערט האָט זיך עס אין שטעכיק דראָט
און איך בין נאָך אַ קינד, מיין גוף איז דאַר.

ווי קען איך רייסן מיט די הוילע הענט דאָס דראָט ?
ווי קען איך קוקן, ווי דאָס פעלעכל ווערט צעפליקט ?
כ'האָב ערשט געזאָגט צו דיר „האַדוישעם אחד"
און איצט האָסטו אַזאַ נסיון מיר געשיקט.

דאָס לעמעלע האָב איך געזען כלחוך השור,
ווי ס'איז אַרומגעשפרונגען אויפן גרינעם שליאַך,
אין טוי געבאָדן די געקרויזטע, ווייכע האָר
און אויסגעמעקעט צו דער וועלט אַ שבח.

כ'בין נאָכגעגאַנגען נאָכן זינגעוודיקן מע
און ס'האָט געזאַנג אַנטפלעקט זיך פאַר מיין אויג, —
דאָס איז דאָך, גאָט, פון חומשל אַרויס דיין שה
און שפרינגט אַרום פון סטויג צו סטויג.

נאָר נישט דאָס לעמעלע, נישט איך, געוואוסט,
אַז אויפן שליאַך איז דאָ אַ שטעכעדיקער פלויט,
און ווען איך האָב צום ווידערקול געגלוסט,
האָט דאָרט דאָס דראָט געשטאָכן שוין די הויט.

דאָס לעמעלע איז קליין אַזוי, און שטיל געוויין
פון דראָט־געפלעכט צעגייט זיך אויפן סטעפ,
די אויגן זענען גרויס — אַ ברונעם טיף און ריין, —
נעם, גאָט, און פולע עמערס ווייטיק שעפ.

שעפ־אָן פאַר זיך און פאַר דער גאָרער וועלט,
וויל טראָפנסווייז אויף גראָז דאָס חיות רינט,
די אויגן ווערן ביסלעכווייז פאַרגעלט
און ס'ווערט דיין שה צעריסן אויפן ווינט.

## אין דער שטילקייט פון נאַכט

אין דער שטילקייט פון נאַכט איז דאָס געוויין העכער,
אין די ביימער רוישט עס, אינעם שלאָף פון פייגל,
אין דער פאַלמע האָט זיך עס צעשפּרייט ווי אַ פעכער
ס׳גייט אַרום פאַרחלומט אויף די ווייסע דעכער,
אָבער קיינעם וועקט עס נישט, נאָר איינעם,
וואָס האָט אויסגעוויינט שוין אַזויפיל געוויינען,
וואָס ער דערהערט דעם מינדסטן שאָרך פון אַ ציטער.
די לבנה וועט באַלד צו דעם טייך זיך בייגן
איר געוויין אין וואַסער אַריינצואוויינען,
ס׳האָט אַ שטערן געגעבן אַ לויף מיט געפּליטער
און אַ שורה פינטעלעך אָנגעצייכנט,
ס׳איז דאָס בלוי פונעם הימל געוואָרן שיטער,
ס׳האָט אויף מערב שוין אָנגעהויבן צו בלייכן,
דאָס געוויין וועט באַלד צו גאָט דערגרייכן,
אָבער קיינעם וועקט עס נישט אויף, נאָר איינעם,
וואָס האָט אויסגעוויינט שוין אַזויפיל געוויינען.

## ס׳איז דערפאַר

ס׳איז דערפאַר וואָס איך בין אַזוי ברודערדיק אַלט
מיטן מענטשנס אָנהייב, מיט געוואָי זיינס אין וואַלד,
וויל איך שעפּן פון זיך נאָר אַ ליכטיק געשטאַלט
און צו דיר, מיין געפּייניקטע וועלט, עס ברענגען.

ס׳איז דערפאַר וואָס איך שפּיר אין מיין אייגן געמיט
ווי די קראָפּעווע לעבן דעם פעלדבלימל בליט,
וויל איך זיפּן די זון אויף מיין רעשעטע ליד
און צעלאָזן די ווערטער — אַ פייגל־שערענגע.

ס׳איז דערפאַר וואָס איך הער נאָך מיין קול, ווי ס׳האָט רווי
זיך פאַרמאָסטן אין וואַלד מיט דער חיה׳ס געוואָי,
זאָג איך איצט אַז איך גלייב אינעם גוטס און געטריי
דעם צעריסענעם מענטש אין זיין לעצטן געראַנגל.

ס'איז דערפֿאַר וואָס ביים אָפּגרונט הענג איך אויף אַ האָר,
ווי די וועלט, ווי מיין גאַנצער פֿאַרלוירענער דור,
ריים איך פּעדעמווייז שיין אַרוים ביים קאַיאַר
און פֿאַרוועב זיי מיט ווייטיק אין מיינע געזאַנגען.

## ווינט

רוי דער ווינט, אוי, דער ווינט
הערט נישט אויף זיין בייז געוואַי,
אויף די שויבן שווידער רינט,
ווי אַ וואונד דאָס האַרץ איז רוי.

ס'לעשט דעם לעצטן קנויט דער ווינט,
ס'פֿאַלט אויף שויבן עלנט שטרוי,
וועלט האָט טויט פֿאַרטרויט דיר, ווינט,
איך — דעם לעבן נאָך געטרוי.

## צוריק פֿון דער זון

צו דער זון אַז דו גייסט, גייט דער שאָטן דיר הינטער
מיט אַ ייידענעם שפּאַן, און דערלאַנגט דיר אַ זאָג:
אַזאַ גאַנג איז נאָך דאָ, וואָס די קנופּן פֿאַרבינדט ער
אין געוועב פֿון דער וועלט, אין די ריטן פֿון טאָג.

פֿון דער זון אַז דו גייסט, גייט דער שאָטן פֿאָרויס דיר
מיט אַ מידיקן שפּאַן, אין אַ טונקעלן טראַכט,
פֿירט צוריק דיך פֿון טאָג, פֿונעם זוניקן פּרוזדור,
צו דער שטילקייט און רו פֿון דיין אייביקער נאַכט.

## חיים נחמן ביאַליק

ביסט געווען אַ סנאָפּ שיין צעשויבערט
און אַמאָל אַ געטראַנק, וואָס איז גאַליק,

אין דיין יאוש אפילו — אַ גלויבער,
ביסט געווען — חיים נחמן ביאַליק.

האָסט געשניטן אונדזער לייב אין „בעיר ההרגה",
האָסט געשטראָפט אונדז מיט „אכן חציר העם",
ביסט געווען דער אומרו אין אונדזער לעבנס־זייגער,
נאָר אין דיר האָט פרייד געשלאָגן ווי אַ שטראָם.

האָסט געבראַכט אונדז יונגשאַפט אין די „שירי חורף",
האָסט געוויינט פאַר אונדז אין „שמים בקשו רחמים עלי",
אין „הברכה" דער שמייכל, קינדיש־פאַרלוירן,
האָט געבליט מיט פרייד, ווי דיין וואָלינער מאַי.

ס'איז „דאָס לעצטע וואָרט" דיינס געווען דאָס ערשטע
און דיין ביטער „פריילעכס" האָט געשמעקט מיט בוים,
ווי דער שטעכיקער, בלאָנדער, קרויזיקער גערשטן
האָט גערעדט צו אונדז בחור'דיק דיין „היה חלום".

כ'האָב געטרונקען ווי ווייַן דיינע געזאַנגען,
דיינע מקרא, אַמאָל פריקרע, רייד,
ס'איז דערנאָך אין מיר אַליין אויפגעגאַנגען
דער געמישטער טעם פון דיין צער מיט פרייד.

## מ'האָט נאָך אים געשיקט

כ'האָב אָנגעטאָן דעם זון אין ליכטיקן האַקי,
געזאָגט אים: ס'איז שוין צייט, דו דאַרפסט דאָרט זיין פאַרפרי,
און אָפּגעקערט דאָס פּנים צו דער וואַנט.
געשוויגן האָבן מיר, דער זייגער האָט געטיקט,
דאָס האַרץ האָט צוגעקלאַפּט: מען האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

די מאַמע האָט דעם לעצטן קוק געטאָן אין ראַנץ:
דו זעסט, מיין קינד, ס'איז אויסגעפּרעסט און גאַנץ,

און אַלצדינג וועט דיר ליגן צו דער האַנט...
די אויגן זיינע האָבן זיך אויף אונדז געוויגט
און שטומערהייט געזאָגט: מע האָט נאָך מיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

אַז ס'האָט אין ראַנץ אַ קלונג געטאָן דער שלאָס,
האָט עפּעס אָפּגעהאַקט זיך, ווי אַ שאַרפער שאָס,
געבליבן זענען מיר אַ רגע, ווי ביים ראַנד.
די זון האָט דינע פּעדעם אויף דער וואַנט געשטריקט,
דער טאָג האָט אָנגעזאָגט: מען האָט נאָך מיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

אין פּנים ביי מיין זון אַזויפיל קינד און מאַן,
די אויגן שיינען, ווי צוויי ליכט אין אַ טומאַן,
דער שמייכל זיינער ציטערט מיט פאַרשטאַנד.
איך האָב אויף אים געקוקט און ס'האָט אין קאָפּ געפּיקט:
דו ווייסט, ווי איך, פאַרוואָס מע האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

דיין ייִנגל־צימער בלייבט, דיין טיש, דיין בעט,
דיין קול, ווי דו האָסט זינגעוודיק גערעדט,
ווען ס'האָט זיך ערשט געבראָכן און געמאַנט,
דיין ערשט־געשוירן בינטל האָר נאָך ליגט,
נאָר איצטער האָט מען דאָך נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

מיר שוויגן אויף די טרעפּ, — וואָס זיינען איצטער רייד?
די זון האָט מיטן רוקן צו אונדז זיך אויסגעדרייט,
אַזוי האָט אַלע מאָל אַ טאַטע לעבן זון געשפּאַנט,
אַ מאַמע האָט אַזוי דאָס וויינען אירס געשטיקט,
אַזוי איז עס אַצינד, מען האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

מיר פירן אים, און שאָטנס קומען זיך צונויף
פון אַלע די, וואָס האָבן אָפּגעצאָלט דעם חוב,

פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר פֿאָלק, פֿאַר מענטש, פֿאַר לאַנד,
פֿאַר ייִד, וואָס ס'האָט אַ וועלט אויף אים געקריגט,
מיר פֿירן אים, מע האָט נאָך אים געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

דער לעצטער אָפּשטעל דאָ, אַ פֿויגל גיט אַ פֿלי,
צעשטרייפֿטע פֿאַסן ליכט אויפֿן זונס האַקי,
אַ לייכטער ציטער גייט פֿון האַנט צו האַנט,
די מאַמע האָט צום האַרץ אים צוגעדריקט,
נו, פֿאַר געזונט, מע האָט נאָך דיר געשיקט, —
מיין זון, מיין לעיטענאַנט.

## אָדלערס אונדזערע

אָדלערס אונדזערע, אונטער אַלטע הימלען — יונגע,
אָנגעטאָן האָט איר די פֿליגלען פֿאַרן ערשטן פֿלי,
קיינער האָט אייך נאָך ביז איצטער נישט באַזונגען,
און באַזינגען אייך איז אפֿשר נאָך צו פֿרי.
אָנגעפֿילט האָט איר מיט קאָלטע לופֿט די לונגען,
ביי די וואָגלער־כמאַרעס אָנגערירט די פֿאָלעס,
און נאָך העכער — צו דער זון — געטאָן אַ צי,
זעט דעם וואונדער, ווי סע פֿליט דער גלות.

אויסגעוואַרעמט האָט איר זיך אין היימען — שטילע נעסטן,
אייניקלעך פֿון ספֿרי רומל, ווינט־מילן און קלויז,
יונגע, קענן אַלטע טויטן אין דער הייך זיך צו פֿאַרמעסטן,
פֿליט איר מיטן דורותדיקן ברען און ברויז,
מיט אַ האַרץ, אַן אויסגעהאַמערטן און פֿעסטן,
מיט אַ האַנט, וואָס אין צעשטערן איז זי בויעריש,
אויף די פֿליגלען אייערע טראָגט זיך יעקבס הויז.
שטרעקעס שניידט איר מיטן שם המפֿורש.

אין אַ ציטערדיקער נאַכט אויפֿגעהויבן האָט זיך אליהו
אויף אַ פֿייערדיקן וואָגן גלייך צו גאָט,

איר, אין הייכן רייבערדיקע, בלאָע,
טראָגט אין זיך יענעם פייערוואָגן־סוד,
אייך באַשערט — דאָרטנס אונדזערע מיט דאָען
אויפן ווינט, מיט פליגלען, צו פאַרקניפּן,
אויסצוקערעווען דער וועלט פאַרויס דאָס ראָד,
וואָס דער שונא האָט געוואָלט אַריבערהיפּן.

מיר, די טאַטעס־מאַמעס אייערע אין דער נידער,
קוקן צו דער הייך מיט עלנטן געמיט,
ס'איז אַ זון פאַרגאַנגען, אויפגיין וועט זי ווידער
אויפן טויט און צער'דיקן לעבן פונעם ייד,
איר, די אייניקלעך פון דורכגעווייקטן סידור,
טראָגט דעם טויט אויף פליגלען — לעבן אויסצושטרייטן,
ס'איז אַ טרויער און אַ וואונדער וואָס איר פליט, —
אָדלערס אונדזערע, צונויפקניפּערס פון איצטער מיט פאַרצייטן.

# די זיבעטע מעשה

## אַריינפיר

דער חסידישער פאָלקלאָר איז רייך. פון ר' ישראל בעל־שם־טוב ביז די לעצטע גרויסע גוטע־יידן זיינען געבליבן לעגענדעס און מעשה־לעך, — סיי וואָס זיי אַליין האָבן דערציילט און סיי וואָס חסידים דער־ציילן וועגן זיי. ר' נחמן בראַסלאַווער (געבוירן אין יאָר 1772 אין מעזשביזש, פּאָדאָליע, געשטאָרבן אין יאָר 1810 אין אומאַן) איז צווישן גוטע־יידן געווען אַנדערש דערמיט, וואָס דערציילן אַ מעשהלע איז ביי אים געווען אַ מין עבודה. ער האָט אין די מעשהלעך נישט נאָר אַריינ־געגעבן אַ טיף־יידישן מיין, נאָר אויך זיין קינסטלערישע פערזענלעכ־קייט.

ר' נחמנס „סיפּורי מעשיות" זענען צו אונדז דערגאַנגען פון אָפּ־שרייבונגען, וואָס זיין גבאי, ר' נתן, האָט געמאַכט. דער רבי האָט די מעשהלעך דערציילט אויף יידיש און ר' נתן האָט זיי דערנאָך איבערגעזעצט אויף לשון קודש. ר' נחמן האָט אָבער געוואָלט, אַז זיינע „סיפּורי מעשיות" זאָלן זיין געדרוקט אי אויף לשון קודש און אי אויף יידיש.

די „מעשה בהז׳ בעטלערס" האָט ר׳ נחמן דערציילט איינציק־ווייז, אַ מעשה אויף־אַמאָל. ער האָט בפירוש געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיין אָפּגעשריבן אויף יידיש מיט זיין אייגן לשון, ווי ער האָט זיי דערציילט. נאָר דערציילט האָט ער נישט מער ווי זעקס מעשיות, די זייביטע, האָט ער געזאָגט, וועט ער דערציילן ווען משיח וועט קומען.

דער אָנהייב פון דער „מעשה בהז׳ בעטלערס" איז פון אַ מלך, וואָס האָט זייער ליב געהאַט חכמה. ער האָט געהאַט אַ בן־יחיד, וועמען ער האָט געוואָלט אָפּגעבן די מלוכה נאָך ביי זיין לעבן. מיטן מלך און דעם בן־מלך פאַרנעמט זיך ר׳ נחמן נישט קיין סך, ער גייט באַלד איבער צו די זיבן בעטלערס.

„ויהי היום, איז געווען אַ בריחה אין אַ מדינה", מענטשן זענען געלאָפן און אויפן וועג זענען פאַרפאַלן געוואָרן צוויי קינדער, — אַ זכר און אַ נקבה. די קינדער האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין געדיכטן וואַלד, זיי זענען געווען הונגעריק און האָבן ביטער געוויינט. דעם ערשטן טאָג האָט זיי געטראָפן אַ בלינדער בעטלער, ער האָט זיי געגעבן עסן און געבענטשט, אַז זיי זאָלן זיין ווי ער. דעם צווייטן טאָג איז געקומען אַ טויבער בעטלער, דעם דריטן — אַ שטאַמלער, דעם פערטן — איינער מיט אַ קרומען האַלדז, דעם פינפטן — אַ קאַליקע אָן פיס. אַלע האָבן די קינדער אָנגעהאָרעוועט און צוגעוואונטשן „איר זאָלט זוכה־זיין צו זיין ווי איך".

דערנאָך האָבן זיך די קינדער דערשלאָגן צו אַ ישוב, וואו זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין איבער די הייזער. זיי זענען צוגעשטאַנען צו אַ חברה בעטלערס און איינמאָל אויף אַ יריד איז די בעטלערס איינגעפאַלן משדך־צו־זיין די צוויי קינדער. וואו מאַכט מען אָבער די חתונה ? האָט מען אויסגעזוכט אַ גרוב, פון גיין־איבער־די־הייזער האָט מען צונויפגעבראַכט כל־טוב און געפּראַוועט אַ פריילעכע חתונה.

נאָך דעם ערשטן טאָג פון די שבעת ימי המשתה האָבן זיך חתן־כלה דערמאָנט אין די בעטלערס, וואָס האָבן זיי אין וואַלד געגעבן ברויט, און האָבן זיך צעוויינט פון בענקשאַפט. איז דעם ערשטן טאָג צו זיי געקומען דער ערשטער בעטלער, דער בלינדער, און דערציילט אַ מעשהלע, דעם צווייטן טאָג איז געקומען דער טויבער בעטלער, — אַזוי זעקס טעג נאָכאַנאַנד האָבן זעקס בעטלער דערציילט זייערע מעשהלעך. די זיבעטע מעשה, — די מעשה פונעם קאַליקע אָן פיס, — איז געבליבן נישט דערציילט.

דער אופן, ווי איך דערצייל די מעשה פונעם זיבעטן בעטלער איז, אַז ר׳ נחמן קומט צו די אומאַנער חסידים איצט, הונדערט־דרייסיק יאָר נאָך זיין יציאה (די פּאָעמע האָב איך אָנגעהויבן שרייבן אין יאָר 1940), ער קומט נאָר אין גייסט, און דערציילט זיי די מעשה, אָבער ער אַנטפּלעקט זיי אויך איצטער נישט דעם קץ, נאָר אַ שפּאַ־רונקלעך עפּנט ער פאַר זיי. ס׳איז די צייט פונעם אָנהייב חורבן אין וואַרשע, די חסידים זיינע, וואָס האָבן קיינמאָל קיין אַנדער רבין נישט גענומען, פאַלן אַריין אין עצבות און ר׳ נחמן קומט פון יענער וועלט צו שטאַרקן אין זיי די אמונה.

אַ קימאַ־לן האָבן מיר, אַז אַ מת טאָר נישט קומען בצורת איש,
דאָס ריינקייט פון יענער וועלט נישט צו פאַרשוועכן,
דערפאַר איז נאָר מיין נשמה דאָ מיט אייך ביים צעבראָכענעם טיש,
געקומען בין איך דעם יאוש אין אייך צו צעברעכן.
איך האָב אין זיך דעם כוח פונעם פערטן בעטלער
צו וואַרפן קולות איבער צייט און שטרעקעס,
אַז כ׳בין ביי די ברעגעס פון יידישע שטעטלעך, —
ביי מעזשביזש, הוסיאַטין, בראַסלאַוו און אומאַן, —
אַרומגעגאַנגען, האָב איך אויף אַלע עקן
דאָס קול מיינס געוואָרפן, צו אייך זאָל עס קומען.

דאָס עצבות אייערס האָב איך אַצינד פאַרנומען,
ווי ביטערן וויין אויפן גומען.
געפילט האָב איך צו וואָס איר זענט נוטה
אַצינד, אַז אומאַן איז פאַרברענט,
מיין קבר געשענדט,
און איר — די „טויטע״,
זענט לעבעדיק מיט טרויער.
איך האָב זיי געזאָגט דאָרטן, דעם אר״י
און דעם הייליקן בעל הזהר:
ס׳איז אפשר נאָך צו פרי,
נאָר הונדערט דרייסיק יאָר נאָך מיין יציאה,
און ס׳איז די וועלט נאָך מיט גראַנגל פול,

וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז טויט טוט איצטער פליען
און ס'גייען אום די אומאַנער ממש דול ?

צעקרישלט זענען די ווענט פונעם אומאַנער שטיבל,
צעהוליעט האָט זיך דער פּאָהיבל,
דער טויט אויף מענטשן איז געקומען חיה'ש,
אַפילו דאָס געשריי — זייט זיך נישט מייאש —
איז אויך אַראָפּגעווישט, ממש ווי דערוואָרגן,
און וואָס וועט זיין, אַז היינט, צי מאָרגן,
וועט זיי דער יאוש אַריינגעמען אין צוואַנגען ?
ווי וועט וועלט אַ קיום האָבן אָן אומאַנער געזאַנגען ?

רבונו דעלמא כולה,
די מאָס פון צער איז שוין אַ פולע,
זי איז שוין ביזן האַלדז דערגאַנגען,
מ'דאַרף רחמים איצט, און נישט קיין דין,
פאַר יידן אין די וועלדער, אין די היילן,
און איך, נחמן, דערוועג זיך צו זאָגן, אַז איך געפין,
אַז ס'איז די צייט געקומען צו דערציילן
דעם אָנהייב פונעם זיבעטן בעטלער.
אַ שפּאַרונקעלע עפּענען צום גרויסן קוואַל
מיט ליכט, וואָס ליגט אין האַרץ פון וועלט באַהאַלטן,
דער נדר, זאָג איך, איז אַצינד נישט חל,
אַז קולי־קולות יידישע דעם הימל טוען שפּאַלטן.

איז וואו בין איך געבליבן ? ביים זיבעטן טאָג,
דער לעצטער טאָג פון די ימי־המשתה,
ווי ס'גיט דער סוף פון דריטער אשמורה אַ שלאָג,
שטייט־אויף דאָס פּאָרפאָלק מיט לויטערע קעפּ,
מיט אויגן אויסגעוואַשענע, דערפרישטע.
פון שלאָף שטייען־אויף די געהויבענע געסט,
אין גרוב ווערט אַ רעש, ווי פאַרטאָג אין אַ נעסט,
מ'האָט ברויט געבראַכט, מ'האָט וואַסער געשעפּט,
און ווידער געזעצט זיך צו דער סעודה.

# אפריס אויערבאַך

זינגט איינער אַ מזמור פֿאַר דער כּלה,
אַ צווייטער כאַפּט אונטער מיט אַ דודע,
אַ דריטער פֿאַרגייט זיך אין אַ פֿאַרניאַלע,
נאָר חתן־כּלה פֿאַרבענקען זיך איצט
נאָך אים, דעם לעצטן פֿון די בעטלערס.
צעוויינען זיך ביידע: ער האָט איינגעקריצט
אין אונדזערע הערצער אַ בענקשאַפֿט צו זיך.
דערהערט זיך אַ קול: כ'בין געקומען שפּעטלעך,
איר ווייסט דאָך, איך גיי נישט, נאָר איך קריך.
נאָר דאָ בין איך דאָ, דער בעטלער אָן פֿיס,
וואָס אויסגעוואָנט בין איך די גאַנצע וועלט,
אין דאַנציק, אין סטאַמבול, אין ווין, אין פּאַריז,
כ'האָב פּליישן געבראָטן, כ'האָב מילעך געוועלט,
כ'האָב טייטלען געריסן אין באַגדאַד,
דעם מילגרוים אין תּימן,
דעם באָקסער אין צידון,
אַפֿילו צום בוים מיטן גילדענעם בלאַט,
וואָס וואַקסט אין דער מדבר אין טויזנט יאָר איינמאָל,
דערגאַנגען בין איך מיט אַ חבֿרה יידן.

אַז כ'האָב נישט קיין פֿיס, איז גיי איך נישט, מיינט איר?
איז ווייסן זאָלט איר, אַז כ'גיי אין גאָטס וועגן,
אַ מצווה צו טאָן, האָט ביי מיר קיין באַטרעף נישט דער גאַנג.
מיט פֿיס קומט מען אָן צו מחלוקת, געשלעגן,
מיט פֿיס בלייבט אַ מענטש אַמאָל שטיין אַ פֿאַרשטיינטער
פֿאַר זינדיקע מעשים, פֿאַר רשעות, רחמנא־לצלן.
און איך, אַז איך גיי, איז עס לויטער געזאַנג,
כ'נעם גאָט מיר אין האַרצן, ווי אַ פֿרישן געטראַנק,
און, ווי איר זעט מיך, שפּאַן איך און שפּאַן.

כ'האָב אָנגעשפּאַרט העט נאָכן פּרת און חידקל,
צום טאַמען סמבטיון האָב איך שוין דערלאַנגט,
געזען די בת־מלכּה, שיין ווי אַ טעקל,
וואָס האָט, ווי אַ ליכט אויפֿן ווינט, געצאַנקט
פֿון בענקשאַפֿט צום פֿאַסטעך, צום פֿיטערער־זינגער,

וואָס ציילט די געבוירענע שאָף אויף די פינגער
און פירט זיי צום וואַסער און שפילט אויף אַ פלייט.

וואָרן גיין, דאַרפט איר וויסן, איז דרייערליי גאַנגען.
ס'איז איינער בנמצא, וואָס פשוט ער נעמט און ער גייט
אַצינד אין דער צייט, אויף דער ערד ווי זי איז, ווי זי שטייט
אין רעמל פון טאָג און פון נאַכט, אָן מיין, אָן באַשייד.
ס'איז גאַנג, נאָר געגליכן איז ער צו אַ קול,
וואָס קלינגט נישט אַהער און קלינגט נישט אַהין,
וואָס אָפּגעהאַקט ווערט עס ביי סאַמער התחלה.
ס'איז פונקט ווי דו נעמסט אַ בינט זויבערע וואָל
און זעסט נישט, אַז ס'ליגט אין דעם אַ טייער און איידל געוועב.
דער הימל איז לויטער, דער סטעפּ איז פאַרוואַקסן און גרין,
סע הייבן זיך בערג און סע נידערן טאָלן,
נאָר איבער דעם אַלעם איז דאָ אַ פאַרהוילענע טרעפּ,
וואָס גיין אויף איר גייט מען מיט האַרץ, מיט געדאַנק,
און דאָס איז דער העכערער, וויטערער גאַנג.

ס'איז ווידער דאָ איינער, וואָס גייט אין דער צייט צוריק,
צום אָנהייב, צום פריער פון אייגענעם נפש גייט ער,
דערגרונטעוועון וויל ער דעם שורש, די סיבה ראשונה,
און וואַרפט איבער שטח און צייטן אַ בריק.
אַ הויכע מדרגה פון מענטש איז דער צווייטער
און ווייניק בנמצא זענען מענטשן אַזוינע.
צו וואָס איז געגליכן אַ־דער מענטש ? צו אַ קול ביים ברעג וואַלד,
וואָס נישט מע פאַרנעמט און נישט מע הערט,
ווייל ס'שלאָגט עס דער ווינט צוריק פון אַנטקעגן.
אַזוי איז איינער, וואָס קוקט אויף פאַרזייטער ערד
און זעט, ווי ס'צעשפּאַלט זיך אין איר דער קערן,
ווי ס'רייסט זיך אַרויס דאָס געוויקס צום שפּראָצן,
ווי ס'גאַרט דאָס נישטעלע זיך צו פאַרמערן.
נאָר ווייטער, דאָס פעלד אויף דער זון, אונטער שטערן,
ווי ס'ווערט געפּייניקט די זאַנג פון שטורעם, פון האָגל,
ווי וואַרפן זיך וואַרפט זי, און ציטערט און איז פאַרוואָגלט
ביז וואַנען זי דערלעבט, מיטן אייבערשטנס רצון,

זיך אָנצופילן מיטן פּשוטסטן ברויט, —
דאָס זעט נישט זיין אויג, דאָס הערט נישט זיין אויער,
און גיין דאַרף מען גיין אַזוי און אַזוי׳ער.

— נאָר איינער איז דאָ, וואָס גייט אויף אַלע דריי וועגן,
אַצינד און אַמאָל און אויך אינעם שפּעטער,
דער אָנהייב איז איצטער, דער איצטער איז עתיד,
איין בוים, איין וואָרצל, איין קנופּ פון בלעטער,
וואָס גאָט שיקט זיי זומער די זון און דעם רעגן
און איבער־דער־נאַכט ווערן זיי מיט שפּע פאַרראָסעט.
וואָרן איינער איז דער צער, —
פון חבלי־יצירה, ווי ס׳איז דער צער הקיום,
ווי זיין וועט דער צער אין דער תקופה פון גוג־ומגוג.

איר קוקט מיך אָן, איך בין דאַר און קוואַר,
און ס׳דאַכט זיך, אַז לאַנג וועל איך נישט דערציען,
בין איך אָבער דער, וואָס נאַכטיק און טאָגיק
גייט־אויף פאַר מיר דער גאַנצער יצור.
אַריינגעשפּאַנט האָב איך אין אלף השישי,
געזען, ווי ס׳ציט זיך דער אייביקער שנור
פון מענטשן גאַנצע און מענטשן קרישע,
פון גוטס אינעם שלעכטס און שלעכטס אינעם גוטס,
פון טייטן איבער גלוסטונג צום לעבן,
פון לעבן איבער גלוסטונג צו טייטן,
פון שטאַרקן, וואָס זוכט ביים שוואַכן שוץ
און שוואַכן, וואָס וויל זיך אין שטאַרקייט פאַרוועבן,
פון שטעכערס אויף רייפע, צעוואַקסענע בייטן,
פון שווערע יסורים מיט פונקען פון חדוה אין זיי
און חדוה, וואָס האָט נישט קיין ניצוץ פון פרייד.
איך הער אַפילו דאָס גרויסע געשריי,
וואָס ווייט אין די טויזנטער יאָרן גייט.

וואָרן דאָ איז אַ געשריי, וואָס איז נאָך פון די גאָר ימי־קדם,
וואָס אויסגעשיילט האָט זיך עם פונעם תהו־ובהו,
קיין קול האָט עס נישט, ס׳איז אַפילו נישט אין דומם,

נאָר ס'ציט זיך איבער צייט מיט ציטערדיקע פעדים,
אַריינגעוועבט איז עס אין די ווייטן בלויע
און ס'פלאַקערט בין־השמשות אינעם הימלס זוימען.
דער מענטש טראָגט אין זיך דאָס געשריי, אין זיינע רמ"ח,
כאָטש קיינמאָל הערט ער עס נישט, און אַז ער הערט עס,
ווייסט ער נישט
פונוואַנעט סע קומט און וואָס סע באַטייט.
אַמאָל ווערט עס מגולגל אין אַ ניגון אונטער אַן אָרעמען יידישן דאַך,
וואָס פול איז ער מיט בענקעניש און טרייסטעניש,
מיט צער פון גאָרער וועלט און גאָרער צייט.
אַמאָל ווידער גייט דאָס געשריי אַליין, פאַר זיך אַליין אַ יש,
און שרייט אַריין אינעם אָנהייב, אינעם איצט, אינעם קץ,
און דענצמאָל גיבן זיך די שטערן אַ צינד־אָן און אַ פאַרלעש,
אַ ציטער גיט אונטער דער ערד דער בלימה,
ס'פאַרשפּרייט זיך פונעם הימל צו דער ערד אַ נעץ
צונויפצונעמען די קערנדלעך גוטס אין מחשבה און אין מעשה
און ברענגען זיי פאַרן רבונו דעלמא.
די וועלט איז דענצמאָל פרימער־שבפרימע,
אַ ריינע וועלט, אַ לויטערע, אַ ווייסע,
אַ הויכע וועלט, אַ גדלותדיקע, ווי אַ פּאַלמע.

נאָר איידער ס'ווערט די נעץ צוריק אַרויפגעצויגן,
קומט־אָן אַ געשריי פון גאָר אַן אַנדער מדרגה, —
דאָס קול פון דער וועלט, וואָס בענטשט, וואָס שעלט,
וואָס ווערט יעדער רגע געבוירן און פאַרגייט יעדער רגע.
דאָס נידעריקע קול, וואָס קריצט, וואָס גרילצט, וואָס קרעלט,
וואָס טראָגט אין זיך דעם צער און דאָס בלוט פון געשלעגן,
פון מענטש ביים אויפשטיין זיינעם און ביים לייגן.
ס'איז גראָב אָ־דאָס קול, ס'איז דער פּשוטער חומר,
נאָר ס'האָט אין זיך דעם כוח פון מענטש, דאָס טיילעכל אלקות,
וואָס צוגעטיילט האָט אונדז דער יוצר־הבריאה.
און ס'בעט זיך דאָס געשריי: באַשעפער, געטרויִ מיר,
געפין פאַר מיר דאָס מינדסטע שטיקל זכות,
פאַרלענד מיך נישט, די צייט איז נאָך אַ פריע,
צעצונדן האָט נאָך נישט דער מענטש דיין פונק,

אַז דו ביסט אַלט, איז דיין באַשאַף נאָך יונג,
ער האָט נאָך זיין געוויין נישט אויסגעוויינט די פולע מאָס,
דיין נאָמען האַלט ער ערשט ביים יוד, ביים ערשטן אות.

אַזוי־אָ טענהט עס, דאָס חומרדיקע, מענטשלעכע געשריי,
און פון דער נעץ צעפאַלן זיך די אַלע ריינע קערנער
אַרונטער אויף דער ערד, ווי גרייפּלעך שניי.
ס'איז שיין דענצמאָל די וועלט, זי בלישטשעט ווי בריליאַנטן,
נאָר איזן איז דער בלישטש אַ שטעכיקער ווי דערנער, —
געזען האָב איך אים אין די ווייטע קאַנטן,
נאָר כ'האָב געהערט אויך דאָס געשריי דאָס העכערע,
ווי ס'גייט צוריק אַוועק און איבער־אַלץ־און־אַלעם,
אין אָנהייב און אין סוף פון די גלגלים, —
די קרומע וואַנט צו עגבערן און לעבערן.

וואָרעם וויסן דאַרפט איר וויסן, אַז ס'איז דאָ אַ לאַנד
פון אַלדעם שיין און אַלדעם וואויל און אַלדעם רעכט,
די פירונג דאָרטן איז מיט האַרץ און מיט פאַרשטאַנד,
נישטאָ דאָרט קיין מחלוקת, בפרט נישט קיין געפעכט.
די מענטשן זענען אָרעם, זיי האָרעווען אויף דער חיונה,
מקיים זיין דעם אָנזאָג פון בזיעת אפּם,
זיי דאַנקען גאָט פאַר רעגנס און פאַר זונען
און טוען זיך אויף עפּעס אַנדערש גאָרנישט קוואַפּען.
אַ לאַנד אַ וואוילס, נאָר אַלץ די ערשטע טרעפּ,
דער פּרוזדור נאָר צום לאַנד פון כולו טוב,
ווייל ס'איז דער מענטש בבחינת אָקס, וואָס שלעפּט
דעם יאָך אויף זיך מיט שווייגעניש און צער.
אַמאָל לאָזט ער אַרויס אַ מו און גיט אַ לויף,
די הערנער גיט ער אין דער ערד אַריין אַ שפּאַר,
נאָר וואָס איז דאָ די פעולה, אַז דער יאָך איז יאָך,
דער אָקס איז אָקס, אָן ציטערניש, אָן תוך ?
דערפאַר איז דאָ אַ לאַנד אַקעגן יענעם לאַנד, —
פון אַלדעם גוטס און אַלדעם רייך און אַלדעם בייז,
אַ טייל אין לאַנד גייט־אָפּ מיט בלוט און שווייס
און לעבט אין דחקות, ביטערניש און שאַנד.

אַן אַנדער טייל גייט־אָפּ אין וואוילטאָג און עשירות,
אין זויפעניש, אין עולם־הזה גראָבער.
אַז איינער וויינט און קלאָגט: ווי שלעכט און ביטער מיר איז,
צעזינגט זיך גאָר דער אַנדערער: ווי גוט און וואויל,
וואָס רייך איז אונדזער לאַנד מיט ווייץ און האָבער,
מיט וויין און האָניק, דימענטן און גאָלד.

ביינאַכט באַגעגענען זיך דיביידע קולות, — הויל און הויל,
און רייסן זיך, און שלאָגן, צום הימל צו דערגיין:
כ׳האָב אַלץ געגלוסט, כ׳האָב אַלץ געוואָלט...
דעם ביסן מיר אַרויסרייסן פון די ציין...
באַטראַכט אונדז — אויסגענישטשייעטע און דאַרע,
אַז וויפל איז דער שיר זיי זאָלן שאַלטן?
די שטערן ווערן אַזש דערשראָקן, לויפן זיך באַהאַלטן
אין וואַרעמקייט פון פאַלעס כמאַרע.

די ביידערליי געשרייען שלאָגן זיך און זענען איינס,
געבוירן ווערט פון זיי דער ווילן צו גאולה,
דאָס נפש לייטערט זיך אין דעם געראַנגל.
די בענקשאַפט נאָכן קץ איז טאַקע נישט קיין פולע,
נאָר ווי פון שטיין־אויף־שטיין, שפּרינגט אַרויס אַ פונק,
אַ פלאַטער גיט אין מענטשן אַ געפיל אַ ריינס,
פון קלאָג רייסט זיך אַרויס אַפילו אַ געזאַנגל,
ס׳איז שוואַך, ס׳איז אָפּגעהאַקט און יונג,
נאָר ס׳האָט אין זיך שוין אַ זעמדעלע אַ גילדנס
פון יענעם ווייטגעזאַנג, וואָס וועט אַרומנעמען די וועלט,
אַז גאָט וועט זיך מרחם־זיין אויף זיין באַשאַף.
געשען דאַרף נאָר, אַז צווישן לאַנד דעם מילדן,
וואו אַלץ איז גוט און אַלץ איז שיין און אַלץ געפעלט,
זאָל קומען אַ התקרבות מיטן לאַנד פון אַלדעם בייז,
וואו שטאַרק איז איינער און דער אַנדערער איז שלאַף.

איז אָבער דאָ אַ וואַנט, וואָס גרייכט אַריבער מיט איר גרייס
די גרענעצן פון ביידע לענדער.
די וואַנט איז קרום, ס׳איז אויסגעבויגן איר יסוד,

צונויפגעשטעלט איז זי פון אַלע שטיינער אויף דער ערד,
נאָר ס'פעלט דער ווינקלשטיין, דער שיינער, דער ראש־פינה.
און ביי דער וואַנט שטייט אויפגעשטעלט אַ שטענדער,
און לעבן שטענדער דרייט זיך טאָג־ווי־נאַכט אַ ראָד
מיט שעפּערלעך, נאָר ס'ליגט אין יעדן שעפּעריל אַ שווערד,
וואָס מענטשן פונעם בייזלאַנד דאַרפן צו איר דינען.
אַז ס'קומט דער טאָג, שטייט ביים שטענדער שוין אַ כומר,
אין שוואַרצן אָנגעטאָן און ביזן האַלדז פאַרקנעפּלט,
דאָס פאַרמעטענע פּנים זיינס איז פון אַן אַלטן רוימער,
די דאַרע ליפּן שאָקלט ער און פרעפּלט.

די מענטשן פונעם בייזלאַנד קומען אָנגעלאָדן
מיט פולע הערצער טרויער, פולע הערצער פרייד,
לאָדט איינער אויס דעם טרויער און לאָדט זיך אָן מיט צאָרן,
לאָדט איינער אויס די פרייד און בלייבט ווי נאָך אַ שאָדן,
און איבער זיי דער פאַרמעטענער כומר שטייט
און פרעפּלט אַליץ: וואָרן . . . וואָרן . . . וואָרן.
ס'פליט־אָן אַ מחנה פייגל מיט שאַרפע שנאָבלען, שפּאָרן,
מיט וואָלקנדיקע פליגלען, מיט גרימעניש און ברומעניש,
און האָגלען פון דער הייך: וואָרן . . . וואָרן . . . וואָרן . . .
צו די, וואָס קומען און צו די, וואָס קומען נישט,
דערטראָגט זיך דאָס געברום, סע שרעקט, סע רייצט,
סע פּיקט אַרויס דעם צאָרן פונעם מענטשנס גרונטן,
די פיינטשאַפט פון די הערצער שטראָמט און פלייצט,
ווי ווייַן פון פעסער מיט צעשפּאַרטע שפּונטן.

און אַז די שנאה מיטן פחד ביזן האַלדז דערגרייכן,
גיט שטום דער כומר מיטן קוק אַ צייכן
און מענטשן פונעם בייזלאַנד כאַפּן שווערדן פונעם ראָד, —
צו שלאָגן זיך, צו שטעכן זיך, צו פאַסעווען און שניידן.
דאָס בלוט רינט טייכנווייז, סע שוימט, סע זידט,
אין ריטשקעס וואַלגערן זיך גופים אויף שאַנד און שפּאָט,
און קיינער קען דעם טויט און טויט נישט פאַרמיידן,
ווייל קרום איז דאָך די וואַנט, דער ווינקלשטיין דאָרט פעלט.

נאָר דאָ איז דאָרטן איינער, אַ שטילער, יונגער ייִד,
וואָס אַלט איז ער, ווי אַלט סע איז די וועלט,
אַ זיידן פנים האָט ער און אויגן ווייכע, קלאָרע,
ס'קוקט קיינער זיך נישט אום אויף אים און עלנט איז ער,
און מיינען מיינט מען, אַז ער איז אַ שלעפער,
נאָר ווער ס'האָט אויגן, זעט ער איז אַ שררה,
אַ צווייַגעלע פון איידעלן, פון יחוס'דיקן שטאַם.
אַז זעען זעט ער, ווי שווערדן שפּרינגען פון די שעפערס,
צעפלאַקערט זיך אין קוק ביי אים אַ פלאַם,
נאָר וויעס לאָזט ער באַלד אַרונטער און איז נזהר,
אַז קיינער אינעם בייזלאַנד זאָל זיין קוק נישט כאַפן.

אַז ס'קומט די נאַכט, פליט־אָן אַ גרויסער פויגל,
אַ פרסה אויף אַ פרסה האַלט ער אויסגעשפּרייט די פליגלען,
ער לאָזט זיך שטיל אַרונטער, די פליגלען קוים וואָס קלאַפן,
און דעקט דעם יונגן איין און וואַרעמט אים די ביינער.
דערנאָך הייבט־אויף דער יונגער זיינע קלאָרע אויגן,
וואָס ווערן אין דער וואַרעמקייט נאָך זויבערער און ריינער,
און פרעגט דעם פויגל: זענען אָפן שוין די ריגלען?
געפלויגן בין איך און געפלויגן, זאָגט דער פויגל,
די זיבן ריגלען אָפגעמאָסטן, זיבן שלעסער אָפגעוואויגן,
איז איינער לויז, דער צווייטער האַלט זיך אויף אַ שרויף,
דער דריטער הוידעט זיך, אין פערטן ברעכט זיך אַ שפּאַרונע,
דער פינפטער הייבט זיך ביסלעכווייז אַרויף,
אין זעקסטן בינדן זיך שוין אָפ די שלייפן . . .
דער זיבעטער, דער ריגל פון אמונה?
גיט שטיל אַ פרעג מיט צער דער יונגער ייִד
און אין זיין קוק צעפלאַקערט זיך אַ שרפה.
צעפּאָכט דער פויגל זיינע פליגלען ווי אַ ווינט,
נאָר רעדן רעדט ער מילדער פון אַ קינד, —
דער זיבעטער איז אַלץ נאָך צוגעשמידט.

און דעמאָלט נעמט דער פויגל אים אויף זיינע פליגלען
און טראָגט אים איבער טאָלן, וואַסערן און היגלען,
און אַז זיי קומען צו אַ הייל, לאָזט ער אים אַרונטער

ביים סאַמע אויסהאַק, וואָס איז מיט אַ שטיין פאַרשטעלט.
דער שטיין איז אַ געטעסעטער, סע שיינען זיינע ווינקלען,
ווי ס׳וואָלטן שטיקער זון פון זיי אַרויסגעלויכטן.
אַרום איז פּוסט, ס׳איז בוים און גראָז פאַרגעלט,
דעם הימל זעט מען דאָרט אַ פּראָסטיקן, פאַרהויכטן,
נאָר פונעם שטיין אַרויס אַ ים מיט שטערן פינקלען.
דער יונגער צו דעם שטיין מיט שווייגעניש געגענט,
דאָס ליכטיקייט הילט אים אַרום, ער ווערט אַליין אַ ליכט,
וואָס גיסט זיך אין דער נאַכט אַריין, ווי אַ פרישער קוואַל.
ער בייגט זיך אָן און פול מיט כוח ווערט ער אומגעריכט,
מיט גבורה שטרעקן זיך די דינע הענט,
ער שפּאַרט זיך אָן, דעם שטיין פון אָרט צו רירן,
און גליטשט זיך אוים און גיט אַ פאַל.
ער הייבט זיך אויף און שפּאַרט אין שטיין זיך ווידער,
אָט, דאַכט זיך, רירט ער אים, נאָר ווידער פאַלט ער.
צעשלאָגן ווערט ער, פול דאָס לייב זיינס מיט געשווירן,
אַן אויסגעשעפּטער פאַלט ער אויף דער ערד אַנידער,
נאָר ס׳מערט זיך נאָכאַמאָל אין אים די גבורה,
אַ וואונדיקער, צעפּייניקטער, צעשטראַלטער,
אַן אויסגעשמידטער, פעלזנדיקער טורעם,
די אַקסלען לייגט ער צו און שפּאַרט זיך, שפּאַרט,
ווייל ס׳איז אַ וועלט דאָך דאָ, וואָס גאַרט און וואַרט.
אַזוי איז נאַכט־נאָך־נאַכט, ביז סע הייבט אָן טאָגן,
און ס׳קומט צוריק דער פויגל, אים אַהיימצוטראָגן.

נאָר איין מאָל בין איך צו דער הייל דערגאַנגען, איין מאָל,
דאָס ליכט האָט מיר די אויגן ממש ווי פאַרבלענדט,
אַ ציטערניש האָט דורכגענומען אַלע מיינע גלידער,
געזען אים — אַ יונג, צעבליט, אַ שנייאיק קאַרשנביימל,
ער פאַלט און ווידער צו דעם שטיין געגענט,
צעשלאָגט זיך אינעם פאַל און שטייט אויף ווידער.
כ׳האָב באַלד געוואָלט אַוועקגיין, ס׳איז נאָך נישט די צייט,
אַז נישט דערגרייכט האָט נאָך דאָס קול, וואָס אייביק שרייט,
נאָר מיטן קוק האָט ער מיך אָפּגעשטעלט, באַפוילן,
אַז כ׳זאָל נישט רירן זיך פון אָרט, איך האָב זיך נישט גערירט,

נאָר פאַר די אויגן האָט זיך מיר געוויקלט קנוילן,
אַ רגע האָב איך אויפגעהערט צו זען און נאָר געשפּירט,
ווי ס'וואַקסט אין מיר אַ טרויער און אַ פרייד.
דערנאָך האָב איך געזען ווי ס'שלאָגט אַרויס אַ קוואַל
און פונעם קוואַל, וואָס דין איז ער צום אָנהייב, ווי אַ שנור,
צעוואַקסט זיך שפּעטער אַזאַ טייך פון וואַסער און פון פלאַם,
ביז איך דאָך אָבער נישט קיין תם
און ווייס, אַז פאַר מיינע אויגן פלייצט דער נהר דיי־נור,
וואָס אויסגעברענט אין אים דאַרף ווערן אַלדעס־בייז,
און ווייל איך גיי אַרום און ווייס,
איז האָב איך מיר פון תמיד־אָן אַ כלל,
אַז וואָס דער מענטש איז מערער גלויבער,
אַלץ ווייטער דאַרף ער זען און וויסן דאַרף ער,
אַז נישט פאַר זיינע כוחות איז דערגרענטערן דעם קץ.
דער קוק מיינער אויף אים, דעם יונגן, איז געווען אַ שאַרפער,
פאַרשטאַנען האָט ער און זיך שטיל אַוועקגעזעצט.

וואָרן וויסן דאַרפט איר וויסן, אַז דער שטיין וואָס פעלט
אין יענער וואַנט, דער ווינקלשטיין אירער,
איר שטאַרקייט, איר באַשיצער, איר באַצירער,
ליגט ביי דער הייל, אַ צוגעשמידטער, און פאַרשטעלט
דעם צוקום צו דער הייל, צום טויער פון אמונה.
דער שטיין אַליין איז אויך אַ טייל
פון דער אמונה אין דער הייל,
נאָר ביז ער ווערט נישט אָפּגעריסן פונעם גרונט,
האָט ער נאָך אַלץ זיין תיקון נישט געפונען,
פאַרשטאָפּט ער אַלץ די הייל נאָך ווי אַ שפּונט.
וואָרן איינער איז אין אַנדערן אַריינגעקניפּט,
ווי ס'איז דער נאָפּל פונעם קינד אין מוטערס לייב,
אמונה ווערט נאָר דורך אמונה דורכגעזופּט
און איינע אָן דער אַנדערער ליידיק בלייבט.

נאָר נאָכגעגאַנגען בין איך נאָכן אייביקן געשריי,
נאָך יענעם, וואָס פאַרלויפט די צייט פונפאָרנט,
און כ'האָב געזען, אַז וואו איך קום און וואו איך גיי,

# אפריס אויערבאַך

איז אַלץ דער וועג פאַרשטעכערט און פאַרדאָרנט.
אַרומגעכאַפּט האָט מיך אַן אימה,
כ'האָב שיר אַליין דאָס גלייכגעוויכט נישט אָנגעוואוירן,
ווי צווייט האָט טויט געבליט אויף ביימער
און בלוט פון מענטשן האָט געזאָטן און געפרוירן.
נאָר ס'איז פאַרלאָפן דאָס געשריי נאָך ווייטער
און איך — נאָך דעם, מיט ציטער און מיט שרעק,
געזען האָב איך ווי מיטאַמאָל ווערט אויסגעלייטערט,
ווי ס'גיט זיך גאָר אַ וועלט אַ נייע אַן אַנטפלעק.
פאַרשטייט איר דאָך, אַז דער יונגער האָט דעם שטיין
אַראָפגערוקט און האָט די הייל געעפנט,
אַרויסגעריסן האָט זיך די אמונה אויף דער פריי
און נאָכמער האָט דער שטיין אויפגעשיינט אַליין.

און מיינט איר, וואו האָב איך געדאַרפט אים טרעפן?
אין ווינקל טאַקע, צו האַלטן דאָס געביי.
צונויפגעקומען זענען זיך די ביידע לענדער, —
דאָס לאַנד פון סאַמע בייז מיטן לאַנד פון סאַמע וואויל, —
נאָר אָפגעטאָן האָט זיך פון איינעם די פאַרלענדונג,
אין צווייטן האָט אַריינגעטריפט אַ טראָפן גרויל,
און ביידע טראָגן זיי, ווי איינער, אויף די אַקסלען
דאָס גרויסקייט פון דער וועלט, די בענטשונג אירע.
אַנטפלעקט איז שוין פאַר זיי דער סוד פון וואַקסן,
נאָר אַלץ נאָך נישט דער סוד פון דער יצירה,
וואָס בלייבן וועט ער קיינמאָל נישט אַנטפלעקט,
אַז זוכן זאָל דער מענטש און פאָרשן,
און גאַרן אַלץ, און דאָרשטן,
ביזן קיינמאָלדיקן סוף פון אַלע טעג.

און פרעגן וועט איר מיך: וואו איז דער יונגער ייד?
געזען, אַוודאי האָב איך אים געזען, נאָך ווי,
נאָר אויסדערציילן אַלץ איז נאָך צו פרי,
און חתן־כלה, זע איך, זענען מיד,
מיר וועלן ליבערשט זינגען אַ געזאַנג
מיט לויב צום אייבערשטן און דאַנק, —

לכו נרננה, נרננה, נרננה,
טראַ־ר־ראַם, פון דאַנעך־אָן,
דיין גרויסקייט, גאָט, הייבט זיך פון דאַנען אָן.

## אַ שנירל פערל

ס'האָט דער באָבעס שנירל פערל
אויף דער זון געבלישטשעט רויט,
און דאָס טיכל אויף איר שטערן
האָט געקאַרבט זיך, ווי איר הויט.

אויפן קלייד פון שוואַרצן אַטלעס
האָט געגרינט אַ גאַנצער וואַלד
און צעוואָרפן זיינע פאַטלעס
צווישן קנייטש, און בייג, און פאַלד.

פול איז זי געווען מיט יאָרן,
ווי מיט וויין אַן אַלטער קרוג,
שכל נאָך געהאַט צו שפּאָרן
יונגשאַפט פאַר איר ריינעם קוק.

ס'פּנים האָט געצאַנקט פאַרנאַכטיק,
ס'קול געסקריפּעט, ווי אַ ראָד, —
אַז אַ מענטש איז באַלד שוין אַכציק,
באָרגט ער יאָרן אויס ביי גאָט.

יאָרן האָט מיר גאָט באַווילִיקט,
האָט די באָבע אַליך געזאָגט,
און איך האָב אים נישט גע'סילוק'ט,
וואָרן וואָס האָב איך פאַרמאָגט ?

ס'האָט די צייט דיך אויסגעזויגן,
ווי דעם בוים אויף אונדזער הויף,
אָבער דיינע יונגע אויגן
האָבן אָפּגעצאָלט דעם חוב.

איצטער נאָך, אין צייטן גראָבע,
ווען ס'האַרץ איז פאַלשער ווי די צונג,
זע איך, דיינע אויגן, באָבע,
ווי זיי זענען ריין און יונג.

כ'שעפּ פון זיי, ווי ס'שעפּט אַ בלאָנזער
טראָפּנס ליכט, — דו ביסט מיין שוץ,
וויפל שלעכטס איך זאָל נישט אָנזען,
זע איך אַלץ אַביסל גוטס.

## אַ יידיש קינד

ביסט געוואַקסן ביי אונדז ווי אַ זאַנג,
פול מיט חכמה — מיט גילדענע קערנער,
האָסט געוואַרעמט דעם ריינעם געדאַנק
מיט תמימות פון לויטערן לערנער.

האָסט געלערנט, ווי חומש, דעם סטעפּ,
מיטן טראָפּ און דעם עברי־טייטש ניגון,
פון די ווערטער — געגרונטפעסטיקט טרעפּ
און צום הימל אויף זיי געשטיגן.

וויפל טרויער ס'איז דאָ אין באַשאַף,
האָסטו טראָפּנסווייז אים אויסגעטרונקען,
וויפל פרייד דער צערטענער דף
האָט געשפּריצט מיט צעצונדענע פונקען.

אויפדערנאַכט האָסטו שטערן געזיפּט
דורכן רויך פונעם דינעם קנייטל,
מיט געזאַנג איבער דורות געהיפּט,
מיט געוויין דיינע דורות געקייטלט.

ביסט געוואַקסן ביי אונדז ווי אַ זאַנג,
מיט דער זון, מיטן ווינט, מיטן ציטער,
האָסט דעם הימל נאָך אַלץ נישט דערלאַנגט
און פאַרשניטן האָט דיך שוין דער שניטער.

## די הייל

אין אונדזער שטאָט, בעלץ, בעסאַראַביע, — זענען פֿון דער צייט, ווען דער טערק האָט באַהערשט די פּראָווינץ, איבערגעבליבן שטיינערנע הייזער. אַריינצוקומען אין אַזאַ שטוב, האָט מען געדאַרפֿט אַרונטערגיין דריי־פֿיר טרעפּלעך, אינעווייניק איז די סטעליע געווען ווי אַ זעקסקאַנטיקע יאַרמלקע, מיט שאַרפֿע שפּיצן. אונטער איין הויז איז געווען אַ הייל, וואָס אין אירע ווענט זענען געווען אויסגעהאַקט שטיינערנע קעמערלעך. אַ טערקישע טורמע איז דאָרט געווען. אויף קינדער האָט די הייל אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד. געזאָגט האָט מען, אַז די הייל האָט נישט קיין סוף, אָבער מיר, — חדר־ייִנגלעך, — האָבן געוואוסט, אַז די הייל האָט יאָ אַ סוף: זי פֿירט קיין ארץ־ישׂראל. מען דאַרף נאָר וויסן דעם וועג, אַנישט קען מען פֿאַרפֿירט ווערן אינעם לאַנד אדום.

אַ הייל. דער רב רי שמחה און דער שמש זיינער, פּנחס, קומען אַרונטער דאָס לעצטע טרעפּל. פּנחס האַלט אַ הילצערנעם לאַמטערן, וואָס באַלייכט קוים פֿיר איילן אַרום.

### בילד איינס

**ר׳ שמחה:**

הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

**פּנחס:**

אַ חושך, גאָטעניו, אַ קעלט, אַ נעץ.

**ר׳ שמחה:**

וואָס גאָט וועט אונדז באַשערן.

**פּנחס:**

די שטיינער זענען אָנגעזעצט מיט קרעץ.

**ר׳ שמחה:**

מע טאָר נישט זינדיקן. אינדרויסן שטערן.
הייב־אויב אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

**פּנחס** (הייבט דעם לאַמטערן אויף העכער. שטיין פֿון ווענט זעט זיך איצטער):

סע קאַפּעט, ריטשקעס רינען.

ר׳ שמחה (קוקט זיך איין):

די ערדה דאַרף אַנטרינען.

דו זעסט? אַ קעמערל אין וואַנט, מיט טרעפּ.

פּנחס:

איך קען נישט זען, איך קען נישט הערן.

ר׳ שמחה:

הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

די שיין פון אייגענער אמונה שעפּ,

וועסט זען, ווי איך, אַ קעמערל, און נאָך, און נאָך.

פּנחס (דער לאַמטערן גיט זיך אַ שאָקל אין זיין האַנט):

ווי גוליעס יאַטערט דאָ דער מאָך.

ר׳ שמחה:

אַקעגן חושך דאַרפן מיר זיך ווערן,

הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פּנחס:

דאָס ליכט איז דין, סע לעשט דאָס קניטל.

ר׳ שמחה (ווי ער וואָלט אייגנטיטעגהיט מיט זיך אַליין):

דאָס ליכט וועט נישט פאַרלאָשן ווערן.

דו זעסט אַ טיר אין וואַנט, אַ קייטל?

הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פּנחס:

איך זע אַ קריינדל שיין,

דער חושך שלינגט אים איין.

ר׳ שמחה (צו זיך מער ווי צו פּנחסן):

דאָס מינדסטע ליכט דאָס פינצטערניש צעשניידט,

ס'קען פינצטערניש קיין שיין נישט שלינגען.

(מיט אַ קרעכץ)

נאָר פינצטערניש איז נאָענט, ליכט איז ווייט.

דו זעסט? באַשלאָגן איז די טיר מיט אייזן־רינגען.

מיר וועלן פּרואוון, אפשר וועט זיך עפענען אַ טיר.

(גייען ביידע צו אַ טיר)

פּנחס:

פאַרזשאַווערט איז דאָס אייזן, רויט,

און וואו איך גיב זיך נאָר אַ ריר,
איז טויט, טויט.

ר׳ שמחה (מיט אַ לייכטן אויסרייד):
ס'איז לעבן דאָ געווען, געפּייניקטס.

פּנחס:
איך ווייס, אַ תּפיסה דאָ געהאַט דער טערק.

ר׳ שמחה:
מיר קומען נישט אַהער פון תּענוג.
פאַרטריבן אונדז פון טאָלן און פון בערג,
גאָטס ערד אפילו וויל מען אונדז פאַרווערן.
דער שונא לאָקערט אויפן וועג און שליאַך,
דורך טירן, פענצטער, דורכן דאַך,
נישטאָ זיך וואו צו ווענדן און צו קערן.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פּנחס (דערשראָקן, פּרואווט ווייטער אויפהייבן דעם לאַמטערן):
שוין אויסגעשטרעקט די האַנט דעם קאָפּ אַריבער,
איך האָב קיין כּוח שוין נישט מער צו שטרעקן.

ר׳ שמחה (מיט שאַרפער שטראָף):
געדענק דעם ציבור.

פּנחס (פאַרענטפערט זיך):
די האַנט פאַרשטייפט — אַ שטעקן.

ר׳ שמחה:
אַן עדה דאָרט געלאָזט, אין שרעק, אין טרערן.
(די אויגן שיינען ביי אים, דאָס קול איז קלאָר)
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פּנחס (טרעט צוריק אַ שפּאַן, בלייבט שטיין ווי פאַרגליווערט):
איך ווייס נישט, רבי . . . אַז איר הייסט . . .

ר׳ שמחה (דאָס קול זיינס קומט ווי פונדערווייט).
ס'איז דאָ אַ כּוח, וואָס באַפעלט,
דו הערסט? נישט איך נאָר ער איז דער, וואָס ווייסט.
מיר האָבן ערשט אַ שפּאַן אין אונדזער גאַנג געשטעלט
און שלאַבערדיק אין דיר שוין די אמונה.
וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל דיך נאָך באַשווערן?

ס'איז גרויס דער צער, די פּיין — אַ טיפער ברונעם.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

**פּנחס** (פּרואווט אויפהייבן דעם לאַמטערן העכער, די האַנט ציטערט אים):

די אָדערן צעצויגן, אוי, רבי'ניו, איך פאַל.

**ר' שמחה** (מיט כעס):

און אַז דו פאַלסט, איז וואָס?
אַ גאַנצע ערדה שטייט אין דער סכנה,
דו ביסט אַ יחיד קעגן כלל.

**פּנחס** (מיט אַ שוואַך קול):

כ'האָב יידן אויפגעוועקט צו חצות.

**ר' שמחה**:

געוועקט, געוועקט,
איז ווילסטו איצט דעם שכר אויפמאָנען?
אַז שעמען וואָלסטו זיך געמעגט,
אַ שטיקל מצווה אויך ביי דיר אַ קרן.
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

(פּנחס שטרעקט די האַנט מיט די לעצטע כוחות, גיט זיך אַ וואַקל מיטן פּנים צו דער ערד. דער לאַמטערן לעשט זיך נישט אויס, נאָר בלייבט שטייט אים צוקאָפּנס.)

**ר' שמחה**:

די מענטשן דיינע, בורא־עולם, זענען שוואַך,
דער כוח סטייעט זיי נאָר אויף רציחה.
אַ ייד אפילו קען טאָן מצוות כדי־וכך,
שליחותן און טובות גיבע, —
אַז דיר איז ליב, איז מיר אָבער נישט ניחא.

(בייגט זיך אָן צו פּנחסן)

געוועקט האָסטו, דו הערסט? איצט וועק איך דיך,
שטיי־אויף, פּנחס, צו דיין הייליקסטער עבודה.

(פּנחס רירט זיך נישט)

אָן אויסגעשטרעקטער ליגט ער, גיט זיך נישט קיין הוידע,
דאָס פינצטערניש אַרום אים איז געדיכט,
נאָר ביים צוקאָפּנס שטייט נאָך אַלץ דאָס ליכט.

(קערט אים איבער מיטן פּנים אַרויף)

די אויגן האַלט ער אָפֿן, דער קוק — אַ לויזער,
נאָר אין דער טיף אַ פֿונק נאָך צאַנקט.
אָ, גאָט, אַ שליחות האָסטו מיר דערלאַנגט :
צו שלאָגן זיך און שמידן דאָס געווער.

(לייגט צו דעם אויער צו פּנחסעס האַרץ)

דאָס האַרץ זיינס שלאָגט, איך הער.
שטיי־אויף, פּנחס, איך בין עס אויף דיר גוזר.

(פּנחס רירט זיך)

ער רירט זיך, דאָס פּנים גיסט זיך אָן מיט בלוט,
די אויגן צינדן זיך, באַלויכטן אַזש דעם שטערן.
שטיי־אויף, געגנוג האָסטו גערוט,
נעם ווידער אין דער האַנט דיר דעם לאַמטערן.

**פּ נ ח ס** (גיט זיך אַ שטעל אויף מיטאָמאָל, נעמט דעם לאַמטערן) :

געשלאָפֿן, צי געוואַכט,
נאָר עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט,
איך קען זי שטרעקן, רבי, העכער.
איך שפּיר, ווי ס'וואַקסט ביי מיר די האַנט.

**ר' ש מ ח ה :**

פֿאַר אונדז איז אויפֿגעשטאַנען דאָ אַ וואַנט,
ס'איז אויסגעהאַקט אין שטיין פּירעקעביקע לעכער.
איך בעט דיך, גאָט, נישט צערן,
נאָר ווילסטו טאַקע ד אָ דיין עדה יידן ?
דיין הימל זאָל זיך איבער זיי נישט שפּרייטן,
נישט שיינען זאָל פֿאַר זיי דיין זון, לבנה, שטערן ?
אַז אויבן זאָל די חיה זידן
און דיינע זין, די אויסדערוויילטע, טייטן ?
איך בעט דיך, גאָט, נישט צערן.

(צו פּנחסן)

הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

**פּ נ ח ס :**

אַזויפֿיל לעכער, רבי, און טויערן פֿאַרריגלט,
וואוהין זאָל איך אַ שיין דאָ וואַרפֿן ?

**ר' ש מ ח ה** (בלייבט שטיין מיט אַ פֿאַרגליווערטן קוק) :

כ׳האָב ערשט געזען אַ פעלד דאָ אָפּגעשפּיגלט,
אַ בלענדר־געטאָן מיר מיט אַ ליכט אַ שאַרפן.

פּנחס:

אַז פינצטער איז די הייל, נישטאָ אין איר קיין ענד,
ווי קען אַ ליכט דאָ טאָן אַ בלענד?
ס׳איז איבער מיינע כוחות, איך ווער צעמישט.

ר׳ שמחה:

איז אומעטום גאָטס ליכט, צי נישט?
איך פרעג דיך: איז אומעטום?

פּנחס:

איך ווייס נישט, רבי, איך בין דאָ ווי צעמישט.

ר׳ שמחה:

איך זאָג דיר, ס׳האָט אַ בלענדר־געטאָן, אַ שניט.
געווען אַ פאַס, געוואָרן קרום,
דערנאָך — אינגאַנצן אָפּגעווישט.
נאָר, גאָטעניו, איך ווייס נישט דעם באַטייט.
געוואָלט האָסטו אַ צייכן גיבן מיר דערמיט,
נאָר כ׳ווייס נישט דעם באַטייט.

פּנחס:

איך הער אַ קול, סע דאַכט זיך מיר מע שרייט.

ר׳ שמחה:

געשריי הערסטו און איך זע ליכט אַ בלענד,
ס׳איז דאָ אַ מיין, נאָר כ׳קען זיך נישט דערקלערן.
אַזויפיל פרואוון האָסטו, גאָט, שוין אָנגעווענדט,
געפירט מיך אין דער טיפעניש פון היילן,
איך שפיר, אַז עפּעס ווילסטו מיר דערציילן,
דו ווילסט אַ סוד פאַר מיר אַנטפּלעקן.
ס׳איז דאָ אַ מיין, נאָר כ׳קען זיך נישט דערקלערן.

פּנחס:

און איך, די האַנט קען ווייטער שטרעקן.

ר׳ שמחה:

הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פּנחס (רעוועט אַרויס):

די אויערן צערייסט מיר דאָס געשריי.

ר׳ שמחה (רעדט געבראָכן, מיט צער):
ס'איז זיי.
אַן עדה ראַטעווען, פון פיינט אַנטרינען,
האָסט מיך געשיקט אַ הייל געפינען,
געפונען האָב איך, אָבער וואָס און ווען?
דער טערק האָט אויסגעהאַקט די הייל אין שטיין,
באַגראָבן מענטשן לעבעדיקערהייט,
ס'האָט קיינער דאָ קיין שיין דאָך נישט געזען,
אפילו נישט געהערט קיין רייד,
און איך — געזען אַ בלענד, ס'איז דאָ אַ מיין,
נאָר, גאָטעניו, איך קען זיך נישט דערקלערן.

פנחס (צעטומלט):
אַן עדה ראַטעווען, פון פיינט אַנטרינען,
סע שפּאַלט זיך מיר דער קאָפּ, איך גיי אַראָפּ פון זינען.

ר׳ שמחה:
פאַרוואָס האָט ער געשטעלט מיר אַזאַ פּרואוו אַ שווערן?
דו ווייסט דאָך, פנחס, אַז איך בין נישט ווערט,
צוגרייט פאַר מיינע פּלייצעס דאָס אחריות.
וואָס האָב איך אויף מיין לעבן אָנגעזאַמלט?
מסכתות עטלעכע, אַ דאָס געשטאַמלט,
דעם סוד זייערן קיינמאָל נישט געהערט.
און מצוות עשה'ס? אָט, אָפּגעשמייעט,
מיט דינים אָפּגעקומען, מיט הלכה,
און ס'איז דער ייד געוואָרן דערנידעריקט, צעבראָכן.
אַ מצוהלע, די גרויס אַ שפּילקע־קעפּל,
אַ טובהלע אין שטורעמדיקן ים פון נויט.
מישטיינס געזאָגט, די מעשים מיינע.
ס'איז טריף דאָס פּופּיקל און כשר איז דאָס טעפּל,
אַ טפח'ל ביים שבן צוגענומען מיטן פלויט,
אַריינגעפאַלן אין דער יויך אַ חלב'נער קנויט, —
מישטיינס געזאָגט, די מעשים מיינע.
גע'פּלפּול'ט זיך מיט אידך־גיסא און דהיינו,
מיט ווידעראַנאַנדן, פּשט'לעך, דרש,

אוּן איצט, אַז יידיש לעבן ווערט צו שטויב און אַש,
דאַרף איך די ערדה פירן, מיט אמונה נערן.
(צו פנחסן מיט וויטיק)
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן.

פּ נ ח ס (דערשראָקן):
אַזוינע רייד, דער שונא, רבי, לאָקערט.

ר ' ש מ ח ה (פאַרצווייפלונג אין זיין קול):
דיין האַנט האָט ער געשטערעקט, נאָר מיין געדאַנק
איז אַלץ פאַרוויקלט אין אַ נעפּל.
אַ בלענד האָב איך געזען דאָך אָקערשט,
און באַלד איז ער צערונען, גאָרנישט מיר אַנטפּלעקט.
איך שפּיר, אַז דאָ דאַרף זיין דער גאַנג,
ווי ביי אַ טיר דאָס איינע טרעפּל.
איך דאַרף זיך עפּעס נאָר דערמאָנען,
אַ חלום, וואָס פון שלאָף האָט מיך געוועקט.
(זעצט זיך אויף אַ שטיין, פנחס האַלט דעם לאַמטערן
פון דער זייט)
וואָס זאָגסטו, האַ, אַן ערדה ווייקט אין טרערן?
הייב־אויף מיר פאַר די אויגן דעם לאַמטערן.
אַזוי, אַ קריינדל שיין, צינדט און לעשט.
אַמאָל איז אין אַ הייל אַריין דער בעש"ט,
נאָר ער האָט אַלץ געזען, אייגן ליכט געהאַט,
און איך האָב קוים פאַרשטאַנען פשט.
(פאַרמאַכט די אויגן)
כ'וועל זיצן דאָ מיט צוגעמאַכטע אויגן
און אויב ער וויל, זאָל ע ר זיי עפענען פאַר מיר.
(גיט אַ ציטער)
כ'זע ווידער ליכט, אַ פעלד מיט סטויגן,
דאָס ברויט איז צייטיק, מיט אַ גאָלדיקן קאָליר,
אַ הימל זע איך, אָנגעזעצט מיט שטערן,
אַ קול אפילו טו איך הערן.
דו האַלטסט מיר פאַר די אויגן דעם לאַמטערן?

פּ נ ח ס:
איך האַלט אים, רבי, פאַר די אויגן.

ר׳ שמחה (צעשאָקלט זיך, רעדט מיט געזאַנג):
גערענקען נאָר. איך האָב עס שוין אַמאָל געזען.

פּנחס:
ווען?

ר׳ שמחה:
איך ווייס נישט, פּנחס, נאָך איידער
כ׳האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר,
ווען כ׳האָב געדרימלט נאָך אין מולטער,
צי גאָר דעם ערשטן פאַל־געטאָן.

פּנחס:
כ׳האָב מורא, כ׳בין ווי אַ צעדולטער.

ר׳ שמחה:
די גאַנצע ערדה שטייט אין קאָן.

פּנחס:
דער רבי האָט דאָך געזאָגט צו ברענגען זיי אַהער.

ר׳ שמחה:
אַהער?
דערשטיקט צו ווערן, אויסגיין דאָ פון הונגער?
נישט געמיינט, האָסט נישט פאַרשטאַנען,
אין קאָפּ האָט מיר די גאַנצע צייט געקלונגען,
געפּיקט מיר: אַן אַרויסגאַנג דאָ פונדאַנען.

פּנחס:
דאָס ליכט ווערט מיט אַ הויך פאַרצויגן,
איך ווייס נישט, רבי, נאָר איך שפּיר...

ר׳ שמחה (רייסט אים איבער):
כ׳וועל זיצן דאָ מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און אויב ע ר וויל זאָל ער זיי עפענען פאַר מיר.

(בלייבט זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן, פּנחס האַלט דעם לאַמטערן איבער אים.)

פּנחס (שאָקלט זיך מיטן לאַמטערן, הייבט־אָן צו מורמלען):
מה רבו צרי, רבים קמו עלי.

ר׳ שמחה:
וואָס זאָגסטו, פּנחס? מורמלסט עפּעס אינדערשטיל.

פּ נ ח ס :

אַ פּסוק תהלים גלאַט אַזוי,

נישט דאָס אָבער וואָס איך וויל.

ר׳ ש מ ח ה (רעדט ווי פון שלאָף) :

די שטיינער, דאַכט זיך, וויינען.

פּ נ ח ס :

בקראי, עני . . .

ר׳ ש מ ח ה (שרייט אויס) :

אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, אַ מעסער.

פּ נ ח ס (מיט געוויין) :

כי הנה הרשעים ידרכו קשת, כננו חצם על יתר.

ר׳ ש מ ח ה :

מיט אַלע, אַלע פּיינען טוט ער איצט מיך ברענען.

פּ נ ח ס :

עד אנא תסתיר את פניך ממני.

ר׳ ש מ ח ה :

דער שונא יאָגט אויף וועגן צעפּלאַמטע.

פּ נ ח ס :

הרעשת ארץ, פּצמתה.

ר׳ ש מ ח ה :

און ס׳וואַלגערט זיך דער מענטש אין בלאָטע.

פּ נ ח ס :

רפה שבריה, כי מטה.

ר׳ ש מ ח ה (מיט געזאַנג־געוויין) :

דער הימל איבער אונדז פאַרצויגן, כמאַרנע.

פּ נ ח ס :

חרבם תבוא בלבם, וקשתותם תשברנה.

ר׳ ש מ ח ה :

און קיינער, חוץ דעם שונא, איז נישטאָ.

פּ נ ח ס :

גם כי אלך בגיא צלמות, לא אירא רע.

ר׳ ש מ ח ה (עפנט די אויגן, קוקט פאַרוואונדערט) :

ס׳איז פּנחס, איך באַקוק אים,

ער שעפּטשעט עפּעס. וואָס זאָגסטו דאָרט ?

פּנחס:

נאָר אָפּגעריסענע פּסוקים,
וואָס כ׳האָב דערמאָנט זיך אויפן אָרט.

ר׳ שמחה:

נאָר פּסוקים? און איך האָב אָנגעהויבן זען.
דער מופת, פּנחס, איז געשען.

פּנחס (מיט פרייד):

כ׳וועל העכער אויפהייבן מיין האַנט.

ר׳ שמחה:

איך וועל דיר איצט דערציילן
דאָס מעשהלע פון היילן.

פּנחס:

אַ ליכט גייט־אויף מיר אין פאַרשטאַנד.

ר׳ שמחה:

אַמאָל, ווען ס׳איז געווען דאָ טערקיש לאַנד,
האָט דאָ אַ ייד פאַרוואָגלט אין דער הייל, —
דו הערסט ווי איך דערצייל?

פּנחס:

איך הער: אַ ייד פאַרוואָגלט אין דער הייל.

ר׳ שמחה:

אַ קעמערל פון שטיין, אַ טיש, אַ באַנק,
ס׳איז טרוקן ברויט זיין שפּייז, וואַסער זיין געטראַנק.
אַ טאָג, אַ וואָך, — דער טערק האָט צייט,
דער ייד צו גאָט פון טיפעניש שרייט.
אויף אויסנווייניק קען ער נאָר די שמונה־עשרה
און ווייסט, אַז יידן זענען דאָ פרימערע און בעסערע,
אַז שאול איז אַנטלאָפן אין אַ הייל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

פּנחס:

איך הער: אַז שאול איז אַנטלאָפן אין אַ הייל.

ר׳ שמחה:

דער ייד האָט אָבער וועלטן איינגעריסן,
געטענהט רק, אַז ער וויל וויסן
פאַרוואָס דאַרף ער דאָ פינצטערן די יאָרן
ביים טערק, דעם אויסגעדרייטן האָרן.

איך פינצטערניש האָט ער אַזוי גערעדט:
אויב, גאָט, דו האָסט אויף מיר אַ חטא,
איז נעם מיך כאָטש אַרויס פונדאַנעט, פון דער טומאה,
צו קבר ישראל זאָל איך אַמאָל קומען.
רייס שטיקער פלייש פון מיר, די הויט פון מיר שייל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

**פנחס:**

איך הער: די הויט פון מיר שייל.

**ר׳ שמחה:**

ביז גאָט האָט אים דערהערט, פאַרנומען זיין געבעט
און אים פאַרגיבן אויף אַ העלפט דעם חטא,
און אויסגעוואַקסן זענען אים די נעגל,
ווי שאַרפע העק און שפיציק ווי אַ זעגל.
געגראָבן האָט מיט זיי דער ייד, דעם שטיין געהאַקט,
און אין דער הייל זיך אויסגעהאַקט אַ טראַקט.
ס׳האָט יאָרן אים געדויערט, איז געוואָרן אַלט,
ביז ליכט האָט ער דערזען דורך אַ שפּאַלט,
געבליבן איז אים נאָר די לעצטע טייל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

**פנחס:**

איך הער: נאָר די לעצטע טייל.

**ר׳ שמחה:**

נאָר דאָ האָט זיך דער כוח זיינער אויסגעשעפּט,
ער האָט זיך צום אַרויסגאַנג קוים דערשלעפּט,
דער הימל האָט מיט שטערן געטאָן זיפן,
מיט שמע־ישראל אויף די פאַרמעטענע ליפּן
האָט ער זיין חיות אויסגעהויכט.
געטאָן האָט איבער אים אַ לויכט
דער לעצטער קלאַנג, דער אל, —
דו הערסט וואָס איך דערצייל?

**פנחס:**

איך הער: דער לעצטער קלאַנג, דער אל.

ר׳ שמחה:

ס׳שטייט איצט נאָך די מצבה: פלוני בן אלמוני,
אָון ס׳איז געבליבן דער אַרויסגאַנג. קום.

פנחס:

אָ, גאָט, ווייזסט וואונדער אונדז אַזוינע,
אָון דיך צו לויבן בין איך שטום.

ר׳ שמחה:

דעם אייבערשטן צו לויבן, לערן, —
הייב־אויף אַביסל העכער דעם לאַמטערן
אָון קום די ערדה דאָ אַריינצופירן.

פנחס:

אַזויפיל פינצטערניש, אַזויפיל קעמערלעך מיט טירן.

ר׳ שמחה:

באַשערט די ערדה דאָ אַהער צו פירן.

# גילדענע שקיעה

(1959)

וואונדער־וואונדערע פאַרגייער
קיל זילבער
אַ פערד ווי אַ געדאַנק
אָפּגעשוימט
פול מיט פאָרכטן
דאָס ביסל טרויער
גאָטס קיעלע
פולער איז דער טויט
מנחל בדרך
פיאה
אויף צוריק
צלפחדס טעכטער
אַז געגאַנגען איז יעקב
צעלויכטן אין שקיעה
דער גרויסער פויגל
ירושה
קראָטאָנע פאַרק
זומערס פולקייט
אַהיימגאַנג
ווי אַזוי ?
אין חלום פאַרשריבן
שטילקייט
דער קיעווער שניידער
אַ קליין רבילע
שיינקייט
הנני העני ממעש
סאָנעט
אויף יענער זייט בריק
ווערטער אָן שאָטן
געזאַנגען פון עלטער
צעוואָרפענע שורות
איבער מעין
מוסלוק מעגאָנטיק
די שטאָל
שאָפּענע יידן
קוויטן

דער קץ
אַ שטוב אויפן קאָלץ
מיט אַ טאַרנאָץ
וואָרבע דעקליאַקע
יידיש מיינער
אין שטיין איינגעקריצט
אויפן באַרג נבו
וויינען אַ זמרל
אחרית הימים
דאָס יידישע ציגעלע
אייר תש״ה
ליד פון שארית הפליטה
דער אייזלטרייבער פון גאולה
מיטן ערשטן שניט פון אַקער
ירושלים
ואתחנן
דער קליינער ניגון
שיכורי אפרים
גשר הזיו
דער ערשטער פיאָש
ווייטקייט דיינס דערגרייך
די גילדענע מעשה אויף דערנער
אינדזשיל
זאָגן וויל איך
מיסטעריע פון בלוי
ווינטערדיקע טעג
די זשוכאָוויצער מיל
דער וואונדער פון אַ רגע
די לויטערע טאָמנע
אַ וואָרט אין פערזן
מאַני לייב
ווין אין קרוגן
דער קייסער פון שטומקייט
פאָעט־פאַרוואַנדלער
יעמוד, ר׳ אפרים
ווינטערוויץ

## וואונדער־וואונדערע פאַרגייער

מיר, די וואונדער־וואונדערע פאַרגייער,
די פאַרנאַכטיקע, באַגילדט די גרויע האָר,
ס'איז באַשערט אונדז אינעם טרויער זיין דערפרייער,
זיך דערזינגען און דערזינגען אונדזער דור.

מיר, די אויפגייער אין וואונדער פריע,
האָבן אויפגעוועקט מיט אונדזער שירה דעם קאַיאָר,
מיר, נאָך וואונדערלעכער זענען אין דער שקיעה,
זיך דערזינגען און דערזינגען אונדזער דור.

פאַסמעס עלנט אונדזערע רויט־פאַרנאַכטיק גליען,
לויטער סוף פאַר אונדז איז ווידער אָנהייב קלאָר,
שעפּ און טרינק די פולע בעכערס שקיעה,
זיך דערזינגען און דערזינגען אונדזער דור.

טאָג צום מערב־פלאַם וועט זיך דערקניען,
נאַכט אין אויסלעש וועט פאַרהילן אונדזער וואָר,
ס'איז אַ זכיה אין דער וואונדערלעכער שקיעה
זיך דערזינגען און דערזינגען אונדזער דור.

## קיל זילבער

דאָס פאַרנאַכטיקע זילבער איז קיל,
ווי צו נעילה אַ פרומע עטרה,
ס'גייט אַרונטער די זון אין אַ שפּיל
פון צעפעדעמטע ניגונדלעך קלאָרע.

כ'האָב דאָס קילקייט געגעבן אַ טרונק
און דערשפּירט ווי די רו אויף מיר נידערט,
צוצוקלעפּן צום גומען די צונג
און אויף אייביק פאַרדרעמלען די גלידער.

ווי די ביימער, פאַרגליווערט אין שרעק,
בלייבן שטיין פאַרן סוד פון דער שקיעה,

אַזוי שטיי איך ביים סוף פון די טעג,
מיט דער שפּירונג פון טעג מיינע פריע.

אויפן זילבער, באַשפּרענקלט מיט רויט,
שפּרייט זיך אוים אַ פאַרשאָטנטער פליגל,
כ'האָב דאָס לעבן מיינס יאָרן געבויט
און צום סוף וועל איך גיין אָן איין ציגל.

ס'איז שוין טונקל, אַ פּאַסיקל בלייכט,
אויף די ביימער גייט ווידער אַ ציטער,
כ'האָב צום לעצטן געדאַנק נאָך דערגרייכט:
אַז פון טרויער בין איך דאָ אַ ריטער.

כ'וועל פאַרשרייבן דעם לעצטן געדאַנק
מיט דער זילבערנער שריפט פון דער שקיעה,
אַז אַמאָל זאָל דערפון אַ געזאַנג
ווי אַקאַציע ווייסע צעבליען.

## אַ פערד ווי אַ געדאַנק

אַ פערד מיט אַ צעאַקערט־ברוינער פעל,
מיט אָנגעשפּיצטע, שאַרפע ריפּן,
די קנאָכן אָפּגעריבן, האַרט און געל,
מיט שפּיצלעך שטרוי צעשטאָכן זיינע ליפּן, —
דער טאָג פאַרוויקלט זיך אין טונקעלן געהיל,
דעם פערד שפּעטזומער אויפן פעלד איז קיל.

געשטאַנען איז דאָס פערד, ווי אַ געדאַנק,
וואָס אויסגעטראַכט האָט אים די רייפע עלטער,
שוין נאָכן אָפּשניט פון דער לעצטער זאַנג,
נאָך שטורעם פון געוועלטער און באַוועלטער,
נאָך קלאָרן, צי געדאַכטן, גאַנג צום ציל, —
שפּעטזומער אויפן פעלד איז טונקל־קיל.

די נאַכט וועט באַלד פאַרשלעפּערן דאָס פערד,
און מידקייט וועט עס אָפּשטיין ביז באַגינען,
נאָר פאַלן וועט עס צו דער פרישער ערד
און אָנהייבן וועט ווידער שיין צו רינען, —
פונוויטנס שטיי איך אויפן פעלד און פיל
ווי ס׳איז דער טרויער מיינער טונקל־קיל.

## אָפּגעשוימט

די זון האָט אויף די שויבן אויפגעהאָנגען טרעלדלעך
פון טונקל־פינקל גאָלד, מיט שאָטנדלעך באַזוימט,
צעוואָרפן זענען כמאַרעס, ווי בערעזע־וועלדלעך,
די שקיעה האָט ביים טאָג די שיין אַראָפּגעשוימט.

אַ פלעק טאַנצט־אום אין שטוב אויף פולע ביכער־שראַנקען,
מיר זיצןביידע און איך זאָג: ס׳איז אויפגערוימט.
די זון וועט זיך מיט טאַנץ אַ שפּיגל־טאָן ביים צאַנקען
און שפּירן וועלן מיר ווי אַלץ איז אָפּגעשוימט.

שפּעטזומער, געלע קריינדלעך אויפן גרינס צעבליען.
דאָס פענצטער אונדזערס האָט זיך קופּערדיק צעשוימט,
מיר זענען פולע דאָ געזעסן אין פאַרפריען
און איצטער האָט די שקיעה פולקייט אָפּגעשוימט.

## פול מיט פאָרכטן

ס׳איז שטיל געוואָרן מיטאַמאָל ביי אונדז אין שטוב,
ווי אין דער נאַכט איז אָפּגעפאָרן ערשט אַ וואָגן,
מיר וועלן הערן נאָך דעם קלאַנג פון סקריפּ און טופּ
ביז ס׳וועט מיט שטילן אומעט אָנהייבן צו טאָגן.

די שטילקייט גייט אויף אונדז מיט ייִדן־אַלטע טריט,
אין דינע שטעקשיך, אָפּגעטראָגענע, צעשאָרכטע,

פאַר דעם טאָג האָבן מיר דאָס לעבן אויפגעהיט
און איצטער איז די שטילקייט פול פאַר אונדז מיט פאַרכטן.

## דאָס ביסל טרויער

מישטיינס געזאָגט, דאָס ביסל טרויער,
וואָס אויסגעמאָסטן האָב איך אינעם ליד,
איין קוק אַ יידנס לענגער האָט געדויערט,
איין וואָרט צום טויט — אויף אייביק אויפגעהיט.

די קלאַנגען מעסטן און די ווערטער ציילן,
דעם טרויער וועגן אויף אַפּטייקערס וואָג,
פון פלאָנטער זיך אַליין אַרויסצושיילן
און וויסן אַז ס'איז נישטיק וואָס איך זאָג.

אָט ווי איך בין, די זון הייבט אויף די ברעמען,
אַ בוים, דערזע איך, האָט זיך ערשט צעבליט,
און מורא האָב איך אַז איך וועל פאַרשעמען
דעם טרויער מיט מיין זוניקן געמיט.

אַפילו אַז איך הער דעם ווינט די צווייגן ברעכן,
גיט אויך אין מיר אַ ציטער אַ געזאַנג
און כ'שפיר, אַז מיטן וואָרט וועל איך פאַרשוועכן
די רגע פון אַ יידנס אויסגעצאַנק.

ס'איז פריייאָר, בלויאָר, פייגל בויען נעסטן,
מיט שטרויעלעך און פעדערלעך אין מויל, —
ווער קען די טיפקייט פון אַ טרויער מעסטן,
ווער קען דערציילן ווי פאַרוויקלט ס'איז אַ קנויל?

## גאָטס קיעלע

גאָטס קיעלע איז ווי אַן אַגרעס די גרייס,
די פיס זיינע — הערעלעך, לייב זיינס געפינטלט,

ווי גאָט וואָלט אויף אים זיינס אַ סוד אויסגעטייטשט
און אָנגעזאָגט: קריך מיטן סוד וואָס איך ווייס.

שפעטזומער, אויף פעלדער די זאַנגען געבינטלט,
ס'איז שטילער דער טרויער פון גאַנג וואָס דו גייסט,
אין אָפּשניט ערשט שפירסטו פאַרנאַכטיקע טרייסט,
ווי ברודערדיק זאַנגען דאָ שטייען צעווינטלט.

גאָטס קיעלע האָרעוועט, קריכט אויף אַ גאַרב,
צום אויבן צעשויבערטן זיך צו דערשלעפּן,
וואו זון, אויף די זאַנגען, איז גאָלדיק צעקאַרבט,
וואו שיין זיך אַליין וועט ביז שאָטן דערשעפּן.

די שיין איז דערשעפּט, — אַ פאַרוועלקטער בטחון, —
גאָטס קיעלע איז ביז אַרויף נישט דערקראָכן.

## פולער איז דער טויט

אַ מעשהלע פון יונגשאַפט האָב איך אָנגעשעפּט
מיט קלאָרן וואַסער, שפּריצלעך זון און שטילן רויש,
פאַרנאַכט, כ'האָב קוים אַביסל וואַרעמקייט דערלעבט
און ס'הענגט שוין איבער מיר דער הימל ווי אַ קויש.

איןביימער גייט אַרום אַ שאָרך, איך ווייס און שפּיר,
אַז שאָטנס, איצטער קליין, וועלן ווערן גרויס,
כ'וועל אָנצינדן דעם לאָמפּ און צומאַכן די טיר,
דאָס מעשהלע צו וועבן פון דער נאַכט אַרויס.

נישטאָ קיין שטילער גליק ווי יונגשאַפט אויף צוריק,
קיין רואיקער געמיט ווי שעפּן זיך אַליין,
אַן עמער איבער ברונעם וויגט זיך אויף אַ שטריק,
דאָס וואַסער טיף, מיט זון געקאַרבט, איז כשר־ריין.

פאַרמאַכסטו די אויגן, דאָס ליכט פון לאָמפּ ווערט דין צעשפּריצט,
אַ רעשעטע מיט שטערן זיפּט זיך און פאַרזיפּט,
אַ מענטש ווי דו, אין רייפקייט זיינעם זיצט
און זיך, אין עלנט, פעדעמווייז פאַרקניפּט.

צעריסן האָסטו דיינע פעדעם אויפן ווינט
ביז ס׳איז פון דיר געבליבן צוויט אויף צוויט, —
וואו איז דער כוח וואָס צעריסנקייט פאַרבינדט?
דו הערסט אין זיך געוויין: דאָס איז דער טויט.

און אַז פאַרשטילט איז דאָס געוויין, ווערט רייף די רו
וואָס קערט דיר אום צוריק אַ גאַנץ געוועב,
דו הערסט ווי ס׳מוטט אין דער היים די קו,
ווי ס׳זאָגט דער טאַטע: וואַסער פונעם ברונעם שעפּ.

דו לעבסט צוריקוועגס, פול מיט פעלד און ברויט,
מיט זעאונגען אויף שפּעטער, לויטער ווי דער סטעפּ,
אַריבערשפּרינגען דאַרפסטו נאָר דעם טאַטנס פּלויט
אַז גיין זאָלסטו די הויכע וועלט אַרויף די טרעפּ.

דעם צוטרוי דיינעם טראָגסטו מיט דער פולער האַנט,
אַ טרעפּ אַרויף, דער גלויבן אין דיר בליט און וואַקסט,
פאַרפאָרן ביסטו ווייט פון אייגענעם דיין קאַנט,
כאָטש דו האָסט זיך געשלעפּט אַזוי ווי מיט דער אַקס.

אַרויסגעפאָרן ביסטו מיט אַ גאַנץ געמיט,
ווי ס׳פירט דער פויער זאַנגען תבואה פונעם סטעפּ,
נאָר פולקייט דיינס האָסטו אין וועג נישט אָפּגעהיט
ביז ליידיק האָסטו זיך צום אָונט־ברעג דערשלעפּט.

די אויגן עפנסטו און קוקסט דער נאַכט אין מויל,
די שטילקייט ציטערט טרוקן ווי אַ דאַרער קנויט, —
ס׳איז גוט צו גיין צוריק, אַז איצטער ביסטו הויל,
און פילן אין געביין ווי פולער ס׳איז דער טויט.

## מנחל בדרך

באַשאַפן האָט דער איבערשטער צוויי קוואַלן,
וואָס ביידע זענען לויטער ווי קרישטאָל,
אַז ס'טרינקט דער מענטש פון איינעם,
פילט ער זיך געפאַלן
און ס'ליגט אויף אים, נישט־דאָ־געדאַכט, אַן עול
מיט טרויער ריינעם.
פון צווייטן אַז ער טרינקט,
ווערט פול זיין האַרץ מיט פרייד,
דער טראָפן וואַסער זינגט,
דער קוק איז אַ דערפרישטער,
ווי אינעם פסוק שטייט:
מנחל בדרך ישתה.

פון ביידע קוואַלן האָב איך שוין געטרונקען,
מיין טרויער האָט זיך מיט דער פרייד געמישט,
די נאַכט האָט מיר געזונגען לידער־פונקען,
דער טאָג האָט מיר דעם שמייכל אָפּגעווישט,
און איצט, אין אָפּגאַנג פון די טעג,
איז מוטנע, ביטער מיין געטראַנק,
פאַרשטאָפּט דאָס ריינע טייכל אויפן וועג,
פון טראָפן וואַסער גייט נישט קיין געזאַנג,
דער טאָג מיט נאַכט — אין פיין פאַרמישטע,
עס צופט דער טעם פון מנחל בדרך ישתה.

## פ י א ה

אויפן ברעג פון פעלד זענען זאַנגען דערציטערט,
זייער מאָגערקייט איז צו דער ערד געבויגן,
אין די קעפּלעך זענען די קערנדלעך שיטער,
ס'וועלן זיי נישט דערוואַרעמען פולע סטויגן,
ס'וועט דאָס שניידמעסער איבער זיי נישט קלינגען,
נאָר דער ווינט וועט מיט שטויב פון שליאַך זיי פאַרווייען,

מיט מיין גורל בין איך שוין מיד זיך צו דינגען,
וועל איך דאָ מיט מיין הויזגעזינד קלייבן פּאה.

נאָך אין אָנהייב זומער בין איך שפּראָך־באַגינען
צו די פּול־ברייטע סטעפּעס אַרויסגעגאַנגען,
כ'האָב געזען די נאַכטיקע שאָטנס צערינען,
כ'האָב געשפּירט ווי די וועלט האָט אַ זון אַנטפאַנגען,
און געזאָגט האָב איך: וואויל איז דיין אָנהייב, נאָר וואוילער
איז דער אָנגעזעטיקטער, מידער סוף־זומער,
ביסט אַרויסגעגאַנגען אַ יונגער, אַ הוילער
און צו רייפקייט וועסטו אַ פולער קומען.

ס'האָט מיין לעבן צו טונקלען שוין אָנגעהויבן
און די פולע זומערס האָבן מיך אויסגעמיטן,
כ'האָב די גאַנצע צייט אויסגעוואָרעמט מיין גלויבן,
נאָר דאָס תבואהדיקע גאָלד האָב איך נישט געשניטן.
וויפל טעג דער אייבערשטער וועט מיר באַשערן,
וועל איך אַלץ מיטן גלויבן מיינעם געדייען,
קעגן גורל בין איך שוין מיד זיך צו ווערן,
מיטן הויזגעזינד מיינעם וועל איך קלייבן פּאה.

## אויף צוריק

אַז דו גייסט אויף צוריק, איז דיר גאָרנישט פאַרהוילן,
איינגעזאַמלט האָסטו אין דיין אייגן געמיט
אַלע קלאַנגען פון דיינע געגאַנגענע טריט,
דו אַנטפּלעקסט אויף צוריקוועגס די פרייד און די גרוילן.

האָסט פאַרטונקלטערהייט אין געדאַנק אויפגעהיט
אַלע פעדעם פון לעבן, די קנופּן און קנוילן,
האָסט באַהאַלטן אין זיך אי דאָס אַש, אי די קוילן,
אי אַ שורה פון נאָך נישט־געשריבענעם ליד.

נאָר פאַרנאַכט, אַז דו קומסט צו דער שטילער אכסניא,
פאַלט־אַנידער דיין גוף אויפן בעט אויסגעשעפּט,

טראַכסט צוריק אויס די יאָרן וואָס דו האָסט געלעבט,
אויסצושפּינען אַ חלום פון דיין האַרעוואַניע, —

הערסט אַ קלאַפּ פון דער טיר, אויף דער שוועל רעדט דער ווינט,
און דו הערסט ווי דיין סוף אין די אָדערן רינט.

## צלפחדס טעכטער

געמאָנט האָבן צלפחדס טעכטער
דעם טאַטנס נחלה אין עברישן שטאַם, —
אַ שטיקל פעלד, אַ ציג, אַ לאַם, —
און עפּעס מער, און עפּעס גערעכטער.

דעם נאָמען צלפחד, זיין ציטער, זיין פלאַם,
געמאָנט האָבן זיי, די געטריייע וועכטער,
אַפילו דעם אומעט און דאָס געלעכטער,
דאָס וואַרעמע וואָרט זיינס, דעם ליכטיקן תם.

איך נעכט פון סוף־זומער, ביים שיין פון די שטערן,
דערשפּיר איך דעם קילן קוש פון פאַרגאַנג,
איך הער דעם לעצטן קלאַפּ פון געדאַנק,
וואָס קיינער נאָך מיר וועט אים שוין נישט הערן.

איך וועל נאָך דערוואַרטן די גרויסע לבנה,
צו פרעגן: מיין נחלה פאַר מיר ווער וועט מאָנען?

## אַז געגאַנגען איז יעקב

אַז געגאַנגען איז יעקב קיין חרן,
איז דאָס האַרץ אים געווען פול מיט לויב,
אויף די פּלייצעס אַ טאָרבעלע קאָרן,
אויף די באָרוועסע פיס גרויער שטויב,

נאָר געשיינט האָט דער אויפּבלי פון יאָרן
אין זיין קוק, ווי אַ לויטערע שויב.

אַז געגאַנגען איז יעקב קיין חרן,
איז דער שטעקן געווען זיין פאַרמעג,
נאָר די זון און לבנהקער האָרן
זענען אים נאָכגעגאַנגען אין וועג,
ס'איז די וואָר ביי אים חלום געוואָרן,
ס'האָט געזאַנג זיך פאַר אים אויפגעפלעקט.

אַז געגאַנגען איז יעקב קיין חרן,
האָט זיין יונגשאַפט פאַרמאָגט גאָר די וועלט,
מיטן קוק, דעם פאַרנאַכטיקן, קלאָרן,
האָט ער טרעפ צו דעם הימל געשטעלט,
כאָטש געלעגן אויף שטיין און אויף דאָרן
איז דער גוף אין דער נאַכטיקער קעלט.

אַז מיר גייען אין אונדזערס אַ חרן, —
אין דער יונגשאַפט, מיט אָרעם געפעק, —
גרינט פאַר אונדז אויף די פעלדער דער קאָרן,
ווערט אַ פולקייט אין אונדז אויפגעוועקט, —
וויפל פרייד ס'איז דעם גאַנג אויפבאַוואָרן
פאַר די שקיעהדיק־איצטיקע טעג.

## צעלויכטן אין שקיעה

אַדאַ, טאָכטער, — צו דיר.

אין דער שקיעה זיינער האָט זיך יצחק שטיל צעלויכטן,
ווי די זון אַמאָל, ביים סוף פון וואָלקנדיקן טאָג,
און אין קוק זיינעם, — מיט פראָסט פון ציימו פאַרהויכטן, —
האָט אַ זעאונג, שיין־פאַרבלענדיקט, אים געטאָן אַ שלאָג.

אויף דער צונג איז אים דאָס וואָרט, ווי טוי פאַרטאָג, גערונען.
מיט די פינגער האָט ער אָנגעטאַפּט די ברכות פאַר די זין,

אַ צעציטערטער האָט ער די רייד אין מויל געפּונען
און געשפּירט, ווי ערדיק שמעקן זיי, ווי פריש און גרין.

ווי דעם ריח פון אַ פעלד, אין פריִ־זומער באַגינען,
האָט ער אָנגעשמעקט דעם דינעם ריח פון דער פרייד
און געשפּירט האָט ער, ווי אין די פינגער זיינע רינען
די פאַרשוויגענע געזאַנגען, נישט־דערערדטע רייד.

די עקידה האָט ער אויסגעשעפּט ביז פולער עלטער,
ביז פאַרטונקלטע, שפּעטזומערדיקע טעג,
ביז די יאָרן האָבן זיך צעשפּילט, ווי ווייַן אין קעלטער,
און דאָס וואָרט האָט זיך אין אים, אַ לויטערס, אויפגעוועקט.

פון דער טונקלקייט האָט ליכטיק וואָרט אַרויסגעשלאָגן,
ווי אַ פרישער קוואַל פון אַ געדיכטן, אַלטן וואַלד,
וואָס געוואָלט האָט ער אין די עקידה־יאָרן זאָגן,
האָט פון אים אין שקיעהדיקע טעג אַרויסגעשטראַלט.

צו מיין עלטער קומט, דו זון און טאָכטער, — מיינע בליער, —
דעם פאַרנאַכט האָב איך דערשפּירט אין מיין געמיט,
נאָר דאָס וואָרט וועט נאָך פאַר אייך אַ שיין־טאָן אין דער שקיעה,
נאָך דערזינגען וועל איך אייך די ברכה אין אַ ליד.

## דער גרויסער פויגל

### א

מיר האָבן זיך דעם גרויסן פויגל אויסגעמאָלט,
באַפליגלט אים מיט אונדזערע געמיטער,
אַז זיין זאָל ער דער פליער און דער היטער
אויף אונדזער אַלטן, טרויעריקן גאָלד.

דאָס גאָלד ביי אונדז ? אַ בוים אַ ווייס־צעבליטער,
וואָס ביזן ווינטער היטן האָבן מיר געוואָלט,

נאָר גראָע יאָרן האָבן אונדז באַעולט
און ס'איז דער טאָג ביי אונדז אַ מידער־איינגעמידטער.

דער בוים, ווי אונדזער טאָג, האָט אָפּגעבליט,
צעשאָטן האָט דער ווינט זיין ווייסן צווייט, —
אָ גרויסער פויגל, אונדזער אויסגעטראַכטער,
מיר זיצן איינגעהילט אין נאַכטיקן געמיט
און זענען אַליך נאָך חלומער און דאַכטער,
אַז איבער אונדז דער פויגל פליט און היט.

ב

דאָס דינע געוועב אויפן גראָז האָבן זון מיט די שאָטנס געוועבט
פון בלעטער אויף ברוינע בערעזעס און אַלטע ציפּרעסן.
פאַרנאַכט. אין געוועב זענען מיר איינגעפּלאָנטערט געזעסן
און זון, פון די שאָטנס אין אונדזערע יאָרן, געשעפּט.

דערציילט האָבן מיר זיך פון יונגע, צעשפּילטע מעת־לעתן,
וואָס זענען געגאַנגען אַרויף, צו די הייכן געטרעפּט,
נאָר טעג, וואָס מיר האָבן מיט מידן עקשנות געשלעפּט,
פאַרהוילט האָבן מיר אין פאַרזיגלטע, אַלטע געפּעסן.

אַז גרוי זענען מיר, און פאַרעלטערט, — צו־וואָס אויפבאַוואָרן
די שאָטנס, וואָס זענען געפאַלן אויף אונדזערע יאָרן?
די זון, ביים פאַרגיין, איז מיט לויטערע פאַרבן צעגליט,
אַ סטייע מיט פייגל אין נאַכטיקער נעסט אַריין פליט,
אַפילו די שאָטנס, וואָס ווערן געדיכטער און לענגער,
צעפּאַסמעט די זון אויף פאַרטונקלטע, גאָלדיקע סטענגעס.

ג

אין טייך האָט זיך נאָך קיינער נישט דערטרונקען,
דער שטראָם זיינער איז לויטער גרין און קיל,
פאַרנאַכט נאָר, אַז סע גיט אים אַ פאַרהיל
דער זונפאַרגאַנג און רעגנט אויף אים פונקען,

צעוואַקסט זיך פון דער ליכט־און־שאָטן שפּיל
אַ טונקלקייט, וואָס איז אין אים פאַרזונקען,
וואָס ער האָט זיך אַליין אין איר געטונקען,
און איך, ביים דינעם ברעג זיינעם, דערפיל
ווי טיף אין אים איז דאָ די שולד פון טויט,
וואָס דאַרף ערשט ווערן שולד, און וועט נאָך ווערן.
דער מענטש דאַרף קומען און די שולד דערהערן,
דערשפּירן זי ווי נאָדלען אויף זיין הויט,
די טונקלקייט וועט דאַמאָלסט זיין פאַרפולט, —
אַרויסוואַקסן פון מענטשן וועט אין טייך די שולד.

ד

אויף מאָסקאָקאַ־טייך אַ דריבנע אינדזל גרינט פאַרשאָטנט,
אַ האַנט, — אַן אָפענע, אַ האָריקע, — צעשפּרייט,
נאָר איין פינגער זיינער האָט אין וואַסער זיך פאַרדרייט
און ער טייט צום ברעג־אַריבער אומפאַרשטענדלעכע געבאָטן.

אין פאַרנאַכטן, אַז די זון אַריבער וואַלד פאַרגייט,
ווערן פונקען אויף דער האַנט, דער אָפענער, צעשאָטן,
ווערט דער וואַסער־שוים מיט רויטע בערגלעך אויפגעזאָטן, —
און דער פינגער טייט־אַריבער פייערדיקע רייד.

מעוועס לאָזן זיך אַרונטער, — גרויע, אויסגעמידטע, —
מיט צעפּאַטשטע פליגלען, הייזעריקן ברום,
און צעזעצן זיך אויף פעלדז, אין פונקען־שוים צעגליטע,
צו באַטראַכטן אומעטיק דעם וואַסער־שפּרייט אַרום,
ביז די זון פאַרזינקט אַריבער רוים, אַריבער צייט, —
נאָר דער פינגער צו דעם ברעג־אַריבער טייט און טייט.

ה

טאָגן הייבט־אָן טאָגן, האַלב אין טונקל, האַלב אין רויט,
פייגל וואַכן,ביימער שלאָפן, — ביידע מיט אַ ציטער,
כמאַרע־צודעק אויפן טייכל הייבט־אָן ווערן שיטער,
גראָז איז טונקל, נאָר פון אויבן — זילבערדיק באַטויט.

האַלב אין אָפּגאַנג, האַלב אין אויפגאַנג, — ווערטער, מיינע גיטער,
האָט איר מיר די פרייד און טרויער אייערע פאַרטרויט,
פול מיט וויסיקייט פון לעבן און נאָך מער פון טויט,
רייף, ווי זאַנגען אין שפּעט זומער, פאַרן קום פון שניטער.

קערנער, אַז זיי זאָלן זיך צעוואַקסן און פאַרמערן,
דאַרפן פריער זיך מיט ערד און טונקלקייט דערנערן,
אויפגעלייזט דערשפּראָצן צו דער זון, צו שפּיל אין ווינט.
וואָרט, אין טונקלקייט פון נאַכט, דערנערט זיך מיט מיין טרויער,
לייזט זיך אויף אין מיר, דערגייט ווי קלאַנג נאָר צו מיין אויער,
ביז ס׳ע שפּראָצט אַרויס צוריק פון דער טונקלקייט אין טינט.

ו

אין דער שפּעטער נאַכט איז די לבנה אויפגעגאַנגען
מיט אַ זילבערנעם פאַרנעם, מיט שיין ווי קאַלטער וויין,
און די קליינע שטערן זענען באַלד דערשראָקענע אַריין
אין דער בלוייער נעץ פון הימל־אויסשפּרייט, ווי געפאַנגען.

אַז אַ שטערן האָט אַרויסגעקוקט מיט שטילער פּיין, —
צו דעם גרויסן ליכט פון דער לבנה צו דערלאַנגען, —
האָבן שטערן אַנדערע געזיפצט אויף אים געזאַנגען:
אין לבנה־שיין וועסטו נישט זיין, וועסטו נישט זיין.

אַז פאַרהאַלטן האָט זיך די לבנה אינדערפרי,
ווי אַ וואַנדערער אַ מידקער אויף שליאַכן קאַלטע,
האָט די זון אויף איר אַ גרויסן שיין־געטאָן, און זי
האָט זיך איינגעקנוילט אין פּאַסן וואָלנע, צעשטראַלטע, —
אַ פאַרבלייכטער וואָלקן אין דער זונס צעבלענדטער שיין,
וואָס פאַרגייט מיט וויסן אַז ער וועט נישט זיין, נישט זיין.

ז

מיר וואַרעמען די לעצטע רגע אונדזערע און וואַכן,
אַז זי זאָל זיך אַנטפּלעקן אין איר גרויסקייט אומגעריכט,
צו עפענען פאַר אונדז דעם טויער צו אַן אומגעזעען ליכט,
צו אומבאַקאַנטע, נישט־געאָנטע שפּירעוודיקע שליאַכן.

דער גרינגסטער טאָג פֿאַר אונדז איז אָנגעלאָדן מיט געוויכט,
מיר טרויערן אין פֿריידיקייט, מיר וויינען אַז מיר לאַכן,
מיר עפֿענען אַ טיר, — מיט אומעט באַלד זי צו פֿאַרמאַכן,
און זון אַפֿילו זעען מיר ווי גראָ אַ וואָלקן קריכט.

נאָך פֿונעם ערשטן טאָג, ווי לעבן קומט אונדז אָן אַנטקעגן,
איז דאָ אין אונדז דער דראַנג צום לעצטן סוף זיך צו דערפֿרעגן,
צו אַ פֿאַרהוילנקייט דערגיין און גיבן אָן אַנטפּלעק
די רגע, וואָס וועט בלייבן שטיין און קיינמאָל נישט אַוועק,
מיר שפּירן זי אַלץ וואַרעמער אין אָפּגאַנג פֿון די יאָרן,
זי איז נאָך נישט געווען און לעבט שוין אין זכרון.

ח

אַז אָפּגעפֿלויגן איז דער גרויסער פֿויגל,
איז צוגעמאַכט געשטאַנען אונדזער טיר,
מיר זענען טונקעלע געזעסן ביים פּאַפּיר
און ווירקלעכקייט אין ווערטער אויסגעבויגן.

דער גרויסער פֿויגל האָט געטאָן אַ ריר
די טיר ביי אונדז און פֿליגלען אויסגעצויגן,
אַ וואָרף־געטאָן זיין שיין אונדז אין די אויגן,
נאָר צוגעמאַכט אין שטוב געזעסן זענען מיר.

מיר האָבן נאָר געהערט אַ פֿליגלדיקן פֿאָך,
אַ ווידערקול, וואָס קומט פֿון קלאָרע הייכן,
און ס'האָט אַ בענקשאַפֿט אונדז געגאָגט דערנאָך
דעם פֿלי פֿון גרויסן פֿויגל צו דערגרייכן,
געבליבן איז אונדז אָבער נאָר דער פֿליגל־שפּיר, —
דער גרויסער פֿויגל קומט נאָר איין מאָל צו אַ טיר.

## ירושה

דער פֿויער לאָזט איבער דעם זון צו אַרבן
אַ שטיקל פֿעלד, אַ שייער מיט ברויט,
דער בויער — אַ הויז פֿאַר זיין זון האָט געבויט,
דער קלייטניק האָט סחורה אים צוגעגרייט, —

און איך, מיין זון, בין אַ נאַקעטער שאַרבן.
מישטיינס־געזאָגט, די ווערטער־טרויער,
ווי זומער־כמאַרעס איז זייער דויער.
וואָס קומט־אַרויס פון די אַלטזילבער פאַרבן,
אַז בלייבן בלייבט־איבער פון זיי נאָר די רייד ?

אַ טאַטע לאָזט־איבער בראָקאַדן, געוועגדער,
און איך ? אַפילו קיין שטאָט נישט פאַר דיר אין אַ קלויז,
אַז טאָמער וועט מיך ווערן האַרץ דיינס פון ברויז,
ווי מיך ס'איז מיין דור, ווי מיין האַרץ איז מיך,
זאָל וואַרטן אויף דיר אַ צעפּאָרענער שטענדער
און יידן אַן עדה, מיט גאָט אויף די ליפּן.
וואָס קומט מיר אַרויס, וואָס וואָרט טו איך זיפּן,
אַז קערנדלעך וואָרט טראָגט דער ווינט, דער פאַרשווענדער,
און בלייבן בלייבט־איבער אַ זיפּל געמיט ?

## קראָטאָנע פאַרק

ס'איז קאַלט און נאַקעט איצט דער פאַרק קראָטאָנע,
אויף זיינע פעלדזן — בלאָטערס מאָך און קרעץ.
אין פענצטער אַרום אים — יויזלעך און מאַדאָנעס,
אין קאַנען אָפּפאַל — הונגעריקע קעץ.

נאָר אַלטע בענק מיט יאָרן, אין דער נידער,
באַהאַלטן נאָך אין זיך דאָס יידישע געזאַנג,
וואָס פרום געדאַווגט האָבן מיר ווי פון אַ סידור
און זענען אויפן ליד געוואָרן קראַנק.

קראָטאָנע פאַרק, איך בין צו דיר געקומען
פאַרנאַכט, אין טבת פונעם יאָר תשט"ו,
פון שטיבער דיינע, פּראָסטיקע אַרומען,
דערהערט דאָס ווידערקול פון וואָרט־באַשאַף.

אין שקיעה זיץ איך דאָ, אין זיך באַהאַלטן,
אַ רויטער פּאַס דעם מערב־זוים צעשניידט.
די קאַלטעביימער — וואַרעמע געשטאַלטן,
וואָס צוגעדעקט האָט זיי מיט פראָסט די צייט.

אויף מיר אַליין הייבט־אָן דער פראָסט צו פרירן,
דער טאָג, — אַ דאַרער קנויט, — אין רויך פאַרצאַנקט.
קראָטאָנע פּאַרק, ביים סקריפּ פון דיינע טירן
אויף לידער זענען מיר געוואָרן קראַנק.

צעשפּריצטע פונקען שיין אין שטיינער־שפּאַלטן,
דער רויטער פּאַס אויף מערב־זייט צערינט, —
אַליין בין איך מיט אייך, פאַרשאָטנטע געשטאַלטן,
אין ווינטער־שקיעה, אין גערויש פון ווינט.

## זומערס פולקייט

אַ פאַרנאַכט וועט בלייבן הענגען איבער גרויע קעפּ,
מיט אַ רויט־געקרויזטן זוים און מיט זון אַ ברעגל,
דאָס וועט זיין דאָס לעצטע גאָלד אין דינעם אויסגעוועב,
איידער מ י ר צום זומערס פולקייט זענען עולה־רגל.

ס'וועט אַ טייך, אין בלויע פאַלבן, אָפּשפּיגלען דאָס גאָלד,
מעוועס וועלן אויף אַ פעלדז זיך אויף דער נאַכט פאַרהילן,
מיט אַ ציטער וועט זיך וויגן דער לבנהס טראָלד
און מיט טונקל־אַלטן זילבער אונדז די שטערנס קילן.

זומערס פולקייט איז די אומרו פון אַ ברוינעם סטויג,
וואָס די פייגל, הונגער־פריידיק, טרוקן שטרוי זיינס פּיקן,
ס'איז דאָס פינטעלע, פאַרחידושטס, אין אַ מענטשנס אויג,
וואָס דערזעט ווי די אַהינגען זענען גאָר קאַריקן.

נאָכן וואַלד אַ שמאָלע סטעזשקע און נאָך איר אַ סטעפּ,
זומערס פולקייט, אָנגעלאָדן, אויפן סטעפּ דאָ הויערט,

שניטער־זינגערס אָפּגעשוירן האָבן אים מיט טרעפּ
און דעם קאָפּ זיינעם מיט שטעכלעך־שטרויעלעך אויסגעבויערט.

זומערס פולקייט איז די מידקייט פון אַ פויערס האַנט,
וואָס איז שטיל אַראָפּגעפאַלן אויף די לעצטע גאַרבן. —
דער פאַרנאַכט איז אויסגעלאָשן, ס'לויכט נאָר דער פאַרשטאַנד
אויפן שטערן, אין די קלוגע, איינגעקריצטע קאַרבן.

## אַהיימגאַנג

איך גיי אַהיים. אַ סטעפּ פאַרנאַכטיקט מיר אַנטקעגן.
אויף ברונעמער פאַרדרימלען אויסגעשעפּטע עמערס.
די שאָטנס זענען אָנגעפּעלצט, ווי קוטשעראַווע לעמער.
דער הימל טונקלט זיך, ווי טאָמנע נאָך אַ רעגן.

די זון פאַרשפּעטיקט, אפשר וועל איך נאָך דערכאַפּן
אַ שיין פון אונטער אירע צוגעדעקטע וויעס.
דערגיין אַהיים אין בין־השמשותדיקן צניעות
און אויף דער שוועל דאָס האַרץ, דאָס מידע מיינס, דערקלאַפּן.

דער שאַרפער ריח פון פאַראַיאָרעדיקע סטויגן,
דער דינער שטויב אויף אויסגעהוילטע זאַנגענקעפּלעך,
דער סטעפּ איז אָפּגעשוירן, ווי אַ קינד, מיט טרעפּלעך,
און, ווי אַ קינד קוקט ער, מיט שלעפעריקע אויגן.

וואו איז די היים? ביים סאַמע ברעג פון די געדאַנקען,
וואָס אויסגעוואַרעמט האָב איך זיי און אויסגעטרויערט.
זי איז נאָך קליין, — אַ שטחל אַ קאַרגס פון רויערד, —
נאָר וואַקסן וועט זי אינעם שטילקייט פון מיין צאַנקען.

און אַז פאַרטונקלען וועל איך, וועט זי זיך ערשט צעשיינען
מיט מיינע טרויעריקע, פרומע וואָרט־קאַלירן,
מיט דעם געזאַנג, וואָס שמעקט און איז נאָר לויטער שפּירן, —
איך גיי אַהיים די לעצטע שטילקייט צו פאַרמיינען.

## ווי אַזוי ?

אַז געווען בין איך אַזאַ קליינער מאַמין,
ווי אַזוי קען איך ווערן אַ גרויסער כופר ?
ווי, אַ נאַקעט ריטל אויף באַוואַקסענע שטאַמען,
וואָס אין ווינט וויינט, אַז דאָס איז דער אויפהער.

פון די ברייטע יידישע טישן גלויבן
האָב איך נאָר אַמאָל געכאַפּט שריים,
אַז מיט פולן האַרץ נישט געקענט האָב איך גלויבן,
ווי אַזוי זאָל איצט דער אומגלויבן שרייען ?

אַזוי גרויס איז געווען דער יידישער הימל,
אַזוי ליכטיק די יידישע זון, אַזוי זויבער,
אַז דער אָפּשיין אירער אין מיין דור'ס געווימל
האָט געוואַרעמט אונדז — די קרישקעלעך גלויבער.

ס'איז געווען דיר גענוג פון זייער פייער אַ פונקל,
נאָר אַ גאַנצע זון דאַרפסטו האָבן אויף מאָנען, —
אַז דיין יידיש לעבן אין דיר האָט געטונקלט,
ווי אַזוי קענסטו ליכטן פאַר פאַרצאַנקטע מיליאָנען ?

האָסט מיט נאַרישע הענט געבראָכן כשרע צאַמען,
פונעם אייביקן ליכט ביסטו געווען אַן אַנטלויפער, —
אַז געווען בין איך אַזאַ קליינער מאַמין,
ווי אַזוי קען איך זיין אַ גרויסער כופר ?

## אין חלום פאַרשריבן

העי, ייִנגלעך, וואָס וויינט איר ?
קעפּ אייערע גרויע, אין דער שקיעה,
זענען מיט שפּריצלעך פונקען באַגילדט,
שעה פון פאַרגאַנג איז נאָך אַ פריע,
נאַכט האָט דאָס גראָז נאָך נישט אָפּגעקילט.

אויגן אייערע מיט חלום נאָך גליען,
אייער טרויער מיט וויין נאָך שפּילט,
דינער, גערייניקטער, פרום באַחנטער, —
הער, יינגלעך, וואָס וויינט איר?

הער, יינגלעך, וואָס וויינט איר?
נעמט אייער מי צונויף אין קוישן,
איידער די זון איבער אייך פאַרגייט.
צווייגן פאַרנאַכטיקע זינגען און רוישן
מיט די רייד וואָס איר האָט פאַרזייט.
ווייט, — פונעם אָנהייב מיט משהן אין גושן,
ביזקל דעם האַדסאָן, — גילדיקט די קייט,
אַז דער פאַרנאַכט זאָל אייך זיין אַ געקריינטער, —
הער, יינגלעך, וואָס וויינט איר?

הער, יינגלעך, וואָס וויינט איר?
אייער ברונעם, נאָך נישט קיין דערשעפּטער,
האָט פאַר אייך אַ צעזונגענעם טרונק.
חלום, אַפילו אַז ער ליגט אַ געקעפּטער,
ציטערט אין אים נאָך אַ וואַרעמער פונק,
וואַרעמער נאָך איז דער דאָרשט נישט־געלעבטער,
נעמט אים מיט יידישן וואָרט אויף דער צונג,
וואָס ס'איז געמיינט וועט זיין נאָך געמיינטער,
הער, יינגלעך, וואָס וויינט איר?

יינגלעך, מיט דינע, באַזילבערטע פּאַטמעס,
אין דער געליטערטער, גילדענער שקיעה,
פּעדעמווייז שפּינען אַן אומעטיק ליד.
איינעם — צעשפּילט זיך אַ טרער אויף דער וויע,
איינעם — די חכמה אין מוילווינקלען בליט,
איינער זאָגט שטיל: אָ, מיר שפּינען אַ תליה
פון אָט־די פּעדים פאַר אונדזער געמיט.
ווינט דער צעוואָיעטער פּאַטלט די פּאַסמעס, —
נאָמען, מיין נאָמען, אין שקיעה געחתמעט.

## שטילקייט

שטילקייט אין דער שטילקייט איז נישט שטיל,
פול איז זי מיט רייד אין זיך אַליין,
מענטש איז דאָ אין איר, — מענטש וואָס וויל
צו איר ברעג אַמאָל, אַן עלנטער, דערגיין.

קול איז שטילקייט, — מענטשס און גאָטס, —
שאָרך פון דינסטן וועלט־געוועב,
ציטער פון אַ גרעזלס גרינעם שפּראָץ,
טראָפּנס פונעם טאָג וואָס איך דערשעפּ.

נאַכט אַ פּאָדעם צו אַ פּאָדעם בינדט,
פול איז דער אַרום און אויסגעהוילט,
אונדזער טרויער, — אַ דערשראָקן קינד, —
ליגט אין שטילקייט איינגעקנוילט.

שפּירסט דאָס שטרעמל בלוט, וואָס רינט
אונטער אונדזער אָפּגעקילטער הויט,
הערסט ווי נאַקעט ס׳גייט אַרום דער ווינט
אויסצובעטלען עמעצן דעם טויט.

שטילקייט איז אַ וויטערער געדאַנק
פונעם מענטשנס אויסגערעדטע רייד, —
שטילקייט מיינע אויף אַ באַנק
ליגט אין פולקייט איינגעדרייט.

## דער קיעווער שניידער

דער קיעווער שניידער האָט אַפילו נישט קיין מעשטעס
מחשבות זיינע אויסצוזוכערעטן אינעם אַלקער.
אַ פּאָר פּאַרוויאַנעטע שטיוול,
מיט כאַליעוועס צעדרעשטע,
שטעקן מיט אַ סוקעוואַטער גאַלקע, —

# אפריס אויערבאַך

די טראַכט אָט־די איז גאָר זיין יחוס־בריוול.
פאַרשריבן זענען אין די פּאַסמעס פון זיין קאַפּטן
געשריפּצן ווינטיקע, דער שלאַנדער־וואַנדער
אויף רודעס, איבער זומערדיקע שטרעקעס, —
צו קומען אין אַ ישוב צו אַ יידן אַ פאַרשלאָפטן
און אים מיט עברי־טייטש דערקוויקן.
אַמאָל, אַז סע קומט אים אָן דער ווידעראַנאַנדער,
גיט ער אַ פרעג: ווי קען זיך, בורא, שיקן
די יאָרן אָפּצוקומען מיט נישטאָען, בדליכאַט?

און אַז סע איז נישטאָ, איז דען נישטאָ? וואָס דאַרפט איר מערער?
מיר האָבן דאָך געלערנט אַז ס'איז דאָ אַ יש מאין,
אַז דער נישטאָ איז דאָ, און ווער סע איז אַ הערער,
דערהערט אַפילו דעם פאַרשטומטן שלייען.
און ווער סע איז אַ בעל הרגשה, וועט דערפילן
דאָס גרעזל ווי סע וואַקסט, ווי סע בליט דאָס קווייטל.
און ווער סע איז אַ רואה, וועט דערזען דאָס פלייטל,
וואָס שטייט צווישן שטראָם דעם הייסן און דעם קילן.

איז ווידער פרעג איך: אַז נישטאָ, איז ווי איז שכיח?
אַ שניידער בין איך, — איך, דער קיעווער שניידער,
וואָס אַ פאַסטריגע נאָר ביי יידן אָרעמע פאַרצי איך,
אַ פעדעמל פון תורה, אַ נעטעלע אמונה.
אַ קליינער ייד, וואָס שטייט אין גרויסער קונע,
וואָס אַז ער שרייט, רופט־אויס אַ קול: נו שריי דיר, שריי דיר.

נישטאָ איז אָבער דאָ, אַפילו רייד נאָך נישט גערעדטע,
אַפילו מעשים נישט געטוענע, — זיי זענען יש'ן.
אַ פייער, אַז סע ברענט נישט, דאַרף מען אויך פאַרלעשן,
די פריערס ווערן אין דער פריקייט זאַכן שפעטע.
אָ, גאָט, צו טראַכטן און דערטראַכטן דיך אַ שרעק איז,
אַז אָפּגעקומען בין איך מיט נישטאָען, בדליכאַס.

אַ נשמה יתירה אויף שבת פאַר מיר האָסטע, —
איבער וואָס דאַרף איך זיך דערהייבן?

מיט דער וואָכעדיקער נשמה, דער פּראָסטער,
איז מיר ווארעמער אין דיר צו גלייבן.

וויפל כוח האָב איך דען, פאַרגיבער, פאַרציייער,
אַז אַ פּשוט גרעזל דיינס איז אין לשער?
ווי סע וויגט זיך אויפן ווינט,
ווי סע וואַקסט און ווי סע גרינט,
ווי אַ טראָפּן טוי סע טרינקט,
ווי אַ לויב צו דיר סע זינגט.
היינט אַ פּשיטא שוין די פולע ביימער,
אַז דיין זון טוט שיינען און דיין ווינט טוט בלאָזן, —
הער איך זינגען ווי זיי זינגען דיין ויאמר לאמור,
ס'איז אַ בלעטל פול מיט סוד און אַ בוים איז רזין דרזין.

נאָר אַ מענטש האָט דאָך נישט קיין ברירה:
דו דערלאַנגסט אים, מוז ער נעמען.
טו איך בעטן דיך, אַז די נשמה יתירה
זאָל די וואָכעדיקע נישט פאַרשעמען.

כ'וועל זי ליבן, כ'וועל זי גרייסן,
כ'וועל אין זיידנס זי פאַרהילן,
אָבער וואַרטן וועל איך, אַז אויף שויבן
זאָל די וואָך זיך שוין צעשפּילן.

כ'וועל דער פּשוטער נשמה פון דער וואָכן
גיין אַנטקעגן אי מיט חדוה, אי מיט רינה,
ווייל אין איר איז דאָ דער תוך פון אַלע תוכן,
ווייל זי בליט אין מיר אַ טרויעריקע, גרינע.

## אַ קליין רבילע

אַ קליין רבילע בין איך, אויף אַ פאָדעם יחוס האַלט זיך גאָר מיין יִש,
אַמאָל טראַכט איך אַז איך בין דאָס לעצטע צאַנקענדיקע קנייטל
אין גרויסן בליצלאָמפּ. אָט קומט אַ ווינט און גיט עס אַ פאַרלעש, —
און איך וועל אין דער פינצטער ווייטער שפּילן מיין חסידיש פלייטל.

אַ קליין רבילע בין איך, אין רייכן פוטער נאָר אַ טרעלדל פּעי,
אויף סטעזשקעס פון מיין גרויסן יחוס גיי איך ווי אויף רודעס,
נאָר ס'גיט אַמאָל אין מיר די גזע די רביאישע אַזאַ געשריי:
אזארנעצער, צינד־אָן מיט טויזנט ליכט אַ פּראָסטן שלוש־סעודות.

ס'איז זומער איצט, פאַרנאַכט, גאָטס וועלטל האָט זיך אָפּגעקילט,
מיר וואַרטן אויפן פינצטערניש ביי קאַלטע, שטומע טעלער,
אַ תורה דאַרף איך זאָגן, נאָר דאָס האַרץ האָט זיך צעשפּילט,
אַ זינגער ווילט זיך זיין, ווי זאָל איך זיין אַ קנעלער?

כ'וויל נעמען שטיקער פעלד און האַלדזן, קושן גאָטס באַשאַף,
מיט זאַנגען האָריקע וויל איך זיך פאַראיידלען און פאַרגרעבן,
נישטאָ אויף דעם קיין פּסוק, נישטאָ אויף דעם קיין דף,
אַ האַרץ איז דאָ אויף דעם, — דאָס האַרץ פון קליינעם רבין.

אַקעגן דעם וואָס שבת לעשט זיך אויס, פאַרגייט, פאַרפליט,
און מיר, ביים שלוש־סעודות, הענגען ממש אויף זיין פאַלע,
וואָס פינצטערער סע ווערט, אַלץ פרישער, ליכטיקער צעבליט
דאָס וואָרט ביי אונדז, דער טרויעריקער בני־היכלא.

איז טראַכט איך: אַז וויפל אירע זענען מיר אַצינד ביים טיש?
אַ מנין שאָטנדיקע יידן, מיט בערד ווי ליכט וואָס צאַנקען,
דערקייען ווילן מיר דעם שבת ביזן לעצטן קריש
דערטראַכטן איב מיט אַלע אונדזערע געדאַנקען.

מיר האָבן שבת אָפּגעוויינקט און אפשר אָפּגע'סכ'ט,
געווען אין אים די פרומע וואָרער און די שטילע דאַכטער,
נאָך וויפל טראַכטענישן, בלייבט ער אַלץ נאָך נישט דערטראַכט,
ווייל ס'איז דער מענטש אַליין נאָך אַלץ נישט קיין דערטראַכטער.

אָט וויסן מיר, אַז ליכט דערוואַרעמט אונדז, צינדט־אָן, דערפרייט,
נאָר וואָס איז פינצטערניש? נאָר פינצטער און נישט מערער?
אַ וועלט לויכט איצט אין מיר, איך נעם די שאָטנס אין דער האַנט
און קנייט
אַ זון פון זיי, וואָס וואַכעדיקער ווערט זי, לויטערער און קלערער.

איז וואָס איז ליכט? און וואָס איז חושך? אַזביידע איין באַשאַף,
פון ביידע שיינט אַרויס די פרייד און וויינט אַרויס דער טרויער,
נאָר מיר, — פאַרהוילן איז פון אונדז דער סוד, ווי אַ פרעמד כתב,
די אויגן זעען צייכנס, נאָר סע הערט זיי נישט דער אויער.

איר זעט? אַביסל רייד האָב איך אַרויסרעדן געוואָלט,
און וואָס געשעט? געדאַנקען קניפּ איך און פאַרליר אַן אייגל,
אין האַרצן האָב איך זיך דאָס בילד אין פולקייט אויסגעמאָלט,
נאָר קומט צו רייד, צעפליען זיי ביי מיר ווי ווילדע פייגל.

איז לאָמיר בעסער זינגען, אין געזאַנג איז אַלץ געקניפּט,
די ווילדע פייגל פליען זיך צונויף אין דער נגינה, —
אוי, בני היכלא, — דורך פינצטערקייט האָט ליכט זיך דורכגעזיפּט,
און פול איז אַלץ דעם קליינעם רבינס האַרץ מיט פעלדער גרינע.

## שיינקייט

דעם שפּרונג פון דער קאַץ האָב איך אַמאָל געזען,
אַ פויגל אין געזאַנג זיינעם צו פאַרצוקן.
די אויגן — גרינע דימענטן אין זון־געברען,
די פעל — צעבלישטשעט־גרויער סאַמעט אויפן רוקן.

די ביינער פול מיט ציטער, די אויערן צעשפּרייט,
די נעגל שפּילעודיק, ווי פינגער אויף קלאַווישן,
אַ קלוגשאַפט אין די ווינקלען מויל צונויפגעדרייט,
דער קאָפּ, ווי אויסגעוואַרעמט אויף אַ ווייכן קישן.

אַ הונט, אין לויער, איז געזעסן אויף דער שוועל,
אַן איינגעדרימלטער, דער אָטעם איינגעהאַלטן,
נאָר כוואַליעלעך געגאַנגען זענען אויף דער פעל,
און פונקען האָבן אים געשפּריצט פון אויגנשפּאַלטן.

דער קאָפּ האָט זיך מיט ריטעם שטילערהייט געוויגט
צעשפּרייטע נאָזלעכער די לופט האָבן געשלונגען,

ס'האָט יעדער אבר זיינער אין דרימל זיך געקליגט,
פון מזיל — די שאַרף־פאַרצוקנדיקע ציין אַרויסגעזוונגען.

אַ וואַכער לויערער. אַן אויפציטער. אַ בליץ. אַ שפרונג.
אַ פינקל מיט די ציין. אַ פלאַטער ווי אַ זעגל.
דאָס הייסע בלוט פון האָז גערונען אויף זיין צונג.
אַ וואַרעם לעבן אויסגעגאַנגען איז אים אין די נעגל.

אָ טויט, פאַרצוקונג, אומברענג און פאַרלענד,
אַזויפיל שיינקייט, ריטעם האָסטו אינעם לויער,
ס'איז מידע קלוגשאַפט דאָ אין טייטערס הענט,
ווי דאָ איז אין געטייטן מידער טרויער.

## הנני העני ממעש

דער אָרעמסטער בין איך פונעם באַשאַף,
דערציטערט פון שרעק — פאַר דיר דאָ צו שטיין,
דאָס האַריק מיינס, פון פחד, איז וואַך און איז שלאַף,
און פול מיט ערפּאָרכט איז מיין געביין.
דעם ציבורס שליח בין איך פאַר געבעט,
דעם צער פון אַ פאָלק דאַרף איך ברענגען פאַר דיר.

אַלמאַכטיקער דו, פאַרנעם וואָס איך רעד,
איך שטיי דאָך אַן עלנטער דאָ פאַר דיין טיר.
נישט מער ווי אַ זינדיקער בשר ודם
בין איך, וואָס סע איז מיר די תפילה פאַרטרויט,
ברען־אויס מיינע זינד אין דיין אייביקן פלאַם,
צינד־אָן אין מיין האַרצן דעם הייליקן קנויט
פון פולער אמונה, פון ליבשאַפט, פאַרטרוי,
אַז דאָ זאָל איך שטיין, אויסגעלייטערט פון זינד,
מיט ריינער כוונה צו טאָן תפילה אַזוי
ווי ס'שטייט פאַר זיין פאָטער אַ ציטערדיק קינד.

פאַרשעם מיך נישט, גאָט, פאַרן עול וואָס איך נעם
מתפלל צו זיין פאַר אַן עדה צו דיר,

דעם זינדיקן בעטער, אָ גאָט, נישט פֿאַרשעם
און ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן נעם מיך און פֿיר
צו לויטערער תּשובֿה, רעכטפֿאַרטיקן ווער,
אַז קול מײַנס זאָל קלינגען גינגאָלדיק און ריין,
אַז צושטיין זאָל וואָרט מײַנס צום זייבערן ברעג
פֿון יידיש־דערהויבענעם, שטילן געוויין.

נישט שטרײַכל מיך, גאָט, אין מײַן תּפֿילה פֿאַר זיי,
וואָס האָבן געשיקט מיך צו בעטן דײַן גנאָד,
דאָס האַרץ מײַנס איז וואונדיק, — פֿאַר דיר ווי איך שטיי,
מיט ווייסיקייט פֿולער און נאָך פֿולערן סוד.
געפֿאַלן בײַ זיך, מיט געבראָכענע קני, —
אַ בעטער פֿאַר יידן, אין פֿאָרכט און אין צער, —
זאָל תּפֿילה, מײַן תּפֿילה, צו דיר טאָן אַ פֿלי,
באַשעפֿער פֿון גוטס און פֿון רחמים דער האַר.

## סאָנעט

כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען ווי ס׳שטאַרבט אַ שוואַן
און דערזינגט דאָס שטומע לעבן זײַנס צום טויט,
נאָר איך שפּיר אַזאַ געזאַנג, וואָס איז דעם מענטש פֿאַרטרויט
צו דערגייען דערמיט, אין שטומקייט, ביזן לעצטן שפּאַן.

ס׳איז אָקטאָבער־שפּעט. אַן ערד ביימער פֿלאַקערט רויט
מיט אַ רײַפֿער גלוסטיקייט. אַ וואָלקן־קאַראַוואַן
נאָך דער זון גייט נאָך, ווי אויף אַ גרינער לאַן
נאָך אַ לאַם גייט נאָך אַ הונט און רײַסט זײַן הויט.

נאָר אַ וואָלקן איינער, — איינגעהויקערט, שווער און בלינד, —
רײַט אַרויף דער זון און גיט אַליין זיך אַ צעצינד,
ווערט מיט שײַן פֿאַרוואונדיקט, ווערט מיט ליכט־פֿאַסן צעקאַרבט.
איך דערשפּיר אין זיך דאָס בלוט, וואָס צינדט מיר אָן די הויט
מיטן לעצטן, אייביקן געזאַנג פֿון וואונד און טויט, —
און כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען אַ שוואַן, וואָס זינגט און שטאַרבט.

## אויף יענער זייט בריק

מיר גייען, צוויי קינדער פאַרמידטע,
אַריבער אויף יענער זייט בריק,
וואו צווישן די ביימער צעבליטע
שטייט גרייט אונדזער אייביקע וויג.

אַריבערן וואַסער מיר קוקן
צו זען אונדזער וועג אויף צוריק,
ווי ער איז צעשטאָכן און טרוקן, —
און דאָ בליט די אייביקע וויג.

דאָ שטייט ביי די ביימער אַ בינדער,
בינדט צווייגן און פלעכט פון זיי שטריק,
אַז אונדז, די פאַרנאַכטיקע קינדער,
זאָל ווייך זיין די אייביקע וויג.

צוויי פייגל, מיט פלי איינגעמידטן,
נאָך אונדז פליען נאָך מיט טשיריק,
צו פליגלען אויף אונדז און צו היטן
דעם שלאָף אין דער אייביקער וויג.

אויף לאָנקעס די שאָף און די רינדער
פאַרוואונדערטע קוקן צום גליק,
ווי ס'גייען דערוואַקסענע קינדער
אַליין צו דער אייביקער וויג.

## ווערטער אָן שאָטן

אַמאָל, אַז ווערטער ווערן די פאַרב,
ווי אויסגערונען וואָלט פון זיי דאָס בלוט,
דערשפּירסטו טיף אין זיך אַ טעמפּן קאַרב,
וואָס צייט האָט איינגעשניטן מיט אַ רוט.

אַמאָל, אַז ווערטער פליען אָן אַ קלאַנג,
ווי אָפּגעהאַקטע פליגלען ביי אַ טויב,
דערשפּירסטו טיף אין זיך אַ בלינד געצאַנק
פון ווינטערדיקער זון אויף גרויער שויב.

נאָר אַז די ווערטער ווערן ליידיק, הויל,
אָן שאָטן זיי צו וואַרעמען די הויט,
דערשפּירסטו, ווי אַ חיה, — שווער און פויל —
הייבט־אָן דיך וואַרפן, דישען, ביז צום טויט.

## געזאַנגען פון עלטער

א

עלטערן וויל איך זיך פול און געזעטיקט,
מיט געדאַנק אויף דער יונגשאַפט געלענט,
אָבער מיין עלטער האָט זיך פאַרשפּעטיקט,
ווי אַ פאַרנאַכטיקע שיין אויף די ווענט.

ס'פאַלן מיר וואַלדיק אַרונטער די ברעמען,
אויגן אין שטילקייט זענען פאַרבלויט,
כ'שפּיר אין זיי מידקייט, דעם קוק צו פאַרקלעמען
און צו פאַרצאַנקען אַזוי ווי אַ קנויט.

פרי צו פאַרזייען און שפּעט שניך צו דרעשן,
כ'שטיי אין דער מיט פון אַ פעלד אַ פאַרדאַרטס, —
גאָט, לאָמיך צאַנקען און נישט זיך פאַרלעשן,
לאָמיך אין פולקייט דערקלאַפּן דאָס האַרץ.

ב

איך אַליין בין די וואַרעמע נעסט
פאַר די רייפע, די עלטערע יאָרן,

מיינע טעג האַלט איך אויף קעסט
און מיט זון אויפֿן ווינטער באַוואָרן.
מיין געמיט איז שפּאָרעוודיק געוואָרן,
מיין געזאַנג וועג איך אָפּ און איך מעסט,
ווי דער פּויער דאָס אָרעמע ביסעלע קאָרן
אינעם שפּעטן ווינטער, אין בייזע פֿרעסט.

אויף דער פֿרייד איז אַ שאָטן פֿאַרשפּרייט,
ס'רוט אַ פּאַסיקל זון אויפֿן טרויער,
כ'זע דאָס גראָז אויף פֿאַרשפּעטיקטער בייט,
ס'ווערט דער ווינט אין מיין פֿענצטער רויער.
נישט איך וויין און נישט איך באַדויער,
וואָס מיין לעבן צום פֿעלדזוים דערגייט,
צו דער צייט לייג איך צו נאָר מיין אויער
און איך הער ווי זי פּראָסטיקט און שנייט.

קומט פֿאַרנאַכט, אַזוי ציטערדיק־דין
זענען גילדענע פֿאַלבן אויף שויבן.
כ'נעם מיין לעבן און פֿאָדעמווייז שפּין,
כ'הער ווי פֿליגלען צעפּאָכען זיך אויבן
און מיין אייגענעם כּלי איך געפֿין,
נישט צו זינגען צו זיך, נישט צו לויבן,
נאָר צו שפּירן ווי אין גאָלד איך צערין.

ג

דאָס שוואַרץ־זיידענע קלייד, מיט די וואַסערלעד־פּאַסן,
האָט אויף דיר זיך צעבליט מיטן חתונה־טרויער,
די מוזיקע האָבן מיר געטאָן פֿאַרקנסן,
די אַליינקייט קלאַפּט שוין ביי אונדז אין טויער.
ס'ווערט דער קאָפּ דיינער ליכטיקער און גרויער
און געליטערט מיינער מיט זילבערנער שופּע, —
די מוזיקע פֿירן מיר צו דער חופּה.

אין די וואַסערלעד־פּאַסן זע איך די יאָרן רינען,
איך פֿאַל צו צו זיי, ווי צו וואַרעמע שטראָמען,

איך דערקען אין זיי אומדזער פרייד פון באַגינען
און דעם אויפגאַנג פון יוגנטלעכע זאָמען.
איך דערהער ווי גערופן האָב איך דיין נאָמען
מיט אַ קול, וואָס איז פול געווען מיט קנופן, —
די מוזיקע פירן מיר צו דער חופה.

ס'איז אַ ליבשאַפט דאָ, פול מיט שראַמען און שניטן,
וואָס מיט קלייענדלעך זון טוען זיי זיך פאַרהיילן.
אויף די עלטערע יאָרן, שוין אויסגעליטן,
וועלן מיר זיך אין שווייגעניש דערציילן
וויפל שאָלעכץ מיר האָבן פון זיך געטאָן שיילן,
וויפל פרייד ס'איז געווען אין ריסן און צופן, —
די מוזיקע פירן מיר צו דער חופה.

אין דער טיפער נאַכט הער איך קלעזמערלעך שפּילן
אַ מאָראַליש געשפּיל, מיט אַ יידישן ציטער,
ווען די כלה אין אַ ווייסן שלייער פאַרהילן,
ביי דער זייט — איך, דיין פאַרגרויטער ריטער,
וועט דערזען ווי זיין לעבן גייט אויס מיט אַ פליטער,
ס'וועלן פים זיך צעלאָזן מיט קלאַפּ און מיט טופּע, —
די מוזיקע פירן מיר צו דער חופה.

ד

אין די יונגע יאָרן האָב איך טרויער געטרונקען
ווי אַ דאָרשטיקער נעמט אַ קאַלטן טרונק,
ס'האָט דער צער אין מיר אָנגעצונדן פונקען,
כ'האָב געשפּירט די פּיין, ווי ווייך אויף דער צונג.

ס'איז געווען אַ פרייד פאַרנאַכט צו זיין עלנט,
צו דערכאַפּן די זון ביי איר לעצטן זוים,
כ'האָב די שאָטנס געציילט אויף די שטומע שוועלן
און דעם שאָרך צווישן בלעטער אויף אַ בוים.

אויף די עלטערע יאָרן זופּ איך דעם טרויער
מיט אַ קאַרגן, אָפּגעוואויגענעם שלונג,

איך צייל איבער די רגעס וואָס ער געדויערט
און איך מעסט אים אויס, צי וועט סטייען דער טרונק.

ס'איז דער טאָג ווי אַן עגבער, וואָס בויערט און בויערט,
צו דערגראָבן דעם סוף ביזן סאַמע גרונט,
און איך ווייס שוין אַז טרויער איז מער נישט ווי טרויער
און אַז ווײ־טאָן טוט ווײ אויף אַן אמת אַ וואונד.

אַז די זון פאַרגייט, איז פאַרגאַנגען, פאַרגאַנגען,
איז אַרונטערגעזונקען פון מיר נאָך אַ שטיק,
כ'וועל דעם ליכטיקן זוים שוין מער נישט דערלאַנגען,
ס'וועט אַפילו אַ שאָטן נישט קומען צוריק.

ס'איז נישט לאַנג ערשט געווען, אין די ייִנגערע יאָרן,
איז די פרייד מיטן טרויער געווען ווי אַ קנופּ,
איצט איז טרויער דאָ נאָר אויף צו שפּאָרן
אַז גענוג זאָל ער זיין פאַרן לעצטן זופּ.

ה

אַז דער אייבערשטער וועט מיר די רו זיינע ברענגען
און זיין וואַרעמע ערד וועט מיר זיין אַ געשאַנק,
וועט אַ קינד מיינס אַמאָל מיינס אַ ליד נאָך געדענקען,
וועט אַ לייכט־טאָן אין עמעצן מיינס אַ געדאַנק.

מיין פאַרהאָרעוועט וואָרט וועט נישט צינדן געמיטער,
נאָר ווי אַ שטערן אַ שייך־טאָן, פאַרחלומט און קלוג,
כ'וועל ביי קיינעם נישט זיין קיין מאָגער, קיין היטער,
נאָר אַ מענטשלעכער ציטער וועט זיין מיר גענוג.

כ'האָב זיך ערלעך פאַרדינט מיינע קלייענע ווערטער,
כ'האָב די שורות געאַקערט אַליין, און געזייט,
כ'בין געווען דער געטרייער, פאַרמידיקטער גערטנער
איבער מיינע גרזאַנגיקע, זאַנגיקע רייד.

כ'האָב געוואוסט אַז מיין שטח איז עטלעכע איילן,
אַז די זון איבער מיר האָט פאַרטונקלט איר גאָלד,
אַז אַמאָל וועט אַ קינד מיינס דאָס ליד מיינס דערציילן,
וועט ער זאָגן: דער טאַטע האָט מער נישט געוואָלט.

## צעוואָרפענע שורות

פרייטיק, זיבן טעג אין חשון, אַז איך האָב זיך צוגעגרייט צו פראַווען מיין לעצטיקייט אין דער רעדאַקציע, האָב איך דורכגענישטערט די טישקעסטלעך פונעם שרייבטיש מיינעם. כאָטש דער שרייבטיש אויבן אין דער רעדאַקציע איז געווען אַ יונגער ביי מיר, האָב איך אָבער אַריבערגעטראָגן אין אים די פּאַפּירן און פּאַפּירלעך פונעם עלטערן שרייבטיש אינעם נייעם-צימער, און זיי האָב איך געוואָלט דורכקוקן. אין די טישקעסטלעך ביי איינעם, וואָס האַלט אַ פען אין דער האַנט, ליגן אַלעמאָל שורות, וואָס ער פאַרצייכנט, טראַכט זיך אַמאָל צוריקצוקערן צו זיי און . . . פאַרלאָזט זיי לרוב. אַז ער קומט אַמאָל צוריק צו זיי, וויל ער דערכאַפּן דעם פאָדעם פון יענעם געדאַנק, וואָס ער האָט אין אַ רגע דערשפּירט די וואַרעמקייט זיינע, נאָר זייער אָפט איז דער פאָדעם איבערגעריסן.

אין שטויב פון טישקעסטלעך האָסטו געזוכט
צעוואָרפענע שורות, פאַרעלנטע ווערטער,
געדאַנקען, נאָך נישט באַקליידט און נאָך נישט באַשוכט,
און קלאַנגען, אין דיר אַליין קוים דערהערטע.

דער בליאַסק פון אַ ליד האָט דערלאַנגט דיר אַ בלענד,
אַ וואַרעם-געטאָן און באַלד אויסגעגאַנגען, —
האָסט יאָרן דיינע געזוכט מיט צעאָדערטע הענט,
ווי אַ פויער אין האַרבסט זוכט פאַרפאַלענע זאַנגען.

אַ טאָג אין חשון, אינעם יאָר תשי"ח,
ס'איז גאָרנישט געשען, נאָר אַ טונקעלער ציטער,
אין דיר איז עפּעס פאַרדרימלט און וואַך,
דער טאָג איבער דיר איז וואָלקנדיק שיטער.

# אפריס אויערבאַך

**אויף ווערטער קוקסטו פֿאַרהונגערט און זאַט,**
**דו נעמסט זיי ווי ווייַן, אויף דיין צונג, אויף דיין גומען,**
**נאָר וואָרט האָט אַן אַנדערן טעם געהאַט,**
**ווען דו ביסט אויף איסט בראָדוועי ערשט געקומען.**

שרייבערישע טישקעסטלעך זענען ווי אַלטע משפּחה־קעסטלעך, וואו סע ליגן צעשאָטענע שנירלעך פּערל, אַרויסגעפאַלענע דימענטע־לעך און אַמאָל ייִדענע לענטלעך, וואָס אַז דו קוקסט אויף זיי, הייבס־טו זיך ביסלעכווייז אָן צו דערמאָנען  וו אָ ס  זיי האָבן אַמאָל, אין דער ווייטער יוגנט, באַטייט. און אַמאָל זענען זיי, די שרייבערישע טישקעסטלעך, ווי אַלטע ספרים ביי אונדזערע זיידעס אַמאָל. אין די ספרים האָבן די זיידעס אונדזערע אַריינגעלייגט די האָר פון דער באָרד, וואָס זענען זיי אַמאָל אַליין אַרויסגעפאַלן און אַמאָל האָט זיי דער ייד אויסגעריסן, בעת ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ סוגיא, אָדער אויפן דרך העולם. כ'געדענק, ווי איך האָב אין מיינע ייִנגלשע יאָרן אַמאָל געבלעטערט דעם זיידן חיים שמואלס ספרים. איך האָב געפונען צווישן די בלעטער שוואַרצע האָר, — עטלעכע האָר. אַז איך האָב זיי צונויפגעלייגט, האָבן זיי אַרויסגעשלאָגן פון זיך אַ לויכטנ־דיקן גלאַנץ. ווייטער אין די ספרים האָב איך שוין אָנגעהויבן צו געפינען גרוילעכע האָר און גאָר צום סוף — ווייסע האָר. אַ מענטש־לעך לעבן איז דורכגעגאַנגען דורך די האָר אין דער גמרא, אָדער אין תניא, צי גאָר אינעם מגינים, וואָס דער זיידע מיינער האָב ליב געהאַט אין אים מעיין צו זיין.

אַז מיר זאָלן צונויפשטעלן די שורות פון די שרייבערישע טיש־קעסטלעך, וועט אפשר אויך דורכגיין דורך זיי אַ מענטשנס לעבן, — פון די יונגע יאָרן ביזן סאַמע סוף.

אינעם שטויב פון די טישקעסטלעך האָב איך געני שטערט און געפונען האָב איך עטלעכע שורות, וואָס האָבן מיך אויפגעציטערט, אַפילו איצטער, ווען איך ווייס נישט וואו און ווען איך האָב זיי געשריבן.

**אָ, וואַרעם, אייגן ייִדיש וואָרט,**
**נישטאָ פאַר אונדז קיין אַנדער אָרט**
**אַ חוץ דער אייביקייט.**

נאָר ווייזן ווייזט אויס, אַז די דריי שורות האָב איך אַ צייט שפּע־טער פאַרגעסען און אונטער דער אייגענער שטימונג האָב איך אַן אַנדער מאָל אָנגעשריבן אַנדערע פיר שורות:

דאָ ווערן מיר, — האַמערער, שמידער,
אַלץ איינגעשרומפּענער, קלענער,
אין אייביקייט, מידיקע ברידער,
דערוואַקסן מיר גרעסער און שענער.

נאָר געפונען האָב איך אויך שורות, וואָס האָבן אַ יחידישע שיי־כות צו מיר אַליין. אַ סך פון זיי זענען צו אינטים, אַז אַפילו אין זייער אָפּגעריסנקייט זאָל איך זיי דאָ ברענגען.
געפונען האָב איך דאָס ווידערקול פון יאָרן, — אָפּגעריסענע, צעוואָרפענע שורות האָבן צו מיר גערעדט, זיי האָבן אַפילו אַמאָל אַ זונג־געטאָן, ווי, —

אין רייפן זומער, אין תרע״ה,
בין איך געקומען אויף איסט בראָדוועי,
מיט זון האָט געלויכטן דאָס יידישע ליד,
דאָס וואָרט האָט מיט עפּלבליעכץ געבליט.

נאָר נאָך אַ נענטערע שייכות מיט דער איצטיקער לעצטיקייט אין דער רעדאַקציע האָבן, דאַכט זיך, די ווייטערדיקע שורות:

איך האָב דיך, יידיש וואָרט, געטראָגן
צו קאַלטע, אָפּגעפרעמדטע שוועלן,
מיט דיר פאַרמאַכטע טירן, אָפּגעשלאָגן, —
איצט גיי איך צו דיין שטילקייט, צו דיין עלנט...

## איבער מעין

די וועלדער דאָ גייען אויף מיילן און מיילן,
מיט ווייסע בערעזעס און צעדערן שלאַנקע,
אויף הילצערנע שטיבלעך דאָס גרינס איז, וויביילן,
פון בערג שפּאַרן שטערנס אַרויס, ווי געדאַנקען.

אין פעלדער — פֿאַרשלאָפֿן די אָזערעס רינעז,
מיט וואַסערן רויטלעכע, שאָטנדיק־קלאָרע,
די פּאַסיקלעך זון אינעם קנייטש זענען דינע,
ווי דין ס׳איז אויף יונגע בערעזעס די קאָרע.

פֿאַרטאָג קומט צובלאָנדזשען אַ קופּערן הערשל,
מיט קרוינלעכע הערנער און ברוינלעכער גריווע,
די האָר אויף דער גאָמבע — אַ שיטערלעך בערשטל,
די אויגן — אַ ברוינער דערשרעק פֿאַר דער סביבה.

אין טייכן צעקלויצעטע ווייקן זיך העלצער,
אויף ברעגן — צעריבן געהילץ אָנגעהויפֿנט,
פֿאַבריקן פֿאַררייכערטע — ביימער צעשמעלצער,
די זאַפֿט פֿון דער ערד, ווי פֿאַרשיכורטע, זויפֿן.

די ערד און דער בוים און דער טייך דער פֿאַרקלערטער,
די זון און די ווינטן, די שנייען און שלאַקסן, —
זיי ווערן פֿאַפּיר פֿאַר די פּשוטע ווערטער,
זיי טראָגן דאָס מענטשלעכע וואָרט אויף די אַקסלען.

דאָס וואָרט גייט אַרום דאָ אויף מיילן און מיילן,
אויף ווייסע בערעזעס און צעדערן שלאַנקע,
אין זון און אין שאָטן, אויף גראָזיקע ביילן, —
אָ וואָרט מיינס, דערגראָב זיך צו וואָרצל־געדאַנקען.

## מוסלוק מעגאַנטיק

ס׳איז היינט אַן אומעטיקער מאָנטיק:
אַ מענטש איז דערטרונקען געוואָרן
אין שטייניקן מוסלוק־מעגאַנטיק.
עס הוזשען די שיפֿלעך־מאָטאָרן,
דער טייך איז צעשוימט און צעברויזט,
צעשפּריט האָט מען שטאָלענע נעצן,
די ברעגן צום וואַסער אַנטבלויזט,

נאָר ס׳האַלט זיך די זון שוין ביים זעצן,
די נאַכט אויפן טייך איז שוין קאָנטיק
און ס׳האַלט נאָך דעם מענטשן פאַרהוילן
אין זיינע צעכוואַליעטע קנוילן
דער שטייניקער מוסלוק־מעגאָנטיק.

ביים ברעג שטייען פישער פאַרשאָטנט,
מיט פנימער האַרטע, געקאַרבטע,
מיט אָדערן שטייפע ווי דראָטן
און אויגן פון וואַסער געאַרבטע.
זיי רעדן אַרויס פון דער ברוסט
די ווערטער און לאָזן זיי הענגען:
— מיר דאַכט זיך אַז ער האָט געוואוסט.
— עס האַלט אים דער טייך — אַן אָפּצווענגע.
— ס׳האָט דזשאָגען פאַראַיאָרן פאַרשאָטן.
— געדענקט איר ווי מעל איז אַרונטער?
— אַרויס אויפן טייך איז ער מונטער...
— איין טויט איז אין צווייטן געראָטן.

דער הימל — אַ טונקעלער זאָנטיק,
מיט קופּערדיק־כמאַריקע זוימען,
עס פאַלט אויפן מוסלוק־מעגאָנטיק
אַ רויך פון דערבייאיקן קוימען
די שיפלעך, פאַרטראַכט און פאַרשאָרכט,
צום ברעג שטייען צו ווי פאַרשעמטע,
אויף פנימער קלייבט זיך די פאָרכט,
באַהאַלט זיך אין אויגן באַברעמטע,
דער מענטש, ווי אַ הוילער מאַיאָנטעק,
קוקט ווייט צו די כוואַליעקע קנוילן
און טראַכט אַז עס וועט שוין פאַרפוילן
אַ לעבן אין מוסלוק־מעגאָנטיק.

## די שטאַל

האָסט אויסגעבעט שטרוי
אויף שטיינערנעם גרונט,
פאַר כשרער טלאָי
און טרייפענעם הונט.

אַ וואַרעמער רויך
גייט־אויף פון דער שטאַל,
די קו גיט דעם בויך
אַ הייב און אַ פאַל.

דאָס פערד שטייט צעשטורעקט
מיט פייכטלעכער פעל,
דער קאָפּ, האַלב פאַרדעקט,
איז שטרויעדיק געל.

אַ קאַלב קייט די צונג,
שלינגט אייגענעם טעם,
דער מולד איז יונג,
מיט רונדיקן שראַם.

דער דאַך איז אַ זיפּ
פאַר ליכט און פאַר שאָרד,
מיט ציטער אויף ליפּ
אַליין זיך און האָרד.

דער שלאָף איז דאָ וואַך
מיט דינעם געהער,
מיט ווינט אויפן דאַך,
מיט דיר און מיט קער.

די שטאַל פול מיט הויך
פון שטומען בעל־חי,
עס רעדט דאָ דער בויך,
דער טרונק און דער קיי.

ס'איז אייביק און רוי,
ס'איז הויל ווי אַ וואונד, —
האָסט אויסגעבעט שטרוי
אויף שטיינערנעם גרונט.

ווערסט שפּירונג, ווערסט זין,
ווי פערד און ווי רינד,
דיין אויער איז דין
ווי נאַכטיקער ווינט.

אַ שאָרך האָט אַ מיין,
אַ ריר האָט באַטייט,
הייבסט אָן צו פאַרשטיין
ווי נאָענט ס'איז וווייט.

## שאָפענע יידן

### א

מיר האָבן געטרונקען שאָפענע מילך,
מיט שאָפענע פעלצן געוואַרעמט דעם ווינטער,
פון שאָפענע אויגן, מיט זיידנס פאַרשפּינטע,
אַרויסגעשעפּט טיפן, פאַרכמאַרעטן טרויער.
אין אונדז האָט געקלונגען אַ שאָפן געהילך
פון הילצערנעם פייפל, צעצוויגענעם פלויער.
דער שאָפענער קעז מיט פלייש האָט געשמעקט,
די שאָפענע פוטער ווי גראָז האָט געגרינט,
דער הימל אין טאָמנע, מיט וואָל צוגעדעקט,
האָט שאָפענע טרערן געוואָרפן דעם ווינט.

אויף שאָפענע סטעפּעס איז אונדזער געמיט
געוואַקסן מיט שטעכעלער גערשטן און קאָרן,
געשיינט האָט דער מולד ווי שאָפענער האָרן,
דער טאָג האָט שאָפענע גלעקער געטראָגן,

די נאַכט איז געגאַנגען מיט שפּאָנישע טריט
ביז שפּאַניער מזרח האָט אָנגעהויבן טאָגן.
פאַרוואונדערטע, קרויזיקע שפּאַנישע קעפּ,
מיט אויערן שטילקייט וואָס הערן די ווייט,
געשריפּץ אויף די הערנער, ביי מיילער געוועב
פון גילדענע שטרויעלעך האַלב נישט דערקייט.

ב

שפּאַניש יידן האָבן וואָלענע בערד,
פּנימער דורכגעאַקערט מיט ווינט,
זומער פאַרנאַכט, אַז זיי קומען פון סטינע,
ברענגען זיי שטיקער צעוואַרעמטע ערד,
פּעדעמלעך זון אין די אויגן פאַרשפּינט,
שטערנס פאַרטראַכטע, מיט קאַרבעלעך דינע,
נאָכקלאַנג פון טייכלעך וואָס בלעזלדיק רינען
איבער געפּינטלטע שטיינדלעך און מאָך, —
שפּאַניש יידן, וואָס ברענגען זיי נאָך?

ריחות פון קעז, ווי די ערד אַזוי פעט,
הענט מיט פאַרהאַריקטער, ברוינלעכער הויט,
ווינטיקע פאַטלעס און פולקייט פון אייטערס,
רייד, וואָס דער טרויער האָט נאָך נישט דערירעדט, —
שפּאַניש יידן, אין שטיבל ביים פלויט,
קוקן אַריבער צו געסלעך און ווייטער,
צו די ביינאַכטיקע עלנטע שייטערס,
צו דעם פאַרטייעטן, טונקעלן סטעפּ,
וואָס איז פאַרשפּיליעט מיט שטערן ווי קנעפּ.

שפּאַניש יידן, איך האָב אייך געקענט,
דאַווענען מנחה אין שטיבל געהערט,
פרעמדלעך געווען זענט איר ביים באַלעמער,
ס'האָט אייער קול מיטן טאָג נישט דערברענט,
אייער עלינו האָט שטיל, אין די בערד,
אויסגעטרויערט דאָס תמימות פון לעמער,

אייער „גוטנאָוונט" האָט פול, ווי אַן עמער,
ברונעם פון רייד ביי אייך אויסגעשעפּט, —
יידן פון סטינע, פון ווינטיקן סטעפּ.

ג

אין אַ פאַרשאָטנטן טייכל האָט זיך מרדכי אויסגעבאָדן
און דערשפּירט דאָס בלוט אין לייב, ווי ס'רינט און בליט,
ס'האָט דער טאָג צו מערב־זייט ביים זוים פון בערג געקניט
און אַ בלוילעכן פּרוכת איבער זיך פאַרצויגן.
האָט זיך מרדכי אָנגערופן: גאָט, ס'איז דיין פּקדון,
כ'האָב די שאָף אַ גאַנצע וואָך געטריי געהיט,
מיט דיין חסד אין די קיילעכדיקע, ברוינע אויגן.
אַז דיין שבת קומט, בין איך דער פּאַסטעך פון דיין רו,
איך וועל פּיטערן דיין שבת אויפן סטעפּ, ווי דו,
און אים גיין אַנטקעגן מיט אַ שאָפענער פאַרניאַלע, —
לכה דודי, לכה דודי לקראת כלה.

אַז פאַרהאָנגען האָט דער הימל אַלע זיינע שויבן
און דער סטעפּ האָט זיך מיט קופּער־טונקלקייט צעשפּילט,
ס'האָבן שאָף זיך אויף דער לאָנקע ביי דעם וואַסער אָפּגעקילט
און אַרומגעשפּרונגען זענען לעמער אין דער נידער,
האָט זיך מרדכי מיטן ציטערדיקן שבת אויפגעהויבן,
מיטן פּנים וואָס איז נאָך געווען מיט זון באַגילדט,
מיטן דורכגעדאַוונטן, מיט ערד פאַרשמעקטן סידור,
און אַראָפּגעגאַנגען איז ער צו דעם גרינעם פּליין,
און געזונגען האָט ער: גוט איז מיר וואָס איך בין נישט אַליין,
וואָס דיין שבת וואַרעמט מיר אַ שאָפענע פאַרניאַלע, —
לכה דודי, לכה דודי לקראת כלה.

פונעם טייכל האָט דער ווינט דאָס ווידערקויל דערטראָגן
און געהערט האָט מרדכי, ווי אַ צווייטן, זיך אַליין,
ס'האָט דאָס וואָרט געקילט דעם גומען און געריבן אויף די ציין
ווי אַ ווייַן וואָס האָט זיך יאָרן אויסגעקעלטערט.
צוגעפאַלן איז די נאַכט און מיט טוי דאָס גראָז געצוואָגן,

מיט אַ גאַרטל זילבער האָט די לבנה אָנגעהויבן גיין
טרעפּ־אַרויף די וואָלקנס. נאַכט האָט זיך געעלטערט.
אויפן סטעפּ אַרויפגעוואַקסן זענען זילבער־שפּיצן, פּאַלד־אויף־פּאַלד,
מרדכים קול האָט שבתדיקער נאָך אַרויסגעשטראַלט
דאָס געזאַנג דאָס אויסגעבאָדענע, די שאָפענע פּאַרניאַלע, —
לכה דודי, לכה דודי, לכה דודי לקראת כלה.

ס'האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ שאָף מיט אַ מע אַזאַ דערשטוינטן,
זיבן לעמעלעך געטאַנצט האָבן אין אַ ווייסן ראָד,
אויף דער פרייד האָט זיך געשפּרייט אומעטיק פאַרטראַכט געגנאָד
און געוויגט האָט זיך אַ פּולקייט אויף אַ שאָטנדיקער הוידע.
האָט זיך מרדכי צוגעשפּאַרט צו אַ בוים אַ ווייס־צעקרוינטן
און מיט ציטערדיקע הענט געבעטן: גאָט, פאַרהויל דעם סוד
פון דיין שבת, פון דיין רו, פון דיין גרינגעם לכה דודי.
ס'טאַנצן לעמעלעך צו דיר און אַ שאָף זינגט דיר אַ מע
און אַז וואויל איז מיר וואָס איך פאַרשטיי נישט וואָס איך הער
און וואָס איך זע,
וואָס איך טראָג דיר שטום אַנטקעגן נאָר אַ שאָפענע פּאַרניאַלע, —
לכה דודי, לכה דודי לקראת כלה.

ד

ס'האָט זיך אַ שאָפענער ייִד פאַרשעמט
וואָס די באָרד האָט ער נישט פאַרקעמט,
וואָס דאָס לייב זיינס שמעקט מיט סטינע,
וואָס דאָס קול זיינס איז פאַרגרעבט
און דאָס פּנים מיט קאַרבן פאַרוועבט, —
רוט אויף יידן אַזאַ די שכינה?

האָט זיך דער ייִד אויף דער טיר געשטעלט,
מיטן פּנים צום אָפענעם פעלד,
און געזאָגט מיט אַ קול ווי אַ תחינה:
זיי מיר מוחל דעם הילוך, מיין גאָט,
ווייסט דאָך אַליין אוודאי דעם סוד
אַז איך בין אַ שאָפענער ייִד פון דער סטינע.

סע איז קיין עיר־הרע מיט יידן די שול
ווי מיט שמעקעדיקע אתרוגים פול,
און פון מיר שמעקט די שאָפּענע סטינע.
כ׳שעם זיך פון יידן צו מאַכן אַ תל,
וועל איך דאָ, ביי דער טיר, אויף דיין שוועל,
מיינע פשוטע תפילות געפינען.

אַז צעדאַוונט האָט זיך דער ייד,
האָט די שול ווי אַ גאָרטן געבליט,
דער פּאַרנאַכט האָט געשיינט ווי באַגינען.
אַז אַ ייד האָט דאָס פּנים פאַרדעקט
מיט די הענט האָבן זיי אים געשמעקט
מיטן געשמאַקן ריח פון סטינע.

## ח

גרין זענען שאָפּענע סטעזשקעס, און שמאָל,
מיט אַ געטריטלט געשריפּץ אויסגעמאָלט,
בערגל־אַרונטער, צום וואַסער אין טאָל,
הענגט איבער זיי אַ צעשויבערטער טראָלד
פון דעם צעקווייטלטן, מאָכיקן שטיין.

טאָגן די סטעזשקעס מיט פּאַסיקלעך ליכט,
נאַכטיקן שטיל מיטן אָפּקלאַנג פון טריט,
טרעפט זיך אַ שאָף, אַז זי גייט און פאַרקריכט
איבער אַ סטעזשקע וואו קראָפּעווע בריט,
וויינט זי אַרויס אַ פאַרבלוטיקט געוויין.

שטויבעלעך דערנער אויף סטעזשקעס צעשפּריצט,
ברענען די דורכגעשטאָכענע הויט,
שאָפּענער טרויער, מיט בלוט אויסגעקריצט,
ציגרט זיך און לעשט זיך אַזוי ווי אַ קנויט
אין אַ פאַרוואָרפענעם שטיבל ביים שליאַך.

טרעפט זיך אַ נאַכט וואָס סע קומט מיר צוריק
שאָפּן־געוויין אויף צעשטאָכענעם גאַנג, —

## אפריס אויערבאַך

איך בין די שאָף אינעם בעט וואו איך ליג,
לעבן מיינס גיט זיך אַ צינד און אַ צאַנק
אונטער דעם טרויער פון אייגענעם דאַך.

א

נעמט אומיסטן דעם אַלטן יחיאל ברינזאַר
און גיט אים אַ פרעג: וואָס טוט איר, אַרב כיל?
וועט ער שטיל אַ זאָג־טאָן: איך טי? איך פאַרשפאַר
דעם טאָג וואָס איז וואַרעם, די נאַכט וואָס איז קיל.

איך האָב זיבעציק זומערס שוין, ברוך השם,
פאַרשפאַרט אין דער סטינע, מיט שאָף אויפן סטעפ,
אַז דער טאָג עט קימען און מעיך גיבן אַ נעם,
וועל איך מיינע זומערס דערלאַנגען אַ שלעפ.

וויאַזוי, וועט איר פרעגן, האָט ער זיי פאַרשפאַרט?
און ווידער: צו־וואָס? ווער דאַרף זומערס אין גרוב?
וועט דער אַלטער ברינזאַר, מיטן היטל פאַרשאַרט,
אַ בינד־טאָן די שפיצן פון באָרד אין אַ קנופ.

איך פאַרשפאַר, וועט ער זאָגן, אַזוי ווי אַ ייד
די מצוות שפּאָרט־אָפּ פאַר דער אמתער וועלט,
כ׳האָב די זומערס מקיים־געווען, זיי געהיט,
מיט שאָפענער מילעך האָב איך זיי געוועלט.

כ׳וועל זיי ברענגען פאַר גאָט און וועל זאָגן: געפין
אין דיינע געפּאַשעטע זומערס אַ פגם,
אַז דיין חק איז דער זומער, דער סטעפ איז דיין דין,
בין איך דער היטער פון דיין שאָף און דיין לאָם.

האָסט מיר איבערגעגעבן דיין שטומען באַשאַף,
האָב איך אים געהיט, ווי אַ מצווה, געטריי,
ווי דער למדן וואָס לערנט אַ דף,
געלערנט האָב איך דיין פאַרשטומטן בעל־חי.

האָסט די טשערעדעס שעפּעלעך מיר אָנגעטרויט,
אין שטורעם האָב איך זיי מיט שטרוי צוגעדעקט,
אַז אַ שאָף האָט אויף דערנער צעריסן איר הויט,
האָב איך מיט דער צונג איר דאָס בלוט אויסגעלעקט.

נאָר די אָדלערס, וואָס האָבן געטריבט אינדערפרי,
פאַרבלאָנקעטע לעמעלעך, יונגע ווי טוי,
איז דאָך דיינער דער אָדלער, דיין הייך און דיין פלי,
ער טוט דאָך אַוודאי דיין רצון אַזוי.

גיט דער אַלטער ברינזאַר מיטן שטעקן אַ פּאָך
און זאָגט אייך: די תורה אין סטינע איז האַרב,
כ'האָב געלערנט ביז איצט, און איך לערן זי נאָך,
איך מאַך נאָכן זומער אין שטעקן אַ קאַרב.

איך האָב זיבעציק קאַרבן, דער שטעקן דערגייט
שוין ברוך השם ביז צום סוף ביי דער ערד, —
און יחיאל קערט־איבער דעם שטעקן: איר זעיט?
אַ קאַרב אָדער צוויי איז מיר נאָך באַשערט.

ז

די הייליקע שאָף פּאַשען זיך אויף די פּליינען,
מיט ריינער, אויסגעוואַשענער וואָל,
אויף די הערנער טראָגן זיי דעם עול
פון מענטשנס אייביקע געוויינען.

צום באַרג, אַז זיי דערגייען אַמאָל,
באַלויכטן מיט טויזנט זוניקע חנען,
וויל זיי דער בייזער היטער פאַרשטיינען, —
און קרום איז דער וועג צוריק, און שמאָל.

די הייליקע שאָף, די תמימי דרך,
דאָס פרומע שווייגן זייערס דערהער איך
צופוסנס פון באַרג, ווי זיי בלייבן שטיין.

## אפריס אויערבאַך

די אויגן ווערן זיי לויטערער, גרעסער,
די זון טוט זיי אָן אויף די הערנער אַ כתר, —
צו טראָגן אויף אים דעם היטערס געוויין.

## קווייטן

ס'האָט די ערד זיך אָנגעטאָן רויכלעך־סטענגעס,
ווי אַ מיידל זומער אויף שפּאַציר,
נאָר דעם מיידל וועט שוין קיין קווייטן נישט ברענגען
דער פאַרשעמטער יידישער קאַוואַליר.

ס'האָט דער גוישער טויט פאַרשעמט זיי ביידע,
ווען די ערד האָט מיט סטענגעס זיך פאַרצירט,
און מיט זיי — די גאַנצע יידישע עדה
צו דעם אומקום נאַקעטערהייט געפירט.

ס'האָט דער ווינט זייער אַש געטאָן צעשפּרייטן,
ווי געוועץ וואָלט עס פּשוטער שטויב פון וועג, —
ס'איז אַ ברשה צו קוקן אין פעלד אויף קווייטן
אין אַזעלכע גראָבע, גוישע טעג.

## דער קץ

אונדזער שוואַרצערד איז געוואָרן רויט,
ווייַנטרויבן אונדזערע זענען פול מיט בלוט,
יידיש געשריי הענגט צעריסן אויפן פלויט,
יידיש געביין אין סטערטעס גאָלד־שטרוי רוט.

ברויט וואַקסט אַרויס פון אונדזער הייסן אַש,
זאַנגען — ווי אונדזערע פּאות געקרויזט,
ס'שפּילט זיך די זון און דער רעגן וואַשט,
דאָ האָט דער שטילער ייד געהויזט.

גאָט געלויבט אין שלאָף און אויף דער וואַך,
ס'וואַרעמע הארץ האָט אייביק געדאַנקט:
שינדלען האָט ער צו פאַרריכטן דעם דאַך,
טיי מיט ברויט האָט דאָס ווייב אים דערלאַנגט.

היץ און קעלט, ווינט, טריקעניש און נעץ,
גייט דער ייד מיט זיין שטילקייט צו דער בריק,
ווייך קויפט ער און חלומט אויף דעם קץ,
רוימט אַריין דעם סוד דעם קינד אין וויג.

שטיל איז דער ייד, נאָר זיין חלום ברויזט,
שפּאַנט אַריבער צום סוף פון די טעג,
דאָ, מיט משיחן, האָט ער געהויזט,
אויסלייז געמישט מיט ווייך אין די זעק.

רויט איז די שוואַרצערד, בלאָטערס און קרעץ
ברענען אויף איר, צעשטעכן איר לייב,
אַש איז געבליבן פון יידישן קץ, —
גאָט, גיי דו אַליין און די פונקען קלייב.

## אַ שטוב אויפן קאָלץ מיט אַ טאַרנאָץ

באַשער מיר, גאָט, אויף די עלטערע יאָרן
אַ שטיבל אַן אָרעמס, פון פּשוטן האָלץ,
איך דאַרף נישט קיין סך, נאָר אַן איינציקן גאָרן,
נאָר שטיין זאָל דאָס שטיבל אַליין אויף אַ קאָלץ.

צו מזרח און דרום די פענצטער, צו קוקן
קאַיאָר, ווי די זון אויפן סטעפּ גיט אַ שפּראָץ,
ווי ס'ליוגט זיך אַ כמאַרע ביי איר אויפן רוקן,
און נאָך וויל איך בעטן — אַ קליינעם טאַרנאָץ.

אַ ייד אויף דער עלטער, וואָס וויל נאָך דערכאַפּן
אַ פעדעמל זון, צו פאַרשטעפּן אין גאַס

אַ שורה מיט גילדענע שטעך, דאַרף גאָר קלאַפּן
די זון, ווי אַ שטיפּטל אין אַן אָפּצאַם.

אַמאָל קען זיך טרעפן אַז איך זאָל דערשמעקן
אַ קאָרענע זאַנג, צי פון וויינשטאָק אַ בלאַט
און אָנהייבן זאָל איך, ווי האָניק, צו לעקן
דעם ווייטן, געשמאַקן, דעם סטעפּ־אַראָמאַט.

און ווידער קען נאָך טרעפן אַז איך זאָל דערהערן
ווי לעמעלעך מעקען און ס׳בלעקערצן שאָף,
איז וויפל איך זאָל זיך די נאַכט שוין נישט ווערן,
וועט נאָכגיין דאָס קול און מיר אָפּטאָן דעם שלאָף.

איז וואָס איז דער תכלית? אַ ייד אויף דער עלטער,
וואָס שפּירט אויף דער צונג נאָך דעם טעם פון אַ וואָרט,
וואָס ליד אין אים שפּילט נאָך, ווי ווײַן אין אַ קעלטער,
זאָל זוכן די זון, ווי אַ שפּילער די קאָרט?

אַז גאָט זאָל באַשערן אַ שטיבל אַן אָרעמס, —
דאָס פּשוטסטע שטיבל, און נישט קיין געמאָלטס, —
אַבי נאָר די פענצטער צו מזרח און דרום
און שטיין אָפּגעזונדערט, אַליין אויף אַ קאָלץ.

מיט נאַקעטע, נישט אָפּגעהובלטע באַנטעס,
די טיר אויסגעהאַקט פון אַ דעמבענעם קלאָץ, —
פּאַר וואָכיקע יאָרן שענק, גאָט, מיר דעם יום־טוב,
און לייג צו דעם שטיבל נאָך צו אַ טאַרנאָץ.

## וואָרבע דעקליאַקע

אין וואָלעכישן דאָרף. פּאַרנאַכט, ס׳איז זומער.
אויף סטעפּעס גייט אַרום אַ קול דממה דקה.
ביים שטיבל זיינעם אַ צאַראַן, — אַ גייער און אַ קומער,
אין הוילקייט שרייט אַריין לא וואָרבע דעקליאַקע.

אַ שאָף צעבלעקערצט זיך. צום פלויט שפרינגט־צו אַ ביקל.
אַ בינטל הינער לויפט, צעפּאַטלט, אין אָבאָרע.
דאָס קול זיינס גיט זיך מער און מער נאָך אַ צעוויקל,
אַז ער אַליין פאַרנעמט די ווערטער, — ריינע, קלאָרע.

צום סטעפ רופט ער, צו פריזבעס, שטיבער, שוועלן,
צו ווערטער מענטשישע, צו וואַרעמע, געשמאַקע,
צו אייגענעם, פאַרנאַכטיק־פויערישן עלנט, —
קומט, לאָמיר רעדן, וואָלעכלעך, לאָ וואָרבע דעקליאַקע.

דערציילן וויל ער, אַ געדאַנק זיינעם צעשפינען,
ווי וואָל סע שפינען אין די ווינטער־נעכט די ווייבער,
אָן תכלית, ווי אַ זונג־טאָן זומער אין באַגינען,
צי ווי אַ פייף סע גיט אין פעלד דער אָקסן־טרייבער.

דאָס פנים זיינס צעאַקערט, באָרד צונויפגעפלאָנטערט,
די אויגן שאָטענען פון די געדיכטע ברעמען,
דעם טרויער זיינעם אויף דער שוועל דערקאָנט ער
איז ווי זאָל ער אים, אין זיין שווייגעניש, פאַרשעמען?

קומט, פויערלעך, אין דרויסן, האָרעפאַשנע ברידער,
אַליין דאָ אויף דער שוועל שטיי איך און באַלאַקע.
די שאָטנס ווערן לענגער און דאָס קול זיינס מידער,
ס׳קומט קיינער נישט אַרויס צו דער וואָרבע דעקליאַקע.

וואו זענען אַלע? אָפן שטייען פענצטער, טירן.
סע גייט אין זיי אַריין די נאַכט, ווי אַ מאַראַקע.
אויף פריזבעס אָנגעוואַקסן שטעכיקע געשווירן, —
די ברידער קומען נישט צו דער וואָרבע דעקליאַקע.

קומט, לאָמיר זיך דערציילן פון אַמאָל־אַמאָלן,
זיך איבערזינגען לידער פונעם כולו זכאי, —
די נאַכט פאַלט־צו, איך הער די ווידערקולן
פון ברידער שוין נישטאָאיקע, — אוי, וואָרבע דעקליאַקע.

## יידיש מיינער

מאַמאַליגאַרישער יידיש מיינער, —
טערפּקע ווייַן, מיט אַ צופּ אויף דער צונג,
ביים מאָלדאַוואַן, ביים טערק און ציגיינער
האָסטו צוביסלעך געגעבן אַ טרונק.

האָסט זיך אויף נאַקעטע סטעפּעס געבראָטן,
ווינטן האָבן צעשויבערט דייַן קלאַנג,
זאַנגען צעוויגטע זענען די נאָטן
אי פּאַר דייַן ריטעם, אי דייַן געדאַנק.

בייטן זענען די שורה־גריסלעך
דיך צו לערנען יידיש געשריפט,
פאַרביק ביסטו דערפאַר און זיסלעך,
גיט דייַן געדאַנק דערפאַר אַ זיפט.

האָסטו צונויפגעקניפּט די דאָינע
מיט בעל־שם־טובס פאָדעם זייד,
אויפגעהאָנגען אויף ביימער־קרוינען
האָסטו אונדזער תנ"כישע ווייט.

פון דעם לעמעלעס תמימותדיקע אויגן
האָסטו אַ פּסוק אַרויסגעשעפּט,
אויסגעוואַרעמט דאָס חומש אויף סטויגן
און די ציג מיט אַ מדרש געשלעפּט.

יידיש מיינער, מיין בעסאַראַבער,
אויפגעכאָוועט האָט דיך דער ייִד,
וואָס אינאיינעם מיט ווידבר
האָט אין אים די שוואַרצערד געבליט.

פריטאָג אַצינד, דער שניי איז בלאָלעך,
שטילקייט איז אַ דערשראָקענער לאַם,
כ'האָב דערהערט דעם יידישן וואָלעך
וואָס האָט געוויינט אַזוי ווי אַ תם.

ביימער פּראָסטיקע און הוילע
צינדן זיך אָן מיט ווייסן פלאַם,
ווייס און ריין איז דער קרבן עולה, —
יידיש מיינער, פאַרשוויגענער תם.

## אין שטיין איינגעקריצט

דער לעצטער בין איך אויסצוגיין אין זאַמד,
מיין אויסגעדאַרט געביין וועט זיין די גרענעץ
פון מדבר צו דעם צוגעזאָגטן לאַנד.
איך קריך ביי שיין פון געלבלעכן לבנה־פּעניץ
און זאָג, אַז ווער ס'וועט זיך צום וואָרט מיינעם דערגראָבן,
זאָל וויסן, אַז ער לייענט די מגילה פון אַ דור,
וואָס האָט זיך אויסגעפּייניקט פערציק יאָר
דאָס קנעכטשאַפט, ווי צרעת, אראָפּצושאָבן
פון לייב, פון מאַרך, פון שפּירונג, פון געפיל,
פון וואַרעמער דערמאָנונג, — ס'איז דאָ וואָס צו דערמאָנען.

די נאַכט אין מדבר ליידיק איז און קיל,
די שבטים רוען אינעם שאָטן פון די קאַלטע פאָנען,
זיי זענען יונג, די שבטים־קינדער,
פאַרברוינט און פריי און יונג.
זיי זענען ריין, זיי זענען נישט קיין זינדער,
דאָס קול זייערס האָט שוין דעם קלונג
פון קופּער, וואָס דאָס פייער האָט געגלייט.
דאָס אויג איז שאַרף — אַן אָדלער צום פאַרצוקן,
די האַנט איז אָנגעשטייפט — אַ סטרונע פון אַ בויגן,
דער קאָפּ איז הויך — פאַר קיינעם זיך נישט צו בוקן,
דער שפּאַן איז אויסגעמאָסטן, קלוג און אָפּגעוואויגן.

און איך, איך האָב דאָס וואָרט משהס געהערט: באַפריי אים...
דער לעצטער בין איך, אַ פאַרמשפּטער צום טויט.
כ'האָב גאָטס באַפרייאונג פונעם לאַנד מצרים
געטראָגן אין די שניטן פון מיין הויט, —

ס'איז איך און אַלע, וואָס די מדבר האָט פאַרברענט,
וואָס האָבן נאָך אין קנעכטשאַפט גאָט דערקענט.
מיט טראָפּנס בלוט פון מיין פינגער
די ווערטער קריץ איך אויפן טאָוול.
און איך — דער לעצטער פון אַ דור אַן אָבל.
די שבטים זענען שטאַרקער איצט און יינגער,
כ'דאַרף שטאַרבן באַלד, אַז זיי זאָלן דאָס לאַנד פאַרנעמען,
קיין איבערבלייב טאָר דאָך נישט זיין פון דעם געפּלאָגטן דור.

איך שפּיר, ווי שווער סע לאָזן זיך אַרונטער מיינע ברעמען,
די ווערטער קריץ איך און איך ווייס נישט, צי איך טאָר,
נאָר פיינלעכער איז מיר דאָס פינצטערע נישט וויסן,
צי וועט דאָס וואָרט מיינס צו עמעצן דערגיין,
צי וועט מען זיך דערגראָבן צו מדברדיקן שטיין
און הערן ווי איך האָב מיט בלוט אַרויסגעריסן
דעם דורס געשריי פון טויט אַנטקעגן די באַפרייער,
די זינד פון משפּט אויפן קנעכט, דעם ליידער, —
דער קרבן, — איך, דער מאָנער און פאַרשרייבער,
צו דיר, מיין גאָט אַליין, וואָס נאָך איצט בין איך געטריי דיר.

קום דו, פאַריונגטער דור, נעם אונדזער דור, פאַרשריי אים,
אַ דור פון שוואַכע, וואָס זיין קנעכטשאַפט נאָך געדענקט,
נאָר ווער האָט גאָט געטראָגן אין מצרים?
ווער האָט אין בלוט זיינעם באַפרייאונג אויסגעבענקט?

אַריינקריצן וועל איך אין שטיין די רייד,
וואָס קורח האָט צו משהן דאָ גערעדט.
געשטאַנען בין איך ביים געצעלט,
אַ צוגעשמידטער ווי צו אַ קייט,
דאָס מאָנען זיינס, זיין ציטערדיק געבעט,
געהערט האָב איך אין מדברדיקער קעלט.
לבנה־שיין האָט אים דאָס פּנים ווי צעשניטן, —
אַ קאַרב אין שאָטן און אין ליכט אַ קאַרב.
דאָס קול איז, ווי אַ רייטער, שטאָלץ אַרויסגעריטן
אַנטקעגן משהס קול, וואָס שאַרף איז עס געווען, און האַרב.

**און דאָס זענען די רייד פון קורחן און משהן, לאמור:**

קורח: איך בין צו דיר געקומען, משה, הער.
צו דיר רעדט קורח, קנעכט פון גושן.

משה: וואָס ווילסטו, קורח, זון פון לוים שבט?

קורח: דו הערסט דעם ווינט אין מדבר־זאַמדן רוישן,
ווי אין מצרים אין אַ ווינטער־נאַכט די ביימער?

משה: איך הער, נאָר וואָס איז דיין באַגער?

קורח: נאָר דאָ איז מדבר, האָסט אונדז פאַר׳מצבה׳ט
אין אָנגעגליטן זאַמד ביי טאָג, ביינאַכט אין פראָסט.

משה: דאָס איז דער גאַנג, וואָס גאָט האָט אָנגעצייכנט
דעם פאָלק צו גיין צום צוגעזאָגטן לאַנד.

קורח: אויף גאַנג צום טויט האָט ער אונדז דאָ געלאָזט,
צו גיין און קיינמאָל נישט דערגרייכן?
מיט דיר בין איך פון איין שבט, איין שטאַנד,
נאָר דו ביסט אַנדערש, דו ביסט אויסגעטיילט.

משה: צו וואָס בין איך דען אויסגעטיילט? צו יאָך?
צו פירן קנעכט, אַ פאָלק צו קנעכטן?
אָ, קורח, זע ווי ס׳איז מיין וואונד נאָך נישט פאַרהיילט
פון יענעם בראָך,
ווען כ׳האָב דעם שטיין געשלאָגן
און נישט געבעטן, נישט געבעטן.
איז וואָס ווילסטו אַצינד מיר, קורח, זאָגן?

קורח: געטראָגן האָב איך אויף מיין לייב די רוט פון שוטר.
אָט דאָס וועל איך דיר זאָגן.
דער שטרוי־קלייבער, דער ליים און ציגל־קנעטער
בין איך און די, וואָס וועלן נישט אַריינגיין אינעם לאַנד.

ס'איז נישט דער טויט, נאָר גאָר די שאַנד,
דער פלעק, וואָס ברענט אין אונדז, אַ רויטער,
אויף אייביק־אייביקייטן — מדברדיקער דור.
פאַרמשפּטער, פאַרשעמטער,
פאַרזינדיקטער, פאַרפרעמדטער,
ווי גאָט איז דאָ, ווי גאָט איז וואָר,
קריג איך אַקעגן דיר און ווי איך בין
זאָג איך, אַז נישט גערעכט דער דין.

משה: דו קריגסט אַקעגן גאָט, דו ווייסט.

קורח: אַקעגן גאָט? איז ער דער גאָט, וואָס הייסט
אונדז דאָ, אין מדבר, אויסצושטאַרבן?
מיין לייב זע, משה, די שניטן, קאַרבן.

משה: איך זע, איך זע, נאָר ס'איז אַזאַ גזר...

קורח: אַז מיר, אין הונגער, האָבן אויסגעשריגן
דאָס בענקשאַפט נאָך די פיש פון ניל,
האָט ער אונדז באַלד באַשטראָפט דערפאַר,
אין מדבר־זאַמד פגרימדיק צו ליגן.
צו ווערן אין דעם זוןְ־בלענדעניש פאַרברענט.
אָ, משה, ס'איז ס'איז אַ בייזע שפּיל,
דער אויסלייז און דערנאָך פאַרלענד.

משה: ס'איז דאָ אַ מיין, גאָטס לויטערער געדאַנק:
אַ לויטער פאָלק פון אייערע דיכן.

קורח: אַז אויפשטיין, זאָל דאָס פאָלק, דאַרפן מיר ווי ווערעם קריכן
אין זאַמד, אין פגרימדיק געשטאַנק?
און ווידער, מענטש האָט ער באַשאַפן, מענטש האָט
ער געשענדט,
מענטש דערהויבן און געוואָרפן נידער.
איך פרעג דיך, משה, ווידער:
צו וואָס דער אויסלייז און דערנאָך פאַרלענד?

משה: אַז קנעכטשאַפֿט זאָל זיך אָפּטאָן פֿון דער ערד.
ניט קנעכט אַליין, נאָר אויך דעם מענטשנס מידה
צו קנעכטיקייט, וואָס ער באַגערט.

קורח: און אַז דער מענטש איז דאָ, אין מדבר, פֿריי,
איז ער דען נישט אין קנעכטשאַפֿט סײַוויסײַ?
איז פֿרעג איך, משה, דאָס גערעכט?

משה: וואָס ווילסטו, קורח, קריגן אויף דער טבע?

קורח: איך הער אַמאָל בײַנאַכט אין מדבר ווי אַ חיה,
אין עלנט אירן, לאָזט אַרויס אַ רעווע.
דער טויט איז דאָס, דער טויט פֿון פֿרייע
פֿאַרצוקט צו ווערן... און דעמאָלט הער איך
דאָס אייגענע געשריי מײַנס: ווערסט פֿאַרצוקט...

משה: דו ווייסט דאָך, קורח, אַז סע איז דער דרך
אַז לעבן זאָל צו סופיקייט דערגיין.
אַ טרויער איז עס, אָבער אויך אַ פֿרייד,
וואָס מענטש שעפּט־אָן זײַן לעבן, ווי אַ פֿולן קרוג.

קורח: אָ, משה, הער, איך ווייס אַליין.
אַז ס'איז נישטאָ אויף פֿרעגן מײַנעם קיין באַשייד.
נאָר משפּט אויף אַ דור, וואָס האָט גאולה
אַרײַנגעבראַכט אין זיך אין טעג פֿאַרקנעכטיקטע,
אין נעכט צעווייטיקטע און פֿײַנלעד־דולע,
איך גלויב, אַז די באַפֿרייאונג, די גערעכטיקטע,
וועט קומען, ווי די זון קומט נאָכן שטורעם,
פֿאַרוואָס קומט אים, דעם דור, די שטראָף־יסורים?

משה: די שאָטנס דאָרטן קומען, זיי גענענען,
איך זע די אויגן זייערע, וואָס ברענען,
זיי דרייען זיך אין כמאַרעדיקע רינגען,
אָ, קורח, הער, די שאָטנס זינגען.

קורח: הער, משה, דאָס געזאַנג פון שאָטנס,
וואָס וועט משפטים אַלע און געבאָטן
אַריבערזינגען ביזן סוף פון אַלע טעג,
ביז אָפּגעוואַשן וועט שוין זיין דער פלעק
פון אונדזער דור, אויף אייביק־אייביק, —
דער דור, וואָס ליכטיק איז געווען און גלייביק.

## אויפן באַרג נבו

### א

דאָס פאָלק האָט משהן דרייסיק טעג באַוויינט,
און משה טראָגט גאָטס קוש אויף זיינע ליפּן.
ער איז נישט טויט. ער וואַרט נאָר אויסצוזיפּן
די זעמדלעך צער, וואָס האָבן אים פאַרקליינט.

אין גרויסן קנופּ דאָס לעבן אָנצוקניפּן
מיט פרייד געוואָלט, — צו זיין מיט אים פאַראיינט,
דעם צער אין זיך, דעם ריס, האָט ער געמיינט
אין גרויסן שפּרונג וועט ער אַריבערהיפּן.

אַ וואָלקן טראָגט זיך אויפן באַרג נבו.
די זון איז צוגעדעקט. אַ שטיין שטייט גרוי
צוקאָפּנס אים, ווי ער ליגט אויסגעצויגן,
און פול איז יעדער אבר אים מיט חוש.

געווען איז וואַרעם, זונדיק גאָטס קוש,
נאָר קאַלט האָט ער אים צוגעמאַכט די אויגן.

### ב

צו גאָט האָט ער גערעדט און נישט דערערעדט,
פאַרשטאַנען האָט ער אים און נישט פאַרשטאַנען.
די שטרעקע גאַנג צו אים אַריבערשפּאַנען
מיט דערנער און געזאַנג איז אויסגעבעט.

און איצט, צי קען ער אים דערגיין פונדאַנען?
צי איז דער טויט דער סוף פון מענטש, וואָס פילט און זעט?
סע ווייגט דאָס פאָלק. די נאַכט איז פרי. די צייט איז שפּעט.
סע איז נאָך דעם טרויעריקן ואתחנן.

אַז מענטש ליגט אויסגעצויגן, הערט און שפּירט,
וואָס קומט אַרויס וואָס גאָט האָט אים באַרירט?
דערגאַנגען איז דער מענטש צום סוף פון לייטער,
נאָר ביי דער לעצטער טרעפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט
און אַ געדאַנק אין אים האָט אויפגעהעלט,
אַז סייוויסיי אַרונטער־אונטער גייט ער.

ג

דאָס פאָלק באַוויינט האָט משהן דרייסיק טעג,
ס'איז דרייסיק טעג פון טויט געווען ביי משהן.
געהערט האָט ער דעם ווינט אין גראָזן רוישן,
געשפּירט דעם טאָג, וואָס קומט און גייט אַוועק.

אין זיין געדאַנק גייט ער צוריק קיין גושן
און זעט דעם סנה, וואָס גיט זיך אַן אַנטפּלעק
מיט פרייד פאַר אים, מיט ציטער און מיט שרעק,
און אָנגעטרונקען איז דער טאָג מיט בלווישיין.

דער גלויבן צינדט זיך אָן אין זיין געמיט,
ער הערט דאָס קול פון סנה, וואָס וואַכט און היט,
באַפעלט, זאָגט־אָן, צערעגנט זיך מיט פייער.
דערקענטעניש גייט־אויף, ער הערט פאַרווירט,
ווי וואָרט, אַן אויסגעשטרעקטס, האָט אים באַרירט,
פאַרטרויט אים דאָס שליחות פון באַפרייער.

ד

באַפרייער? משה האָט פאַרשטאַנען דעם באַטייט,
מיט פיבער צוגעהערט די רייד פון שיקער.

אַן אָנזאָגער, געביטער און באַגליקער,
האָט ער דאָס פאָלק, דאָס פּייניקע, באַפרייט.

אין ים אַריינגעפירט דעם פאָלקס באַדריקער,
אָז ישיר אויסגעזונגען צו דעם גאָט פון שטרייט,
וואָס איבער מענטש איז ער, איבער רוים און צייט,
וואָס גאַנץ איז ער און רייסט דעם מענטש אויף שטיקער.

נאָר זיך אַליין האָט ער פאַרקנעכט, אַן עבד לאדוני,
מיט קליינע זינד און גרויסן דראַנג צו זיין פריי.
אָ, גאָט, ווי גוט איז דיר, דיין שטרענגקייט, דינען.

ביסט חסד, משפט, אָבער טויט וואָס איז?
דיין קוש, וואָס גיט דעם לעצטן, בייזן ריס,
איז דאָס דער סוד פון אייביק דיך געפינען?

ה

אַ פויגל קומט. די פליגלען איבער משהן שפּרייט.
אים צוצודעקן און מיט ווייסקייט היטן,
און משה וויל, ווי ער, צו הייך אַ פלי־טאָן,
דערגיין, אין פלי אַריבער זיך, נאָך איין באַשייד.

באַשייד אויף זיך, אויף מענטש, אויף האַריק צעגליטן,
וואָס ווי אַ זון צעפלאַקערט, ווי אַ זון פאַרגייט,
נאָר אין דער נעץ פון ליבשאַפט־טויט אַריינגעדרייט
גאָטס קוש צו שטיין האַלט אים אַ צוגעשמידטן.

אָ, פויגל פליגלדיקער, פויגל אָן אַ נעסט,
אַן אויסגעשטרעקטער ליגט דאָ משה, ווי דו זעסט,
אין זיך, אין זיין געדאַנק, איז ער געמינערט.

דיין פלי איז לעבן, משהס פלי איז שטיין, —
אָ, פויגל פליגלדיקער, צפור מן הקן,
דער טאָג ווערט שיטערער, דער טרויער — דינער.

ו

וואו איז דאָס לעמעלע, דער שה אין וואונדן?
געטראָגן האָב איך אים אויף הייסן מדבר־זאַמד.
די הויט האָט מיר געברענט. די באָרד געפלאַמט.
די ליבשאַפט האָט צו אים מיך צוגעבונדן.

דאָס בלוט זיינס האָט מיר דאָס געמיט געסמט,
כ'האָב לעבן אין זיין וואונדיקייט געצונדן,
ביז ס'איז דער ווייטיק פון זיין קוק פאַרשוואונדן
און ווידער האָט ער זיך מיט לאָם געלאַמט.

וואו איז דער שה? מיט קושן אים צו היילן
האָב איך די ליפן מיינע אויסגעברענט.
באַוויז זיך שה, אַז איך זאָל דיר דערציילן,
ווי מיט אַ קוש האָט גאָט מיין טויט פאַרבלענדט.

מיט אויגן צוגעמאַכטע, משה, זע,
ווי לאַנג ס'האָט שוין דער טויט פאַרצוקט דעם שה.

ז

די נאַכט אויף משהן שפּרייט זיך ווי אַ צודעק,
ער שפּירט אין זיין געביין איר פרישן טעם,
נאָר די לבנה איבער אים איז ווי אַ שראַם,
און וואָלקנס זענען טרוקן, טונקל, רודיק.

ער זעט דעם אָנהייב פון אברהמס שטאַם,
אין מדבר איז ער בדוק ומבודק,
דאָס בלוט אין זיינע אָדערן איז זודיק,
נאָר צו עקידהס גייט ער ווי אַ תם.

אַנטפּלעקער איז ער, לייקענער און גלייבער,
אַרונטערוואַרפער און צו הייך דערהייבער,
אין קנעכטשאַפט פריי און אין פרייַשאַפט קנעכט.
אָ, שטאַם אברהמס, לויטערער מיט שראַמען,

דערקענט האָסטו דיין גאָט אין מדבר־פלאַמען,
צו גיין מיט אים אין אייביקן געפּעכט.

ח

אַ שאָטן פון דער נאַכט, — אַ בינטל קנוילן, —
צו משהן האָט אויף שפּיצן שטיין געגענט.
אין טונקלקייט האָט קוק זיינער געברענט,
נאָר ס'איז דאָס פּנים זיינס געווען פאַרהוילן.

דאָס קול זיינס האָט געמאָנט: „דו האָסט פאַרלענדט"...
געלאַכט האָט ער מיט אָנגעהיצטע קוילן:
„פאַרשטיינען מיך, כאַ־כאַ, האָסטו באַפוילן.
„ווער בין איך, האַ? דו האָסט מיך נישט דערקענט?"

די נאַכט האָט צוגעלאַכט: „ער לעבט נאָך, רייץ אים".
דאָס קול האָט טרוקן צוגעקלאַפּט: „פאַרשטיינט"...
דערקענט האָט משה דעם מקושש עצים,
און האָט אין שטומקייט — שטומער נאָך געוויינט.

אַריינגעבויערט אין דער האַרטער ערד,
האָט קיינער דאָס געוויין זיינס נישט געהערט.

ט

„באַפעלער גאָטס, אָט האָסטו דיינע שטיינער",
האָט דער מקושש אים געוואָרפן שטיין־אויף־שטיין.
„דו ווילסט זיי ציילן? צייל זיי... צייל אַליין...
„איך האָב זיי אויסגעציילט אויף מיינע ביינער.

„אין טויט ביסטו, ווי איך, פאַרשרומפּן, קליין.
„דו הערסט אַוודאי דאָרטן די באַוויינער,
„נאָר צו דעם לאַנד, אַן אויסגעוויילטער, איינער,
„וועסטו שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט דערגיין".

געדיכטער ווערט די נאַכט, אין זיך פאַרקנוילטער.
אויף בערגלעך שטיינער וואַלגערט זיך דער ווינט.

און דער מקושש, — אַ צעריסן־אויסגעהוילטער, —
אין פינצטערניש אין אייגענער פאַרשווינדט.

צו משהן, פונעם נידערטאָל, דערגייט
אַ שניט־געשריי: „דו האָסט געטייט, געטייט".

י

אַז שטיין האָב איך פאַר דאָרשטיקע געשלאָגן,
אַ טראָפן וואַסער זיי צו ברענגען, גאָט,
האָב איך געזינדיקט קעגן דיין פאַרבאָט,
און קעגן דיינע הונדערטער פאַרזאָגן.

אַז מענטש האָב איך פאַרשטיינט, דערפאַר נאָר וואָס ער האָט
פאַר מדבר־נאַכט אַ בינטל האָלץ געטראָגן,
האָט מיך די זינד נישט אויפגעהערט צו יאָגן,
און דו האָסט מיך געלאָזט אויף נאַכטס באַראָט.

אַן אויסגעדערווערט קבצנדל, אַ שפענדל, —
וואָס האָט ער דען געוואָלט ? אויף נאַכט אַ פונק.
געקעכץ אַביסל, וואַסער אין אַ קענדל,
דערוואַרעמען פאַר זיין געביין אַ טרונק.

מקושטל, אין נאַכט מיינער קום ווידער
און וואַרף די שטיינער דיינע אויף מיין נידער.

יא

די נאַכט האָט אונטן איינגעשטילט דאָס וויינען.
אויף טרעפּ אַרויפגעשטיגן צום נבו
איז מענטש און שלאָף. פון אויבן האָט דער טוי
באַזילבערט שטייניקע, געקנייטשטע פליינען.

און משה האָט געזאָגט : איך גלייב, געטריי,
איך ווייס אַז ס'האָט דיין וועלט אַ ים מיט מיינען,
נאָר אַז איך האָב געטאָן יהושוען קריינען,
האָט זיך געטאָן אַ וואַקל מיין געבוי.

אַ שאָטן איז אַראָפּ פון מײַנע ברעמען
און מיר דעם קוק צו אים, צו דיר, פאַרשטעלט,
און אַז איך זאָל מײַן עלטער נישט פאַרשעמען,
צוריק בין איך אַרײַן אין דעם געצעלט.

דערשפּירט האָב איך אין בלוט מײַנעם אַ הונגער,
דער אַלטער — איך, און ער — דער יונגער.

## יב

איך האָב געוואוסט, איך ווייס, נאָר וואָס איז וויסן
אַקעגן אויפהער, וואָס דער מענטש דערשפּירט?
אַליין האָב איך דעם טויט ביי דער האַנט געפירט,
נאָר נישט צו זיך, צו אייגענעם געוויסן.

האָסט, גאָט, מיר אײַנגערעדט: איך בין אַ הירט, —
דעם טרונק דער סטאַדע ברענגען און דעם ביסן, —
די מדבר האָט מײַן לייב מיט היץ געשמיסן,
און קעלט האָט מיר אין נעכט די הויט געפרירט.

נאָר דײַן עמוד האש, עמוד הענן
פאַרשטעלט האָבן פאַר מיר די בייזע וואָר,
אַז כ׳זאָל ביי דיר דעם צער נישט מאָנען,
די קריוודע פונעם מדברדיקן דור.

בין איך אַליין דער דור, אַליין פאַרגייער,
אין טויט בין איך באַגרייפער און פאַרשטייער.

## יג

איך בין שוין גאָרנישט, כ׳בין אַן אויפגעהערטער
נאָר אַ באַוויינטער בין איך און נישט מער,
דאָס שפּירן מײַנס געוואָרן איז געהער,
ויאמר משה — נאָר אַ קלאַנג פון ווערטער.

איך זע, אין ווייטע צייטן ווי איך ווער
אין מענטשנס טראַכטעניש — אַן אויסגעקלערטער,
אַמאָל געמינערטער, אַמאָל געמערטער,
אַמאָל אַן אייגענער, אַמאָל אַ גר.

נאָר איך בין שוין נישטאָ, נישטאָ שוין מערער,
ווי ס'איז נישטאָ דער פלאַם, וואָס האָט פאַרצאַנקט.
נישטאָ דער חלומער, נישטאָ דער קלערער,
אַן אָפּקלאַנג איז נאָר דאָ פון זיין געדאַנק.

אָ גאָט, בין איך דען קעגן דיר אַ כופר,
אַז כ'פרעג: צו וואָס דער אָנהייב, אַז ס'איז דאָ דער אויפהער?

## יד

פאַרטאָג. די שיין האָט זיך מיט פרייד געזיפּט
אויף משהס גוף, אויף מאָגער גראָז נבוער.
געשפּירט האָט משה ווי סע ווערט זיין טרויער
מיט טרויערס פון דער גאָרער וועלט פאַרקניפּט.

דער באַרג האָט צוגעלייגט אַ וואַכן אויער
צו הערן ווי ס'האָט טאָג אַרויסגעהיפּט.
דער זונס אַ קיילעכדיקע, פולע ליפּ
האָט גאָלד געפּליסטערט אויף דער שטרעקע גרויער.

באַשעפענישן, — האָריקע, פאַרשפּיצטע,
מיט מיילער הונגעריקע נאָך פאַרצוק,
מיט שראַמען אין די לייבער איינגעקריצטע, —
גענישטערט האָבן שפּייז, דערשראָקן, קלוג.
אַרויס איז דער באַשאַף, מיט ציטערדיקער הויט,
צו רויב, צו בלוט, צו זעטיקייט, צו טויט.

## טו

געהערט האָט משה דאָס געלאַף, דעם לויער,
דעם ציין־געקריץ, דעם הייסן בלוט־געפּלייך,

פאַרצוקטנס קרעכץ, פאַרצוקערס ווילדן רייץ,
דעם טויט, וואָס האָט אַ רגע נאָר געדויערט.

דערשפּירט האָט ער דעם אַראָמאַט פון ווייץ,
פון קאָרן, גערשטן, האָבער, — ביי אַ טויער,
וואָס איינגעזאַמלט האָט מיט מי דער פּויער
פון פעלד, אַליין פאַראַקערטס, און אַליין פאַרזייטס.

באַשאַף דיינס, גאָט, פאַרשטיי איך, ווי סע פירט זיך,
נאָר איצטער האָב איך עס אין בלוט דערהערט,
פאַרשעמט האָסטו דיין אייגענעם לא תרצח
אַקעגן שטילקייט פון געוויקסן אויף דער ערד.

אין בלוט אַריינגעגאָסן האָסטו מאָרד
און האַמעווען ווילסטו אים מיטן וואָרט.

## טז

דער מענטש, פון דיין באַשאַף דער אויסדערוויילטער,
טראָגט אויך אין זיינע אָדערן דיין בלוט,
און וואָס ער טראַכט, און וואָס ער פילט און טוט,
בלייבט אַלץ אין אים אַ פּגם אַ נישט־פאַרהיילטער.

געראַנגל איז דער מענטש, — פון שלעכט און גוט.
אַמאָל פון זיך אַליין אַן אויסגעשיילטער,
אַמאָל אין גאַנצקייט זיינעם אַ צעטיילטער,
נאָר תמיד ערשט אין טויט איז ער באַרוט.

באַשאַף איז לעבן. איז באַשאַף אויך טויט?
איז ווערן גאָרנישט אויך ביי דיר יצירה?
אָ גאָט, אין דיר האָב איך זיך אָנגעטרויט
און איצט ביסטו מיין ספק, מיין פאַרווירער.

דאָס בלוט איז באַלד פון מיר שוין אויסגערונען,
נאָר רו אין דיר האָב איך נאָך נישט געפונען.

## יז

אָז ישיר דיר געזונגען, האזינו,
געגרייסט דעם יושר דיינעם און דיין דין,
נאָר איצט, אַן אויסגעשטערקטער ווי איך בין,
וועל איך דיך אַנדערש, — מיט מיין אָפּרעג, — דינען.

אַ שאָטן בין איך, איך פּאַרגיי, אַנטרין,
ווי זונפלעקן אַמאָל אויף פעלדער גרינע,
דער האָניק, ווי דער בלומענשטויב פאַר בינען,
בין איך געווען פאַר דיין געדאַנק, דיין זין.

דער זונפלעק צאַנקט, דער האָניק — אויסגעזויגן,
די בין אַליין איז שוין אין זון צעשטויבט,
וועל איך דיך לויבן מיט פאַרמאַכטע אויגן,
ווי פריער דיך מיט אָפענע געלויבט.

פאַרנעמט, איר הימלען, דאָס געזאַנג פון קנויל,
טרינקט־אויס, דו ערד, דאָס טריפן פון מיין מויל.

## יח

די לעצטע טראָפּנס האָניק וועט מיין מויל דיר טריפן,
אַריינגיסן אין דורות דיין געדאַנק,
ווי גוט איז מיר צו זאָגן אין מיין צאַנק,
אַז דו ביסט דאָ אין הייכן און אין טיפן.

געטרונקען האָב איך דיך ווי אַ געטראַנק,
מיט אַלע מיינע חושים דיך באַגריפן,
און וויפל דו האָסט נישט געטאָן מיך פריפן,
האָט אַלץ אין מיר געברויזט צו דיר דער דראַנג.

דערגרייכט צו דיר אין דונערן, אין בליצן,
ביים סיני, אינעם פייער פון דיין שטים.
אַז כ'האָב געבאָטן דיינע געטאָן קריצן,
האָט שטיין אַרויסגעזונגען — אלהים.

דאָס לויטערקייט פון סיני, גאָט, איך זוך עס,
אַפילו אין די ברוכשטיק פון די לוחות.

יט

אין ווייטע דורות זע איך קנוילן פּעדעם,
וואָס וויקלען זיך אין מענטשן, ווי אין מיר,
איך הער דעם טרויעריק־פאַרגלייבטן שיר :
„באַניי ביי אונדז די טעג דיינע כּקדם".

און איך, וואָס ליג דאָ אויפן באַרג און פריר,
אַריינגערעדט האָב זיי : ישראל, אדום,
נאָר רעד דעם מענטשנס עלנט און דעררעד אים, —
נישט איך האָב עס געקריצט, נישט דיין באַריר.

אַ קריגספּעלד איז דער מענטש אין זיך אַליין,
דו רופסט עס פרייער אויסוואַל, רופסט עס יצר.
אַ גאָט, פאַרגיב וואָס איך טראַכט און מיין,
אַז דו ביסט מענטשנס שטויסער, מענטשנס רייצער.

דו שטרויכלסט אונדז, דו שטראָפסט און דו פאַרגיסט,
דערקענט דיך און איך וויים נישט ווער דו ביסט.

כ

דער טאָג אויפן נבו, אַ ריינער, אויפגעפּראַלטער,
האָט איבער משהן וואַרעמקייט געשפּרייט.
אַ וואָלקן, אויפגעאַקערט ווי אַ בייט,
געוועז איז ביי די זוימען אַ צעשטראַלטער.

גערעדט האָט משה נאָך אַזוינע רייד :
איך בין ביי דיר, אָ גאָט, אַ פאָלק־געשטאַלטער,
נאָר פונעם פאָלק האָסטו מיך, אַזאַ קאַלטער,
אין פרעמדקייט, באַרגיק־הויכער, אָפּגעשיידט.

פאַרהוילן בלייבן איז מיר אָנגעצייכנט,
פאַרפאַלן ווערן, ווי אַ שטיין אין ים,

אַז פֿאָלק זאָל קיינמאָל נישט צו מיר דערגרייכן,
נאָר אין אים איינגעשניטן ווי אַ שראַם.

אַ זכות פֿאַר מיר, איך ווייס אַז ס'איז אַ זכיה,
נאָר, גאָט, זאָל כאָטש אַ ביימל אויף מיר בליען.

## כא

מאַך־אויף די טויערן, שפּריט־אויס דעם שליאַך,
פֿאַר פֿאָלק, וואָס דו זיין שאַפֿער ביסט, זיין קנעכטער,
און איך, וואָס בין נאָך אַליין נישט קיין דערדערטער,
זאָג איצט: די טויערן פֿאַר מיך פֿאַרמאַך.

פֿאַרמאַך, אַז עפֿענען זאָלסטו ווי שפּעטער
און מענטש דערפֿירן צו מיין אויסטראַכט, צו מיין דאַך,
צום וואָרט מיינעם, וואָס בוים־צעבליט און וואַך,
וועט שפּרייטן איבער אים די פֿרישע בלעטער.

זאָל נאָכגיין מיין געזאַנג דעם פֿאָלק אין שטרייט
און רוען, אינעם זיג, אויף זיינע שטיבער, —
אַ מענטש דערזינגט דעם טויט, אַ מענטש דערלייזט,
די לעצטע רגעס זיינע מענטש דערפֿיבערט.

נאָר פֿון דעם מדבר, זעט, גייט־אויף אַ זייל,
וואָס זון ליגט אויף זיין שטערן ווי אַ בייל.

## כב

ס'האָט שטיין־צו־שטיין זיך צוגערוקט,
ווי לייב־צו־לייב, — אין ליבשאַפֿט און אין גאַרן, —
און משחן צוגעדעקט, מיט אַלע זיינע צערן,
און גוף זיינעם אויף זיך, ווי שורות אָפּגעדרוקט.

אַ קרוין האָט זיך צעבלעטערט אויף אַ בוים אַ דאַרן,
מיט רחמים האָט די זון אַראָפּגעקוקט,
דער ווינט האָט גראָז צום צודעק צוגעבוקט
און איינגערוימט: דאָ ליגט דער האַר פֿון האַרן.

געבליבן הענגען אין געפלי איז דאָס געפליגל,
מיט בלוט האָט חיה מויל אירס נישט פאַרשמירט,
אַ האַנט האָט אייל געגאָסן פון אַ זאַלבער־קריגל
אויף שטיין, וואו ס׳האָט גערוט דער מידער הירט.

אַ קול האָט זיך צעטראָגן פונדאַנען און פונוואַנען:
אַזאַ ווי משה איז נישט אויפגעשטאַנען.

## ווײַנען אַ זמרל

ר׳ לוי יצחקס דערבאַרעמדיק וואָרט,
דעם בעל־שמס פשוטער יידיש,
זענען פרום פאַרגאַנגען אין אַ גרויער באָרד,
ווי דאָס לויטערקייט פון אַ חבדער קידוש.

ווי אַ שטערן אין דער נאַכט איז געוואָרן פאַרלענדט
רבי נחמנס „מעשה בהז׳ בעטלערס",
ס׳האָט געטראָגן אַ שוסטערל זי אויף די הענט
ביז דער טויט האָט אַרויסגעריסן די בלעטלעך.

ס׳האָט זיך איבערגעהאַקט דאָס פאַרטיפטע געזאַנג
פון בית שמאים און בית הללס פלוגתא,
אַז דעם לערנערס נפש האָט אויסגעצאַנקט
פאַרן לעצטן מאָל אין דער גמרא אַ קוק־טאָן.

אונדזער גילדענע פאַווע פון ימען און ווינט
צו דער גאַזקאַמער איז געפלויגן־פאַרפלויגן,
ס׳איז נישטאָ דאָס האַרץ, וואָס האָט דאָס ליד געשפּינט,
ס׳איז דאָס קול דערטרונקען אין געזאַלצענע לויגן.

ס׳האָט פאַרנאַכט דער לעצטער שייטער דערטליט
מיטן וויגעלע ציגעלע־מיגעלע קאָטינקע,
אַז ס׳איז דאָ נאָך אַ קינד מיטן יידישן ליד,
איז עס פאַרוואָגלט אויף ווענן בלאָטיקע.

לאָמיר אַלע ווײַנען, לאָמיר אַלע ווײַנען אַ זמרל,
ליגט צעבראָכן דאָס הײליקע העמערל,
אונדזער יידיש געזאַנג: „קום צו מיר אין קעמערל״,
איז מיט שמע ישראל אין דער גאַזקאַמער אויסגעגאַנגען,
לאָמיר אַלע ווײַנען, לאָמיר אַלע ווײַנען אַ זמרל.

## אחרית הימים

ווער וועט זײַן אין דעם אחרית הימים
שווערד אין אַן אַקער איבערצושמידן?
זיי וועלן זײַן אין דעם אחרית הימים, —
אונדזערע שטילע, פֿאַרפּײַניקטע יידן.

שטויבעלעך אַש, ווי צעשאָטענע שטערן,
טראָגן מיט וואַרעמער ליבשאַפֿט די ווינטן,
הויפֿנס אויף הויפֿנס וועט פֿון זיי ווערן
ביז ס'וועט דער הייליקער טאָג זיך אַ צינד־טאָן.

אויפֿשטיין פֿון אַש וועלן יידן פֿאַרברענטע,
לויטערע יידן, מיט זוניקע הויטן,
ערשטע און צווייטע, — אַזוי ביז די צענטע,
ביז צו דערשעפֿן אונדזערע טויטן.

סוף פֿון די טעג — אַלע טעג זענען סופֿן,
מיט אַ באַהאַלטענעם ליכט פֿון באַגינען,
זע, ווי אין סוף ליגט דער אָנהייב שוין אָפֿן —
אונדזערע זעאונגען דאָרט אויסצושפּינען.

אונדזערע זעאונגען — ברענען אין אויוונס,
אונדזערע חזיונות — אויף ווינטן צעשפּרייטן,
אָבער פֿון אַש גייען־אויף די בת־טוביםס,
ס'וואַקסן ישעיהס אויף פֿעלד אויף פֿאַרזייטן.

גאָט, האָסט אַ טאָג אָנגעברייט אַ לעצטן,
נעם אים אַרויס און מיט ליכט צעשטראָם אים,

קום מיט דיין חשבון צום גוי דעם פאַרגעצטן,
קום מיטן אמת פון אחרית הימים.

שטערן צינדן זיך גרעסער און פריער,
נאַכט הייבט זיך אויף פון צעריסענע קנוילן,
שטיל איז דער ציטער אין חודש אייר,
נישט צו אַנטפלעקן און נישט צו פאַרהוילן.

זע איך די ספירות, זיבן־מאָל־זיבן,
שיינען מיט בלענדיקייט נצח, תפארת,
שפיר איך: דאָס וואָרט איז מיט פייער פאַרשריבן,
קול ווערט געשריפּן, איך זע עס און הער עס.

העכער די נאַכט און דער הימל ווערט טיפער,
שניידט די לבנה זיך אויס ווי אַ האָרן, —
זיבן־מאָל־זיבן, אַ ראָד און אַ ציפער,
האָרך דאָס געדריי אין דעם שטח פון יאָרן.

שיינקייט איז הוד און אייביק איז נצח,
זע דאָס געדריי אין דעם שטח פון יאָרן,
זיבן־מאָל־זיבן דערדרייען וועט זיך
ביז ס'וועט זיך אויסברענען צאָרן און דאָרן.

שטויבעלעך אַש, ווי צעשאָטענע שטערן,
וועלן זיך זאַמלען אין הייליקן יום־טוב,
די, וואָס אַצינד פאַרגעסן שוין ווערן,
וועלן אין יענעם טאָג זיין די דערמאָנטע.

ווער וועט זיין אין דעם אחרית הימים
שווערד אין אַן אַקער איבערצושמידן?
זיי וועלן זיין אין דעם אחרית הימים, —
אונדזערע שטילע, פאַרפייניקטע יידן.

# דאָס יידישע ציגעלע

## א

אַז די אויגן האָט יאַנקעלע געעפנט,
איז דאָס ציגעלע בײַ אים צוקאָפּנס געשטאַנען,
אַזאַ יידיש ציגעלע, אַזאַ ווײַס, אַזאַ דאַרס,
וואָס בײַ גויים קען מען אַזוינס נישט טרעפן.
פון די אויגן שעפּ־אָן רחמנות אין קאַנען
און דאָס גוטס פון דער וועלט — וויפל דו גאַרסט.

אויף די הערנערלעך האָבן זיך שופרות געוויגט
און די יידישע אותיות האָבן פון זיי געשאַלט, —
אַזאַ יידיש ציגעלע האָט טאַטע געשיקט,
אַזאַ יידיש יינגעלע ווערט אַ יידיש געשטאַלט.

אַז די הענטלעך האָט יאַנקעלע אויסגעצויגן,
האָט דאָס ציגעלע דערלאַנגט אים די לוחות הברית,
און דאָס יידישע ליד פון געזאַלצענע לויגן
אים געמעקעט, אַז דאָס האַרץ האָט אַזש געטאָן אַ ריס.

אַזאַ יידיש ציגעלע, געלערנט און קלוג,
און מיט טרויער פול, ווי מיט ווײַן אַ קרוג.
ס'איז די חכמה אַלט, נאָר טרויער עלטער,
ס'איז דאָס ציגעלע שוין אויסגעווען אַ וועלט,
ס'האָט דעם טרויער אויסגעשטאַנען, ווי ווײַן אין קעלטער,
נאָך פון יעקבס עלנטן געצעלט.
אַזאַ יידיש ציגעלע, מיט בײַנדעלעך דאַרע,
צו דער וועלט מאַכט פאַר יאַנקעלען אַ וואַרע...

## ב

דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
די יידישע ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
דאָס ווײַסע פעלעכל אַרומגעשווירן,
דעם שטילן טרויער אָנגעוואוירן,

פאַרשטויבט צוריק אַהיימגעקומען,
מיט לייב צעריסן, פול מיט מום׳ען,
פאַרהאַרטעוועט, צעקאַרבט די הערנער, —
אַ יידיש ציגעלע אויף דער וועלט —
און יאַנקעלע, דער דאַרער לערנער,
זיין ליבן נאָמענס חכמה קנעלט.

איך וואָלט מיט מילעך דיך אָנגעטרונקען,
נאָר אייטערס מיינע זענען טרוקן,
איך וואָלט דיך געוואַרעמט מיט שטילע פונקען,
נאָר כ׳שעם זיך אין די אויגן דיר צו קוקן.

די אויגן האָט יאַנקעלע אויפגעהויבן
און ס׳ציגעלע זיינס האָט ער דערקענט, —
אַז וויפל די וועלט זאָל דיך נישט פאַרשטויבן,
גיט ס׳ווייסקייט דיינס מיט פרייד מיר אַ בלענד.

און יאַנקעלע האָט אַזוי זיך צעזונגען:
אַ ציגעלע ביסטו, גד, גדי,
דערפון איז אַוודאי שוין געדרונגען,
אַז קומען וועסטו צו מיר פאַרפרי,
די וואונדן דיינע וועל איך היילן,
דאָס פעלעכל וואַשן, די הערנערלעך שיילן,
און וואָס איז דאָ אַ סך צו ברייען?
ס׳קען גאָט נאָך באַשערן אַ זשמעניע קלייען,
איך וויים נאָך אַצינד נישט וואו און ווי, —
מיין ציגעלע ביסטו, — גד, גדי.

ג

אַ מעסטל ווייץ, אַ בינטל טרוקענע וואָל,
און פלאַקס, וואָס די זון האָט צעקעמט אויף פעדעם,
איך וואָלט נאָך גענומען מיין ציגעלעס קול, —
אַנטקעגנצוגיין מיין ברודער פון אדום.

דער ברודער איז האָריק און זוניק רויט,
ער לעבט אין די בערג אויף שפּיז און בויגן,
לבנהדיק בלייך און דין איז מיין הויט,
דאָס שטילקייט פון טאָל האָט מיין האַרץ איינגעזויגן.

די מאַמע רבקה האָט אַמאָל מיך פאַרשטעלט
מיט ציגעלעס פעל, איך זאָל האָריק ווערן,
די זון האָט געטונקלט אין טאַטנס געצעלט,
דער טרויער געשיינט אויפן טאַטנס שטערן.

פון מיר האָט געזונגען דעם ציגעלעס קול,
געזאָגט האָט דער טאַטע: הקול קול יעקב,
און אָנגעטאַפּט האָט ער דעם ציגעלעס וואָל,
אַז ס׳זאָל אין די פינגער דאָס ליכט זיינס נישט צאַנקען.

אַז ס׳האָט אינדערפרי זיך די זון צעשטראַלט,
אַנטלאָפן איז דער ברודער אין די בערג פון שעיר,
ס׳געוויין פון דעם ציגעלע די הימלען שפּאַלט,
פאַרהילט די לבנה אין אַ שלייער.

אַ מעסטל ווייץ, און וואָל, און פלאַקס,
קום, ציגעלע מיינס, גיין צום ברודער פון אדום, —
ס׳איז דאָ אַזאַ צער, וואָס פינצטערער וואַקסט,
וואָס ליכטיקער ס׳ווערן די זוניקע פעדעם.

ד

ס׳גרינט שוין דאָס גראָז, די זון איז צעהעלט,
כ׳וועל דיך באַקליידן און באַשוכן,
איינציקל מיינס, אויפן אָפענעם פעלד,
וועלן מיר ביידע דאָס ציגעלע זוכן.

כ׳האָב עס צוקאָפּנס ביי דיר נישט געזען,
ס׳ליגט פאַרבלוטיקט ערגעץ מסתמא,
וויינט אויפן בראָך, וואָס איז יידן געשען,
אפשר אַליין פאַרברענט אין די פלאַמען.

איבערן גאָרן וויסטן יידישן בראָך,
איבערן אַש פון יידישע סקרוכן,
צווישן שטיבער פאַרוואַקסן מיט מאָך,
וועלן מירביידע דאָס ציגעלע זוכן.

## אייר תש״ה

הערשל זון — צו דיר

די זון איז היינטיקס יאָר געקומען צו אונדז פריער,
דיביימער האָבן זיך צעשפּראָצט אינמיטן חודש ניסן,
מיר האַלטן ערשט אַצינד ביים אָנהייב חודש אייר
און ס׳האַרץ איז ווי אין תמוז אונדז צעריסן
פון צופיל רייפקייט, צופיל גרין און בלוי,
פון טעג, וואָס ברענען אָפּ ווי טרוקן שטרוי.

מיר זיצן דאָ אַמאָל פאַרנאַכט ביי רויטע שויבן,
אַביסל פרעמדלעך צווישן ווענט מיט אייגנס, —
ווען האָט זיך אונדזער זון דאָרט אויפגעהויבן
און ווען וועט ער זיך איבערנאַכט היינט לייגן?
דאָס גיט די מאַמע פשוט אַזאַ פרעג
און מעסט מיט אירע אויגן דיינע ווייטע טעג.

ווער קען די טעג דיינע מיט האַרץ אַפילו מעסטן,
ווער קען די נעכט דיינע דערגרונטעווען מיט אויגן?
מיר האָבן זין, ווי פייגל פון די שטילע נעסטן,
אַרויסגעשיקט צום שטורעם און מיר דאָ — איינגעבויגן
ביי שויבן זיצן, מיד פון בלוי און גרין,
מיט קליינע בריוולעך פון די גרויסע זין.

פון ווערטער פרואוון מיר דיין האַרץ אַרויסצושיילן,
דעם ציטער דיינעם, ווען דו האָסט אין בריוו געשריבן,
אַז שעמען וועסטו זיך אַפילו צו דערציילן
ווי מענטש האָט מענטשנס לעבן אויף שטויב צעריבן,
ווי ס׳גייט אַרום דער טויט, אָן בושה הויל,
ווי דו אַליין פאַרוויקלט ביסט אין קנויל.

געשטאַנען ביסטו ביי די אויסגעברענטע אויוונס
אין בוכענוואַלד, אין האַדאַמאַר, נאָרדהויזן,
וואו אונדזערע בעל־שמס, אונדזערע בת־טובימס,
די שטילע לערנערס פון די שטיבלעך און די קלויזן
דערלערנט האָבן אינעם פלאַם דעם לעצטן דף
און מיטן טויט פאַרשעמט דעם אייביקן באַשאַף.

דערציילסט, ווי מ׳האָט געטרונקען ווייַן פון יידן־שאַרבנס,
ווי יידן־הויט איז דין אויף לאָמפן־אַבאַזשורן,
ווי ס׳האָט אין דיר דער טויט אַריינגעשניטן קאַרבן,
ווי פיינלעך ס׳איז צו גיין אויף אָט־ערשט־לעבן שפורן, —
דערציילסט און כ׳לייען בלוט אַרויס פון דיינע רייד,
דו פרעגסט נישט, נאָר איך הער: וואו איז דאָ דער באַשייד?

אַ זייל פון זונשטויב לייגט זיך אויף די מעבלשטיקער,
צעשניטן איז די וואַנט מיט שאָטנדיקע שטרייפן,
אין פריי־יאָר איז די ערד מיט ליכטיקייט שוין שיכור, —
וואו איז דער מענטש — דעם זין פון אומזין צו באַגרייפן?
כ׳פאַרהענג די שויבן, פינצטער ווערן זאָל אין שטוב,
די שאָטנס בינדן אויף דער וואַנט אַ גראָבן קנופּ.

## ליד פון שארית הפליטה

די נאַכט איבער אונדז טוט איר פינצטערניש וועבן,
אין ביטער געיאָמער פאַרגייט זיך דער ווינט,
פאַר טויזנטער לעבנס טראָגט איינער דאָס לעבן,
אַ הייליקער ציטער מיט זיי אונדז פאַרבינדט.

אויף אַש און אויף חורבות צעשפּרייטע,
מיר זענען די שארית הפליטה.

דער פיינט האָט דאָס לייב אונדז צעריסן אויף שטיקער,
מיט אייזערנע קעמלען געקעמט אונדז די הויט,
נאָר אונדז איז געבליבן דער טייערסטער עיקר:
צו הייליקן לעבן פאַר הייליקן טויט.

מיר לעבן אַפּילו סע זאָל ווײ־טאָן,
מיר זענען די שארית הפּליטה.

פאַר טאַטע, פאַר מאַמע, פאַר שוועסטער און ברודער,
פאַר יידישע לעבנס וואָס האָבן פאַרצאַנקט,
פאַראַקערן וועלן מיר אונדזער יהודה,
דעם עמק, די חולה — מיט אונדזער געזאַנג.

פון שטעכיקע וועגן, פאַרדרייטע,
מיר קומען, די שארית הפּליטה.

נישטאָ אַזאַ נאַכט, וואָס זאָל זיין פאַר אונדז פינצטער,
דאָס פינצטערניש האָבן מיר דורכגעברענט,
מיט אייגענעם פייער די זון דיינע צינדסטו,
אין חושך — צו ליכט איז דיין פּנים געווענדט.

פון לענדער מיט ביינער פאַרזייטע
מיר קומען, די שארית הפּליטה.

אַ זכות איז צו לעבן פאַר טויטע מיליאָנען,
דאָס בלוט זייערס אין אונדזערע אָדערן רינט,
מיר צינדן פאַר זיי אונדזער זון און לבנה
און שפּרייטן זייער פּיין, ווי קערנער אין ווינט.

סע וועט אויפגיין דאָס לעבן אויף בייטן
פאַר אונדז, די שארית הפּליטה.

## דער אייזלטרייבער פון גאולה

### א

אַ מענטש אויף דער עלטער פון זיך וויל דערציילן,
פון אייגענע יאָרן אַ מעשהלע שפּינען,
און פעדעמווייז צווישן קינדער צעטיילן
דעם זילבערנעם אויסשפּרייט פון זיין באַגינען.

נישט שייך צו זאָגן, צי אויסטראַכט, צי אמת,
אַז אמת וויל ז י ך גאָר אין אויסטראַכט פאַרשווינדן, —
אַ שטיק פון מיין לעבן, זע, זון, ווי איך נעם עס
און וועב דערפון אויס, נאָר פאַר דיר, אַ לעגענדע.

אַ מוילאייזל־טרייבער, אין קראַך פון האַרמאַטן,
אַרויף, צו דער פּעסטונג, וואָס הייסט סעד־על־באַבער, —
וואָס זאָגסטו נישט, זון, צו דיין עלטערן טאַטן,
ווי ער איז אַ קריגער געווען אַזאַ וואַכער?

אַ ביקס אויפן אַקסל, צוויי מוילאייזל־ציימלעך
פאַרקרעמפּט אין די הענט, אַזש די הויט איינגעשניטן,
אויף באַרגיקע וועגן פון געקאָרטשעטע ביימלעך
צוויי מוילאייזלען שפּאַנען, דיין טאַטע — אינמיטן.

וועסט לאַכן אַוודאי, אַז איך וועל דיר זאָגן,
ווי הויך ס'האָט דאָס האַרץ מיינס געזונגען מיט גלויבן,
נישט איינמאָל האָט רעגן דעם קאָפּ מיר געצוואָגן,
און בליצן — אין הימל געעפנט מיר שויבן.

איז וואָס איז דאָס מעשהלע? וועסטו דאָך פרעגן:
דער טויט, און דער גלויבן, די וויסטע טראַנשייען,
דער גאַנג אין די נעכט אויף די שטעכיקע וועגן,
אין פייער דאָס בילד פון צעשפּאָלטענע פּה'ען.

די דריבנע שראַפּנעלן, די בלוטיקע שוימען
פון מוילאייזל־קעפּ אויף די הענט מיר געררונען,
די איינציקע שטוב מיט פאַרעלנטן קוימען,
די חרובע נעסטן, וואָס איך האָב געפונען.

אַ מוילאייזל־טרייבער, דערטרייבן זיך וויל ער
צום אייזל, וואָס רייטן אויף אים וועט משיח, —
די נעכט ווערן עלטער, די טעג ווערן שטילער,
פאַר דיר, מיין בן־יחיד, דעם פּאָדעם דערצי איך.

ב

די פינגער האָבן געשמעקט מיט חלומות גרינע,
די אויגן — מיט וואַכיקייט האָבן געבליט,
מיר זענען געגאַנגען אין יונגן, אין פריען באַגינען
און אייגענעם ציטער אין זיך אויפגעהיט.

גאַליפּאָלי האָט זיך פון נאַכט ערשט אַרויסגעוויקלט,
צום בלוי־ים האָט סעד־על־באַבער אַרונטערגעקוקט,
אַריבערגעגאַנגען אַ שאָקלדיק הילצערן בריקל
און נענטער האָט זיך דער טאָג צו אונדז צוגערוקט.

די מוילאייזלען, — ווייסע און קלוג־איינגעשפּאַרטע, —
געטראָגן האָבן אויף רוקנס דעם אָנלאָד פון טויט.
צו מזרח, די וואָלקנס, ווי שפּיצפינגער צאַרטע,
פאַרצויגן האָבן דעם הימל מיט דינער, ליכטיקער הויט.

פאַר אונדז, — אויף אַן אומרואיק פערד איז געריטן
דער האַרט־בלאָנדער שווייגער, קאַפּיטאַן טרומפּעלדאָר,
דאָס פּנים איז יונג, נאָר מיט קאַרבן צעשניטן,
אַריינגעאַקערט אין זיי דער צער פון אַ דור.

איין אַרבל אויף האַלץ, אויף הייסן לייב דער צווייטער,
דער קאָפּ אויפגעהויבן אַריבער דעם אייגענעם מוט, —
אין שפּאָרן — די פיס, ווי אויף אַ לייטער,
דער ווייט אָנצוזאָגן: איך הייב זיך אויף העכער און קום...

ער דרייט זיך אום אויפן זאָטל, זיין קול גיט אַ שניט: ימינה...
מיר נעמען זיך רעכטס, — באַפעלער בימטו קאַפּיטאַן.
אויף יענער זייט בריקל דיביימער — פרישער און גרינער,
און יינגער און גלייביקער ווערט אונדזער שפּאַן.

העכער דאָרט, קאַפּיטאַן, בייג־אָן דעם קאָפּ, די לופט איז אַ פולע
מיט קוילן־געוויין, מיט היים־צעשאָטענעם שראַפּנעל...
מיט קאָפּ געהויבענעם, זאָגט ער, גייט אַ ייד צו גאולה,
נאָך העכער הייבט ער אים אויף ביים טויט אויף דער שוועל.

די זיצסט, קאַפּיטאַן, אַזוי הויך אויפֿן זאָטל,
אַ קויל האָט דיין היטל אַ קראַץ שוין געטאָן...
ער גיט אַ שמייכל: אָ, יינגלעך, דער טויט אַליין ווערט בטל,
אַז יידן גייען צום אויסלייז, מיט קאָפּ אין דער הייך, ווי אַ פּאָן.

מיר גייען נאָך זינגענדיקער ווי פֿריער,
פֿאַר אונדז — דער חלומער־רייטער טרומפּעלדאָר,
אַזוי דערגאַנגען צום יאָר תש"ח, צו ה' באייר,
די מוילאייזל־טרייבערס, מיט שיטערע, גרויע האָר.

## מיטן ערשטן שניט פֿון אַקער

מיטן ערשטן שניט פֿון אַקער אין יהודה
האָט זיך אונדזער אויסלייז אָנגעהויבן.
אַז דער פּיאָש האָט אויפֿגעהאַקט אַ רודע,
האָט געשיינט די זון אויף יידנס שויבן.
אַז אַ האַנט האָט אויסגעריסן דערנער,
זענען טראָפּנס בלוט געוועזן די קערנער
פֿונעם אויסלייז וואָס זי האָט פֿאַרזייט.
אַז אַ קירקע האָט דעם שטיין צעפּיצלט,
האָט געקלונגען שוין: מיר ווערן ניצול,
האָט אַ קול אונדז אָנגעזאָגט: משיח גייט.

מיט פֿאַרהאַרטעוועטע פֿיס איז ער געגאַנגען,
מיט צעוואונדיקט לייב און הויט פֿאַרברענטער,
אין די שמאַטעס איינגעהילט געזאַנגען
און פֿאַרוויקלט חלום אין געווענטער.
אין דער ערד אַריינגעשניטן בייטל־זונען,
פֿון דער ערד אויסגעשניטן פֿרישע ברונעמס,
און געקושט די הייסע קנייטשן אירע,
ווי אַ מאַמעס פּנים, — ער, דער שפּירער
אין דער טיפֿעניש איר יונג געמיט.

אין די טעג האָט ער געגראָבן קוואַלן,
אין די נעכט איז ער געווען דער היטער,

אויף געווײַן פֿון אײזלען און שאַקאַלן
האָט ער שטיקער חלום אויסגעפּיטערט,
אויף די בערג האָט ער אָנגעצונדן פֿונקען
און אַלײן דאָס פֿײַער אויסגעטרונקען
מיטן דאָרשט פֿון אומקער אין דעם לאַנד, —
ער איז דאָ מיט אונדז, דער ערשטער בויער,
מיט דער פֿרייד זײַנער און מיט זײַן טרויער,
און ער שפּאַנט נאָך ווי ער האָט געשפּאַנט.

## ירושלים

### א

ס'האָט דער טאַטע מיך גענומען בײַ דער האַנט
און געפֿירט אין חדר צו יידל מלמד,
נאָר געגאַנגען בין איך צו דער גרויער וואַנט,
וואָס אין איר שפּאַלטן בליט דער ווײַכער סאַמעט
פֿון צעגרײַנטע פּסוקים, תּנ"כישע זונען
איבער אירע שטײנער האָבן געשפּאַנט,
אַ באַהאַלטענע שײַן איז פֿרום גערונען, —
און דער טאַטע פֿירט מיך בײַ דער האַנט.

ס'איז דעם טאַטנס האַנט אַ וואַרעמע נעסט
און פֿאַרטוליעט בין איך אין איר ווי אַ פֿויגל.
זאָגט דער טאַטע: וועסט גײן, איך ווײס אַז דו וועסט,
מיט אַ פּרשה חומש און מיט ייִדישע אויגן,
אויף די שליאַכן וואָס ייִדן זענען געגאַנגען.
זאָג איך: טאַטע, איך גײ דאָך און פֿרײ זיך, דו זעסט?
ס'האָט דער פֿויגל געוואָלט צו די הייכן דערלאַנגען, —
און דעם טאַטנס האַנט איז אַ וואַרעמע נעסט.

וויפֿל יאָרן פֿאַרפֿלויגן, די נעסט איז פֿאַרוויסט,
נאָר נאָך וואַרעם דער גאַנג מיטן טאַטנס פֿאַרטרויען
גײסט אויף שטײנערנע בערג און דיר דאַכט זיך — דו פֿליסט

צו ירושלים, — דער שטאָט, דעם חזיון.
גייט די זון דיר אַנטקעגן, קומט די יונה הומיה
און מיט ברוסטיקן ברומען דיין אָנקום באַגריסט.
זענען דורות געפלויגן, אַז דו זאָלסט דערפליען, —
און דעם טאַטנס וואַרעמע נעסט איז פאַרוויסט.

ב

אין אַ סיונדיקער נאַכט בין איך שטיל אַרומגעגאַנגען
אויף ירושלימס גאַסן, ס'האָט אָנגעהויבן טויען.
כ'האָב געהערט — דער הימל־אויסשפרייט זינגט געזאַנגען
צו דער בלויקייט, צו דער טיפקייט, ווי זיך צו פאַרטרויען.
ס'האָבן שטערן אויסגעפינטלט קמצן און סגלן,
ס'האָט אַ חיריקל אַן עלנטס שטיל געטאָן אַ שוועב.
אין דער נאַכט האָט זיך געצויגן אַ געוועב
איבער בערג, צעטראָטענע ווי טרעפ,
איבער שטיבער זילבערנע, צעווינטיקטע ווי זעגלען.

כ'האָב די שורות אויסגעלייענט מיט אויגן צוגעמאַכטע,
ס'האָט זיך וואָרט מיט וואָרט געקושט, אות צו אות געפלויגן,
כ'האָב געזען דעם טראָפּ, די מרכא, תפחא און אתנחתא,
ווי זיי האָבן זיך מיט אַ געזאַנג אַראָפּגעבויגן.
כ'האָב אין זיך די שטערנדיקע פינטעלעך געצייכנט,
אויסגעציילט אויף פינגער דעם זילבערדיקן טראַף, —
אַזאַ ציטערדיק, אַזאַ פאַרהוילן, אויסגעבלויט כתב
פון אַנטפלעקטן, אויפסנייאיקן באַשאַף
האָט די נאַכט געשריבן אויף די לויטער־דינע הייכן.

ג

רויטלעך, כלהדיק פאַרשעמט,
שפילט זיך אין דער זון ירושלימס שטיין,
פאַלט אויף אים אַ שאָטן, קוקט ער פרום־פאַרשעמט,
ווי אַ כלה אַז זי גרייט זיך צו דער חופה גיין.

שטעט פאַרעלטערן זיך פון צייטס באַריר,
יאָרן וואַקסן־אָן אויף זיי, ווי גרויער מאָך, —
שטאָט פון רויטן שטיין, ס'איז דער נס אין דיר,
וואָס אויף דיר וואַקסן יאָרן און ייִנגער ווערסטו נאָך.

דיין געדאַנק קרישטאָליק, לויטער, ריין,
האָבן בערג אַרום דיר היילינק אויפגעהיט,
דו ביסט נײַ, אייביק נײַ, שטאָט פון רויטן שטיין,
ווי גאָטס וואָרט, וואָס האָט פון דיר אַרויסגעבליט.

## ואתחנן

פאַרטאָג. די נידער איז אין בלוי פאַרהילט,
כפר בלום איז צו דער אַרבעט אויפגעשטאַנען,
לבנונס קאָפּ ווערט פּאַסמעסווייז באַגילדט,
אַ לאַנקע וואַרעמט און אַ שאָטן קילט, —
זינג, טרויער מיינער, — ואתחנן.

פון חרמון הייבט זיך אויף אַ זילבער־טוי
און דאָ — צום אַקערפעלד אַ יונג טוט שפּאַנען,
מיט אויסגעבלויטע אויגן, האָר ווי שטרוי, —
פאַרוואָס זע איך, ווי משה אויפן באַרג נבו
שטייט עלנט מיט אַ ואתחנן ?

קיין משה בין איך נישט, נאָר סתם אַזוי,
אַ ייִד, וואָס קומט פון וואַנען און פון דאַנען,
וואָס גיט אַמאָל אַ לויכט און ווידער ווערט ער גרוי,
נאָר תמיד שטייט ער אויפן באַרג נבו
מיט נישט־דערוויינטן ואתחנן.

ס'איז דאָ אַ שטילקייט וואָס איך גלייב איר און געטרוי,
ס'איז דאָ אַ פולקייט פון אָנגעמעלקטע קאַנען,
ס'איז דאָ אַ טרויער און אַ פרייד אין בוי, —
ס'איז איין געזאַנג, כפר־בלום און הר נבו,
פון אייביק־אָן ביז אייביק — ואתחנן.

## דער קליינער ניגון

בין ס'וועט אויסגיין דער קליינער ניגון
וואַרטן נאָך שטילע יידישע ציגן
אויף אַ טרונק וואַסער, אַביסל קלייען,
אויף אַ יידיש האַנטעכל צו צעקייען,
שטייט נאָך אַ ייִנגעלע ביי אַ פּליטל
מיט אַ באָקסער און אַ טייטל,
מיט אַ טרויעריקן פּיילנבויגן
און משיחן אין די אויגן.

בין ס'וועט אויסגיין דער קליינער ניגון
און דער גרויסער וועט זיך צעוויגן,
טראָגט נאָך דער ווינט אַ יידישע שיימע,
הענגט נאָך אונדזער אומעט אויף ביימער,
ווי אויף די ווערבעס אַמאָל אין בבל.
זינגט נאָך אַ בוך מיט אַ פּראָסטן טאָוול
גילדענע, ליכטיקע יידישע שירה
פאַר אַזויפיל פאַרנאַכטיקע אירע.

פרום איז אונדזער יידישע מוזע,
ווי אויף קבצנישער טיר די מזוזה,
ס'האָט זי דער ייד אַרויסגעסידורט,
ווידערנאַנדיקט און דערווידערט,
מיט אַ ממה־נפשך אויף אייגענע ליידן
האָט ער זי אָנגעטאָן אין זיידנס,
איר געזאַנג האָט ער אויסגעזויבערט
פון דער פאַרהאָרעוועטער שטויב־ערד.

## שיכורי אפרים

שיכורי אפרים, — הערט, איך בין שיכור
נישט פון אפרימער בערג־געטראַנק,
פון וואָלקנס, וואָס דער ווינט צערייסט אויף שטיקער,
פון זילבערנע שפּריצלעך אויפן געדאַנק
איז אָנגעטרונקען מיין געזאַנג.

די הרי אפרים זענען תנ"כיק,
עמוסעס שטראָפרייד איז זייער טעם,
און איך בין פּשוט יידיש־שפּראַכיק,
דאָס עברי־טייטש סידורל איז מיין שטאַם,
אַפילו די זינד מיינע איז אַ תם.

און ווידער, דער ווינט איז אויך נישט דער עיקר,
נאָר הינטער אים דאָס זיידענע קול
פון יידן מיינע, חלומות־שטריקער
פון ריינסטן ספרדיקן וואָל,
וואָס איז אַזוי טייער בזיל־הזול.

די זון שפּינט דאָ אויס פעדעמלעך דינע
צונויפצובינדן צעריסן געמיט,
די מאַמע מיינע קומט מיט איר תחינה,
דער טאַטע — מיט שיימעס וואָס ער האָט געהיט,
און איך — מיט פאַרהאָרעוועט יידיש ליד.

געווען זענען מיר געטרייע שפּאָרער,
געוואָרעמט אַ שורה, געכאָוועט אַ קלאַנג,
געפיינקטע, פריידיקע אויפבאַוואָרער
פון קילן פייער אין פאַרנאַכטיק געצאַנק,
פון לויטערן יידישן געדאַנק.

דאָס זון־געוועב ווערט גאָלדן געדיכטער,
די פעדעם — צונויפגעוועבט ווי זייד,
אַ ניגון גייט־אויף אַן אומגעריכטער, —
שיכורי אפרים, איר פריילעכע לייט,
אפרים קומט צו אייך פונדערווייט.

## גשר הזיו

גשר הזיוו, — מיטן פּנים צום ים,
בערג איבער אים, און פאַרגרויטע טעראַסן, —
שניידט זיך אַריין ווי אַ ליכטיקער שראַם,
מיט די צעאַקערטע, ליימיקע פאַסן.

שטייסט ביים שטראָם, וואָס איז שמאָל און פאַרדרייט,
צווישן די בייטן אַ וואַסערדיק ליקל,
ציטערדיק זענען די פשוטע רייד
דאָ, אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

יונג מיט זיין טרויער איז גשר הזיוו,
ערשט האָט זיין פרייד זיך געטאָן אַ צעוויקל,
נאַכט האָט אַרונטערגעקוקט אַזוי טיף
דאָ, אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

שטערן, צעפינטלטע, ווי אין אַ בריוו,
טונקל די שריפט און פאַרהוילן צעציקלט,
לייען אויף בויער אין גשר הזיו,
דאָ אויפן הייליקן, הילצערנעם בריקל.

## דער ערשטער פיאָש

דאָס מאַנדל־וועלדל איז גרין און שיטער,
די ביימלעך שפּראָצן דין און יונג,
נאָך ביגלערן גיי איך נאָך דער דריטער,
אַ ביימל, זאָגט ער, דאַרשט אַ טרונק,
און מיטן פיאָש גיט ער אַ קלונג.
אין מיר גייט אויף די פרייד מיט ציטער.

אַרום אַ ביימל די ערד צעגראָבן,
פון פאָרנט שטייען ביימלעך גרייט, —
די ערד האָט פיינט מען זאָל זי שאָבן,
דאָס האַרץ אירס עפן, איר אינגעווייד, —
מיט פיאָש קלינגט ביגלער, און מיט רייד, —
די ערד דאַרף טיפע שניטן האָבן.

סע שווייגט דער חבר, וואָס גייט אינמיטן,
נאָר איך הייב אויף דאָס קול און זינג:

די ערד דאַרף האָבן טיפע שניטן,
דאָס מויל דיינס עפן, בוים, און טרינק,
מיין האַרץ, ווי דו, איז יונג און גרינג,
און אונדזער ערד דאַרף טיפע שניטן.

## ווייטקייט דיינס דערגרייך

דער הימל, ווי אַ רעשעטע, שטערן זיפט,
פון פייער פליען שטערן צו דער הייך,
האָסט זיך אַליין צו עפעס צוגעקניפט,
הייב־אויף די האַנט און ווייטקייט דיינס דערגרייך.

דער מענטש האָט ווייטקייט אייגענע פאַר זיך,
דעם שטח זיינעם טראָגט ער אין זיין קוק,
אַריבערשפאַנען נאָר אַ דינעם שטריך
און ס'גיבן ווענט פאַר אים זיך אַ צערוק.

ביים פייער כאַפ איך שטערן אין דער האַנט
און צינד זיי אָן אין מיינע בלאָנדע האָר,
אַז לויכטן זאָל מיין קאָפ אין יונגן לאַנד,
אינאיינעם מיט מיין אויפגעברויזטן דור.

דאָס ווידערקול פון צווייגן אין דעם פלאַם
צעשפריצט זיך, ווי אַ רעגן, טראָפ־נאָך־טראָפ,
פון שלאָף זיך אויפגעכאַפט דער גרויסער תם,
פאַרחידושט וואָס אַ שטערן פאַלט אַראָפ.

דאָס פייער לעשט זיך, האָלעוועשקע טליט,
שוין אויסגעזיפט די שטערן ביזן סוף,
אַ ווייסע סטאַדע וואָלקנס פויל זיך ציט,
צום וואַסער גייען גלעקערדיקע שאָף, —
האָסט ערשט אַצינד, אין צווישנשיין, דערקאַנט,
אַז ס'איז די ווייטקייט דיינע אַזוי נאָנט.

# די גילדענע מעשה אויף דערנער

ווער גייט אויף די דערנער ביים פערצענער אַקער
די ערד אויפצושניידן, צעמוליעווען שטיינער?
די באָרוועסע יונגען, די זינגער, די וויינער,
די ייִדענע טראַכטערס, די קלוגע באַלאַקערס.

פאַרבלאָטערטע הענט און די פיס מיט געשווירן,
אין אויגן דאָס געלבלעכע פייער פון פיבער,
דאָס לייב איז דיר אייגענער, וואונדיקער, ליבער,
אַז האַרץ פון דער ערד מיט די הענט קאָנסטו רירן.

ווער וויל זיך דערגראָבן מיט הוילע צען פינגער
צום לייב פון דער ערד, וואָס איז שטענדיק פאַרהאָריקט,
ס'איז דער, וואָס איז צוואַנציק און לעבט טויזנטיאָריק,
וואָס זיך האָט באַצוואונגען דאָס לאַנד צו באַצווינגען.

די באָרוועסע יונגען פאַרשרייבן אין רודעס
די גילדענע מעשה פון האָרעוואַניע,
וואָס שפינט זיך אין גדרה, רחובות און דגניה,
אויף בערג פון דעם גליל, אין זאַמדן יהודהס.

די מעשה דערציילט זיך אין בלויע באַגינענס,
אַ מעשה פון רויערד מיט בלוט אויפגעריסן,
מיט זונען צעברענטע און מאָגערן ביסן,
מיט פרייד אין דעם טרויער צוריק צו געפינען.

גראָבט טיפער די ווערטער, די מעשה דערציילן
וועט תבואה אין גליל און בוים אין יהודה,
אַמאָל וועט זי הערן אַ וואונדיקער ברודער
ביז טיף אין דער נאַכט, — זיינע וואונדן צו היילן.

ס'וועט אויפגיין פון רודעס, וואָס איר האָט געזונגען
ביים אַקערן, פלאַנצן, ביים רייסן די שטיינער,
און גילדענער ווערן, געלייטערטער, ריינער,
מיט לייבער צעפּאַסעוועט, — באָרוועסע יונגען.

ס׳איז איצטער באַגינען, שעפּט וואַסער אין קאַנען
די ערד אָנצוטרינקען און זיך צו דערפרישן,
דאָס ברויט מיט דער טיי ביי די נאַקעטע טישן
אַ זופּ־טאָג, אַ ביס־טאָג און ווייטער צו שפּאַנען.

פאַרהאָרעוועט טעג, שטילע נעכט אָנגעוואוירן,
דאָס אָפּענע פּנים פאַר גאָט צו אַנטפּלעקן, —
ווער קומט מיטן אַקער די מדבר צו וועקן,
ווי זיידעס אַמאָל צו עבודת הבורא?

די באָרוועסע יונגען, בית־מדרש לערנער,
וואָס שינדן די הויט פון די אייגענע לייבער,
צו ווערן די שפּינער, אויף אייביק־פאַרשרייבער
פון גילדענער יידישער מעשה אויף דערנער.

## א י נ ד ז ש י ל

ס׳איז דאָ אַזאַ גראָז, אַ פאַרפלאָנטערט געפלעכט,
וואָס וויקלט די וואָרצלען פון ביימער אַרום,
זייגט־אויס זיי דאָס חיות און ברענט זיי און שטעכט,
ביז דאַר בלייבן ביימער, פאַרטרויערט און קרום.

איך קוק אויף אַ בוים, ווי צעווייטיקט ער שטייט,
מיט הויט אָפּגעשיילטער, מיט קרעץ אין געביין,
די צווייגן, ווי אברים קראַנקע, צעדרייט,
די בלעטלעך צעלעכערט און ציטערדיק קליין.

איך קוק אויף אַ בוים און דאָס האַרץ ווערט מיר קיל,
ווי אָנגערירט וואָלט מיך אַ בר־מינגס האַנט, —
ס׳איז דאָ אַזאַ גראָז, אַזאַ פרעסער — אינדזשיל,
וואָס פרעסט־אויף אין אויפבלי די ביימער פון לאַנד.

ס׳איז דאָ אין דעם מענטש אַזאַ פלאָנטער־געפלעכט,
וואָס וויקלט זיך אין אים אַזוי ווי אַ קנויל,

וואָס זייגט אים דעם חלום אַרויס אין די נעכט
און טרינקט־אויס זיין טאָג מיט אַ דאָרשטיקן מויל.

## זאָגן וויל איך

זיידע מיינער, ווייסער תּם פֿון מאָלעוו,
כ'בין מטריח דיך פֿון קבֿר, זיי מיר מוחל,
דיין אמונה אינעם לאַנד פֿון זבֿת חלבֿ
זאָל מיר ביישטיין, — מורא האָב איך אַז איך שטרויכל.

ביי דער האַנט געפֿירט צום ט"ז און דעם מגינים
האָסטו מיך אין זומער־טעג ביים דניעסטער,
פֿיר מיך איצטער אינעם לאַנד דעם זאַמדיק־גרינעם,
פֿיר מיך אין דער צייט, דער שרעקעדיק צע'נס'טער.

אָרעם אלמנדל, זיידעלע מיין מאָגערס,
איבער דיינע אויגן גרוי־געדיכטע ברעמען,
האָסט געזאָגט מיט שווייגן מער ווי קלוגע זאָגערס,
נישט געטאָן דיין תּמימות מיטן וואָרט פֿאַרשעמען.

הייב די ברעמען אויף, זיידעלע מיין אלמן,
זאָלן דיינע אויגן קלוג זיך מיר אַנטפּלעקן,
איך בין דאָ פֿאַרלוירן צווישן זאַמד און פּאַלמען,
גרויס אַזוי די פֿרייד, אַז זי טוט מיך שרעקן.

זאָגן וויל איך דיר, אַז ס'האָט מיך היינט באַוועלטיקט
טרויער און אַליינקייט, אַז איך טו זיך שעמען,
לעבן מיינס האָב איך אין דער פֿרעמד געצעלטיקט,
ביז די אייגנקייט פֿון היים קען איך נישט באַנעמען.

איצט איז אויפֿדערנאַכט, איך זיץ ביים ים התּיכון,
כוואַליעס קושן שטיינער מיט צעשוימטע ליפּן, —
דאָ בין איך אַ גאַסט, איך פֿאָר אַוועק אינגיכן,
ווי וועל איך דעם דאָ מיטן דאָרט מיינעם פֿאַרקניפּן?

ווידער וויל איך זאָגן, אַז מיט אומרו גלי איך
כ׳זאָל דעם יום־טוב מיינעם נישט פאַר׳צער׳ן, —
זיי מיר מוחל, זיידע, איך בין דיך מטריח
טרויער מיינעם אויף דיין תמימות אָנצושפּאַרן.

## מיסטעריע פון בלוי

לאָמיר זיך אָנשפּיגלען אין די בלויע אויגן,
אינעם גילדענעם זייד פונעם יינגעלעס האָר,
אַז פאַר אונדז זאָלן שיינען, ווי אַ רעגנבויגן,
די פאַרלאָפענע פינף־און־דרייסיק יאָר.

ס׳איז געווען דער גורל פאַר אונדזביידע
די מיסטעריע פון בלוי, מיט גאָלד פאַרשפּינט,
אַז פאַרנאַכט אַצינד, ווי די זון פאַרגייט דאָ,
זאָל אונדז גילדיקן אינעם שאָטן דאָס קינד.

מיט צעשטרעקטע הענטלעך, ווי יונגע פליגלען,
לויפט צו אונדז דאָס יינגעלע מיט אַ געזאַנג, —
ס׳איז אַ פרייד אין אים זיך אָנצושפּיגלען
און צוריקגיין דעם געגאַנגענעם גאַנג.

דער פאַרנאַכט איז איצט אַזוי ציטערדיק בלוילעך,
ווי מיט פינף־און־דרייסיק יאָר צוריק,
ווען מיר האָבן ביידע, — אַזוי אָרעם, פאַרטרוילעך, —
זיך צונויפגעקניפּט מיט זיידענע שטריק.

צו דער חופּה, אין צימערל אויף דער גאַס דער דריטער,
האָט אַפילו קיין פידל נישט געשפּילט,
נאָר אַ היימיש קול האָט געטאָן אַ ציטער,
אַז דאָס בלוי האָט אונדז גורלדיק באַגילדט.

די מיסטעריע האָט זיך אָנגעהויבן שפּינען
און ביז איצטער נישט דערשפּינט,

אינעם גאָלד־און־בלוי וועט דער טרויער געפינען
דעם באַשייד, וואָס מענטש מיט מענטש פאַרבינדט.

אויף די יאָרן אונדזערע וואַקסן היגלען,
און מיר וואַקסן אויף זיי אַרויף אַליין, —
אין די בלויע אויגן לאָמיר זיך שפּיגלען,
די מיסטעריע פון זיך אין זיי צו דערגיין.

## ווינטערדיקע טעג

סע זענען ווינטערדיקע טעג פאַראַן,
ווען פּלוצלינג ווערט צעשפּרייט פון הימל דער טומאַן,
און ליכטיק ווערט אַזוי, און וואַרעם ווערט,
דער ווינט ברענגט דיר דעם אַראָמאַט פון ערד,
פון ערד נאָר וואָס צעאַקערט און פאַרזייט.
דו גייסט אַרום און טראָגסט אין האַרץ אַ פרייד,
דיר דאַכט זיך, אַז ס'איז פרײדיק יעדערנס געזיכט,
אין אויגן זעסטו ווי סע לויכטן שטילע ליכט,
און גרינג איז יעדער איינער, — אָט אַזויווי דו, —
פאַרוויגט פון וואַרעמקייט און ליכטיקייט, ליו־ליו.

סע זענען ווינטערדיקע טעג פאַראַן,
ווען ס'גייט אַרויס די זון פון כמוריקן געשפּאַן,
און ס'עפנט זיך פאַר דיר אַ ברייטע, ווייטע וועלט,
דער וועג צו איר פאַר דיר איז נישט פאַרשטעלט,
דו גיי נאָר, גיי אַזוי, פון ליכטיקייט באַלייט,
און קומען וועט צו דיר אַ לויטערע די פרייד
און ס'וועט איר יעדער ריר דיך מאַכן גרינגער־גרינג,
דו גיי נאָר, גיי אַזוי, און זינג, און זינג,
דאָס ליד פון ווינטערדיקער פרייד,
מיט פאַסן זון דיר אויסגעשפּרייט.

## די זשוכאָוויצער מיל

צום אָנדענק פון יוסף ראָלניק

ס'איז אָפּגעשטעלט די זשוכאָוויצער מיל,
דאָס וואַסער פון דער גרעבליע קלאַפּט אין ראָד,
די נאַכט איז פול מיט שטערן און מיט סוד,
שפּעטזומערדיקער ווינט איז פריש און קיל.

ביים טויער שטייט דער ווייץ אין פולע זעק,
דער קאָרן הויפנט זיך מיט טונקל גאָלד,
די זשוכאָוויצער מיל האָט ליד געמאָלט,
ביז ס'איז פון איר דער מילנער שטיל אַוועק.

וואו ביסטו, זשוכאָוויצער מילנער, וואו ?
סע וואַרט אויף דיר אַ פולע מיל געזאַנג,
נאָר דו, אַ מידער, גייסט דעם לעצטן גאַנג
צו אייביקער, פאַרהאָרעוועטער רו.

די מילשטיינער האָסטו פאַרוויגט מיט ליד,
פאַרזונגען האָסטו פולע זעק מיט מעל,
דו ביסט געשטאַנען אויף דער גרויער שוועל
און וואָרט־געזאַנג געקליבן און געהיט.

## דער וואונדער פון אַ רגע

צום אָנדענק — פאַניע גלאַנץ

אַז דער מענטש דאַרף אויף אייביק אַוועקגיין,
קען אַמאָל אַזאַ וואונדער געשען
אַז ער זאָל אויף אַן איינציקער רגע
אי דעם סוף, אי דעם אָנהייב דערזען.

ס'איז די רגע אין צייט נאָר אַ רגע,
אין דעם שטח פאַרנעמט זי אַ וועלט,
ס'ווערט דער מענטש אויפן גסיסה־געלעגער
פון זיין אייגענעם אויפשיין באַהעלט.

ס'איז צו איר יענער וואונדער געקומען,
יענע רגע אויף איר האָט גערוט
מיטן זאָג, — דעם באַהאַלטענעם, פרומען, —
אַז באַשאַף אין זיין אויסלאָז איז גוט.

אויף די אויגן אַ צודעק פון זיידנס
און דער שמייכל איז נאָענט און ווייט, —
ווי דערהויבן איז מענטש אין זיין ליידן
אַז צום טויט זאָל ער קומען באַפרייט.

## די לויטערע טאָמנע

יעקב באַטאָשאַנסקין צו זיינע זעכציק יאָר

איך בין אַ בעלצער און דו — אַ קיליער,
שוואַרצערד איז פאַר אונדז שוין רויטערד געוואָרן,
אויפגעהיט האָבן מיר אָבער דעם פריי־יאָר,
סטעפיקן, טרעפיקן, ווינטיקן, קלאָרן.

ווייצענע זומערן לאָמיר דערטראַכטן
ביז צו דעם אומעט ביים סטעפישן טויער,
ווייך־אָנגעגאָסענע קאָדרע־פאַרנאַכטן
לאָמיר דערטרינקען ביז שאָפּענעם טרויער.

טאָמנעם פאַפשויענע לאָמיר דערגראָבן
ביז צו דער טיף פון די קלאָרע איזוואָרן, —
אָ, וויפל אייגן געזאַנג נאָך מיר האָבן
שטיל צו דערזינגען די עלטערע יאָרן.

דו, דער בעל־שפע פון קאָרענע ווערטער,
האָסט דיין געמיט אויף די ווינטן צעטראָגן,
מיט דער צעבראָסטעטער פרייד דער באַשערטער
פון בעסאַראַבישע זומער־פאַרטאָגן.

ווערטער צעאַקערט האָסטו מיט געדאַנקען,
ווערטער פאַרזייט מיט אַ האַרץ פול מיט ציטער,

פּולקייט געבראַכט צו פּאַרטיילן געשאַנקען, —
פּאַרביקע, גאַרביקע רייד פולע גיטער.

אַקערער דו, בעסאַראַביש דערנערטער,
דו ביסט אין וואָרט, ווי אַ זאַנג אויפגעגאַנגען,
קומט צו דער טאַמנע, דער אייביק באַשערטער,
ווערן נאָך לויטערער דיינע געזאַנגען.

תמוז איז איצטער, — אַרביזעס, מאַליאָנעס,
גילדענע זאַרזערעס, טויאיקע פלאַמען,
נעכט, אָנגעטרונקען מיט ווייַן פון לבנות,
גיסן אויף סטעפּעס צעזילבערטע שטראָמען.

בלעקערצן שאָף אויף בערגלעך אין סטינעס,
שעפּסענע אויגן פּאַרקיילעכיקט שטוינען, —
אָ, וויפל שיין רינט אין אונדזערע תחינות,
קוואַלן אמונה אין רייד פון מקונן.

שפּינער פון וואָלענע רייד בעסאַראַבער,
ביסט צו דער פולקייט פון וואָרט שוין דערוואַקסן,
ווייסט שוין דעם פּשוטן טייטש פון וידבר, —
רעדן צו רעדן מיט גילדענע פלאַקסן.

פול איז די טאַמנע מיט ברויטן און ווייַנען,
שיין איז די טאָמנע מיט לויטערקייט שקיעה'ער,
וואָס וועט צום בלאָ־ווייסן ווינטער דערשייַנען, —
איך בין אַ בעלצער און דו — אַ קיליער.

## אַ וואָרט אין פּערזן

יעקב גלאַטשטיינען — צו זיינע זעכציק יאָר

קענען קען איך דיך נאָך פון דיין יינגסטער פּרי,
פון „צעלאַצעלדי", טירטלטויבן" און „סעזאַמע",
אויסגעשפּילט האָסטו דיין „גאַנצע מי"
אין אַ טרויעריקער, יוגנטלעכער גאַמע.

אויפֿן וואָרט האָסטו אַרויפֿגעטאָן אַ נייע הויט,
אומרו דיינער האָסטו אָנגעטאָן תּכשיטים,
נאָר דער „שטילקייט שעפֿסענער" האָסטו אָנגעטרויט
דעם קליגסטן, האַריק־פּולסירנדיקסטן ריטעם.

מיטוואָך פּראָסטן האָסטו אויסגעקנוילט, —
זעט, ווי יידיש־שיין ער איז, דערהויבן־אָרעם,
אומוואויל מיט אַ כּישוף־וואָרט פֿאַרוואוילט,
ווי אַמאָל ביי אונדז דער חכמדיקער עוקר הרים.

האָסט אַ סך מאָל שעמעוודיקייט דיינס פֿאַרשטעלט
מיט אַ נאַקעטקייט, מיט ווערטערדיקער העזה,
בכּיוון ברייטקייט דיינס האָסטו פֿאַרשמעלט,
להכעיס דעם געזאַנג געוואָכעוועט מיט פּראָזע.

זאָגסט, אַז דיינע יאָרן האָסטו נאָר געוואָלט
זאָלן לויכטן אין דער נאַכט ווי די לאַמטערנס,
נאָר מיט בלענדיקע קאָלירן האָסטו זיי געמאָלט
און אַרונטער שיינען זיי ווי פֿרומע שטערן.

לעבן, ווייס איך, איז נישט קיין גראָדער שליאַך,
פֿול מיט רודעס איז עס, מום'ען און פּגמען,
וואויל איז אָבער דעם, וואָס זיין געמיט איז וואַך,
קיינמאָל, קיינמאָל זיך אַליין נישט צו פֿאַרזאַמען.

דו צו זיך אַליין האָסט זיך נישט פֿאַרזאַמט,
ביסט אויף יעדער שאָרך אין זיך אַ וואַכער,
האָסט פֿון דיין געדאַנק־געמיט אַרויסגעטעמט
אַ רב עקיבא, רבי מאיר און אַן אחר.

ווייס איך, אַז מיר זינגען און דערזינגען זיך צום תּהום,
אַז אריבער אונדז הענגט טונקל דאָס פֿאַרלענדן,
נאָר איך בענטש דעם זון־באַשפּריצטן שטראָם,
וואָס נאָך אַ טרונק צו אים קען איך זיך ווענדן.

האָסט דעם טאַטנס שאָטן אויסגעשפּרייט
איבער זיך, איבער אונדז, איבער די אבֿילי פֿוילן,
האָסט דעם טרויעריקן יידנלאָמפּ פֿאַרדרייט,
צו אַנטפּלעקן הייליקייט, וואָס איז געווען פֿאַרהוילן.

טרויערער אויף זיך אַליין, אויף אייגענעם באַשערט,
ביסטו דינער, איידעלער דערשפּירער
פֿונעם קינד, וואָס וויקלט זיך אַרויס, וואָס ווערט
פֿינטעלע באַוואוסטזיין, געווינער און פֿאַרלירער.

קינד אין דיינע שורות, קינד אין דיר אַליין,
איידער קוים־געפֿאַרבטקייט, קוים קאָלירט־קאָלירן,
דאָער איז דער יש מאין, ריינסטער ריין,
אור־געשריי פֿון מענטש, אָנהייב פֿונעם שפּירן.

ביסט נישט קיין אַנטלויפֿער, ביסט אַ צוקומער צו זיך,
צו די גאַנצע, אורע, אייביק שטילע, וואָרע
זעאונגען, וואָס אַריינגעזען, שטריך נאָך שטריך,
האָסטו נאָך ביים חומש, ביים ערשטן דף גמרא.

מזמור שיר ליעקב בעלותו על ההר
פֿון די אויסגעפּרואוווטע יאָרן, ליכטיקע און מיאיקע,
מיטן שיינעם קאָפּ, מיט די טונקל־זילבערדיקע האָר,
מיט די אויגן ווייבע, קלוגע, גליאיקע.

## מאַני לייב

אַוועקגעריטן איז דער ווייסער ריטער
אויף זיין צעשוימטן, בלויען ליד.
דער טאָג נאָך אים איז טרויעריק און שיטער,
ער איז נישטאָ שוין, דאָ איז נאָך זיין ציטער,
זיין יונגער טרויער איז נאָך אויפֿגעהיט.

אין שלייערן, אין זיבן ווייסע טוכן,
האָט ער דאָס דינע וואָרט זיינס איינגעהילט,

אַז פלאַטערן אין אים זאָלן וואונדן, ברוכן,
אַז שפּילעוודיק זאָל ער דעם צער פאַרזוכן
און טרינקען אים, אין ווינט שוין אָפּגעקילט.

די גרינע אויגן האָט ער אויסגעטונקען
אין זון, וואָס האָט אין אים געברענט,
דאָס וואָרט האָט ער מיט בלוט זיינעם געטרונקען
און אָנגעצונדן עס דערנאָך אין פונקען, —
אַפילו אין די זינגעוודיקע הענט.

דער אַראָמאַט פון ליד איז נאָכגעוואַקסן
נאָך זיין מעלאָדיש־שטילן קול.
דער ריטם האָט געוויגט זיך אויף זיין אַקסל,
אָליוון פּנים זיינס האָט זיך, ווי פלאַקסן,
צעבלאָנדיקט אין פאַרנאַכטיקייט אַמאָל.

ווי קען מען, פרעגט איר, אין דער ערד באַגראָבן
געזאַנג, וואָס איז אי צער, אי פרייד?
אָ, זעט, מיר וועלן נאָר אַרונטערשאָבן
אַ לוסקע ערד און זיך דאָס האַרץ דערלאָבן
מיט דעם געזאַנג, וואָס ער האָט דאָ פאַרזייט.

## וויין אין קרוגן

ס'איז אַלט דער וויין אין אונדזערע קרוגן,
געדיכט און גאָלדיק, מיט אַ קילבלעכן טעם, —
איז וואָלט איך געפרעגט אַ יידן אַ קלוגן,
פאַרוואָס ער שמעקט מיט פאַרלאָשענעם פלאַם.

נאָר קאַלט ווערט מיר דאָס וואָרט אויפן גומען,
דערוואַרעמען קען עס נישט די צונג,
איז זיצן מיר, דער לעצטער מזומן,
און האָבן מורא צו נעמען אַ טרונק.

פאַרנאַכטיקע זיצן מיר, אַלע צו זוכן
אַ פונק פון זיך, פון אייגענעם יש, —
פאַרלאָשענעם פלאַם אין ווײַן צו פאַרזוכן
איז גלײַך ווי צו טרינקען דעם אייגענעם פאַרלעש.

גיסט איינער אָן אַ כּוס און קוקט אַ שטומער,
ווי טונקל אין ווײַן שפּילט פאַרנאַכטיק גאָלד.
אַן אַנדערער שרײַבט־אָן: ס'איז יין המשומר...
אַ דריטער — אויפן טיש קרומע נונען מאָלט.

איז וואָס וועט זײַן, אַז דער יין המשומר
וועט עלטער ווערן פון אונדזער געמיט?
מיר וועלן דערשטומען דאָס וואַרטן אויף קומערס,
צו טרינקען אַ טראָפּן פון אונדזערס אַ ליד.

מיר האָבן אַרײַנגעגאָסן די יוגנט,
ווי ווײַן, וואָס האָט נאָך געהאַלטן אין שפּיל,
איצט זענען מיר עלטער און עלטער די קרוגן,
דאָס שווײַגן אונדזערס איז נאַכטיק און קיל.

## דער קייסער פון שטומקייט

מיר שטייען אַרום אים, ווי ווײַסע בערעזעס,
וואָס אײַנגעבויגן האָט זיי דער שניי,
נאָר ווײַסער איז ער, — ווי אַן אָפּשטאַם פון גזעס,
וואָס ווערן אין ווײַסקייט אַן איוב־געשריי.

ער זיצט אויף אַ שטול, ווי צו קייטן געשמידטער, —
דער קרײַז פונעם לעבן פון קייט איז צו קייט, —
נאָר איבער אונדז דרײַ איז ער נאָך אַ היטער
און שווײַגט פאַר אונדז אוים די פאַרנאַכטיקע רייד.

דער קיסר פון שטומקייט גיט מיט דער האַנט אַ צייכן
און ס'ווערן פאַר אונדז נײַע וואונדער אַנטפּלעקט:

ווי רייד נישט־געזאָגטע צו פולקייט דערגרייכן,
ווי האַנט אין דער לופטן צו וואָרטיקייט וועקט.

ווי איז עס, אַז שטומקייט זאָל האָבן אַ קייסער ?
דער גורל האָט אונדז צו דער שטומקייט דערדערט,
געקרוינט האָבן מיר דעם שנייאיקן ווייסער,
פאַר אונדז אויסצושווייגן אַלצדינג וואָס ער זעט.

דער קייסער פון שטומקייט פירט די מסיבה
פון לעצטן מזומן, מיט צייכן און וואונק.
וואָס טונקעלער סע ווערט, ווערט גרעסער די ליבע
צו אים, וואָס אין טרויער פאַרבינדט ער די צונג.

מיר בייגן די קעפּ, ווי סע פּאַסט זיך צו בייגן,
אַז פאַר אַ קייסער אַ מענטש אַמאָל שטייט.
וואָס טונקעלער סע ווערט, אַלץ מער ווערט אייגן
די שטומקייט, וואָס פול איז מיטן נאָכקלאַנג פון רייד.

## פּאָעט־פאַרוואַנדלער

ה. לייוויקן צו די זיבעציק יאָר זיינע

זיי מוחל מיר, פּאָעט, וואָס איך דוץ דיך, נישט איך אירץ, —
דאָס ליד דיינס דוץ איך לאַנג שוין אין מיין רעיון,
ס'איז דאָ אין ליד ביי דיר אַזאַ מין היימיש־דין געווירץ,
וואָס ברענגט דעם אַראָמאַט פון אַן אַלטן, קלוגן דיין.

נאָך יונגערהייט, אַז מיר אין ווערטער האָבן זיך געפּוצט,
איז וואָרט דיינס שוין געווען פון ערד אַרויסגעוואַקסן,
דאָס ליד דיינס האָב איך דערמאָלט שוין, ווי ערד, געדוצט
און נאָכגעגאַנגען דיר, ווי נאָך אַ פור מיט דעמבע־אַקסן.

דערקענט האָב איך דיין ליד, אַז ס'האָט נאָך אינעם שניי
געבלענדט מיט ווייסן טרויער אינעם גאַנג סיבירער,
נאָר ס'איז געווען, אַז פונעם פראָסט און דעם זאַווייי
האָט זיך געטראָגן שוין דאָס וואַרעמקייט פון דינעם שפּירער.

# אפרים אויערבאַך

אָ, יאָ, דער אַלטער, קלוגער דיין האָט געהייסן דן
און די הלכה האָט ער קיינמאָל נישט פאַרבויגן,
נאָר אַז געשטאַנען איז אַן אָרעמאַנס פאַרמעג אין קאָן,
האָט אים ער צוגעפּסקנט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

און דו, פּאָעט פון שאַרפן וואָרט, וואָס איז געווירציק־האַרב,
מיט רחמים ביסטו פול אין „לידער פון גן־עדן".
האָסט נתן ניומאַנס צער מיט אייגן בלוט געפאַרבט
און מענטש־געוויין אין אים האָסטו געטאָן באַשיידן.

דו האָסט אַ פּשוט גלאָז, מיט וואַסער אָנגעפילט,
דערהויבן צו סימבאָל, צו סוף פון אַלע סופן, —
דאָס טישל און דאָס גלאָז, זיי זענען שוין פאַרשטילט
און נתן ניומאַן איז אויף אייביק איינגעשלאָפן.

נאָר מיר, — דאָס גלאָז ביינאַכט נאָך אויפן טישל שטייט,
די שאָטנס וועלן זיי שוין קיינמאָל נישט פאַרדעקן,
מיר ווייסן נישט, ווי דו, צום אומקום דעם באַשייד,
מיר ווייסן נאָר ווי דו האָסט זיי געטאָן אַנטפלעקן.

אָט מיש איך אין געמיט אַ ליד דיינס נאָך אַ ליד
און „וואָלקנס אַהינטערן וואַלד" הייב איך אָן צו מישן,
דער טרויער דיינער, זע איך, ווי אַ פויגל פליט,
מיט זיינע פליגלען מיר דעם אומעט צו דערפרישן.

נישט פון די ביכער דיינע, פון זיך שעפּ איך דיין ליד,
און טרינק דיין וואָרט, — דעם טעם צו שפּירן אויפן גומען.
דעם טאַטן דיינעם זע איך, — דער בייזער, רויטער ייד, —
ווי דו האָסט אים דערקענט אין אָרעמשטיבל אין איהומען.

אָ ווייפל פלאָנטער, — ליבשאַפט־ריס געקנופּט, —
דעם טאַטנס רויטקייט אַריינגעזונגען אין סאָנעטן,
ווי פעטן ווייַן האָב איך זיי וואָרט־נאָך־וואָרט געזופּט
און שפּיר דעם טעם נאָך איצט, אין ווינטער מיינעם שפּעטן.

די מאַמע, ווי דו האָסט אין ליד זי אויסגעשעפּט,
די מלכּה אָרעמקייט, די בת־מלכּה פון האָרעוואַניע,
זי האָט זיך צו די מאַמעס אַלע צוגעקלעפּט,
דער וועלטס געוויין איז זי פון הא לחמא עניא.

איך זע, ווי אויפן עפּלבוים דער איינער בלאַט
איז פאַרן ווינטערדיקן ווינט דערציטערט,
נאָר דו האָסט אים צעגרינט אין סאַמע מיטן שבט,
אַז ווערן זאָל ער פונעם אייביק־בלי דער ריטער.

אַוודאי ווייס איך, אַז דו האָסט אין דיין פאַרמעסט
געמאָלן וויזיעס פון אויסלייזער און דעם דערלייזטן,
נאָר ליד דיינס, ווי פויגלס פלי צוריק אין נעסט,
וועט מיט דער רו און אומרו מענטש אין טרויער טרייסטן.

פּאָעט־פאַרוואַנדלער, — גראָז און בוים סימבאָל, —
דער לייטערער פון זעאונגען קאָשמאַרע,
האָסט זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַן אומקול קול,
ווי זון, וואָס קוקט אַרויס פון הינטער שווערער כמאַרע.

האָסט אויסגעשפּילט די דראַמע פונעם מענטש־אימאַזש
מיט פונקען־פינקלדיקע טראַגיק־טענער,
פאַרברענט אַליין זיך און אויפגעשטאַנען פונעם אַש, —
צוריק ווי דו, נאָר דינער, זינגעוודיקער, שענער.

די הייסע קויל פון וואָרט האָסטו אויף צונג,
צום אָנהייב נאָך, מיט קינדערישער האַנט גענומען,
און פון דער טיף אין דיר האָט פלאַם געטאָן אַ זונג,
דעם צער פון זיך, פון אונדז, פון גאָרער וועלט איהומען.

דער ווינטער־טאָג אַצינד איז זוניק, קאַלט און רוי,
געוואָי פון ווינטן איז צווישן אונדז דער שטח,
נאָר אין דער שטוב, דערווייטערט ווי איך זיץ אַזוי,
געשטאַלט דיינס שניידיקס אין די ווערטער מיינע קנעט איך.

פּאָעט־פאַרוואַנדלער, ביסט געשטאַנען שוין ביים סנה
און זיך אַליין געזען אין דאָרנביימל ברענען,

הייב־אויף די אויגן איצט, פאַרוואָנדל נייעם זע,
ווי ס׳וואַקסן יונגע צווייגן אויף די לידער, דיינע שטאַמען.

הייב־אויף, פּאָעט, דיין ווייסקייט און דערשפּיר
די קויל די ברענענדיקע אויף דיין גומען,
דערהער די לידער דיינע, ווי זיי קלאַפּן אין דיין טיר,
ווי דו האָסט זיי געהערט אין יונגשאַפט פון איהומען.

אַזויפיל מאָל פאַרוואַנדלט האָסטו זיך, פּאָעט, —
אין גולם׳ס צער, אין ר׳ עליעס שמאַטעס־קרוינען,
אין מאָרד און אין חרטה פונעם קין־חטא,
אין פרייד פון אויפבלי, אייגענעם דערשטוינען.

הייב־אויף די אויגן איצט, דעם טיפן גרין־און־גרוי,
פאַרשאַר אַרויף די זינגעוודיקע וויעס,
און זע פאַרוואַנדלונג נייע: אַז כאָטש ס׳איז שפּעט אַזוי,
רופט־אויף דיך נאָך דאָס וואָרט צו יידישע עליהם.

דער טאָג האָט זיך שוין אויסגעווינטיקט, זון איז קלאָר און ריין,
אַ טיפע וואַרעמקייט איז דאָ אַמאָל אין ווינטער,
אין פראָסט האָט וואָרט אַ וואַרעמערן מיין, —
דערשפּיר, פּאָעט, ווי וואָרט דיינס ווידער צינדט ער.

## יעמוד, ר׳ אפרים

יעמוד, ר׳ אפרים בר׳ אלעזר שו״ב,
צום מנין רופט מען דיך. — סע איז שוין נאָך חצות,
סע שלאָפן אַלע שוין ביי מיר אין שטוב,
הערט קיינער נישט דעם רוף, נאָר איך אַליין.
איך פרעג דעם רופער: סטייטש, פאַרוואָס?
דער רופער איז נישטאָ, ער דאַרף נישט זיין שוין מיין,
דאָס קול זיינס האָט ער איבער שליאַכן וועלט צשיקט,
צו טירן צוגעקלאַפּט, צו שויבן צוגעקלעפּט,
ווי אַ מזוזה הענגט עס אויף מיין טיר.

און אַז דער זייגער האָט די האַלבנאַכט אויסגעטיקט,
האָט זיך פון ברונעם אייגענעם אַרויסגעשעפט
דאָס קול, און צוגעשטראָמט צו מיר:

יעמוד, ר׳ אפרים בר׳ אלעזר שו״ב,
צום מנין רופט מען דיך, אין שול אנשי חב״ד.
נעם־מיט דאָס סידור, תפילין נעם,
קוק־איבער גוט דעם ציציתדיקן קנופּ, —

אין דרויסן אויף אַ בוים ציטערט שטיל אַ בלאַט,
דאָס קול פאַרגייט זיך אין אַ טיפן — אַדוישעם.

## ווינטערווייַץ

ציט זיך פון הימל אַ גילדענער שטראַל,
עפנט אין האַרץ זיך פון בענקשאַפט אַ קוואַל...

אָנהייב פון מיין ערשטן געדרוקטן ליד,
אין „סיון", ווילנע 1909.

גרינע שורות, ווי דער ווינטערווייַץ אין אייר,
אייער ליידיקייט האָב איך מיט טרויער אויסגעפּילט,
נאָך אַ יובל יאָרן בענק איך נאָך, ווי פריער,
נאָר דער שטראַל איז איצטער טונקעלער באַגילדט.

אָ, דער ווינטערווייַץ, אין שניי זיך אויסגעוואַרעמט,
גיט אַ וואַקס־אַרויס פון רוויקיק־פריער ערד,
ווי אַ קינד, וואָס טאָג האָט זיך אויף דעם דערבאַרעמט
און אַ חלום פון דער נאַכט אים זוניק אומגעקערט.

שורות יונגע, ווי ווינטערווייַץ, אין ציטער אויפגעגאַנגען,
דער אַרויסוואַקס פון שפּעטזומערן פאַרזיי,
שוין פאַרזוכט האָב איך דעם טעם פון רייפע זאַנגען,
נאָר די בענקשאַפט ליגט נאָך צוגעדעקט מיט שניי.

יאָרן וועלקן, יאָרן טונקלען, יאָרן בלייבן,
אינעם אויפגאַנג איז אָפּגאַנג איינגעהילט,

נאָר אַ שפּאַן איז דער נידער פון די בלויסטע הייכן,
גוט איז נאָר, אַז טרויער איז מיט אַ זון באַגילדט.

קומט צוגאַסט דער יובל יאָרן א פאַרשעמטער,
זעץ איך אים אַנידער אויבנאָן ביים טיש,
איך אַליין, אין טונקלקייט אַ גרוי־באַבריעמטער,
זאָג אים יום־טובדיק : פון אָנהייב נעם און מיש.

אָנגעהויבן פרי און איצטער איז שוין שפּעטלעך,
האָסט שוין אויסגעקלאַפּט דעם זומערווייק. אַצינד
שאַר־צונויף די יאָרן, ווי פאַרוועלקטע בלעטלעך,
אַז צעטראָגן זאָל זיי נישט דער כאַפּערישער ווינט.

# וואַך איז דער סטעפּ

(1963)

באַלד שוין דערזונגען
דער באַשייד
סאָראָקע
אָטעק־מאָלעוו באַטאַליע
טרויער ייִנגלשער
אַ טרונק וואַסער
בייל און וואונדן
ליבשאַפט
קנעפּלעך זון צעשפּיליעט
חומש־סטעפּ
רו און אומרו
אַ קעלבל אויף די אַקסלען
לייביש גאָלאָוואַטע
אַ יונג וואָלעכל
די גייערין
דאָס רויטע לעמעלע
דער פּעטער אהרן־בער
אַ שטיקל פעלד
די רויז
שמעון־הערש
די צוויי פּעטער מענדלס
בלעטלעך פון אָנהייב
דער שטוב־ניגון
דורך יאָרן־סטעזשקעס
חיים־שמואל שוחט ברענגט אַ שנור
דער בלאָער פויגל
די ראָטאָנדע
דער פלויט
די מומע צביה און אירע זעקס זין
דאָס קול פון טערקלטויב
דער מאָלעווער זיידע

## באַלד שוין דערזונגען

דערזונגען שוין באַלד דאָס ליד פון געראַנגל
מיט זיך, מיט דער שיין פון געדאַכט־נישט־געדאַכט,
נאָר ס'גייט מיר נאָך נאָך אַ דערשראָקן געזאַנגל,
וואָס וויל מיך דערכאַפּן אַליין אין דער נאַכט.

אַ קינדיש געשטאַלט, מיט אויגן צעבלויטע,
וואָס ווערן דערוואַקסן, פאַרטונקלט אין שרעק,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע, צו מיר אָנגעטרויטע,
אַ קול, וואָס ווערט נענטער און ווייטער אַוועק.

די טריט, ווי אַ קינד, וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען
און טראָגט נאָך דעם סאַמעט פון שלאָף אינעם טופ, —
אָ, לאָז מיך, דו זעסט דאָך, איך גיי שוין פונדאַנען,
שוין טירן און פענצטער פאַרמאַכט אין דער שטוב.

ווער וועט זיי נאָך מיר אַמאָל טאָן אַ צעעפן
און אָטעם צו טאָן מיט די וואַרעמע ווענט?
און אפשר אַ שורה, אַ וואָרט מיינס, נאָך טרעפן,
ווי קוילן, וואָס האָבן נאָך אַליך נישט דערברענט?

ווער וועט אויפן טיש מיינס אַ זונפלעק דערכאַפּן,
ווי כ'האָב אים געקושט און ער האָט געטאַנצט?
אָ, ווער וועט די שיין פון די ווענט מיינע צאַפּן,
ווי איך האָב פון ליכטשטויבן ביימער געפלאַנצט?

## דער באַשייד

יידן זענען געזעסן אויף די טייכן פון בבל
און געוויינט, אַז זיי האָבן זיך דערמאָנט אין ציון.
ס'איז די צייט אַן אָפּגעריבענער טאָוול,
וואָס אַמאָל הייבן־אָן זיינע ווערטער צו בליען, —
מיט אַ רויטן געבלי,

מיטן בלוט פון דערמאָן.
אין אַ זומער פאַרפרי,
שניידט זיך דורך די זון —
אַ פאַרבלוטיקטער צאָן
אויפן הימלס האַלון.

אויפן דניעסטער ליגט מיד
אַ צעשויבערטער פאַס.
באַרג־אַראָפּ גייט אַ ייד
אַ פאַרטראַכטער אין ש"ס,
דער געדאַנק זיינער פליט
פון מגינים צום ט"ז,
גאָר דעם דניעסטער ער זעט,
ווי זיין וואַסער איז רויט, —

יידיש בלוט פון צוויי שטעט,
דאָס איז יידישער טויט.
בלייבט דער ייד שטיין אין גאַנג
אויפצומישן אַ בלאַט
אין פאַר'צער'טן געדאַנק, —
גזירת ת"ח, גזירת ת"ט.

אָ, איר וואַסערן שטילע, אָ, רואיקער דניעסטער,
וויפל יידישע לעבנס האָסטו אויסגעטרונקען,
נאָר דעם גאַנג דיינעם ווייטער פאַרדרימלט גיין וועסטו,
אויבן ליכטיק געקאַרבט און אין טיפעניש טונקל.

טראַכט דער ייד פון די טייכן דניעסטער און דניעפּער,
יידן זענען ביי זיי, ווי ליים אין די הענט פונעם טעפּער.
פון די גאָנטעס טראַכט ער, כמיעלניצקיס קאָזאַקן,
וואָס דעם יידישן בוים האָבן זיי געטאָן אונטערהאַקן.
און אין אונדזערע טעג, — פּעטליורא, זעליאָנע.
שיקסט די זון, גאָט, דעם דניעסטער, די שטערן, לבנה
און דעם טויט דעקסטו צו מיט אַ הימל אַ בלויען.
אַ בעל־רחמים ביסטו, גאָט, און איך בין אַ כהן,

צי מעג איך דאָ קומען, — גאַנצפרי נאָך געפעדערט, —
צו די קברים אין וואַסער, דעם טויט אין זיין גדר?

דער פאַרפרי ווערט האַרטער,
מיט אַ וואָלקן פאַרגייט,
און דער ייִד, אַ פאַר'צער'טער,
זוכט אויף זיך אַ באַשייד.

# סאָראָקע

אין סאָראָקע די ווייַנגערטנער באַרג־אַרויף קלעטערן.
ביים צופוסנס זענען קליין און בייגעוודיק די שטאָקן
און ווי קינדער שטייען זיי, אַפילו פאַר דער זון דערשראָקן,
נאָר ביים שפּיץ הייבן זיי זיך אָן צו צעבלעטערן.
ס'איז דאָס קלייד זייערס גרין, דער אונטערשלאַק רויט,
אויף די שטאַמען איז אָנגעוואַקסן אַ האָריקע הויט.

אין שפּעטזומער האַלטן זיי אַראָפּגעוואויגן די קעפּ
מיט אָנגעגאָסענעם אָנלאָד הענגלען טרויבן.
ס'קוקט אַריין צו זיי די זון, ווי דורך שמאָלע שויבן,
גיט די זאַפט ביי זיי גנבהדיק אַ שעפּ
און באַהאַלט זיך אין אַ שאָטן צו כאַפּן גיך אַ טרונק, —
אין סאָראָקע דער באַרג איז שוין אַלט און איז נאָך יונג.

באַרג־אַרונטער הענגען ווייסע שטיבער אין סאָראָקע
אויף די ביימערדיקע, ווילד־צעוואַקסענע טשופּרינעס.
שויבן אין פאַרנאַכטן זאָגן טונקל־בלויע תחינות,
ס'קוקט די זון צו זיי אַרונטער ברוגזלעך־קאַסאָקע,
נאָר די שויבן גיבן זיך אין טונקלקייט אַ שפּיל, —
צווישן ווייַנשטאָקן דער פאַרנאַכט איז נידעריק און קיל.

ביים צופוסנס פונעם באַרג דער דניעסטער שטראָמט אַ פרומער,
אויף די לענדן אָנגעגורט אַ גאַרטל זיידן־גרינער.
כוואַליעס זיינע פליגלען זיך, ווי ווייס־געפלעקטע הינער,

וואָס פאַרפלויגן זענען זיי ביז צום זילבער־זוים פון זומער.
שיפלעך שטייען צוגעשפּיליעט צו די שטיינערדיקע קנעפּ,
אָנגעחידושט, וואָס די ביימער גייען דאָ אויף טרעפּ.

גאַסן אין סאָראָקע וואַקסן פון דער ערד ווי שטאַמען,
אויסגעצווייגט מיט שאָטנדיקע, טוליענדיקע הייזער.
זון קוקט דאָ אַריין שפּיציק, ווי אַ רויטער ווייזער
און צעפּאַסעוועט די ווענט מיט גינגאָלדענע שראַמען,
גיט אַ שמייכל אויף די דעכער, צינדט זיי אָן מיט שיין
און צום דניעסטער גייט אַראָפּ מיטן טעם פון אַלטן וויין.

## אָטעק־מאָלעוו באַטאַליע

אַז דער דניעסטער שטעלט זיך, — טבת, אַמאָל שבט, —
וואַקסן איבער אים די בערג, ווי ווייסע היטערס.
נעמט אַ ראָב און פּליט פון אָטעק, גראָ און מאַט,
איז נאָך גראָער ביזקל מאָלעוו קוים דערפּליט ער.

אַ פאַרלאָזן שיפל איינגעפרוירן שטייט
אויפן ווינט — אַן עלנטער, אַ ווייסער זקן.
אַז אַ ייד דעם טייך, אין שניי, אַריבער גייט
זענען טריט זיינע צעוואָרפן און דערשראָקן.

אין אַ טאָג, וואָס איז מיט זון און פראָסט צעשפּילט,
כאַפּט זיך נאָך אַריבער אַ פאַראייזטער שליטן.
אויף די פערד דער הייסער אָטעם ווערט פאַרקילט
און פאַרכמאַרעט בלייבט ער הענגען אינדערמיטן.

אָטעק־מאָלעוו זענען מיטן פראָסט צעשיידט,
מיטן שניי דעם בלישטשנדיקן, ריינעם.
ליגט אַ בענקשאַפט צווישן זיי אויפן שניי צעשפּרייט,
ווי ביי וואָרעמע, צוויי גוטע שכנים.

נאָר אַמאָל אַ שבת, אַז די זון איז הויך,
קומען זיך צונויף אינמיטן דניעסטער ביידע,

פון די נאָזלעכער און מיילער גייט אַ רויך, —
אָטעקער און מאַלעווער אָטעמען מיט פרייד דאָ.

קאַצעפּיניקעס פון אָטעק, מיט געדיכטע בערד
אין פּאַטשיילעס בלענדיק־רויטע איינגעוויקלט.
און פון מאָלעוו — טרעגערס, פּעלצן אויסגעקערט,
מיט שווערן גאַנג פון אַ פאַרעקשנט ביקל.

אַ גוט שבת, — גיט אַ הילעך אויפן שניי.
פון די מיילער גייט די פּאַרע, ווי אַ כמאַרע, —
העי דאָרט, אָטעקער, נעמט און גיט זיך נאָר אַ דריי...
גיט אַ קוק, די מאָלעווער, די כאָליערעס דאַרע...

מאַמעליגעס דאָרטן, גיט זיך נאָר אַ ריר...
העי כאָכאָלן, זייט דאָרט נישט צעקראָכן...
די פאַרפרוירענע געמיטער עפענען אַ טיר,
וואָס געווען איז זי פאַרקאָוועט גאַנצע וואָכן.

דער פאַרמעסט צום אָנהייב איז אַ שפּיל־געוועט, —
וואָסער שטאָט ס'איז שטאַרקער אויסצופּרואוון, —
אַז סע וואַרפט דער שמעון אָטעקער אַ ברעט,
דאַרף זי כאַפּן באַלד דער מאָלעווער, דער ראובן.

נאָר דער שאַרפער פראָסט דאָס בלוט צעברענט,
אין די אָדערן, דערפילסטו, קלאַפּט אַ האַמער,
נעמט די חברה זיך צעפּירן ערשט די הענט,
און נישטאָ שוין קיין פאַרהאַלטער, קיין פאַרצאַמער.

איז די אָטעקער דערלאַנגען מיט די האַרטע קעפּ
און די מאָלעווער מיט שטריקענע קולאַקעס.
אין דער בלויער קעלט — דער הילעך פון די קלעפּ
ווערט געדיכט פאַרהאָנגען מיט מאַראַקעס.

היטלען פאַלן, אָפּגעהאַקטע, אויפן שניי.
הוילע קעפּ, צעשויבערט, פונקען שפּריצן.
פון די פּאָלעס ווערט אַ ווינטיקער זאַווײ.
שווערע שטיוול אינעם אייז אוזאָרן קריצן.

קיינער רעדט נישט, נאָר אַ וואָרט ווי אַ פויגל פּאַלט,
גיט אַ ציטער און גייט־אויס פאַרפרוירן.
קוקט די זון אַרויס פון אַ כמאַרע־שפּאַלט,
ווי זי וואָלט איין אויג אירס אָנגעוואוירן.

אַז דער קורצער טאָג הייבט־אָן פאַרגיין
און פון מאָלעוו באַרג־אַרונטער קריכט אַ שאָטן,
גיט אַ ייד אַ זאָג: אַ טראָסק אַך אין געביין,
מע דאַרף מנחה דאַווענען, אין טאָטנס־טאָטן...

בלייבן הענגען הענט אין סאַמע מיטן שוואונג,
קעפּ דערפילן, אַז זיי זענען הויל און נאַקעט,
צו די היטלען לויפן יידן מיט אַ הייסן שפּרונג
און צעיאָגן זיך מיט אַ געשריי: אוי טאַקע, טאַקע...

אשרי כאַפּט מען נאָך אַריין אינמיטן יאָג,
צו דער שול דערלויפט מען כאַפּן אַ קדושה.
אויפן דניעסטער גיט אַ ווינטעל זיך אַ יאָג, —
די געאיילטע יידן־פרומע טריט צו קושן.

## טרויער יינגלשער

דעם יינגלם טרויער ביים זונפאַרגאַנג
אין דניעסטער האָט זיך דערטרונקען.
געבליבן איז אַ רויטלעך געצאַנק,
מיט דינע שפּריצעלעך פונקען.
די בלעזעלעך, — קריינדעלעך גאָלד, —
דעם טרויער אין טיפעניש קריינען.
דאָס יינגל טראַכט: וואָס האָב איך געוואָלט?
דאָס פולע האַרץ מיינס באַוויינען.

נאָר אַז דאָס יינגל געזען האָט די קרויז,
ווי רויט זי באַחניקט זיין טרויער,
ווי איר אַרום ווערט דאָס וואַסער טיף ברוין

אונ אויבן דער הימל ווערט בלויער,
איז אויפגעגאַנגען אין אים אַ פרייד,
און פול איז דאָס האַרץ אים ווידער,
אַ זון, מיט אַ טרויער וואָס פאַרגייט,
צוריק : גאָלד פאַרטונקלטס גיט דיר.

דאָס יינגל דאָס טונקעלע גאָלד זיינס דערלאַנגט
דעם זילבערנעם מאָלעווער זיידן.
וואָס איז אַ טרויער, וואָס צינדט זיך און צאַנקט,
קענסטו, מיט דיין חכמה, מיר אפשר באַשיידן?
דער זיידע, אין דער האַנט, גיט וואַסער אַ שעפ,
אַז ס'זאָל צווישן פינגער אים רינען, —
וואָס גרויער איך ווער און וואָס לענגער איך לעב,
קען איך דעם באַשייד נישט געפינען.

## אַ טרונק וואַסער

נאָך איצט שפיר איך דעם טעם פון פרישן וואַסער אויף דער צונג.
דאָס קילקייט פונעם עפּלבוים. איך הער דעם שאָרך פון טריט.
די האַנט זע איך, וואָס ווי אַ בוים האָט זי מיט האָר געבליט, —
אַ מענטש האָט מיר, דעם דאָרשטיקן, דערלאַנגט אַ טרונק.

פון שליאַך האָב איך זיך אָפגעקערט, פאַרנומען זיך צום סטעפ.
דער קאָרן איז שוין באַלד געווען אַ האַלב ווי איך די הייך.
דער זומערטאָג, פאַרפרי, איז שטיל־פאַרפירעריש און בלייך,
ער שפּיליעט־אויף מיט דינע הענט די גילדנרויטע קנעפּ.

אַנטפּלעקט האָט זיך דער סטעפּ — אַ האָריק־ברוינע ברוסט,
מיט בלויע קווייטלעך־פלעקן, זונרויז־בעכערס געל.
אַ העזל גיט אַ לויף און אויף הינטערפיס אַ שטעל,
זיך צו באַהאַלטן אין געצווייג פון אַ געדיכטן קוסט.

אַ דיאַטלע גיט אַ פּלי. די פליגלען אויסגעשפּרייט
מיט שאָטנס טונקעלע, וואָס שניידן־אָפּ די שיין.

זי פּאַלט דערנאָך צוריק אין זאַנג־געוועב אַריין,
דער שפּור נאָך איר — אַ בינטל ווייץ צונויפגעדרייט.

ס'איז שטיל אַרום. ס'איז שטיל ביי דיר אונטערן דאַך.
אַ דאַנק דיר פאַרן טרונק, — זאָג איך דעם מאָלדאַוואַן.
ער שטעלט צוריק אַוועק די קאַלטע, פייכטע קאַן
און זאָגט מיט וואַרעם קול: דער סטעפּ איז תמיד וואַך.

## בייל און וואונדן

אַ ביקל אַ צעוואַקסנס, הערנער ערשט אַרויסגעבלויט,
וואָס האָט דערשפּירט דעם הייסן, ברויזנדיקן בלוט־געפּלייץ,
וואַרפט אומעטיק דעם קאָפּ, קוקט חידושדיק אויף שטרעקעס ווייץ,
און גיט אַ שפּרונג אַריבער זיך צום שטיינערדיקן פּלויט.

פּריטשמעליעט שטייט דאָס ביקל, — אַ זעץ אין מיטן שפּרונג, —
די אויגן פול מיט צער, אויפן שטערן וואונד און בייל.
דער פויער ברוסטיק לאַכט: וואָס איז דאָ דאָס געאייל?
דאָס איז דער ערשטער שפּרונג. אַ ביקל אַז ס'איז יונג...

די זון האָט שוין געפלאַמט. אין גאַנג צוריק צום שליאַך
אין שאָטנס אויפן סטעפּ האָב איך געזען דעם קוק
דעם ביקלס, וואונדיק־שטום, אויף דער פעל דעם צוק, —
דער סטעפּ איז שוין געווען מיט בייל און וואונדן וואַך.

## ליבשאַפט

אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ שטייט די שקאַפּע אויפן סטעפּ,
די גריווע קעמט דער ווינט מיט פינגער זיידן־קיל.
אַ לאָשיקל אַ ווייכס גיט זיך מיט איר אַ שפּיל,
גראָבט־איין דעם קאָפּ אין אייטער און מילך גיט אַ שעפּ.

די שקאַפּע טראַכט און גיט אַ הירזשענדיקן לאַך.
פאַרוואונדערט קוקט דאָס לאָשיקל און שפּרינגט אַוועק.

די מאַמע גיט דעם קאָפּ צום קינד אירן אַ שטרעק, —
דער סטעפּ אין זומערפרי, מיט ליבשאַפט איז איצט וואַך.

## קנעפּלעך זון צעשפּיליעט

דאָס קליינע וואָרט איז אָרעם אָנגעקליידט,
מיט לאַטעס האָריקע פון ווייץ און קאָרן,
מיט טיפע אַקער־קאַרביקע אויזאָרן
און שטיקער זון פאַר קנעפּלעך צוגענייט.

דאָס קליינע וואָרט האָט טרויער־פרייד אַ סך,
געוועבס פון קאָרבן ווערט אים איינגעקריצטער,
די קנעפּלעך זון צעשפּיליעט זענען איצטער, —
דער סטעפּ מיט קליינעם וואָרט איז תמיד וואַך.

## חומש־סטעפּ

פאַרנאַכטלעך פאַלן פּאַסן זון אויף ווייטן סטעפּ.
אַן עלנט שטיבל איז מיט טונקלגאָלד באַגילדט
דער ווינט אויף זיינע זאַנגען־סטרונעס שפּילט
און גיט זיי ביי די האָר מיט אַ לאַך אַ שלעפּ.

אַ קעלבל גייט פאַרחלומט נאָך דער קו.
אין בינטלעך — לעמעלעך צונויפגעקניפּט.
אַ ניגון האָט דאָס טייכל אויסגעזיפּט,
פאַרכוואַליעט זיך צו שטערנדיקער רו.

דער טאָג איז אָנגעזעטיקט, מיד פון בלענד,
ער לאָזט אַראָפּ די ווייעס יידיש־פרום.
זינגט רות צו בועז'ן: איך קום... איך קום...
אלמנהשאַפט מיינס איבערענטפער אין דיינע הענט.

די שטערן פינטלען־אויס פסוקים פון תנ"ך,
איך לייען זיי מיט איינגעוויגטן קאָפּ.

דעם ניגון זאָג איך מיטן ריטעם פונעם טראָפּ
און שפּיר: דער סטעפּ מיט חומש איז איצט וואַך.

## רו און אומרו

די רו איז אויפן סטעפּ געבויגן צו דער ערד,
אין דער לבנה־שיין זילבערדיק פאַרהילט.
דעם טאָג האָט פריִע נאַכט ערשט אָפּגעקילט
און האָט אַ בלייכן חלום אויסגעקלערט.

אַ פליִושענער, צעשאָרכטער ציטער וועקט
דאָס אויסגערייפטע, זון־פאַרברוינטע ברויט.
אַ פערד, אויף פּאַשע, אָטעמט דורך דער הויט
און ווינט מיט נאָזלעכער צעשפּרייטע שמעקט.

אַ טירל סקריפּעט. גיט זיך אַ פאַרמאַך.
אַ פענצטער לעשט זיך אויס. נאָר אויף אַ שויב
די שיין נאָך פלאַטערט מיט געזאַנג און ליב, —
מיט רו און אומרו איז דער סטעפּ ביינאַכטיק וואַך.

## אַ קעלבל אויף די אַקסלען

אַמאָל האָב איך געזען אַ יידן גיין אין סטעפּ,
אַ באָרוועסן, מיט אַ קעלבל אויף די אַקסלען,
און מענטש און קאַלב, מיט תמעוואַטע קעפּ,
האָט איינס דעם אַנדערן געוואָלט אַריבערוואַקסן.

דעם קעלבלס פיס, ביים יידן אויף דער ברוסט,
אין רויטער באָרד זיינער אַריינגעפּלאָנטערט.
וואוהין סע גייט דער ייד האָב איך נישט געוואוסט,
נאָר מיט אים איז געגאַנגען אַ זומערדיקער יום־טוב.

פאַרפאַרי. דער סטעפּ איז נאָך געווען פאַרהילט.
דאָס קעלבל אויף די אַקסלען האָט מיט פרייד געוואָיעט.

די זון האָט ערשט דעם יידנס פּנים אָפּגעגילדט
און ער האָט הויך געזונגען צו דעם נייעם טאָג — מה טובו.

געגאַנגען זענען מיר באַזונדער אויפן שליאַך,
די ברויטן האָבן זיך פון צייטיקייט געריטלט,
דער שאָנעשניק האָט גאָלדיק־געל געטאָן אַ לאַך,
אין קאָרן האָט זיך פרום געבלויט אַ קווייטל.

פאַרקוקט האָט זיך דאָס קעלבל אין דער ווייט,
דאָס ברוינע פעלעכל האָט געכוואַליעט און געציטערט.
אַ קו, האָב איך געהערט, וויינט מיט מו און שרייט,
דאָס קול אירס איז געדיכט און די לופט איז שיטער.

דאָס קעלבל מיט די אויגן זוכט דעם ווייטן מו,
צעשפּרייט די נאָזלעכער, — די מאַמען צו דערשמעקן.
דער סטעפּ איז פול מיטן עלנט פון דער קו,
מיט שאָטנדלעך און טונקל־רויטע פלעקן.

נאָר פול איז אויך דער סטעפּ מיט יונגשאַפטס־פרייד,
צעשאַלט האָט זיך דאָס קעלבל מיט אַ מע, אַזוי ווי
ס׳וואָלט אָנגעזאָגט דער וועלט אַז סע קומט, סע גייט
ביים יידן אויף די אַקסלען, וואָס זינגט דעם טאָג מה טובו.

## לייביש גאַלאָוואַטע

אַ בינטל יידן, בעלצער יידן, פאַרן טויט
ביים קבר שטייען, וואַרטן אויפן זאַלפּ,
די פּיאות ווינטיקע פון שאַרבנס גלאַטע,
זעסט אויף די פּנימער די אַשיק־גרויע הויט, —
אין פרייִאָר טאָג פליט איבער זיי אַ שוואַלב, —
און איינער דאָרט איז לייביש גאַלאָוואַטע.

דערקענט האָב איך אים אויפן טרויעריקן בילד,
כאָטש עלטער איז ער דאָ אויף איבער דרייסיק יאָר

און ס'איז זיין הויך געשטאַלט סוטולעוואַטע.
אַפילו פאַרן טויט איז שמייבל זיינער מילד,
ווי פון אַ חלום אויפגעשטאַנען אין קאַיאָר, —
דער שכן מיינער, לייביש גאָלאָוואַטע.

געדענק איך אים, ווי זומער פונעם פעלד פאַרנאַכט
איז ער געקומען אין אַ ווייסן שטויב־כאַלאַט,
דער שטערן זוניקט איבער אויגן מאַטע.
דעם פולן סטעפּ האָט ער צו אונדזער שוועל געבראַכט,
דעם ווינטיקן, דעם תבואהדיקן אַראָמאַט
און שטילקייט אייגנס, לייביש גאָלאָוואַטעס.

פירקאַנטיק איז געווען זיין קליינע, שוואַרצע באָרד, —
אַ זיידן רעמל צו דעם פּנים לויטער פּליוש.
געווען אין יאָרן יינגער ווי מיין טאַטע,
נאָר עלטער איז געווען זיין אויסגעטרויערט וואָרט,
וואָס אויסגעטייטשט האָט ער עס מיט אַ קלוגן דרוש,
מיט דעם געמיט פון לייביש גאָלאָוואַטע.

אין שטוב ביי אונדז, אין ווינטער, ביי אַ גלעזל טיי,
געזעדט האָט ער פון דער „הצפירה", דעם „הזמן", —
נישט שייך, לשון־קודש, נאָר עפּעס איז שטשערבאַטע, —
נאָר וואָרעם, זעט איר, איז אים, אַז ער לייענט זיי,
די שרייבער הייננטיקע, וואָס שרייבן אין זשאַרגאָן,
בסתר לייענט זיי לייביש גאָלאָוואַטע.

דער מענדעלי, ר' לאָזער, איז אַ קלוגער ייד,
ער פאָרט אַרוים מיט זיין עגלה אויפן פעלד
און מאַכט זיך ווי ער רעדט זיך תמעוואַטע,
דערציילט אייך ווי גאָטס וועלטל וואַקסט און בליט,
ער לאָזט אייך אָבער הערן גאָר אַ סך, פאַרשטעלט, —
פאַרחלומט טרינקט די טיי לייביש גאָלאָוואַטע.

יהודה שטיינבערג — ער איז, דאַכט זיך, פון ליפּקאַן, —
אַ מעשהלע דערציילט ער, גיט עס אייך אַ נעם.

צו מענדעלין קומט ער נאָך נישט לעת־עתה,
נאָר ליב האָב איך ביי אים דעם פּשוטן זשאַרגאָן.
אַז ער דערציילט אַמאָל פון הייליקן בעל־שם,
איז מלא־טעם, זינגט לייביש גאָלאָוואַטע.

דער ווינטער אויף דער נאַכט איז שטוביק איינגעצאַמט,
אַן אינדזל איז די שטוב אין שניי, אין פראָסט, אין ווינט,
אין קאַלטע פענצטער וואַרעמט זיך די וואַטע,
דעם מענטשנס קול איז ברוסטיק, טיפער און באַטעמט,
דיר דאַכט זיך, אַז אַ פּשוט וואָרט אַ ליכטל צינדט,
ווי איצט דאָס וואָרט ביי לייביש גאָלאָוואַטע.

אין דעם פאַרשטערטן פּסח נײַנצן הונדערט דריי,
פון קעשענעוו האָט זיך דערטראָגן דער פּאָגראָם,
געדאַכט האָט זיך, אַז נעכט אין ניסן זענען שבט'ע,
מיט קעלט און שרעק, מיט לויער און מיט הייסן בליי, —
אַ בלאַט געשיכטע האָט געעפנט אַ תהום, —
אַרײַנגעקומען איז אין שטוב לייביש גאָלאָוואַטע.

געקומען איז ער שווייגן, האָט ער שטיל געזאָגט,
בציבור שווייגן, ווי צוקאָפּנס ביי אַ מת.
וואָס דען? נאָך איצטער זאָגן ברוך אתה?
און צוגעהערט האָט ער זיך, ווי דער זייגער שלאָגט,
דער אומרו וויגט זיך און די וואָג גיט זיך אַ פּרעס,
פאַלט נידעריק דער קאָפּ ביי לייביש גאָלאָוואַטע.

דערנאָך האָט ער געפרעגט: וואָס הייסט קידוש השם?
צי זוכה־זיין דערצו קען ער, דער פּראָסטער ייד?
האָט ער געאָנט דעם קרבן זיינעם שוין בשעתו?
געציטערט האָט ביי אים אויף רעכטן אויג די ברעם,
דער שאָטן זיינער אויף דער וואַנט האָט שטום געקניט, —
געשוויגן האָט שוין לייביש גאָלאָוואַטע.

דאָס בילד פון די קדושים אין מיין שטאָט, אין בעליץ,
הענגט אויף אַ וואַנט אין זוניק־ווייסער תל־אביב,
און איבער דעם — די הייליקע, די געלע לאַטע.

אַ דין, צעקנייטשט פּאַפּיר, אַן עלטערדיק־פאַרגעלטס,
נאָר אויגן יידישע — צערדיק און טיף,
און טיפער זענען זיי ביי לייביש גאָלאָוואַטע.

## אַ יונג וואָלעכל

אַ וואָלעכל האָט זיך אַמאָל אַריינגעדרייט
אין אַחיעזרס שטערנדיקער סטינע,
אַ וואָלעכל אַ יונגס, אַז קוים נאָך וואָס סע גייט
אויף טרעלעכלעך טרויעריקע, דינע.

פון פליעסק אין טייכל, פונעם ווינט אין סטעפּ,
פון סיוונדיקע שטערנדלעך־געשריפצן,
האָט זיך דאָס וואָלעכל אין פעדים אויסגעוועבט
מיט פאַסמעס רייד, מיט פרענדזלעך־זיפצן.

אַרומגעבלאָנקעט האָט זיך עס צווישן שאָף און לאַם,
אַ זונג געטאָן, דאָס קול נאָר צו דערהערן,
און זיך דערשראָקן פאַרן טרויעריקן טעם,
פאַר קינדישן שוין זיין און ערשט נאָך ווערן.

די שאָף אין סטינע האָבן זיך געטאָן אַ ריר
און נישט דערחלומט דאָס געשפּיל פון פאַסטעכס פלויער,
די לעמעלעך, מיט ציטערדיק־געקרויזטן שפּיר,
געדאַכט האָט זיך, אַז די נאַכט ווערט בלויער.

געטראַכט האָט אַחיעזר: זע, איך ליג און צייל
די שטערן אין דער נאַכט, ווי אַ גביר בריליאַנטן,
פאַרגעסן האָב איך גאָר, אַז הכוכבים כוכבי אל,
אַז צו דער הייך דאַרף גאָר אַ ייד אַ שפּאַן־טאָן.

האָט ער ביים וואָלעכל אַ טרונק־געטאָן דעם זונג
און זיך געחידושט, וואָס די שטערן טיפער זעט ער,
ווי זייער פינקלען שפּירט ער ממש אויף דער צונג
און ווי סע מישן זיך פאַר אים אין הימל ספרדיקע בלעטער.

דאָס וואָלעכל האָט זיך דערווייל אויף ביידע פּיס געשטעלט, —
באַסאָוון טרויער, שפּילעוודיקן אַלטל און סאָפּראַנאָ, —
מיט זיך אַליין געדאַנקען יונגע איינגעקנעלט
און צו דער הייך אַרויפגעשיקט אַ שטילן ואתחנן.

אַזויפיל קשיהס אויסגעפּרעגט, — פון אומעט און פון פרייד, —
אַז ס'איז פון זיי געוואָרן אַ לויטער בינטל קנוילן,
צעריסן שטיקער האַרץ, שטיקער האַרץ צונויפגענייט,
אַנטפּלעקט אַ גאָרע וועלט און אַ וועלט פאַרהוילן.

די שטערן האָבן צוגעפינטלט, דאָס ווינטל — צוגע'יאָ'ט,
און איינגעהערט האָט זיך מיט גראָז און בוים די סטינע,
צעטאַנצט האָבן זיך לעמעלעך אַ מע־ע קאַראַהאָד,
אַ מעשה האָט דאָס טייכל אָנגעהויבן שפּינען.

איז אַחיעזר אויפגעשטאַנען און געזען מיט שרעק,
ווי בלוי איז אים געוואָרן באָרד־און־פּאות,
ווי אויפן היטל טאַנצט אַ זילבערדיקער פלעק,
ווי שטערנשיין אויף אים אַ בלוילעך־ווייסער שפּריי איז.

האָט ער געזאָגט: אָ גאָט, די נידער איז די הייך,
אויף ערד בין איך און איבער איר דערהויבן,
די שטערן לויכטן און מיין באָרד איז בלוי און בלייך,
און וועלטן זע איך, ווי דורך זומערדיקע שויבן.

דו האָסט מיך, בורא עולם, נישט געזאַלבט מיט אייל,
אַ פּראָסטער ייד בין איך, וואָס דינט דיך אין דער סטינע,
וואָס זאָל איך זינגען דיר? הכוכבים כוכבי אל,
אַ וואָלעכל און לעמעלעך און איבער זיי — די שכינה.

דאָס וואָלעכל האָט זיך צו דער הייך געשטרעקט,
צום זילבערדיקן קוואַל פון נאַכטס נגינה,
דערנאָך זיך מיד מיט טרעלן אייגענע פאַרדעקט
און איינגעשלאָפן אויף די סטעפּעס טונקל־גרינע.

האָט אַחיעזר פרום געזאָגט: דו ווילסט דאָך, גאָט,
אַז טאַנצן זאָל איך מיט די שאָף און לעמער,

איז טאַנצן וועל איך אין דער שיין פֿון דיין געניאָר
און שעפּן מיין אמונה מיט אַ שטערנדיקן עמער.

געשפּרונגען זענען שאָף און לעמעלעך און בעק,
מיט עקלעך פּאַרריסן, אויגן תמעוואַטע,
און אַחיעזר, אויפֿן קאָפּ דער זילבערדיקער פלעק,
האָט צוגעפּליעסקעט מיט געזאַנג: ברוך אתה.

אַ לעמעלע האָט ער גענומען אויף די הענט,
דאָס פּעלעכל געקושט, אַריינגערוימט אין אויער:
די פֿרייד איז גרעסער, שוטים וואָס איר זענט,
אַז איינגעהילט איז זי אין בורא'ס גרויסן טרויער.

## די גייערין

ס'איז די שאָף געווען אַ שטילע גייערין, —
רק אַרומגעבלאָנקעט אין דער סטינע, —
אויף די קיילעכדיקע אויגן — שלייערן,
אויף די קרויזן וואָל — שפּריצלעך דינע.

דאָ ביים טייכל, — קוקן אַ פּאַרוואונדערטע,
ווי אין וואַסער רינצלט זיך איר פּנים.
אויף אַ בערגל דאָרט, אַן אָפּגעזונדערטע,
ווייטע מעקענישן צו דערמאָנען.

שאָף ביי טאָג, אונטער סטערטעס דאַכיקע,
דרימלען־אויס אַ וועלט מיט לאָנקעס פּעטע,
אָבער די שאָף גייט אַרום אַ וואַכיקע,
ווי אַ גרושהלע, נאַר־וואָס אַ געגטע.

שאָף פּאַרנאַכט, זוניק־אויסגעוואַרעמטע,
בייגן־איין די קני מיט טונקעלע געמיטער,
אַז די שאָטנס, מאַמעדיק־דערבאַרעמטע
זאָלן זיין אויף זיי געטרייע היטער.

אָבער די שאָף גייט אַראָפּ אין טאָלעכל,
וואו די שאָטנס זענען לענגער, בלויער,
און צעמעקעט זיך אַ שאָפן וואָלעכל,
ווי דער פּאַסטעך אויף זיין שלאַנקן פלויער.

אין פאַרטאָגן, — דימענטענע, טויאיקע, —
אַז פון טייכל הייבט זיך אויף אַ רייכל,
שטייט די שאָף אַן עלנטע, ניטדאָאיקע
און פאַרנעמט די וועלט מיט שטומען שכל.

חודש אייר, אַז מע שערט די טשערעדע,
קומען שאָף הכנעהדיק צום שערער,
מיטן וויסן, אַז די גרויסע שער־אײדאָ,
זייער וואָל צו שניידן מער און מערער.

אָבער די שאָף, איינע אַ פאַרלוירענע,
קומט צוריק פון ערגעץ ערשט פאַרנאַכט־צו,
מיט די קרויזן וואָל נישט קיין געשוירענע,
מיט באַהאַלטענעם געלעכטער, דאַכט זיך.

אינדערפרי גייען שאָף פאַרשעמטע, נאַקעטע,
ווי די קינדער אָרעמע אָן העמדלעך,
אויף די פעל געשריפּצן חוזקדיק פאַרדראַקעטע,
עפּעס אייגן זיך אַליין און פרעמדלעך.

נאָר די איינציקע, די שאָף די וואָליקע,
גייט־אַרויס צום טאָג מיט קרויזן פונקען,
מיט געשאַל צו דער באַזונטער טאָלעקע
און מיט טוי־ברילִיאַנטלעך איינגעטונקען.

אויפן זומערדיקן פעלד, דעם אָפענעם,
גייען איינציקוויז די שאָף נאָך די באַראַנעס,
זיך צו פאָרען אינעם מיטנטאָג פאַרשלאָפענעם
אין די גראָזן, אין די גרוילעכע בוריאַנעס.

מיט אַ שטיפערישן גאַנג, אַן אײן־אַלײניקן,
גייט די שאָף די איינע, אַ באַוואָליקט־שוואַרצע,
און אַריבער סטעזשקעס, שפּיציק־שטייניקע,
דעם צעתּאווהטן באַראַן פאַרנאַרט זי.

זי צעשפּרינגט זיך מיט אַ מע אַ שאַליקן,
טאַנצט אַקעגן דעם באַראַן מיט שײנדל־טלאָיען,
ביז דעם טייכל, דעם געקנייטשטן, שטראַליקן,
דאָרט דעם הייסן ציטער אירן אים פאַרטרויען.

אויפן ווינטער ליגן שאָף אין שטעלעכלעך,
אָנצוואַרעמען אויף שטרוי די ביינער,
אויסצוטראָגן לעמעלעך מיט ווייכע פעלעכלעך, —
איז די שאָף די איינע נאָך אַליין־אַליינער.

אויפן שניי, דעם פראָסטיק־אויסגעשטערנטן,
גייט זי אום, מיט צעפלעך אייז אַראָפּגעוואויגן,
און אַ וואָלף אַפילו, אַ דערצערנטן,
קוקט זי אין די הונגעריקע אויגן.

שמעקט פון איר מיט וואָלף, מיט שטערן סטעפּיקע,
איז די שוואַרצע וואָל אירע לבֿנה'קן,
פון די קרויזן אירע, בלישטשיק־צעפּיקע,
רינט דער קאַלטער, ווינטערדיקער האָניק.

## דאָס רויטע לעמעלע

פונעם מוטערלייב האָט זיך דאָס לעמעלע אַרויסגעשאַרט
מיט אַ מע — אַ זילבערגלעקל אינעם בלאָלעכן פאַרפרי,
אויפן גראָז אַ שטעל־געטאָן די פיס און ציטעריק געוואַרט,
אַז די פרייד פון ז י י ן זאָל צו די קילע הייכן טאָן אַ פלי.

אויף דער שאָף, דער מאַמע, איז צעשפּיצט און קאַלט געווען די וואָל,
דאָס געבערן־בלוט אירס האָט זיך הײס געדרייכערט אויפן שטרוי,

אַ פֿאַרוואונדערטע האָט זי געהערט דאָס זילבערדיקע קול
און מיט צונג פֿאַרטריקנטער אַ לעק־געטאָן דעם פֿרישן טוי.

צוגעקומען איז דער פֿאַסטעך מיט אַ פֿולן הויפֿן זאַלץ,
אויפֿן לעמעלע צו שפּרענקלען, — נאַ דיר, שאַף און לעק.
נאָר געזען האָט ער, אַז ס'איז דאָס פֿעלעכל אַ ריינס, אַ קאַלטס,
מיט אַ בלישטש אַ רויטלעכן און אַ זילבערדיקן פֿלעק.

אַ לבנהלע אַ שפּיציקס אויפֿן רויטן שטערן בליצט
און דאָס גופֿל, אויסגעקרייזלט, רויט צעבוואַליעט פֿלאַמט,
אינעם קאָרעלע דריי רויטע שטרייפֿעלעך זענען איינגעקריצט,
ווי זיי וואָלטן זיך געגילדיקט אויף דער זון אין זאַמד.

האָט דער פֿאַסטעך עס גענומען מיט פֿאַרוואונדער אויף די הענט,
צוגעטוליעט און אַ פֿייף־געטאָן: אָ, לעמעלע, ביסט רויט.
ס'האָט די פֿריע זון די כוואַליעס־קרייזעלעך געטאָן אַ בלענד
און צעהאַנגען טרעלדעלעך, ווי גלעקעלעך, אין דער סטינעס פֿלויט.

שאָף אַ הונדערט האָבן זיך געפּאָטעט אין דער פֿריי־יאָר נאַכט,
מיט געבוירן איז די גרינגע סטינע אַחיעזרס פֿול,
שאָף אויף שטרוי־געלעגערס האָבן האַלב געדרימלט, האַלב געוואַכט
און געלעקט ביי יונגע לעמעלעך דעם שוואַרצן קאַראַקול.

נאָר דאָס לעמעלע דאָס איינע, רויט ווי תמוז זונפֿאַרגיי,
האָט זיך שטיפֿעריש געוואָרפֿן ביי דעם פֿאַסטעך אינעם שויס,
פֿונעם ווייסן פֿלעק אַרויסגעבלישטשעט האָט בריליאַנטלעך שניי,
אין די פֿינגער האָט געשפּירט דער פֿאַסטעך פֿרייד־און בלוט־געברויז.

צוגעטראָגן אַחיעזרן האָט דער פֿאַסטעך דאָס געשאַנק:
זעט, אַ לעמעלע אַ רויטס... וואָס זאָגט איר, גאָספּאָדאַר?
אַחיעזר האָט עלינו נאָך דערזונגען אין געדאַנק
און דאָס לעמעלע באַקוקט מיט שמחה און מיט צער.

דער געדאַנק האָט אים געטאָן אַ פֿלי
איבער צייטן גלייכע, קרומע,
צווישן אַלערליי קאָלירטע קי
איז געווען איין פּרה אדומה.

איז דער מיין, — ווער ווייסט דערפון דעם מיין ?
אַז דער סוד פאַרהוילן איז מיר,
וועל איך זינגען וואָס איך קען פאַרשטיין
צו דעם לעמעלע אַ מזמור.

מזמור, לעמעלע, מיין רויט געזאַנג,
שיין ביסטו און קוטשעראַווע,
דיין פאַרהוילן־ליכטיקן געדאַנק
קוש איך אויס דאָ באהבה.

מזמור זינגט ער צו דעם רויטן שׂה
מיט זיין קול אין אים פאַרשוויגן,
און דאָס לעמעלע דערלאַנגט אַ מע
צו דעם ריטעם פון זיין ניגון.

אַז דער פאַסטעך האָט דאָס לעמעלע צוריק געבראַכט צום שטרוי,
האָט די שאָף עס אָנגעקוקט מיט טרויעריקן, פרעמדן קוק,
מיט אַ פוס דערלאַנגט אַ בריקע. ס'איז געווען דער טלאָי
איינגעטונקען נאָך אין בלוט, ווי אָט־ערשט נאָך אַ פאַרצוק.

אַ צעשטורעמטס האָט דאָס לעמעלע געטאָן אַ שפרונג
צו דער אייטער, מיט אַן אָפּן־הונגעריקן מויל,
נאָר די מוטער האָט זיך אָפּגעקערט. געבליבן איז די צונג
ביי דעם לעמעלע אין דרויסן, אומעטיק און הויל.

אויפן רויטן לעמעלע האָט זיך צעשפּילט
דער פאַרפריער צער באַשערטער,
ס'האָט די זון וואַרעמער געגלידט
און געפעדימט טרויעריקע ווערטער.

## דער פעטער אהרן־בער

געווען איז דער פעטער אהרן־בער אַ חבד'ער חסיד,
פאַר מצה־שמורה האָט ער אַליין דעם ווייץ געקאָסעט,
די זאַנגען אָפּגעהיט און אַליין געדרעשט.

אַליין די קערנער אין דער וואַסער־מיל געמאָלן, —
סע טראָגט דער ייד אויף זיך אַזויפיל עולן,
נאָר טרויעריק איז דעם, וואָס זיין פרייד זיך לעשט,
אַז ווערן ווערט ער ווי אַ מאָגער קנייטל,
אַז ס׳שפּילט אין האַרצן אים אַ הייזעריקלעך פלייטל.

אַ שטיק ערד איז ער געווען, וואָס אויסגעטעסעט
האָט אים דער אייבערשטער אין זיין גרויסן חסד.
דעם אַראָמאַט פון מיטזומערדיקן סטעפּ,
האָט ער געטראָגן אין זיין באָרד־און־פּאות, —
אַז די דערזעסט נאָר גוטס, נעם תיכף און פאַרזיי עס,
דערנאָך גאָטס ראָסע פון לבֿ־תמים דיינעם שעפּ,
אַז, ווי אין פעלד די זאַנגען, גוטס זאָל וואַקסן,
האָט ער געזאָגט מיט אַ קול פון זינגעוודיקע אַקסן.

צו קויפן גאָטס אַ זאַק פּאַפּשוימעל,
אַ זעקל ווייץ, אַ קריגל בוימל,
איז ער פאַרטאָג געגאַנגען צו דער בריק.
אַ וואָגן הייצעכץ אין די פּראָסטיקע קאַיאָרן,
אַ קיישל אייער, צי אַ פורל קאָרן, —
מיט וואָס דער אייבערשטער האָט נאָר באַגליקט.
דערנאָך, אַז בעלץ איז נאָך געשלאָפן,
האָט ער צו פריזבעס אָרעמע געטראָפן.

אַ וואָרף־געטאָן די גאָב צו אָרעמאַנסקע שוועלן
און שטיל אַוועק, פאַרשעמט און פרום פאַרעלנט,
וואָס טראָגן דאַרף ער פון דער אָרעמשאַפט דעם סוד.
ביי טאָג איז ער געגאַנגען איבער הייזער, קראָמען,
נדבות קלייבן פאַר קבצנים אָן אַ נאָמען,
פאַר יידן, וואָס פאַרגעסן האָט זיי גאָט.
געגעבן האָבן יידן גריוונעס, זעקסערס, צענערס
און ער איז שטיל דערוואַקסן זיך צו האַלטן קלענער.

דער פעטער אהרן־בער האָט געזאָגט:
נישטאָ קיין מצווה, נאָר דער ייד

איז מצווה, זיין פּרנסה.
זיי ייד מקיים באַלד נאָר ווי סע טאָגט,
ווי פויגל כאַפּט זיך אויף און פליט,
ווי אויפן גראָז גיט אַ בליאַסק די ראָסע.

די מומע ברײַנע איז געווען העכער פונעם פעטער,
און אויסגעטריקנט, ווי אַ בוים אָן בלעטער.
פון פרײַ־פאַרטאָג האָט זי געהייצט דעם קוב,
דאָס אויסגעקנייטשטע פּנים האָט געפלאַמט פון פייער, —

חיונה איז געווען פון אָקרעפּ פאַר אַ דרייער.
אַרומגעדרייט האָט זי זיך — אַ זייל רויך אין שטוב,
די אויגן צוגעסמאַליעט, אַש־גרוי די פּאַטשיילע,
צו זיך אַליין געטענהט און געענטפערט: מילא...

און וואָס איז מ י ל א ?
גאָט עיך בין אַ וויסטע אישה,
פּאַרוויאָנעט. טרער אַפילו נישט קאַן פרישע,
קאַן קינד האָב עיך אים נישט געבראַכט.
אַ שולדיק לעבן לעבט די דאַרע מומע,
דאָס האַרץ רעדט זי אַרויס און בלייבט אַ שטומע,
אַ זינד ביי איר אַ ווייב צו זיין מיט פּוסטער מוטערטראַכט.
די דאַרפסט מעיך גטן, האָט זי שטיל געזאָגט איר אהרן־בערן,
נאָר ער האָט בייז אַ ברום געטאָן:
נישטו דו וואוס צו הערן...

נאָך קידוש, אַז זי דערלאַנגט די יויך, דאָס פליש אים,
גיט זי אַ זאָג:
אַ קדיש...
צעשרייט ער זיך:
קדישים...

די מעשים זוגן קדיש איבער הינדערט צוואָנציק יור...
נאָר אויפן שבתדיקן טיש ליגט אויסגעשפּרייט דער עלנט,
די בענטשליכט צוויי דערברענען מיט אַ פלאַם אַ געלן.

דעם פּעטערס כּל מקדש, דאַכט זיך זינגעוודיק און קלאָר,
איז מיר אַזוי, אַז באַלד פאַלט ער אַנידער
און ווערט אַנטשלאָפן אויף די בלעטער פונעם סידור.

אַמאָל, אַז אַ חסיד האָט געזאָגט דעם פּעטער אַהרן־בערן:
איך מעין... אַ קדיש... און וואָס פון דיר עט ווערן...
האָט ער אַ הייב־געטאָן די אַקסלען און געטאָן אַ ברום:
ס'עט ווערן. אַז באַשערט אויף דער וועלט איז אַזוי מיר,
עט קימען אַ פאַרשעימטער ייד פאַרן מלאך דומה,
און זוגן: נאַ, איך ברענג דיר נאָך אַ יידן מיט אַ מום...
אַ קוק־געטאָן האָט ער אויף אים מיט אויגן קלאָרע
און צוגעברומט:
אויך אַ קדיש איז אַ יצר־הרע...

איך וויים דעם דין, געזאָגט דערנאָך,
נאָר כ'שטעל זעיך קעיגן אים, פאַרשטייסט?
כ'על זי, חלילה, נישט פאַרשעימען.
אין האַרץ האָט אים געטאָן אַ שטאָך
און צו געפינען זיך אַ טרייסט,
האָט ער נאָך מער געשפּייזט פאַרוויסטע היימען.

געווען איז ער, דער פּעטער, נאָר אַ לחיים־טרינקער,
נאָר שמחת תורה האָט ער אויסגעגעבן די מוזינקע.
צום רייניקייט האָט ער זיך צוגעקניפּט,
געטאַנצט האָט ער מיט איר, ווי מיט דער כלה טאַנצט אַ חתן
און דאָס געזאַנג זיינס, ווי אַ טייך האָט זיך צעגאָסן,
אין זון דאָס כוואַליעדיקע קול געזיפּט.
דאָס בלייכע פּנים אינעם מענטעלע פאַרגראָבן
און צוגעזונגען:
ווי נעמט מען כּוח ליב צו האָבן?

אַ שמחת־תורה, — ס'לויכט אין מיר אויף דער זכרון
פון יענעם אויפדערנאַכט. דער אָרון־קודש מיד געוואָרן
פון טירלעך אָפענע און ליידיק שטייין,
דאָס ליכט אין אים שוין אויסגעטריפט. דאָס קנייטל

אַ ביסל פּלאַם שעפּט נאָך און גיט זיך אַ צערייטל.
דער פּעטער האַלט די תּורה שוין אַליין,
דעם שולחן האָט ער נאָך געטאָן דערלאַנגען
און איז אין ליבשאַפט צו דער תּורה אויסגעגאַנגען.

צעווײַנט האָט זיך אַ שול מיט יידן, — ברוך דיין אמת.
דער גבאי האָט געזאָגט דעם שמש:
דאָס רייניקייט, נעם עס...
נאָר ס'איז געווען פאַרקרעמפּט אין פּעטערס הענט.
כ'בין גוזר, אהרן־בער, האָט געזאָגט דער דיין,
דאָס ספר־תּורה זאָלסטו תּיכּף ומיד באַפרייען...
דאָס ליכט אין אָרון־קודש האָט דערברענט.
דעם פּעטערס הענט אַראָפּגעלאָזט. אויפן פּנים לעשט זיך אויס אַ זמר.
דאָס ספר־תּורה רוט אויף דעם בעלעמער.

## אַ שטיקל פעלד

אַ שטיקל פּעלד אין לעקסענדרען האָט דער פּעטער כּיל,
באַהיט ער עס פון דערנער און פון אַלדעם בייז,
מיט קאָלדרעס איינגעדעקט וואָלט ער עס, אַז ס'איז קיל,
אָווינטל וואָלט ער אויף דעם צעפּעכערט, אַז ס'איז הייס.

צו וואַקסן האָט זיך נישט דערוואַרט דער פּעטער כּיל:
נאָך איידער ביז אַ העלפט פון זיך האָט ער דערגרייכט,
האָט אים אַ געלע באָרד געטאָן שוין אַ פאַרהיל
און ס'פּנים איז אים שוין געוואָרן יידיש אויסגעבלייכט.

און וואַקסן פּאַסט שוין נישט אַ יידן מיט אַ באָרד,
איז ער געבליבן נאָר אַ העלפט פון זיך די גרייס,
מיט שמאָלע אַקסלען, מיט אַ ציטערדיקן וואָרט,
מיט פרישע ליפּן, — נאָר צו לערנען אלף־בית.

נאָר וואָס איז קליין? דער עיקר איז דאָך דער געדאַנק,
מיט דער השגחה לעבט דער מענטש, מיט זיין פאַרנעם,

דער מענטש לעבט אויך מיט אייגן־אויסגעטראַכטן גאַנג, —
נאָר פאָרט, גיט וואַקסן אים אַמאָל אין האַרץ אַ קלעם.

נאָך פסח הייבט ער אָן צו דאַווענען אין פעלד,
דעם אַקער גייט ער נאָך מיט הודו לאדוישם,
דאָס קליינע פּנים איז אים, ווי אַ זון צעהעלט,
אַז פּאָלעס זיינע גיט דער ווינט אים אַ צענעם.

די רודעס די צעאַקערטע, אַז ער צעדרויבט,
קומט אוים ביי אים, אַז מער האָט ער דאָך נישט באַגערט.
אָ גאָט, זאָגט ער, עיך אָ׳דעיך ווייניק נאָך געלויבט,
וואָס זוכה בין עיך אַקערן דיין שטיקל ערד.

די קערנער האָבער, קאָרן, ווייץ אַז ער צעשפּרייט,
שמעקט ער די לופט מיט נאָז און גאָר זיין דין געביין,
צי ס׳האָט זיך נישט דער ווינט אַקעגן אים פאַרדרייט
און צי ס׳וועט דערנאָך אַ פרישער רעגן גיין.

וואָס איז אַ שטיקל פעלד, צען פאָלשעס שוואַרצע ערד?
אַפילו נישט קיין פּאַסיקל אין לעקסענדרען,
נאָר אַז דער פעטער ביל זעט, ווי סע וואַקסט און ווערט,
איז ער דערציטערט, — אָ, אַ נס איז דאָך געשען.

פאַרנאַכטלעך, אַז ער קומט אַהיים פון שטיקל פעלד,
זאָגט ער דער מומען: הינדע, סע גייט־אויף דאָס ברויט...
אַ זון צעלויכט זיך אינעם אָרעמען געצעלט,
צעשיינט זיך אין די קאַרבן פון זיין ברוינער הויט.

וואָס חידושטו זיך? פרעגט די מומע, האָסט פאַרזייט...
באַ דיר איז גאָרנישט, זאָגט מיט האַרץ דער פעטער ביל.
ער וויל נאָך זאָגן מער, נאָר זאָג, אַז אין די רייד
רינט אויס דער טיפסטער אמת פון געפיל.

און אַז דער ווייץ ווערט פול, דער קאָרן גאָלדיק־ברוין
און ס׳וויקלט זיך אין העמדלעך גרינע דער פּאַפּשוי,
ווערט אזמעטיק דעם פעטער ביל: איז טאַקע שוין?
דער וואונדער פונעם וואוקס איז קורץ אַזוי.

אַ נפש חי איז יעדער זאַנג אין פעלד ביי אים,
ער הערט דעם דופק אירן, שפּירט איר מינדסטן ריר,
ער גלעט די הערעלעך ביים ווייץ און גיט זיך אַ באַרים:
איר'ט וואַקסן, קינדער, העכער, העכער נאָך פון מיר.

אַמאָל שטעלט ער זיך מעסטן זיך אַליין מיט אַ פּאַפּשוי
און גיט זיך אַ צעלאַך: אָ זעי, ווי דו ביסט גרויס...
נאָר געל ביי דיר די האָר און מיינע ווערן גרוי...
און נעמען, ווי אַ קינד, וויל ער אים אויף זיין שויס.

סע טרעפט זיך, שפּעט אין זומער, בלייבט ער איבערנאַכט,
צו שלאָפן אויפן פעלד און הערן דאָס גערויש
פון פולע זאַנגען: זעך, ווי איבער אים דער הימל וואַכט,
ווי שטערן שיטן זיך אַרויס פון בלויען קויש.

אין פעלד האָט דער מה טובו גאָר אַן אַנדער טעם,
די זאַנגען זינגען־מיט, די פייגל און די פרעש,
פאַרטאָג, אַז אויפן הימל איז די שיין נאָך נאָר אַ שראַם,
אַז לעצטער שטערן־ציטער גיט זיך אַ פאַרלעש.

דער פעטער כיל איז קליין, נאָר דערהויבן קליין,
אַז שטיין שטייט ער אַקעגן גרויסקייט זיינעם — גאָטס,
אַז איבער זיך זעט ער דאָס מלכות־נאַכט פאַרגיין
און ווי סע גיט דער טאָג מיט ליכטיקייט אַ שפּראָץ.

נאָר גרויסקייט גאָטס, וואָס האָט נישט קיין באַשייד,
אין תבואה, אַז זי וואַקסט, די זאַנג, אַפילו גראָז.
דאָס פעלד האָט ער מיט הענט מיט אייגענע פאַרזייט
און איצט איז יעדער זאַנג ביי אים אַן אַנדער אות.

ער שטעלט צונויף די זאַנגען נאָכן אלף־בית
און לייענט זיי דערנאָך, טייטשט אין זיי אַריין אַ מיין, —
ס'איז גרויס דאָס ביסל, זאָגט ער, וואָס איך ווייס,
נאָר גרעסער איז דער סך, וואָס איך קען אים נישט פאַרשטיין.

אַז ס'קומט דער שניט, שניידט ער די זאַנגען ווי זיין לייב,
אַן אָפּגעהאַקטער ליגט דער ווייץ, דער קאָרן פאַלט.

דער פּעטער כּיל גיט די גערדאַנקען אַ פֿאַרטרייב,
נאָר עפּעס זענען אים די פֿינגער, פּילט ער, קאַלט.

דער שניט וואָס איז ? דער סוף. דער פּאַמע לעצטער סוף.
און אַז דו שניידסט נישט, ווערט די זאַנג פֿאַרפֿוילט.
ס'איז מענטש אַזוי, אַזוי איז לאַם, אַזוי איז שאָף, —
דאָס אויסגעוואַקסענע דאַרף ווערן אויסגעהוילט.

די טאָמנע קומט, אויף סטעפּעס גיט זיך אַ צעשפּיל
דער נעפּל זילבערנער, דער טשאַטעס פֿייגל־פֿלי,
ווערט קלענער, איינגעשרומפּענער דער פּעטער כּיל,
אַפֿילו אין דער שטוב ביי זיך איז ער נישט הי.

ער שפּאַנט אַמאָל דאָס פֿערד און פֿאָרט צום שטיקל ערד,
מיט פֿערד און ווינט איז ער דאָ, דאַכט זיך, זאַלבעדריט,
די לעצטע קערנער האָט די טאָמנע שוין פֿאַרקערט,
געבליבן איז נאָר האַלבשטרוי, שטעכעדיקס פֿון שניט.

פֿאַלט־אָן אויף אים אַ פּחד, — זעי נאָר, ווי ס'איז הויל...
אַנטלויפֿט דער פּעטער כּיל, די פּוסטקייט לויפֿט אים נאָך.
אַהיים קומט ער פֿאַרוויקלט אין אַ קאַלטן קנויל
און גייט פֿון שטיבל נישט אַרויס אַ גאַנצע וואָך.

## די רויז

אַז געקומען איז שפּרה אין אַ זומערדיקן טאָג,
האָט זי מיטגעבראַכט דעם אַראָמאַט פֿון רויזן.
פֿונדערווייט, פֿון נאָכן אַשיק־דרויכיקן אָסטראָג,
וואו אויף שטיבלעך וואַקסן בלעטערדיקע קרויזן,
איז געקומען שפּרה מיט אַ שטעל אַ ברייטן.
מיט אַ ווייסן זאָנטיקל האָט זי דעם קאָפּ צוגעדעקט,
אויפֿן קאָפּטל אויסגענייט קאָלירטע קווייטן.
פֿון די פֿינגער האָט די זון מיט ווינט געשמעקט,
דער „גיטעלעף" האָט שפּאַצירט אויף פֿרישע בייטן.

ס'האָט דער טאַטע זיך מיט איר עפּעס אָנגעקערט,
נאָר עניוותדיק און פרום געאירצט האָט זי אים:
„איך געדענק, ארב לוזער, אַז געווען איז מיר באַשערט
אַך צו הערן ווי איר האָט געמאַכט דעם ערשטן סיום".
ס'האָט נאָך וואַרעם זייד געבלישטשעט אינעם טאַטנס אויגן,
ס'איז נאָך יונג געווען ביי אים די שוואַרצע באָרד,
און געזען האָב איך, ווי ס'האָט אַ פּאָדעם זיך געצויגן
פון דער קרובה שפרהס רויזעדיקן וואָרט
צו דער וואַרעמקייט דער זיידענער אין טאַטנס אויגן.

„כ'על דעיך נעמען צו די רויזן מאַנע, קים", —
האָט זיך שפרה אין אַ טאָג אַ זומערדיקן אָנגערופן, —
„ווי דער טאָטע דאַנער זענען מאַנע רויזן פרים...
די וועסט זעין, ווי זיי דאַווענען און גייען שלאָפן".
אויף דער פּעיטערבאַרגער גאַס און נאָך ווייטער
האָט געפירט מיך שפרה מיט געטריישאַפט ביי דער האַנט.
ס'האָט געשפּילט אַ ווינט, אַ זומערדיק־פאַרשייטער,
אַט מיושבדיק האָט ער אויף בוים און גראָז געשפּאַנט,
אַט צעיאָגט זיך, ווי אין סטעפּ, אַ ווילדער רייטער.

די קאַזאַרמעס שטייען ווייטער פון אָסטראָג,
אָנגעכמורעטע, מיט זשאַווערדיקע גראַטעס.
ס'האָט אויף מיר מיט גויאישקייט געטאָן אַ שלאָג,
מיט דער שרעק פון הינט און הויקערדיקע כאַטעס.
אַז דערשפּירט האָט שפרה אין מיין האַנט אַ ציטער,
האָט דאָס פּנים אירס אַ שיין־געטאָן. זי האָט געלאַכט:
„כאָפּסט דעם אונבליק פון דאַן טאָטן. ביסט אַ גיטער"...
און דערנאָך האָט זי זיך טרויעריק פאַרטראַכט,
און די שיין אין פּנים אירן איז געוואָרן שיטער.

אויפן שטיבל שפרהס האָט געטאָגט דער דאַך
מיט דער שיין פון זילבער, וואָס איז אַלט־פאַרדייטלט.
שויבן האָבן קינדעריש צו מיר געלאַכט,
בלומען האָבן זיך געטוליעט צו אַ געפלאָכטן פליטל.
סטעזשקעס רויזן, — בעכערלעך צעפּאַטלט — אָפן,

זענען בלוי און ווייס און רויט געווען באַקליידט.
אָנגעלאָפן איז אַ הינטל, מיט אַ פּעלעכל אַ שאָפּנס,
און געטאָן אַ האַווקע מיט אַ יונג־צעשפּילטער פרייד,
ווי אין מיר אַ ליד מיט אָפּגעהאַקטע סטראָפן.

„אָט די רויז, די זעיסט", — ווייזט מיר שפרה מיט דער האַנט, —
„איז אַ טינקעלע און זאַדענער פון אַלע רויזן.
ווי דאַן טאַטע, איז זי טראָווועריק, נאָר לעכטיק שאַנט".
אויפן קאָפּ ביי שפרהן ווערן טוזאיק אירע קרויזן, —
„אויפגעכאָוועט האָב איך זי, ווי אַ בת־יחידה,
זי געזויגן, ווי אַ מאָמע זי אַנטווייגט" . . .
צוגעבויגן האָט זיך שפרה צו דער רויז, אַ מידע,
און געזאָגט: „כ'האָב עס, פרויקע, נישט געמיינט.
סתם גערעדט, — עך טי בידאַ, מיאַ בידאַ" . . .

אינעם חודש שבט פונעם קאַלטן יאָר תרצ"ח.
האָבן זיך דעם טאַטנס אויגן אויסגעלאָשן.
אין געדעכעניש ביי מיר איז יענער טאָג אַ שליאַך,
וואָס דערפירט אונדז צו אַ טונקעלן נישטאָ־שוין.
נאָר אין מיר איז דאָ נאָך, אין די וואַרעמע פאַרנאַכטן,
שפרהס הייפל און ווי אַ רויז אַ טאַטע דאָרטן בליט.
טרעפט אַמאָל, אַז מיר הייבט זיך אָן צו דאַכטן,
אַז אַ בלעטל פון דער רויז צו מיר דערפליט
אויפן ווינט, דעם זומערדיק פאַרטראַכטן.

## שמעון־הערש

שמעון־הערש, אַ הויכער, אַ דינער,
מיט צעוואָרפענע האָר, קוטשעראַווע,
מיט אַ לשון, אַ שאַרפן, וואָלינער
און מיט אויגן, ברוינע ווי קאַווע.

ס'איז דאָס פּנים זיינס ערדיק צעגראָבן,
קינדער זאָגן, אַז ער איז אַ גלית,

פרייטיק קומט ער די פיש אָפּצושאָבן
פאַר אַ שיסעלע צימעס פאַסאָליעס.

שמעון־הערש האָט אַ קנאָפּ אויפן גאָרגל,
ווי אַ קיילעכיק, האַריק סטויגל,
ס׳איז דאָס קול זיינס אַ ברוסטיקער אָרגל,
מיט אַ ציטער, ווי פלי פון אַ פויגל.

אַז ער לאַכט מיט אַ צעוואָרפענעם כאַ־כאַ,
גייט דער קנאָפּ אינעם גאָרגל אַ ריקוד
און דער גוף איז אויף הפקר צעפּאָכעט,
ווי אַ לאָשעק וואָס האָט זיך צעבריקעט.

שמעון־הערש איז ביי יידלען אַ בעלפער,
שלאָפט אין דרויסן די זומער נעכט בלויע,
ווינטער זיצט ער ביים לעמפּל ביים צוועלפער
איבער שמרס „אַ מעשה שהיה״.

אין אַ פראָסט, אַז דער ווינט הייבט אָן וואָיען,
קומט ער פרי, אין אַ פעלצל אַ שאָפּנס,
גיט אַ זאָג: איצטעיר גיין — אַ נסיון,
נאָר מען טאָר נישט דאָס חדר פאַרשלאָפן.

ער צעשפיליעט דאָס פעלצל: קום, פרויקע...
ווי אַ נעסט איז זיין פאַזעכע וואַרעם,
פאַר די אויגן גייט אויף מיר אַ בלויקייט
פונעם פראָסט, פונעם ווינטיקן ליאַרעם.

כ׳וועט אַנטשלאָפן אַמאָל אין זיין בוזעם,
ער דערטראָגט מיך צום חדר פאַרמאַמעט,
צו דער שוועל, צו דער גרויער מזוזה,
צום פאַרכמורעטן יידל מלמד.

אַ פאַר־פסח אין בעלץ. ריינע שטראָמען
שניידן־אויס אינעם שניי פאַסן קרומע,
יידן קויטיקע שטייען ביי קראָמען,
ווי אַנטלאָפענע פון אַ מהומה.

ס׳איז אי ווינטיק, אי זוניק, אי כמאַרנע,
שמעון־הערש טראָגט מיך אויף די אַקסלען,
זינגט פאַרטראַכט „כל עצמותי תאמרנה,
„ס׳עט שוין, פרויקע, דוס ברויט אינדזערס וואַקסן״.

„שמעון־הערש״, קלאַפּ איך אים מיט די פּיסלעך,
„גיי האַטיאַ, ווי אַ פערד אין די שטראָמען״.
זיין געזאַנג איז מיר ביטערלעך־זיסלעך,
ווי פאַר־סוכות דער טעם פון די פּאָמען.

ער הייבט־אויף זיינע אַקסלען נאָך העכער,
שפּרינגט אַריין אין אַ שטרעמל און כאָכעט,
קאַלטע פינקעלעך זון, ווי אַ פּעכער,
האָבן שפּריצלעך אַרום מיר צעפּאָכעט.

און דערנאָך, מיט צעפּאָרענע קנאָכן,
שפּרינגט ער איבער אַ טיפער קאַנאַווע,
מיט אַ קול, וואָס איז שטיל און געבראָכן,
זינגט ער „עזה כמוות אהבה״.

איך פאַרשטיי נישט דעם מיין פון די ווערטער,
נאָר דער ניגון איז פון שיר־השירים,
שמעון־הערש גייט שוין איצט אַ פאַרקלערטער
און איך הער אים, איך זע אים, איך שפּיר אים.

דאָס געזאַנג זיינס איז שטיל און צעצויגן, —
און אַ האַרץ פול מיט ציטער פאַרטרוי׳ך אים,
כ׳בייג זיך איבער, קוק אים אין די אויגן —
ווייַ צו מיר, כשושנה בין החוחים.

און אויף מאָרגן איז ער נישט געקומען, —
שמעון־הערש ? ער איז נעלם געוואָרן,
האָט געשיקט נאָר אַ בריוול צו בלומען,
וואו ער שרייבט : „אָ מיין רויז פונעם שרון״.

ירוחם קלעזמערס טאָכטער, די בלומע,
אַ צעלאָזענע, אַ יפת תואר,

נאָר די אויגן זענען פרומע
און דאָס פּנים ביי איר בליט מיט טרויער.

האָט די בלומע געלאַכט אַ פאַרשייטע,
וואָס ער רופט זי אין בריוו גאָר שולמית,
נאָר די אויגן, — פאַרחלומטע, ווייטע, —
און דאָס פּנים, פון טרערן, פול מיט פלאַמען.

שמעון־הערש, ס׳איז פריי־יאָר אַצינדער, —
זעכציק יאָר שוין אַריבער זינט דעמאָלט, —
ביסט פאַר מיר אַ פאַנטאַזיע־צינדער,
אַ געמיש פון אַ פיערע, בעל־שם׳ל.

דיין געזאַנג, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען,
נאָר געשפּירט מיט די קינדערשע חושים,
נעם איך איצט, אין די יאָרן פון וויאַנען,
און מיט ליבשאַפט, מיט בענקשאַפט, איך קוש אים.

## די צוויי פעטער מענדלס

די צוויי פעטער מענדלס אין שטוב אַריין קומען,
איז איינער פאַרטונקלט, דער צווייטער איז לויטער.
טראָגט איינער אַ שמייכל, אַ שטילן אַ פרומען,
דער צווייטער אַנטלויפט פון דער אָרעמער מומען, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

ס׳איז מענדל דער שוואַרצער אַ ביסל געבויגן,
די באָרד איז נאָך שוואַרצלעך, דער קאָפּ אַ פאַרגרויטער,
אַ וואָרט, אַז ער זאָגט, איז מיט גאָלד אָפּגעוואויגן,
ער קוקט נאָך דעם וואָרט מיט פאַרטרויערטע אויגן, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

און מענדל דער רויטער איז קרעפטיק און שטאַמיק,
דער קוק זיינער איז אַ קאַיאָריק פאַרבלויטער,

די באָרד איז צעשטיפט סוף־זומערדיק פלאַמיק,
די רייד, וואָס ער רעדט, זענען שטיפעריש סמ'יק, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

ס'איז מענדל דער שוואַרצער אַ שטיל אָפּגעהיטער,
דעם פידל און בויגן זיין אומעט פאַרטרויט ער,
דאָס ווייב, די האָרבאַטע, אין שטוב איז געביטער,
די יורשטע איז זי פון פריצישע גיטער, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

אַן איידעם איז ער ביי ר' חיים לעקסענדרענער, —
אַ ייד מיט אַ „מאָוער", אַ שטייניק געבויטער,
אַדייעס און הייפּלעך און הינער און הענער,
דערצו נאָך אַ למדן און וועלטישער קענער, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

ר' חיימס אַ וואָרט איז קוראַנט ווי אַ רענדל,
נאָר רעדט אים אַקעגן, איז נוקם ונוטר,
ער שייערט דעם איידעם, ווי אַ קופּערן פענדל,
נאָר ס'טונקלט דער טרויער ביי דעם פעטער מענדל, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

פאַרפאַלן ווערט מענדל דער רויטער אויף זומער,
קומט טאָמנע צוריק אַ פאַרשטויבטער, פאַרטוויטער, —
וואו ביסטו געווען? נאָר ער שטייט אַ שטומער,
אַן אַנדערער, דאַכט זיך, עניוותדיק פרומער, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

געוואַלגערט האָט ער זיך אין דערפער, אויף סטויגן,
דאָס פּנים נאָך ברוינער, די באָרד — פאַרפאַפּשויטער,
נאָר היינטיקס מאָל איז ער פאַרעלטערט־געבויגן,
פאַרשאָטנט איז אים דאָס בלוי אין די אויגן, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

אַזוי די ימים נוראים האָט ער אָפּגעשוויגן, —
וואָס איז אים? געוואָרן אינגאַנצן אַ פאַרגרויטער,

ער שפּילט זיך מיט שאָף, ער לאַשטשעט די ציגן,
קוקט אויס, ווי אַן אויסגעגאַנגענער ניגון, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

נאָר ערב סוכות איז ער אויסגערונען,
צי לעבט ער נאָך ערגעץ, צי איז שוין טויט ער?
אָן אים איז די שטוב אַ ליידיקער ברונעם,
די טעג זענען פול מיט פאַרגאַנגענע זונען, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

פון סטעפּ קומט אַמאָל צוריק זיין געלעכטער, —
אָ, ברידערלעך, קוקט, צי שטייט נישט ביים פלויט ער?
אַ ווערטל נעמט ער און דעם אומעט דעשטעכט ער,
די צוויי פעטער מענדלס, ווער איז דער גערעכטער?
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

## בלעטלעך פון אָנהייב

אפרים, דער זון פון אלעזר און חיה,
געבוירן ז׳ כסליו, שנת תרנ״ג,
אין בעלץ, — אַ שטאָט, ווי אַ תבואהקער שייער,
מיט ווייץ אויף דער אָקער און ווייץ אויפן זאַק.

דער טאַטע, אַ שוחט מיט זיידענע אויגן,
מיט ברעמען — פּרוכתן איבערן קוק,
האָט וואָרט זיינס למדניש, מיט חכמה געוואויגן,
נישט רעדן, חלילה, כאחד מן השוק.

די מאַמע פון מאָלעוו, אַריבערן נעסטער,
קיין בעלץ איז געקומען מיט זיידנס, בראָקאַד,
מיט הויכע אָפּצאַסן און טאַליע געפּרעסטער,
מיט מנורת המאור און יחוס חב״ד.

דער טאַטע האָט פּרי די חזקה געירשנט,
דעם זיידנס צעהויקערטע, פרוטיגע שטוב,

די באָבע, מיט אויגן ווי טונקעלע קאַרשן,
האָט פרום די פּאַטשיילע פאַרשטייפט אין אַ קנופּ.

געוואוינט האָט די באָבע אין אייגענעם אַלקער,
מיט שויבן, וואָס זון האָט פאַרנאַכט זיי באַגילדט,
אַרומגעגאַנגען איז זי, ווי אַ מלכּה,
וואָס האָט יונגערהייט די מלוכה פאַרשפּילט.

די באָבע האָט איבערן טאַטן געציטערט, —
דאָס אויג אירס אין קאָפּ, איר בן־יחיד, איר בכור, —
נאָר אָפּגעהיט האָט זי די אייגענע גיטער:
די בעכערס, די לייכטער, נישט ריר אויף האָר.

אלמנהשאַפט אירס האָט די באָבע געטראָגן
מיט שטאָלץ, ווי אַ קרוין, וואָס איז איר באַשערט,
דעם עלנט האָט זי אַזוי זויבער געצוואָגן,
אַז ער האָט געפינקלט, ווי זון אין אַ טרער.

ביינאַכט אין איר אַלקער, אין שאָטנס פאַרוויקלט,
האָט זי זיך צעטענהט מיט תחינישע רייד,
גערעדט האָט די באָבע צום פענצטער אין ליקל,
צום מאַן, וואָס האָט זיך אַזוי פרי אָפּגעשיידט.

„באַימשמיל, דיר איז גוט, ביסט שוין דאַנס אופגעקימען,
„די זיצסט מיט די אָבות, סע גייט דיר דאָרט וואויל,
„אין מיר, אסתר־לאהן, איז טריקן דער גימען,
„אַ מצווה צי טין ברענט דוס האַרץ ווי אַ קויל".

אַמאָל, אַז סע איז איר צום האַרצן דערגאַנגען,
האָט זי זיך צעשריגן: „וואָס שוואַגסטע, באַימשמיל?
„די ווייסט דאָך, אַז עיך טי זעיך פלוגן פון דאַנגען
„אין די זיצסט זיך דאָרט אָף דער גילדענער שטיל".

געהערט האָב איך ווינטער ביינאַכט, ווי זי טענהט,
און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם בעט,
כ'האָב אָבער געוואוסט, אַז סע העלפט סיי־ווי־סיי ניט:
די באָבע, צום זיידן אויף יענער וועלט, רעדט.

ס'איז היימיש געוואָרן דאָס רעדן צום זיידן,
כ'האָב ד י וועלט מיט י ע נ ע ר נאָך קינדוויז געקניפּט,
אַ סוד, וואָס איך קען נאָך אַצינד נישט באַשיידן,
האָט ווינטער ביינאַכט זיך פון אַלקער געזיפּט.

געווען אַ שפּעטזומער, פאַרנאַכט האָט געפּליוכעט,
אַרונטערגענידערט האָט שבת־צונאַכטס,
די באָבע, אַ קראַנקע, שרייט אויס: „מאַן בן־יוכעד",
איר קול איז אַ טרויעריקס, קלאָרס און פאַרטראַכטס.

דעם טאַטן פון דעם בית־המדרש גערופן,
צוקאָפּנס דער באָבען האָט ער זיך געשטעלט.
„איך בין אַזוי מיד, סע ווילצעך מיר שלופן",
האָט זי אים געזאָגט און די אויגן פאַרשמעלט.

דערנאָך האָט זי קריק אירע אויגן געעפנט
און לויטער, פאַרחידושט, אים אָנגעקוקט שטיל:
„מאַך, לוזער, האַוודולע, סע קען זעיך נאָך טרעפן,
אַז שלופן זאָל עיך אַ סך מער ווי עיך וויל" . . .

אין שטוב האָט איר שמייכל פאַרשעמט אומגעבלאָנקעט,
ווי זון אַ פלעק אויף אַ טונקעלער וואַנט,
געשמעקט האָט פון דרויסן מיט פעלד און מיט לאָנקע,
מיט זעטיקן רעגן און באָבעס פאַרשטאַנד.

דערלאַנגען איר וואַסער האָט די באָבע געבעטן,
די הענט זיך געוואַשן, די ליפּן באַשמירט, —
געוואָלט האָב איך דעמאָלט דאָס פּנים איר גלעטן,
נאָר ס'האָבן די הענט זיך ביי מיר נישט גערירט.

דעם טאַטן געהאַלטן האָב איך די הבדלה
און נאָכגעזאָגט אים דעם בין קודש לחול,
די פלעמלעך, — געקרויזטע און קינדעריש שמאָלע, —
פאַרדרייט האָבן זיך אין דער הייך אין אַ קנויל.

די באָבע, ווי ווײַן האָט די ווערטער גענומען
אויף טרוקענע ליפּן, און דערשטיקן מויל,
דאָס קול אירס האָט פריש אויסגעקלונגען דעם „אומעין"
צום לעצטן המבדיל בין קודש לחול.

זי האָט נאָך אַ קוק אויפן טאַטן געגעבן
מיט ליבשאַפט, וואָס ציטערט אין מיר נאָך ביז היינט,
און באַלד איז פאַרלאָשן געוואָרן אַ לעבן
וואָס פרום האָט עס זומערן אַכציק געשיינט.

## דער שטוב־ניגון

אַ שטוב דאַרף האָבן אירס אַ ניגון,
האָט נאָכגעטראַכט פאַרנאַכט דער טאַטע,
אַמאָל אָבער זינגט גאָר דער ליגן
מיט טענער אויסגעהוילטע, מאַטע.

און ווידער זענען דאָ ניגונים,
וואָס גייען־אום איבער די שטיבער,
אַ שטוב פאַר זיך נאָך נישט געפונען,
וואָס זינגען זאָל מען זיי בציבור.

איז בלאָנקען נעבעך די ניגונים
אַרום אין דעם עולם התוהו,
ווי טאָמגנע די פאַרבלייכטע זונען
אויף הימלען וואָלקנדיקע, גרויע.

אַריינגעבויט האָט ער דעם ניגון
אין ווענט, אין פענצטער און אין טירן,
ער איז צום דאַך אַרויפגעשטיגן
מיט פרומע קלאַנגען און קאָלירן.

דער ניגון זיינער, נאָך אָן ווערטער,
האָט אין דער שטיל געזוכט אַ תיקון,

אַמאָל — אַן אומעטיק פֿאַרקלערטער,
אַמאָל — מיט פֿריידיקייט באַגליקן.

ס'האָט אונדזער שטוב צו מיר געזונגען
מיט טאַטנס פֿאַמעטענע אויגן,
מיט חלומדיקן צו דער זון־גיין,
מיט פֿייגלשן געזאַנג אויף סטויגן.

דער זומער־רעגן האָט דעם ניגון
אויף דאַך געפּויקט מיט שפּיל און ריטעם,
די טאָמנע האָט אים אויסגעשוויגן,
פֿאַר ווינטערדיקע טעג געהיט אים.

דער מענטש, אַ סך מאָל אַ פֿאַרשטעלטער,
אַ נישט־דערזאָגטער, נישט־דערערדטער,
נאָר יענעם ניגון ביז דער עלטער
מיט פֿעדעם זיידענע דערוועבט ער.

## דורך יאָרן־סטעזשקעס

דורך די טונקעלע סטעזשקעס פֿון יאָרן
גייט אַמאָל אויף אַ פֿאַסיקל שיין אין זכרון,
נישט דערמאָנונג, נישט קיין פֿאַרטיקער פֿורעם,
נאָר אַ שפּירונג פֿון פֿרייד, אַמאָל פֿון יסורים
און נאָך מער — וואָלקנס עלנט אויף דיר גייט
פֿון דער ווייט, פֿון פֿאַרהוילענע תהומען.
שאָטנס האָבן דעמאָלט סתּם אַזוי זיך רייד
און פֿאַרהילט אין זיי איז דיין נאָמען.

אין דער נאַכט האָט אַ קינד דערטאַפּט דעם עלנט
מיט די וואַרעמע פֿינגער, מיט שלעפֿערדיקע ליפּן,
האָט געוואָלט דאָס קינד אויף די פֿיס זיך שטעלן,
זיך אַליין מיטן ווייטן נישטאָ צו פֿאַרקניפּן.

דער נישטאָ איז דער טאַטע
מיט די האָר אויף דער ברוסט
(צוגעטוליעט האָט זיך צו אים דאָס קינד
און די האָר האָבן אים מיט קיצל געגלעט),
איז דאָס פינצטערניש איצטער אַ גראַטע,
דער אַרום איז דאָ, נאָר ער צערינט,
פול איז ער און שווידערדיק און פוסט,
ער גייט אַרום אין פינצטערן בעט,
אַז דו טאַפּסט אים אָן, איז גאָרנישט־גאָר, —
וואו איז דעם טאַטנס ברוסט מיט די האָר?

וואַקסט ביים קינד אין וואַרעמע הענטלעך
דער נישטאָ, ביז ער פאַרקילט,
איז די קעלט אים פרעמד און דאָך קענטלעך,
אָפּגעדעקט איז זי און דאָך פאַרהילט,
מיט נישטאָ איז די ליידיקייט פול,
מיט געשריי פון פאַרוואונדערטער שרעק — — —

ס'איז דאָס קישן צעוואָרפן און דול,
אַז דער שלאָף אין דער נאַכט גייט אַוועק,
און דער עלנט פון יענעם נישטאָ־שוין
צינדט זיך און ווערט אויסגעלאָשן.

## חיים־שמואל שוחט ברענגט אַ שנור

כ'האָב געפונען אַ בלעטל פאַפיר, אַ פאַרגעלטס,
אינעם טאַטנס, זכרונו לברכה, אַ גמרא,
איז פאַרשריבן אויף דעם אַ מעשה פון בעליק,
מיט אַ דריבנעם כתב, נאָר מיט אותיות קלאָרע.

אויפן שטייגער אַלטמאָדישן, האַלב נישט דערדערט,
מיט אַ רמז, אַ וואונק, אַ וכולו, וגומר,
נאָר אַ וואַרעמער שמייכל האָט דאָס בלעטל געגלעט
און געזונגען דערפון האָט דאָס קול פון אַ טרוימער.

וווּ סע פֿירט זיך, דער אָנהייב איז מיט אַ ויהי,
און דערנאָך גייט דאָס יאָר — תּר־כּף־זין,
ס'איז פֿאַרלאָפֿן די מעשׂה טאַקע דאַ־היי,
נאָר קיין סך, שרייבט דער טאַטע, ווייל ער נישט ברייען.

און, פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט נישט דער טאַטע געגראַמט,
ווי דער זון זיינער טוט ביים איבערדערציילן,
נאָר דאָס וואָרט זיינס איז פּשוט געווען, און באַטעמט,
ווי אַ יאָדרע פֿון שאָלעכץ אַרויסצושיילן.

איז ויהי, אַז דער שוחט חיים שמואל האָט אַ שנור
פֿון פּאָדאָליע געבראַכט, און דער זון, דער בן־יחיד,
איז מיט איר צוגעפּאָרן צום הויז אויף אַ פֿור,
האָט אַ פֿויגל אויף זיי זיינע פֿליגלען צעפּאַכעט.

נו איז וואָס, אַז אַ פֿויגל? אם ירצה השם
דאָס פֿאָרפֿאָלק וועט באַהיט זיין פֿון אַלעם בייזן,
ס'וועט זיך לאָזער צום שוחטות נאָר טאָן אַ נעם
און דערנאָך זיך פֿאַרלאָזן אויף אים, — דעם המזין.

אַז אין בעלץ, אין אַ זומערטאָג, גיט זיך דער סטעפּ
אַ צעשפּיל מיט אַ ווינטל, מיט קרייטעכצער־ריחות,
גייט די זון, ווי אַ כּלה, אין אַ קלייד מיט אַ שלעפּ,
מיט באַגילדטע שפּיצן, געהעפּטע און ווייכע.

היינט די שאָף, — אויסגעפּוצט אין געקרייזלטער וואָל,
און די לעמעלעך שמעקן מיט ווייץ און מיט קאָרן,
און דער באָק אַפֿילו, קאָן זיך טרעפֿן אַמאָל,
אַז די זון זאָל ער טראָגן אויפֿן קרומלעכן האָרן.

האָט דאָס ווייבל פֿון וואָגן אַרונטערגעשוועבט,
מיט דער פֿרייד וואָס אין וואַרעמקייט וועט זי דאָ נעסטן,
און נאָך איר דער בן־יחיד האָט זיך נאָכגעשלעפּט
און געפּרואווט, אַ פֿאַרשעמטער, דעם שפּאַן זיינעם מעסטן.

ס'איז די שטוב דעם שוחטס געווען ביי דער בריק, —
אַ פאַרעלטערטע שטוב, נאָר מיט ליכטיקע שויבן.
צו דער שכנהשער שטוב איז געגאַנגען אַ ליק
און אַ שינדלענע סטרעכע איז געהאָנגען פון אויבן.

אַ פאַרכמורעטער ייד איז דער שכן געווען,
ס'האָט דאָס שיטערע בערדל ביי אים רק געוויאַנעט,
אַ פאַרשפּיצטע די נאָז, ווי אַ געענדזענע פען,
האָט דערשמעקט אַן עבירה אויף ווערסטן פון דאַנעט.

אַז אַ ייד האָט אַ נאָז, וואָס דערשמעקט באַלד אַ חטא,
איז דאָס פנים ביי אים אויסגעווייקט און געזאַלצן,
איז דער שטערן צעקנייטשט ווי אַ קאָרטשיקע ברעט
און די פאות פאַרפּאָפּט, ווי פאַרמעליקטע וואַלצן.

און דער ייד הייסט „ארב טוביה", נישט אַנדערש ווי „ארב",
מיטן קוק שטעכט ער אויס ביי עבירות דעם בלאָטער,
אַז ער שטייט ביי דער טיר, ווי נאָך סוכות אַ גאַרב,
פאַלט דער גוף אים אַרויס פון דער ברייטער קאַפּאָטע.

איז אַ שטעטל מיט יידן געקומען צו גיין
דאָס פּאָדאָליער ווייבל באַלד צו באַטראַכטן.
— אַזאַ יור נאָר אָף מיר ווי זי איז מלא־חן . . .
— ווי אַ פריצישע טאָכטער, זאָל זיך אַך דאַכטן . . .

— אונטין וואוס זוגט איר? איר זעיט ווי ס'איז שמול?
— וואוסי שייך צו רעדן? אַ כרך איז דאָך מאָלעוו.
— אין די טאַליע ביי איר? אַ פריזשינע פון שטול . . .
— עפּעס פורט זיך עם נישט מיט אַ שאָכטישן כאָלעף . . .

ס'איז געגאַנגען אין טופליעס די מאָלעווער שנור,
מיט פאַרשפּיציקטע נעז און הויכע אָפּצאַסן,
דאָס פאַרוקל פאַרקעמט אַלאַ פּאָמפּאַדור,
אויפן קאָפּ אַ באַרעטל מיט זיידענע פּאַסן.

ס'האָט איר יונגשאַפט זיך גאָרנישט געשעמט
פון באַטיסטענעם קאַפּטל אַרויסצושפּאַרן,
אויף די אויגן, מיט בויגנדלעך שוואַרצע באַברעמט, —
זענען וויעס געהאָנגען ווי פּערמלעך גאַרן.

אינעם שטאָטישן פּוץ, אינעם מיידלשן ציר,
האָט איר גאַנג זיך געוויגט, ווי אָט באַלד נעמט זי פליען.
— ווי געפעלט אַך, עיך בעיט אַך, די מאָלעווער שניר?
— עפּעס קוקט זי מיר אום נישט קאַן גוואָלדיקע צניע.

אויף דער שוועל פון דער פינצטערער, ליימענער שטוב
איז געשטאַנען "ארב" טוביה, — אַ קוקער אַ האַרבער,
די פּאַרוויאַנעטע האָר פון דער באָרד אַלץ געצופּט
און די יידן באַטראַכט, מיט אַ קוק פון אַ שטאַרבער.

אַז ער האָט אויף דער שנור דעם קוק אָפּגעשטעלט,
איז דאָס פּנים אים בלוי און פאַרפרוירן געוואָרן,
אויף די ליפּן — אַ שנידל פאַרגליווערטע קעלט
און די נאָז האָט געשטאָכן אַזויווי אַ דאָרן.

„ווײ־איז־מיר" האָט „ארב" טוביה דערלאַנגט אַ געשריי
און די אויגן פאַרשטעלט מיט דער רויטער פאַטשיילע, —
„מען דאַרף קריעה ראַסן, אין עיך גור, עיר שטיי,
אַז רחמנא לצלן, סי־דאַך באַלד שוין אַ צלם" . . .

האָט דער עולם יידן זיך אַ וואַקל־געטאָן,
ווי אַ פעלד מיט אַריבערגעוואויגענע זאַנגען,
ס'האָט צעפּאַטשט די פליגלען אַ דערשראָקענער האָן
און אַ קעלבל איז זיך אין מוען פאַרגאַנגען.

אסתר לאה די שוחטקע, מיטן ברייטן שטעל,
אַ פאַרהאַוועטע איז אָנגעלאָפן,
נאָר געבליבן שטיין איז זי אויף דער שוועל,
ווי אַ דונער וואָלט זי אינמיטן געטראָפן.

מיט די שאַרפֿע אויגן דערלאַנגט אַ קוק
און געזען ווי די שנור אירע טוט מען מעסטן, —
— חיים שמיעל, איך בעט דעיך, וואָס טוט זיך דו, זאָג ?
מיט די אויגן דום קינד אינדזערס, זעי׳ך עסט׳ן.

חיים שמואל, אַ ייד מיט אַ שאָטנדיק קול,
האָט אין באָרד אַריינגעהוסט דעם אומעט,
און די ווערטער געזופט ווי טיי פֿון אַ שאָל,
וואָס אַ פֿליג איבער איר האָט זיך צעזשומעט.

— אַז אַ טבע האָסטע, אַז רק דעיך אַרט,
אַז אַ מענטש האָט אויגן, האָט ער ליב צו קיקן . . .
און דאָס קוקעניש האָט ער אַוועקגעשאַרט
מיטן ביטול פֿון זיינע פֿאַרחלומטע בליקן.

אסתר לאה האָט די הענט אויף די באָקעס פֿאַרלייגט,
ווי אַ קייסערינע דעם קאָפּ פֿאַרריסן,
און געזאָגט : — דער גאָט, וואָס הייבט־אָף און בייגט,
עט זאַן לעבטיקייט אָף מאַן שניר צעגיסן . . .

מיטן לשון פֿון טייטש־חומש האָט זי גערעדט,
מיטן טראָפּ אויף אַ מונח, אויף אַן אתנחתא,
און די ווייבער, וואָס האָבן פֿריער געשפּעט,
זענען שטיין געבליבן, ווי פֿון חלום דערוואַכטע.

ס׳האָט מיט חומש דאָס גאַנצע געסל פֿאַרשמעקט,
ווי ס׳איז רבקה צו יצחקן ערשט געקומען
און דאָס פּנים אירס האָט זי אָפּגעדעקט,
אַז איר שיינקייט זאָל זים זיין צו יצחקס גומען.

ס׳האָבן טעכטער פֿון שטוב אַרויסגעבראַכט
באקלווא און לעקעך און מאַנדלברייטלעך,
שטאָפּן וויין פֿון קעלער, ווי פֿון טיפֿער נאַכט,
פֿאַסמעס האָר, פֿאַרפֿלאָכטן מיט פֿעלדיקע קוויטלעך.

אסתר לאה האָט כּיבוד, ווי אַ מלכּה, געטיילט,
ס'האָט דער עולם געטרונקען און צוגעביסן,
נאָר דער ריס אין האַרצן האָט זיך נישט פאַרהיילט,
ווי אַ וואָלקן אַמאָל אין חודש ניסן.

שטאָפּן וויין געעפנט און אויסגעזופּט, —
— איי, אַ משקה אי'דוס, זאָל דוס מאַזל זיי לאַכטן . . .
און „אַרב" טוביה די באָרד האָט אַלץ געצופּט
מיט די פינגער, ווי צווייגן אין ווינטער־פאַרנאַכטן.

אַז אַ ייד מיט אַ האַרץ, וואָס איז פול מיט געזאַנג,
טרינקט דעם שווימיקן, ביטערן וויין פון די פּאָמען,
גייט דער וואָלעך אַוועק ביי אים אַזאַ גאַנג,
ווי אין פריייאָר די לויטערע וואַסער־שטראָמען.

גייט־אויף מיט אַ פולער, פאַרהאָריקטער ברוסט,
גייט־אַראָפּ און פאַרגייט אין אַ זילבערנעם שטרעמל,
ביז ער כאַפּט זיך צוריק, אַז דאָס האַרץ איז אים פוסט,
אַז ער דאַרף נאָך דערגיסן אַ דאַינע צום פלעמל.

אוי אַ דאַינע, אדוני, אוי אופליא, אוי אָך, —
אוי רבונו־של־עולם, אוי טאַטע, אָבינו,
אין געזאַנג קלינגען קופּערנע גלעקער פון שאָך,
כוואַליען ווינטלעך אויף סטעפּעס, צעשויבערטע, גרינע.

אַז קאַסטאַטי האָט אין קלעזמערשן געסל דערהערט
יידן זאָגן דעם וואָלעך, יידן זינגען די דאַינע,
האָט דאָס האַרץ זיך אין אים אַזש איבערגעקערט
און געשפּריצט האָבן פונקען פון די אויגן, די ברוינע.

ער האָט פידל געכאַפּט און מיט הערשענע טריט
צו דער שמחה, אָן אָטעם, געקומען צולויפן, —
מאַכט אַ וואַרע קאַסטאַטין, די האַנט זיינע בריט,
ער וועט יידישע הערצער מיט די פינגער צעשרויפן.

איז אַוועק אַ געזאַנג, אַ געטאַנץ, אַ געשפּיל,
ס'האָט דער שטוב זיך געדרייט, פֿאַרוויכיקט און בלאָלעך,
ביז דער אָוונט האָט בעלץ געטאָן אַ פֿאַרהיל,
צוגעדעקט, ווי מיט פֿליגלען, די דאָינע, דעם וואָלעך.

ס'האָט אַ ווינטל פֿון סטעפּ באָרד־און־פּאות געקילט,
ס'האָבן שטערן אַרונטערגעשמייכלט מיט חכמה,
און קאַסטאַטי האָט ווייטער געשפּילט און געשפּילט,
ביז דערהערט האָט זיך: אוי, אַ בראָך מיר . . . אַ בראָך מיר . . .

אין דער נאַכט האָט „אָרב" טוביה, אַ שפּיציקער שד,
מיט אַ קוויטש זיין געוויין אַריינגעשריגן,
אסתר לאה, פֿון נחת, די שנור האָט געגלעט
און אַריינגערוימט איר מיטן טייטש־חומש ניגון:

— וועסט געאַכפּערט זאַן, מאַן גערוטענע שניר,
ווי די זין אין טאָמעז וועט דום מאָזל דיר לאַכטן,
ס'עט נישט ציקומען קיינמאָל דער שאַקלהאַפּט צי דיר,
אין קאַן בייזע חלומות עלן דיר זעיך נישט דאַכטן . . .

## דער בלאָער פֿויגל

אַפּילו, אַז זיין בלאָען פֿויגל וואָלט מעטערלינק
שוין אויסגעחלומט, וואָלט די מאַמע נישט געוואוסט,
בפֿרט נאָך, אַז ביי אים איז ער נאָך געווען אַ שמעטערלינג,
צי גאָר אַ גאַרוואַ, וואָס קריכט אַרויס ערשט פֿון אַ קוסט.

געווען איז אָבער, אַז דער מאַליער איז געקומען
אַ רעד־צו־טאָן פֿון אויסמאָלן די נייַע שטוב,
האָט באַלד געזאָגט די מאַמע:
— נישט קיין בלומען
און נישט קיין טראַפּאַרעטן מיט אַ קנופּ.

— וואָס דען וואָלט איר געוואָלט? דעם פֿויגל פֿון גן־עדן? —
האָט אויפֿגעמישט דער מאַליער טראַפּאַרעט נאָך טראַפּאַרעט . . .

דערמאָנט האָט זיך די מאַמע אינעם בלאָען זיידן,
וואָס פון אַ פויגל האָט ער איר זומערדיק גערעדט.

דעם זיידנס באָרד איז געווען אַזש בלאָלעך,
די אויגן האָבן זיך ביי אים מיט בלאָקייט צוגעדעקט.
אויף יענער זייט, דער דניעסטער האָט געברומט אַ וואָלעך,
אויף ד ע ר זייט האָט ער פייגל רוישיק אויפגעוועקט.

— אָט האָט איר, שוחטקע, אַ טראַפּאַרעט אַ פויגל,
אַזעלכן וועט איר נישט זען דאָ־היי.
דער פויגל איז געזעסן אויף אַ טאָמנע סטויגל,
אַ גאָלדיק־רויטלעכער, אַ מידער פונעם פליי.

באַטראַכט האָט אים די מאַמע. צוגעמאַכט די אויגן.
צוריק געעפנט און געזאָגט:
— דער פויגל, ער איז דאָ . . .
די אויגן ווידער צוגעמאַכט:
— ער וועט נישט טויגן . . .
— פאַרוואָס עפּעס? — זאָגט די מאַמע:
— ער דאַרף זיין בלאָ.

וואָס האָט געזען די מאַמע מיט אויגן צוגעמאַכטע,
מיט קינדערשן שמייכל אויף די ווינקלען מויל?
דעם זומער, מיטן דניעסטער אין פאַרנאַכטן,
וואָס האָט זיך בלאָ געוועבט אין זוניק רויטן קנויל?

און אפשר גאָר דעם זיידן, מיט דער באָרד דער בלאָער,
בעת ער האָט די מעשה פונעם פויגל איר פאַרטרויט?
איר מיידל־חלום אפשר, בלאָ און כולו טהור,
וואָס האָט פאַררויטלט איר די אָליוו־ריינע הויט?

דער מאַליער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:
— אַ בלאָער פויגל, שוחטקע, אַזאַ איז גאָר נישטאָ . . .
איך האָב דאָ טראַפּאַרעטן אפשר הונדערט,
און ווער האָט גאָר געזען אַ פויגל זאָל זיין בלאָ?

אַרײַנגעקומען איז דער טאַטע :

— פאַרטיק, חיה ?

שוין אויסגעקליבן פאַר דער שטוב אַ טראַפאַרעט ?

— זי וויל אַ בלאָען פויגל און איך טו רק איר ברייען . . .

— אַ בלאָער פויגל ? וואָס איז דאָ דער חטא ?

דער מאַליער האָט געטענהט : ווי וועט ער דאָס בלאָעכץ מישן ?

און היינט, די וועלט וועט זאָגן, אַז ער איז גאָר אַ פאַרטאַטש . . .

די באָרד האָט ער געקייט פאַרטראַכט און אינצעווישן

דערלאַנגט זיך אינעם שטערן אַזש אַ פאַטש.

— איך האָב עס, — האָט ער פריילעך אויסגעשריגן,

די אויגן האָבן זיך ביי אים מיט פלאַם צעשפילט,

די הענט האָט ער צעשפרייט, ווי ציטערדיקע פליגל :

— אַזוי לעבן זאָל איך, ווי איך האָב עס ערשט דערפילט . . .

— דערפילט ? — האָט אים געפרעגט דער טאַטע מיט אַ שמייכל.

נאָר ס'האָט דער מאַליער נישט געהערט און נישט געזען.

די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ דינעם רייכל

און הינטער דעם געפינקלט האָט אַ ברען.

די מאַמע, צוגעמאַכט די אויגן ווידער,

האָט שטיל געשעפטשעט : דער בלאָער פויגל פליט . . .

מיט פרומקייט, ווי מה טובו פונעם סידור,

מיט פויגלפלי האָט זיך די שטוב צעבליט.

דער מאַליער האָט דערווייל זיין חלום אויסגעחלומט

פון פאַרבן, טראַפאַרעטן, באַרשט און שמיר,

געשטאַנען ווי אַ טראַפאַרעט, כאָטש נעם באַמאָל אים

מיט בלויער פאַרב און רויטלעכן קאָליר.

— צו קאַלעכבלאָ, דערחלומט ער זיך מיט התלהבות,

נאָר צומישן אָט־דעם אמתן, דעם פערוויי־סאָרטנעם אולטראַ־מאַרין . . .

און ווי אַ באַלעבאָסטע אין קיך מישט די פאָטראַוועס,

אַזוי מישט ער דאָס בלאָ און גיט נאָך צו אַ טראָפן גרין.

צום ערשטן טראַפאַרעט איז דער פויגל געווען נאָך אַשיק,
צום צווייטן — בלאָלעך, ווי דער הימל אין קאַיאָר,
צום דריטן האָט דער סטויג געגאָלדיקט ראַשיק
און איבער אים דער פויגל — מיטנטאָגיק־בלאָ און קלאָר.

די פליגל אויסגעשפרייט, ווי באַלד וועט ער אַ פלי־טאָן,
דער שנאָבל גרינלעך און די אויגן זוניק־געל, —
אָ, פויגל בלאָער, ווער וועט דיך דערהיטן,
אַז דו זאָלסט נישט פאַרפליען מיט דיין שטאָלצן שטעל.

דער בלאָער פויגל, האָט זי שטיל געבעטן,
די שטוב די שוחטישע איז פול געווען מיט פלי,
דאָס ביסל זון אין שטוב האָט ער אַרויסגעזויגן,
געווען איז אַלעמאָל פאַרנאַכטלעך, צי פאַרפרי.

דערחלומט האָט די מאַמע שוין דעם חלום אירן,
דעם בלאָען פויגל אויסגעשעפט שוין ביזן דנאָ,
און פאַר די אויגן האָבן איר געציטערט אַנדערע קאָלירן:
דאָס גאָלד פון סטעפעס און די זון, וואָס איז נישטאָ.

דער בלאָער פויגל, האָט זי שטיל געבעטן,
איז גאָר געווען אַ טעות . . . סע האָט זיך מיר געדאַכט . . .
און ווידער האָט געבראַכט דער מאַליער טראַפאַרעטן
מיט זונרויזן און קווייטן, וואָס האָבן ווי געלאַכט.

## די ראָטאָנדע

אַז די מאַמע האָט אָנגעטאָן די נייע ראָטאָנדע,
האָט געשיינט אין איר יעדער קנייטש און פאַלב,
ס'איז דאָס פוטער טונקל, נאָר הערעלעך בלאָנדע,
מיט אַ רויטלעכן נאָכגלאַנץ, ווי פריי־יאָר אַ שוואַלב.

דעם פאַרוק האָט די מאַמע פאַרקעמט מיט אַ שרינטל
און פאַרהילט מיט אַ זיידן באַרעטל פון בראָד,

אויף די הענט אַ מופטע, מיט שפּיצן אַ בינטל,
און געגאַן אין בית־מדרש צו רעדן צו גאָט.

אויפן שניי האָבן קראָען אויסגעניט קוויטלעך
און אַליין פאַרפלויגן אויף קאַלטע פּלייט,
ס'האָבן מענער אין קוטשמעס און ווייבער אין שייטלעך
נאָכגעקוקט איר, ווי פּאַוואָליע זי גייט.

— אַזאַ גאַנג איז נאָר ביי אַן אמתער פּריצה, —
האָבן ווייבער געשאָקלט מיט פאַרפראָשעטע קעפּ.
— אַז זי מיינט אַוואָדע, אַז צום הימל פליט זי
און סך־הכל וואַשט זי אַליין גאָר די טעפּ . . .

נאָר די מאַמע האָט געהערט דעם שנייאיקן סקריפּע
און געוואָלט פאַרשטיין זיין האַרטן באַשייד,
נישט געאַרט האָט זי, וואָס סע רעדט דאָרט אַ קליפּה, —
אַז די צונג איז לויז, זענען לוזער די רייד.

אַז דאָס האַרץ איז פרום, איז נאָך פרימער דער הולך,
גייסט דאָך רעדן צו גאָט מיט אַ פולן געמיט, —
אָ, איר יידישע טעכטער, אַז גוט און אַז וואויל אייך,
וואָס דאָס האַרץ זינגט איר אוים צו גאָט, ווי אַ ליד.

און צו רעדן צו גאָט האָט די מאַמע געהאַט וואָס,
ווי למשל דער אומעט, וואָס גיט אַ באַפאַל,
אַז דו ציסט אים און ציסט, ווי אַ שוסטער די דראַטווע,
צי דו וויקלסט אים גאָר אין אַ וואָלענעם שאַל.

פון דער וועלט איז געגאַנגען דאָס טעכטערל איטע
און איר איבערגעלאָזט נאָר דעם ליכטיקן קוק,
מיטן אָפּשיין פון פריע רויזן צעבליטע,
מיטן קינדערשן שמייכל, וואָס טרויערט שוין קלוג.

אַז דער טרויער איז נאַקעט, איז דער מענטש געפאַלן,
איז דערפאַר דעק אים צו און האַלט אים געגרייסט,

ס'איז דער פרעמדער אויף אים אַ דאָרשטיקער בעלן,
דיר אונטערצוטראָגן אַ קווערטעלע טרייסט.

האָט די מאַמע איר טרויער אין דער נייער ראָטאָנדע,
ווי אַן אתרוג אַ הדר מיט ליבשאַפט פאַרהילט,
און געדערט צו איטען: וואָס האָב איך געטאָן דען ?
נאָר אין זיך דאָס געוויין, ווי ווייַן אָפגעקילט.

אַז זי גייט אין בית־מדרש איר אומעט אַ גלעט טאָן,
וועט זי רעדן צו גאָט מיט פאַרשוויגענעם קול,
ווי די מוטער רבקה האָט אויף קינדער געבעטן,
ווען מתפלל געווען האָט יצחק אין טאָל.

אין דער ווייבערשער שול האָט די מאַמע געשוויגן,
נאָר מיט אויגן געטרונקען אין סידור דאָס בלאַט,
ביז דער טרויער אין איר איז געוואָרן אַ ניגון,
אַ דערוואַרעמט געזאַנג אינעם פּראָסטיקן שבת.

מ'האָט דער חזן געהאַלטן ביי אתה הראית
און דאָס ריינקייט צו דעם שולחן געבראַכט,
האָט די מאַמע דערשפּירט, ווי טרערן הייסע
אויף איר פּנים פאַלן, ווי טוי אין דער נאַכט.

זי האָט באַלד פאַרמאַכט אויפן שלאָס דאָס סידור
און זיך אויפגעשטעלט מיט אַ מלכהשן שטעל, —
אַז דאָס האַרץ צו די אויגן אַ טיאַכקע גיט דיר,
גיי אַרוים מיט דעם אויף יענער זייט שוועל.

אויפן וועג אַהיים האָט געשפּילט די ראָטאָנדע
מיט דער זון און מיט קאַלטע דימענטלעך שניי, —
נישט אומזיסט, וואָס יענעם גאַנג איך דערמאָן דאָ,
ווייל איך כאַפּ זיך אַמאָל, אַז ווי זי איך גיי.

איר גוט שבת אין שטוב האָט אָפּגעקלונגען
ווי דער קלאַנג פון אַ צעשפּאָלטענער טאַץ,

ס'האָט דער שבת פֿון איר אַרויסגעזונגען,
ווי מע גיט מיט אַ נאָגל אויף זילבער אַ קראַץ.

כ'האָב דעם חלום אירן נישט פֿאַרשטאַנען,
נאָר געזען האָב איך אים אויף איר בלייכער הויט,
ווי ער הייבט־אָן בּיסלעכווייז צו וויאַנען,
ווי פֿאַרנאַכטיק ווערט ער שיטער פֿאַרגרויט.

ס'איז אַ חלום געווען, האָט די מאַמע געוויקלט
איר געדאַנק, וואָס אָנגעהויבן האָט זי אין גאַנג,
און אַרויסגעקוקט צום פֿאַרדומפּענעם ליקל,
וואו אַ שמאָלער טאָג האָט אייביק געצאַנקט.

די ראָטאָנדע, מיט ווינטער האָט געגעבן אַ פֿינקל
און זיך אויסגעלאָשן אויף אַן אייביקער נאַכט,
און פֿאַרלייגט האָט די מאַמע זי אין אַ ווינקל
און דעם חלום אירן, ווי אַ טיר צוגעמאַכט.

אונדזער לעבן ווי אַ גילדענער זוים איז
אויף אַ טונקעלן הימל אַמאָל אין שבת,
און געווען אַזוי דער מאַמעס חלומות,
וואָס זי האָט אין ייִנגערע יאָרן געהאַט.

אַז איך זע אַ פֿויגל, ווי ליכטיק ער פֿליט דאָ
צו דער נאַכט אויף אַ בוים אין צווייגן־געדריי,
ווערט דער מאַמעס חלום פֿונעם שוועסטערל איטע
ווידער שטיל פֿאַרוויאַנעט, ווי דעמאָלט אין שניי.

און דעם חלום בין איך אַצינד נאָך נישט פּותר, —
אין ראָטאָנדע איז ער נאָך ביז איצטער פֿאַרהוילט, —
נאָר געווען איז ער אַ טרויעריק גרויסער
ביז ער האָט זיך ביי איר אין אַ שאָטן פֿאַרקנוילט.

## דער פּלויט

דער טאַטע האָט נישט ליב קיין פּלויטן, —
גאָטס ערד, אין פּלויט, איז איינגעקלעמט,
און אַז די שטוב אַפילו בויט'ן,
איז ער פון אָפּצאַם ווי פאַרשעמט.

כ'אָ ליב, זאָגט ער, די פרייע שטרעקעס,
אַז מענטש מיט מענטש קומט זעיך צינויף.
אַ פּלויט, מיט ברעיטער, צוועקעס,
די ליפּט פאַרשפּאַרן אינעם הויף.

און ווידער, מענטש, — כ'אָ ליב יחידות,
נאָר אַז ס'איז דאָ נאָך מענטש דערביי.
אַז גור אַליין, פיל עיך ווי אַלצדינג מיר איז,
ווי עפּעס גורנישט איז כדאי.

דאָס ברויט אין סטעפּ הייבט־אָן צו גרינען,
אַ רעגן קומט און טאַנצט־אַוועק.
אויף פריע בלומען זשומען בינען,
פאַריאָריק גראָז פון טייכל שמעקט.

די גאַסן פול מיט אַ געמעקע
פון לעמעלעך, באַראַנעס, שאָף.
בעלץ וואַקסט אַריין אין גרינער שטרעקע
ווי נאָר זי כאַפּט זיך אויף פון שלאָף.

דעם דאַך הייבט מען שוין אָן צו דעקן
אויף באַלקנס סוקעוואַטע, ברוין.
אויף רויטע ציגלווענט מיט פלעקן
וואַקסט ביסלעכווייז אַרויף אַ קרוין.

— איז וואוס ווערט זאַן מיט דער אָבאָרע?
מען דאַרף דאָך אָפּשטעלן אַ פּלויט.
— גיב, חיה, נאָר נישט קאַן עין־הרע,
כ'עט זאַן נאָך פלייש צום שטיקל ברויט . . .

נאָר טוביה גייט אַרום שוין וואָכן
און רק ער חשבונט, רק ער מעסט,
אין אונדזער הויף אַריינגעקראָכן, —
אַ פויגל אין אַ פרעמדער נעסט.

וואָס וויל דער שכן?
— עיך זוג דיר לוזער,
אַז ביטער איז ער ווי דער טויט.
דער טאַטע ווייסט, אַז שטעלן מוז ער
אַרום דעם הויף אַ שטיקל פלויט.

נאָר אים דער ענין איז דערווידער,
ווי מענטשן וואָלט ער נישט געטרויט.
וואָס אונגעקימען, חיה, אי׳דיר,
אַז רק די חלומסט פון אַ פלויט . . .

— דו זעיסט דאָך, לוזער, טוביה לאָקערט
אָף אינדזער בידנע שטיקל עירד. —
דער טאַטע האָט געזען דאָ אָקערשט,
ווי טוביה עפּעס האָט פאַרקלערט.

אַריינגעקלאָפּט האָט ער אַ דריקל
און די אָבאָרעס מעסט ער אין דער ברייט,
פאַר אונדז בלייבט־איבער נאָר אַ ליקל,
די שטוב פאַרעלנט, דאַכט זיך, שטייט.

איז פרעגט דער טאַטע אים:
— וואָס טיסטע?
ס׳איז מאַן אָבאָרע וואָס די מעסט . . .
די אויגן טוביהס, — גרויע, וויסטע,
די ליפּן בייז צונויפגעפּרעסט.

— ס׳איז מאַנס, זאָגט ער. כ׳אָ כאַזוקע,
אַז אָף מאַן עירד דאַן שטיב גור שטייט . . .
דעם טאַטן גיט דאָס האַרץ אַ סטוקע,
אַז ער הערט טוביהס בייזע רייד.

— וואָס רעדסטו, טוביה — זאָגט דער טאַטע
און איז אין זיך אַליין פאַרשעמט, —
דעם פּוריץ צאָל איך דאָך די ראַטע
פאַר ערד, וואָס שטיל מאַמע פאַרנעמט.

ווערט טוביה פרום, דאָס מויל פאַרציט ער
און גלעט דאָס קליינע בערדל שטרוי:
— באַ מיר איז, לוזער, גאָט דער היטער
און נישט אַ פּוריצל אַ גוי . . .

קומט ער אַריין און זאָגט דער מאַמען:
— גערעכט ביסטו, מע דאַרף אַ פלויט . . .
ער טראַכט פון זיך אַליין פאַרצאַמען
און ס'איז דאָס פּנים זיינס פאַרגרויט.

אַרויסגענומען האָט דער טאַטע
ביים פּריץ אַ מין בלוי פּאַפּיר,
מיט פּאַסיקלעך, ווי טעפּ שטשערבאַטע, —
אַז דאָס איז מיר און דאָס איז דיר.

נאָר מיט אַ האַק שטייט אונדזער שכן:
— ס'איז מאַנס . . . ס'איז מאַנס . . . כ'על שפּאַלטן קעפּ . . .
דער טאַטע גייט אַרום געבראָכן
און קוקט פאַרבענקט צום פרייען סטעפּ.

און שלאָף ביינאַכט הער איך אים וויינען:
אַ פלויט . . . אַן ענש . . . גאָט, אַ שטראָף . . .
די מאַמע שרייט:
— וואָס טיט ער מיינען,
אַז מאַכן עט עיר דיר אַ סוף?

זי ברענגט אין שטוב אַריין דעם דיין
און יידן — לויטער זייד־געוועב,
זיי הערן טוביהן ביטער שרייען:
— ס'איז מאַנס . . . ס'איז מאַנס . . . כ'על שפּאַלטן קעפּ . . .

אַן אינדערפרי, אין שפּעטן זומער,
שטייט טוביה וווּיטער און ער היט,
נאָר היינט איז ער גאָר ווי אַ שטומער,
דאָס פּנים איז אים נאָר צעגליט.

זאָגט אים דער טאַטע שטיל, מיט ווייטיק:
— די ביסט שוין, טוביה, נעבעך מיד . . .
און טראַכט: צי איז עס טאַקע נייטיק, —
אַ ייד אַ שקר שטייט און היט.

די האַק כאַפּט טוביה:
— עיכל פּלעטן . . .
נאָר ס'קומט זיין קול ווי פון אַ זאַק,
סע דאַכט זיך, אַז ער טוט זיך בעטן
און ס'פאַלט אים פון דער האַנט די האַק.

אַנטלויפן וויל ער, נאָר ווי מיט קייטן
צום אָרט איז ער צוגעשמידט.
— אין קיק דאַנעם אפילו זעיט'ן,
אַז די ביסט, טוביה, נעבעך מיד.

— כ'על דאַנס, חלילה, גורנישט נעמען . . .
און ווי קימט גור צו יידן העק? —
דער טאַטע רעדט און טוט זיך שעמען:
— ביסט בייז געווען . . . אַ סוף, אַן עק.

דער כעס איז טוביהן אויסגעגאַנגען,
ווי אין אַן אַכטער לאָמפּ אַ קנויט,
דאָס וואָרט זיינס קען ער קוים דערלאַנגען:
— די ווילסט? שטעל, לוזער, אָף אַ פּלויט.

דער קוק פּאַרציט זיך מיט אַ רויכל
ביים טאַטן און ער זאָגט מיט האַרץ:
— אַ פּלויט? עיך בין דיר, טוביה, מוחל,
ווער דאַרף אַ הייפל אַ פּאַרשפּאַרטס?

פאַררייטלט זענען טעג קאַיאָרע,
מיט דימענטלעך אַרומגעטויט,
די נייע שטוב און די אָבאָרע
פאַרחלומען זיך — אָן אַ פּלויט.

## די מומע צביה און אירע זעקס זין

ביי דער מומע צביהן זענען אויסגעוואַקסן זעקס זין,
מיט צעשיטערטע, רויטע בערד און מוטנע אויגן,
מיט פאַרשאַרפטע הערבעלעך אויבן, ביים סאַמע קין,
וואו די הויט האָט זיך מיט קנייטשעלעך צונויפגעצויגן.

אַז די מומע צביה איז, נישט פאַר קיין יידן געדאַכט,
אַן אלמנה געבליבן, האָט זי נאָך געטראָגן אַ שייטל,
מיט אַ קול אַ צעוואָרפנס האָט זי נאָך געלאַכט
און געברוינט האָט איר פּנים ווי אַ צוגעפלאַמט ברייטל.

נאָר אַז אויסגעגאַנגען איז מאיר־לייב ווי אַ „לעכט",
האָט די מומע צביה מיט אַ טראַסק די טיר אויפגעקייטלט
און אַריינגעשריגן אינעם דרויסן, אַז גאָט איז גערעכט,
נאָר ער לעשט־אויס דעם מענטשן אַזוי־ווי אַ קנייטל.

מיט אַ ליילעך האָט זי דעם מת אויפדערגיך צוגעדעקט
און ביי שכנים אין לאָדנס געקלאַפּט, אים אָפּצוהייבן,
ערשט דערנאָך די פאַרשלאָפענע זין אירע אויפגעוועקט,
אַז זיי זאָלן תהילים זאָגן צוקאָפּנס ביי מאיר־לייבן.

אין דער נאַכט האָבן ליכט, ווי שטומע עדות, געברענט
און די זין האָבן זיך געשאָקלט איבערן תהילים,
נאָר די מומע צביה, דאָס פּנים צום פענצטער געווענדט,
האָט צו זיך צערעדט : „זאָל ער אים נעמען, אַז ער וויל אים".

צו דער לוויה האָט די מומע צביה נאָך דער מיטה געשפּאַנט
מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, פאַרשוויגן און טרוקן,

נאָר די אויגן האָט זי זיך פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט,
ווי פֿון צווישן די פֿינגער דעם טויט אַריבערצוקוקן.

אַז דער שמש האָט צו איר מיטן מעסער זיך צוגערוקט,
אויפֿן וואָלענעם קלייד איר צו רייסן קריעה,
האָט זי אים אָפּגעשטופּט, —
„איך פֿרעג אַך, יידן, ווער זוגט,
אַז איך דאַרף גור קלוגן, אַז ער זאָל זעיך פֿאַר מיר מיען?"

אויף פֿאַרפֿרוירענעם פֿעלד, ביים געעפֿנטן גרוב,
זענען ביימעלעך געשטאַנען, פֿאַראָבלטע, הוילע,
אויפֿן שאַל האָט די מומע פֿארקניפּט נאָך אַ קנופּ
און געזאָגט: „אָך וואוס וואַרט איר מיט סתימת הגולל?"

איז אין קבר געפֿאַלן די פֿראָסטיקע ערד
מיט אַ טרוקן געפּויק, ווי צעשאָטענע ביינער,
ס'האָט דער ווינט ביי קברנים צעטראָגן די בערד
און דאָס קול אויסגעבאַפּט ביי די קרובים באַוויינער.

אַז די האַרטע ערד האָט דעם קבר פֿאַרדעקט
מיט פֿאַרשפּיציקטע רודעס, מיט שאַרפֿע קאַנטן,
האָט דעם שניי פֿון די ביימער דער ווינט אויסגעלעקט
און צום סטעפּ זיך געלאָזט מיט הקפֿות אַ שפּאַן־טאָן.

ער האָט פֿאַסמעס זון מיט זיך מיטגעשלעפּט,
ווי צעטרעפּעטע, קויטיקע, וואָלענע צויטן,
און געדאַכט האָט זיך, אַז אויף גליטשיקן סטעפּ
גייען־אויס מיט אַ ציטער פֿאַררייבערטע קנויטן.

אונטער קנויליקן הימל, אויף שניי און אויף פֿראָסט,
האָבן קדיש געזאָגט זעקס ייִנגלעך איינאיינעם,
ס'האָט דער עלצטער דעם באַס, ווי אַ דונער צעלאָזט,
ס'האָט דער ייִנגסטער געציטערט מיט אַן אַלט אַ ריינעם.

און אינמיטן — טענאָרלעך, האַלב דין און האַלב גראָב,
אויף די רודיקע ווערטער זענען מיטגעלאָפֿן,

ס'איז די מומע געשטאַנען מיט געהויבענעם קאָפּ,
מיט אַ פּנים, — פאַרפרוירן און איינגעשפּאַרט אָפן.

פון בית עלמין האָט די מומע פונפאָרנט געשפּאַנט
און נאָך איר די זעקס זין, ווי אַ טשערעדע לעמער,
ס'האָט איר פלייצע די זין פאַרשטעלט ווי אַ וואַנט, —
„לאָמיר גיין, לאָמיר גיין, ביזקל אונקימען ווע'מיר".

ס'איז זיי נאָכגעגאַנגען דער ווינט פונעם פעלד,
אַז ער זאָל זיי דעם שניי אין די פּנימער שטויבן,
ביי דער שוועל פון דער שטוב זיך אַנידערגעשטעלט,
און געוואָרפן געלעכטער אין פאַרגליווערטע שויבן.

ס'האָבן שכנות געבראַכט האַרטע אייער אין שטוב,
פרישע בייגל מיט אַש און וואָלקנס אבילות,
נאָר די מומע האָט זיי געזאָגט: „לאָזט מעיך אופּ,
עיך האָ' פאַנט ווי סע הענגען אָף אַך די פאַטשיילעס".

זענען שכנות, פאַרשעמטע אַרויס פון דער שטוב,
מיט פאַרדראָס און פאַטשיילעס אַריבער די אויגן,
ס'האָט איר טרויער די מומע געגעבן אַ זופּ, —
„ס'עט שוין גיין מיר דוס לעיבן ווי געזאָלצענע לויגן".

„כ'זאָל זיי אונטון די ליב", האָט זי בייז גערעדט,
„אין זיי וואַזן, ווי ביטער סע איז אַן אַלמונע,
נאָר אַ זאַפּיע, סע מאַנס, עיך טראָווער אין בעט" . . .
און ווי טראָפּנס אין חשון זענען איר טרערן גערונען.

נאָך אין שבעה האָט זי אויסגעלאַטעט זעק,
מיט צעריסענע, געלע און טוכלע וואַרעטעס,
פון דער קאַמער געשלעפּט אַ האַק און אַ זעג,
שטיקער האָלץ און ברעטער, — „ציניצקימען עט עס".

ס'האָט די מומע אַ קאַסטן, — אַ האַלבע שטוב די גרייס, —
פון די ברעטער און העלצלעך צונויפגעשלאָגן, —

„ס׳עט פֿאַרהיטן אינדז אַלע פֿון אַלדעם בייז״,
האָט זי צוועקעם געהאַקט ביז די גרויע פֿאַרטאָגן.

זי האָט איבערן קאַסטן צוגעקלאַפּט אַ טיר,
מיט זאַוויסעס, מיט לייסטן און אייזערנע קייטן,
אים מיט חשבון צעטיילט אויף קעמערלעך פֿיר,
און גערופֿן אַ שלאָסער דעם שלאָס צו פֿאַרלייטן.

נאָך דער שבֿעה האָט זי, מיט די עלטערע זין,
אין דער קאַמער דעם קאַסטן אַרויסגעטראָגן,
אים געמאָסטיעט אַהער, אים געמאָסטיעט אַהין,
ביז זיי האָבן אים פֿעסט צו דער וואַנט צוגעשלאָגן.

„דום וועט גיבן פֿאַרנוסע, מירצעשעם״,
האָט זי שטיל געזאָגט מיט אַ קול אַ פֿעסטן,
„כ׳על נאָר דאַרפֿן אַליין זעיך טין אַ נעם,
עט שוין זאַן וואוס צו וועיגן און וואוס צי מעסטן״.

אין פֿאַרבלייך פֿון דער נאַכט איז די מומע אַוועק צו דער בריק,
אין שאָפּענעם פֿעלץ, אין אָנגעטשעם גראָבע,
אויף די הענט שטיקלעך פֿוטער, אויפֿן קאָפּ אַ באַשליק, —
„ס׳עט מעיד, קינדער, נישט נעמען די כּאַראָבע״ . . .

ביי דער בריק האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט
מיט די אָרעמע סוחרים, אויף גויים צו וואַרטן,
ס׳האָט דער טאָג, ווי אַ זונרויז, געשפּראָצט פֿאַרגעלט,
מיט אַ ווינט פֿונעם סטעפּ און אַ שניי אַ האַרטן.

האָבן יידן געטרייסלט די אייזיקע בערד,
אַז דער אָטעם זאָל רויכיק אַרונטעררינען,
און געפּלעפּט רק געפֿרעגט : „האָט איר שוין געהערט,
אַז אַ יידענע זאָל זעיך אַזוינס גור פֿאַרגינען״ . . .

ס׳האָבן גויים אויף שליטנס פֿון דאָרף זיך געשלעפּט,
מיט קאַיאָריקער, פּראָסטיקער עניוות,

און די פערד, מיט די נאָזלעכער האָבן געשעפּט
קאַלטע לופט, און געוואָרפן זי אויף די גריוועס.

פון די שליטנס, די זעק, דעם האַלב־טונקעלן שפּאַן
האָט זיך אָנגעצונדן ביי יידן דער פיבער,
אַ געלאַף, אַ געאייל, אַ געשריי צום צאַראַן,
צו פאַרשלעפן אים באַלד צו די אייגענע שטיבער.

ס'איז די מומע צום אָנהייב געוואָרן געפּלעפט,
פאַר די אויגן געדרייט האָט זיך איר אַ ווייבער,
ס'האָט זיך שליטן מיט פערד צונויפגעהעפט
און דער ווינט האָט געוואָרפן צעכוואַליעטע טיכער.

נאָר דערנאָך האָט זי זיך ווי פון שלאָף אויפגעוועקט
און געזאָגט אויפן ווינט: „וואוס וועל איך דו פועלן?"
און פאַרלאָפן אַ שליטן און די הענט אויסגעשטרעקט
מיט „עיך היים", ווי סע וואָלט דאָ אַ פריץ באַפוילן.

מיט אַ טפּרר האָט דער גוי דאָס פערד אָפּגעשטעלט
און פאַרוואונדערט געקוקט אויף דער מאָדנער „פּימייע",
וואָס פון איר אַזאַ כוח, אַזאַ מענערישער, קוועלט,
וואָס זי רעדט נישט צו אים, נאָר זי זאָגט אים אַ דעה.

ס'האָט די מומע האַלב וואָלעכיש, האַלב יידיש גערעדט, —
„וויני קאָש, גאָספּאָדאַר, עיכל צולן מיט פאַרעס" —
און איר קול איז געווען אי באַפעל, אי געבעט,
אויפגעוויקלט, געפּלאָנטערט, ווי אַ קנײלעכל גאַרעס.

אינעם שליטן, אין זעק, האָט זי גערשטן און ווייץ
אָנגעטאַפּט מיט די ציטערדיק־קאָרטשיקע פינגער,
ס'האָט דאָס בלוט צו די שלייפן געגעבן אַ פלייץ,
מיט דער מורא פאַר אַנדערע, עלטערע דינגער.

„בעיט באַ גאָט, מאיר־לייב", האָט געציטערט איר קול,
„עיכל אָנצינען פראַטיק נאָך אַ לעבט אין אַ לײמל" . . .

זי האָט האַסטיק אַ שפּרונג־געטאָן מיטאַמאָל
און דאָס פערד אָנגעכאַפּט ביים פאַרפּרוירענעם ציימל.

וויפל טרויער ס'איז געווען אין דער יידענעס שפּרונג,
אַזאַ שטעל איז געווען אינעם קוק אירן גרויען,
ס'האָט דאָס פערד, מיט אַ הירזש, אויסגעטרייסלט די צונג
און צעשטויביקט דעם שניי מיט די שטומפּיקע טלאָיען.

ס'האָט דער פויער זיך איבערגעצלמט פון שרעק
און פאַרהאַלטן צוויי פינגער ביים קנייטשיקן שטערן,
מיט פאַרכמורעטע אויגן געקוקט אויף די זעק
און געפּרואווט פון דער מומען זיך אָפּצואווענדן.

האָט די מומע גערופן צו גאָט, שטיל און פרום,
אַז דערבאַרעמען זאָל ער זיך אויף אַן אלמנה,
און דער פויער געבעטן האָט יעזוסן שטום,
מיט אַ קוק, ווי אין אַלקערל פאַר דער איקאָנע.

ס'איז געווען, ווי געראַנגלט זיך האָבן די צוויי, —
מיט איר בורא די מומע און דער פויער מיט ישו'ן, —
ביז דאָס פערד האָט אַ טופּע־געטאָן אינעם שניי,
ווי אַ קול וואָלט באַפוילן אים: גיי־שוין, נו, גיי־שוין.

האָט גערירט זיך דער שליטן מיט קרעכץ און מיט סקריפּ,
און די מומע נאָך אים, אין געאייל און אין פיבער,
מיט אַ לויזער, צעוואָרפענער אונטערשטער ליפּ
און אַ פּנים מיט בערגלעך און פלאַמיקע גריבער.

איז געלאָפן די מומע, דאָס פערד האָט געשפּאַנט,
ביז אַרויפגעכאַפּט האָט זי זיך אויפן שליטן,
זיך געזעצט לעבן פויער און געזאָגט: „ס'איז קוראַנט
„אי מאַן געלט, אי די צרות, וואָס כ'האָב זעיך אָנגעליטן".

וואָס געשוויגן האָט זי פאַר קרובים און זין,
האָט זי אויסגערעדט דעם צעטומלטן פויער,

ביז ער האָט זי געפרעגט: „נו, פּימייע, וואוהין?"
איז פאַר זיי שוין געשטאַנען די שטוב און דער טויער.

אין די שטיבער, וואָס האָבן פון שלאָף ערשט דערוואַכט,
האָבן לעמפּלעך דערברענט אין געאייל, מיט אַ פּלאַטער,
ס'האָט אַ טיר זיך געעפנט, אַ טיר זיך פאַרמאַכט,
ס'איז דער רויך פון די קוימענס געגאַנגען אַ זאַטער.

אַ בינדיוזשניק די קאַטיגע האָט איינגעשפּאַנט,
ס'האָט אַ שמיד פונעם בלאָזאַק שפּריצן־פונקען געצויגן,
און אַ קלייטניק פאַרפרי האָט געמאָסטן געוואַנט, —
פול געווען איז דאָס געסל מיט ערשט־געעפנטע אויגן.

ס'האָבן קי אין די שטאַלן דאָס שפּייעכץ געקייט
און געהערט, ווי אין לייב וואַקסט זיי צאַפּל־געבערן,
די שפּעט־זומערע קעלבלעך, — נאָך דין און פאַרשייט, —
האָבן הערנער געשפּירט, ווי זיי האַלטן אין ווערן.

ס'איז די גאַס אויסגעשטרעקט, ווי אַ שטיק קאָרידאָר, —
נאָר אַריבערצוגיין פונעם אַלקער אין קאַמער,
הייבט זיך דאָרטן שוין אָן דער פאַרבלייכטער קאַיאָר
און דער הימל ווערט אָפענער, ליכטיק־גראַמער.

יידן זענען געגאַנגען, מיט אַ דריבנעם געשפּאַן,
אין בית־מדרש, אַ שחרית אַריינצוכאַפּן,
אויפן מזרח די שיין האָט געעפנט אַ קראַן,
אַז דעם טאָג, ווי אַ קאַלט פעסל ווייַן אויסצוצאַפּן.

ביי דער שטוב האָט די מומע, אינעם פיבער־געאייל,
אָפּגעשטעלט דעם פויער, זיך צוריק נישט צו קערן,
און געפילט, ווי דער טאָג וואַקסט אויף איר ווי אַ בייל
וואָס וועט וואַקסן און וואַקסן און וואונדיקער ווערן.

זי האָט זעק, מיטן פויער אינאיינעם, געשלעפּט
און דעם ווייץ אָפּגעמאָסטן מיט אַן ערלעכן מעסטל, —

אַז מע דאַרף פֿאַר פּרנסה נאָך ווערן פֿאַרגרעבט,
זאָל אין האַרץ דיר כאָטש קיינמאָל נישט נעמען קיין פּרעסטל . . .

אַז דער קאַסטן איז פֿול שוין געווען מיט גילדענעם ווייק,
איז אַ רו אַזאַ מידע אויף דער מומען געפֿאַלן,
ס'האָט די זון אומגעריכט זי געטאָן אַ פֿאַרפּלייק
און פֿאַרוויקלט איר פּנים מיט ליכטיקע שאַלן.

אירע וויעס אַרונטערגעלאָזט האָט זי פֿרום
און געזאָגט: „איך בין מיד שוין דום האַרץ זעיך צו שטאַרקן"...
אָנגעלענט אויפֿן קאַסטן און געהערט דעם אַרום,
ווי דעם רויש פֿון די ווייטע און פֿרעמדע געמאַרקן.

ס'איז געקומען אויף איר אַזאַ שלאָף אויף דער וואַך,
ווי אַ טירל אין מוח וואָלט זיך האַלב נאָר געעפֿנט,
נאָר די אַנדערע העלפֿט גיט זיך שטיל אַ פֿאַרמאַך,
אַז זיי זאָלן זיך ביידע אויף איין שוועל נישט טרעפֿן.

מיטאַמאָל אָבער האָט זיך די מומע געכאַפּט,
אַז דאָס האַרץ ווערט איר שווערער, ווערט שוואַכער,
האָט זי וויעס מיט גליווערער האַנט אָנגעטאַפּט
און דערמאָנט זיך דעם מאַנס „בעלות השחר".

זי האָט שטיל נאָכגעזונגען דאָס פֿרומע געזאַנג
און דאָס האַרץ איז געוואָרן אַליך גרינגער און וואַכער,
זי האָט ווערטער געטרונקען, ווי אַ וואונדער־געטראַנק,
אויפֿן גומען געשפּירט דעם טעם פֿון „בעלות השחר".

אַז אַריין איז די מומע צו די זין אין שטוב,
האָבן יונגע אויגן איר אַנטקעגן געלויכטן,
זי האָט אָפּגעבונדן אין פֿאַטשיילע אַ קנופּ
און זיי אָנגעקוקט מיט אַ קוק אַ פֿאַרהויכטן.

„אַז געלויבט איז זאַן נומען", האָט איר קול געשאַלט,
„כ'על נאָך האַנט, מירצעשעם זעיך קויפֿן אַ שטעבער" . . .

אין געדאַכט האָט זיך, אַז איר הויך געשטאַלט
וואַקסט אין טונקעלן חדר אַליך העכער און העכער.

די זעקס זין האָט די מומע אין בית־המדרש געפירט,
זייער קדיש צו הערן און ענטפערן פון פּאָליש אָמן,
זי האָט קוים מיט די ליפּן דאָס וואָרט אָנגערירט,
זיך פאַרגונען נאָר טראַכטן: „אַז וואויל איז דער מאַמען".

מיט די זעקס קדישים איז דער מאַמען וואויל,
פאַר אַ יידענע איז דאָ אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן,
זאָל איר גאָט נאָר העלפן אַ יידיש וואָרט אין מויל,
וועט זי זיך שוין אין גוי, חלילה, נישט נאַרן.

## דאָס קול פון טערקלטויב

### א

אין די פאַרטאָגן פון חודש אייר
שטייט די טערקלטויב אויף נאָך פריער,
טערקלט צום ריינעם, נאָך בלויען פאַרפרי.
קול אירס אין טיפעניש גיט אַ צעבלי,
ווי תל־אביבער בלוי־בוגאַווילעס.
קול אירס נאָך נאַכטיק און תאווהדיק קיל איז,
נאָר מיט אַ נאָכקלאַנג, וואָס נאָר איך דערשפּיר אים,
פונעם תנ"כישן געזאַנג שיר השירים.

טערקלט די טערקלטויב, טערקלט און רופט,
לויטערער ווערן זאָל נאַכטיקע לופט,
פּאָרן זיך זאָל אַ טויב מיט אַ טויב,
ליבשאַפט זאָל ברומען אַ ברוסטיקע לויב
צו די פאַרפריאיקע בליאיקע פּאָרן,
וואָס אין דער ליבשאַפט זענען געוואָרן
ווי אַ צווייג צו אַ צווייג צוגעבונדן,
איינס און צעשיידט, מיט אַ קילקייט געצונדן, —

אין די פֿאַרטאָגן פֿונעם חודש אייר
שטייט די טערקלטויב אויף נאָך פֿריער.

ב

די טערקלטויב האָט נאָך נישט אויסגעטערקלט
געזאַנג אירס פֿון ליבשאַפֿט זינט ס'האָט שולמית
דעם כּרם אויף ירושלימער בערג געהיט.
זי קומט פֿון דער נאַכט און איר גאַנג איז געבערגלט,
איר קול ווי אַ צוגעדעקטער פֿלאַם איז,
מיט גלוסטעניש פֿול. פֿון גלוסטעניש מיד.

פֿאַרטאָג, אַז איך זע זי אינעם פֿייגל־געווימל,
איז זי אַזוי קליין, אַזוי בליענדיק עלנט,
אַפֿילו אין טויבנגעזינדל פֿרעמד.
נאָר אויפֿגעהויבן דער קאָפּ איז צום הימל,
דער האַלדז, געפֿינטלט מיט אַ שנירל קרעלן,
מיט זיידענע פֿעדים איז צעקעמט.

זי רופֿט  צו ליבשאַפֿט, אַז פּאָר זאָל זיך פּאָרן,
באַהעפֿטן זאָלן זיך העלפֿטן צעשיידטע,
נאָר זי, ווי דער אומעט אין דער נאַכט, איז אַליין.
די קרוין אויפֿן קאָפּ, ווי אַ בינטל קאָרן,
מיט פֿעדערן־קנופּן צונויפֿגעדרייטע,
דעם טאָג טראָגט אַקעגן אַ נאַכטיק געוויין.

ג

דער גאַנג ביי דער טערקלטויב איז אַ געצוימטער,
נאָר אין די פֿליגלען אַן אויפֿגעשוימטער,
ווי נאָכגעגאַנגען וואָלט איר אַ ווינט.
דאָס טונקעלע גופֿל איז פֿול מיט ציטער,
מיט פּאַסיקלעך בלאַסק פֿון מדבר־געוויטער,
וואָס זענען אין פֿעדערן איינגעשפּינט.

פֿון מדבר קומט זי, פֿון פֿעלדזיקע שפּאַלטן,
פֿון ווילדן גלי איבער צעקריצטע געשטאַלטן,

פון ווינטן, וואָס ברויזן מיט גילדענעם שטויב.
די זון אויף איר איז אַ צעשויבערטער פעכער,
דער קאָפּ איז אַ טונקל־געזילבערטער בעכער,
נאָר טרויעריק טערקלט די טערקלטויב.

זי וויגט־ערט־אָפּ, — ווער ווייסט וואו זי ווינטערט?
וואו גאָט קומט אַרונטער און שטערן צינדט ער;
אויף בערג, וואו סע שרעקט זיך דער גאַזעל;
אין וואַדים אפשר, פאַנטאַסטישע ווילעס, —
סע בליען, בלויען די בוגאַנווילעס,
די טערקלטויב טערקלט ביי אונדזער שוועל.

ד

געווען איז דער טרויעריקער טאָג פון דערמאָנען,
אַ בערגעלע נאַכט האָט נאָך טונקל געבליט,
געטרונקען האָבן נאָך טוי די באַלקאָנען,
נאָר מאַמעס האָבן שוין שוואַרצע פאָנען
אַרויסגעהאָנגען צום הייליקן טויט.

די פאָנען, ווי געשאָכטענע טויבן,
זענען געהאָנגען מיט ציטערדיקע קעפּ
און מאַמעס האָבן פון די בלוילעכע שויבן
געקוקט, ווי די נאַכט האָט זיך אויפגעהויבן,
ווי די זון האָט געפלאָכטן גילדענע צעפּ.

די טערקלטויב, — אַנדערש איז געווען איר ברומען,
אַרויס איז דאָס קול פון נאַכטיקער ברוסט,
דעם צער צו נעמען אויף אייגענעם גומען
און היילן די אויפגעריסענע מומ'ען
אין טונקלקייט פון צעוואָקסענעם קוסט.

אַז אַנדערע פייגל זענען אויפגעשטאַנען,
האָט זיך פאַרטאָגיק געזאַנג צעברויזט,
געדאַכט האָט זיך אָבער, אַז קולות פאַרוויאַנען

און גייען נישט ווייטער אַוועק פונדאַנען,
ווי צווייגן וואָלטן זיי דעם וועג פאַרגרויזט.

נאָך טיפער איז דער טערקלטויבס קול געוואָרן,
אַריין פון דער נאַכט אינעם אָנהייב טאָג,
און ווער ס'האָט דאָס קול, מיטן ברום דעם קלאָרן
געהערט, האָט דערשפּירט דעם שטאָך פון אַ דאָרן,
אין האַרץ האָט די אומרו אים געטאָן אַ שלאָג.

אַז ס'האָט זיך דער טאָג אַרויסגעוויקלט
פון מוטערנאַכט, — האַלב בלייך, האַלב רויט,
האָט זיך די איינציקע פּאָן אין אַ ליקל
אַ וויג געטאָן אויפן פּייכטלעכן שטריקל
אַראָפּ צו די ליליעס אויפן גרינלעכן פלויט.

אַ ליליע האָט זיך אַרויפצו געצויגן
און וויס איז אויף שוואַרץ געוואָרן אַ הויט.
אַ מאַמע פון פענצטער האָט זיך אַרויסגעבויגן,
געריעדט צו אַ זון מיט אַ פונק אין די אויגן:
דער טויט איז אונדזער געהייליקט ברויט.

ה

באַנאַנע־וועלדלעך, מיט פליישיקע בלעטער,
צעשפּילטע זונרויזן, ברויטן רייפע,
דער טאָג — אַ זוניק־בלענדיקער טרעטער
גייט פון תל־אביב אויפן וועג קיין חיפה.

דער ים אויף לינקס — אַ זאַמדיק באַזוימטער,
קושט שטעטלעך און דערפלעך מיט גרינע ליפּן,
אויף רעכטס אַ ישוב, אַ שיטער באַבוימטער,
טוט זעמדלעך זון צווישן צווייגן זיפּן.

דאָ שניידן זיך וועגן, נתניה, הרצליה.
קיבוצים צוויי, אין דער ברייט, ווי אַ צירה,

אַן עקאַליפּטוס־וועלדל טוט בליען
אויף קברים לאַנגיאָריקע אין חדרה.

בלייב שטיין, נהג, מיר וועלן אַ רגע
צונויפנעמען דאָ דעם צער בציבור,
נישטאָ וואָס צו רעדן, נאָר פאַרן אַוועקגיין
אַ שווייג־טאָן אויף קברים פון זומפּן און פיבער.

חדרה איז אַלט מיט טרויער און טויטן,
חדרה איז אַלט מיט צעוואַקסענע שטיבער,
איצט גרינען דאָ ביימער, קרייזלען זיך ברויטן,
נאָר ס'ברענט נאָך אין טיפעניש זומפּ און פיבער.

פון ים קערט זיך אָפּ דער שליאַך, נאָר ווידער
צוריק קומט ער צו דער זאַמדיקער לענטע,
אויף רעכטס, — אין האַרצן אַ טיאָכקע גיט דיר, —
אַראַבישע שטיבלעך, צעשאָסן־פאַרברענטע.

צום טאָג פון דערמאָנונג קיין חיפה פאָרסטו
און דאָ שטייט דערמאָנונג — אַן אָפענע תחינה,
די שוואַרצע לעבער זענען פאָנען די וואָרסטע,
דאָס יונגע בלוט פון זיי טוט נאָך רינען.

דער כרמל הייבט אָן וואַקסן בהדרגה,
מיט קעמלען הויקערס אַרויפצו גייט ער,
סע דאַכט זיך, אַז אין אַ צעוואָרפענער טאָגע
צו זיך אַליין שטייגט ער אויף אַ לייטער.

נאָך יונג איז ער מיט אַלטע איילבירט־וועלדלעך,
די וויינשטאָקן גרינען מיט רויטלעכע הויטן,
טעראַסן אין שטיין, מיט קנייטשן פעלדלעך
און חרובע דערפלעך — פאַרברענטע קנויטן.

פון אויבן אַרונטער טונקלט זכרון יעקב, —
אַ נעסט פון וואַנדערפייגל צונויפגעשלאָגן,

אַז ייִד איז מאָלדאַווע האָט אָנגעהויבן צאַנקען,
האָט מידע פֿליגלען זיי אַהער דערטראָגן.

צעשפּרייט זענען שטיבלעך דאָ, ווי אַ פּעכער,
די שטילקייט איבער זכרון צו פֿאַרהילן,
דער טאָג זינגט פֿריאיק מה טובו אוהליך,
מיט באַרג אין קול, מיט ווינטל קילן.

דער כרמל ווערט העכער און וואַלדיק שיטער,
די זון אויף אים צעשפּרייט וואָלקנס בלאָע,
אַנטקעגן קומט דער אייביקער ציטער
פֿון דער מיסטעריע אין מערת אליהו.

דער מאָנאַסטיר, וואָס טורעמט סאַמע אויבן,
איז, דאַכט זיך, נידעריקער פֿון דער הייל דאָ אונטן,
דעם פּלי אליהוס וועט ער נישט צעשטויבן,
דעם הימלס הייך איז אין טיפֿע גרונטן.

דערפֿאָרן זיינען מיר צו חיפֿהס טויער,
צום ים, וואָס גרינט אין זון אַ צעגליטער,
דער כרמל, ווי אַ פֿויגל אין פּלי, הויערט
און דאַכטן דאַכט זיך, אַז באַלד פֿאַרפֿליט ער.

די שטאָט, אין שכונות אליהוס,
איז פֿייערדיק ניי און אַלט תנ״כיש,
צעפֿאַטלט און רוישיק דער אַרייַנקום דאָ איז,
נאָר אויבן דער כרמל רעדט בלחש.

די טערקלטויב, דאַכט זיך, ביים טויער וואַרט זי,
דאָס קול אירס איז טונקל, מיט בראָנזענעם עכאָ,
די פּאָנעץ דאָ הענגען פֿאַרעלנטע, שוואַרצע,
נאָר ס׳זינגט פֿונעם טרויער — מה טובו אוהליך.

ו

צווישן בראַנדיים־גאַס און שטריקער
ווערט דאָס וועלדל גריך־געדיכטער,

ביימער זענען פון געזאַנג דאָרט שיכור
און די פייגל זענען אויך נישט ניכטער.

שטיבער שטייען ווינקלדיק־געטעסעט,
אָנגעשפּאַרט אויף לופטיקע קאָלאָנעס,
נאָר נאָך לופטיקער איז די מרפּסת
פאַר דער שיין פון בלווילעכע לבנהס.

ווייס איך, אַז מרפסת איז טעראַסע,
נאָר אויף בראַנדייס־גאַס, ביי שטריקער,
הויערט נישט אויף מיר די ווערטער־משא,
נאָר געזאַנג פון פייגלשע טשיריקערס.

אַ געמיש פון קלאַנגען אַלערלייע,
נאָר באַזונדער איז דער דראַנג צו זאָגן,
הערסט, אַז פייגל ווילן אויך אַ דעה
אויפצואוועקן יידישע פאַרטאָגן.

קומט פאַרנאַכטלעך, ביימער ווערן
פול מיט שלאָף פון פייגלס אויסגעזאַנגען,
קולות אינעם זילבערשיין פון שטערן,
מיט אַ נאַכטיק פירהענגל פאַרהאַנגען.

וויפל שלאָף ס'איז דאָ ביי גאָט אין קאַמער,
נידערט ער צום וועלדל דאָ, ביי שטריקער, —
איז עס אפשר נאָר אַ זאָג, אַ מאמר,
וואָרעם דאָס איז אַלץ נאָך נישט דער עיקר.

ס'איז נאָך דאָ אַן עיקר, — בלוי פאַרוויקלט
ליגט ער נאָך אין מיין פאַרהילטן רעיון,
וועל איך צוגיין צום ירקון, ביים בריקל,
אַז אין שטילקייט זאָל איך זיך פאַרטייען.

ז י ך צו לייענען, דעם געדאַנק דערפילן,
וועל איך אים מיט שטערן־כתב באַשרייבן,

ביז די נאַכט וועט מיך מיט ווינטלעך קילן
און דער עיקר — וועט פאַרהוילן בלייבן.

ז

נאָך אַ צענדליק יאָר, אַז איך בין צו דיר קריקגעקומען,
ביסטו, ווייסע שטאָט, ווייסער נאָך געוואָרן.
חודש ניסן איצט, אינעם יאָר תש"ך,
אָפּגעציילט האָסטו אַ גאַנצן יובל יאָרן,
יינגער בליען דיינע רויטע, בלויע בלומען,
שלאָפסט די נאַכט, ווי אַ קווייטל שלאָפט אין קאָרן,
וואַשסט פאַרפרי זיך אויס די אויגן און ביסט וואַך.
קוקסט נאָך אַלץ פאַרוואונדערט,
ווי ביים אָנהייב פון דיין האַלבן־יאָרהונדערט,
ווען פון זאַמדן ביסטו אויפגעשטאַנען,
מיט אַ דאָרשט, שיין צו טרינקען, אין דיין גומען,
מיט אַ יינגל־קראַפט צו זינגען און צו שפּאַנען.

נאָך אַ צענדליק יאָר, —
אויפן ווייסן שטאַם דיינעם יאָרן־רינגען,
דיינע צווייגן האָבן זיך צעשפּרייט צום ווייטן צפון,
וואַרפסט שוין קילן שאָטן אויף דעם ירקון,
נאָר דו קענסט נאָך הערן יינגלדיק, ציטערדיק און אָפן
ווי די פייגל אין די בלעטער־קרוינען דיינע זינגען.

האָסט דיין אייגן רעטעניש נאָך נישט געטראָפן,
אייביק אָנהייב דיינער בלוט און פליישׁ איז,
שטאָט דו, ווייס־צעוואַקסענער בראשית,
קריקגעקומען בין איך צו דיין אור זרוע
נאָך אַ ביסל שיין פאַר זיך דאָ אויסצודינגען,
טעג מיינע פון תּם ונשלם אויסצורוען.

ח

מיר האָבן דאָ איבערגעלאָזט אַ נאָמען,
וואָס פרעמד איז ער אַפילו דעם ווינט,

ער איז דער בראשית, וואָס שוועבט איבער תהומען
און איידער ער ווערט נאָך, נעמט ער און צערינט.

אַ נאָמען איז עלנט, ווי אַ מענטש איז עלנט
און מיר האָבן אים געהייליקט אין שטיין, —
יהודהס בערג זענען זיינע געזעלן,
די נאַכט ברידערט זיך מיט אים אין געוויין.

נאָר איצטער איז טאָג. אויף אַ זילבערן שיפל
דערשווימט אַ וואָלקן פון גבעת יערים, —
ווי זאָלן מיר ציילן, אַז מיר וויסן נישט וויפל
סע האָבן זיך נעמען צעלויכטן אין אים?

אַ נאָמען וואַקסט־אויס, ווי אַ בוים, ווערט באַבלעטערט,
צעשפרייט זיינע וואָרצלען, טרינקט זיך אָן מיט ערד,
האָט קינדער און קינדס־קינדער מומעס און פעטערס,
נאָר אים איז דער עלנט אין בערג דאָ באַשערט.

אַז ווי זאָל ער וואַקסן פון תהומיקן איידער?
דער שאָטן זיינער איז נאָך אַפילו נישטאָ.
אַז וואָלט ער געווען, וואָלט איך געשיקט אים אין חדר,
צו זינגען מיט זילבער קמץ אַלף אָ.

אַזוי איז דאָס זילבער פאַרהילט אין אַ כמאַרע
און בערג היטן־אָפּ נישט־געבוירענעם קלאַנג,
דערשראָקן־פאַרטייעטע פייגלשע שוואַרע
טראַכט־אויס אויף ביימער אַ מידן געדאַנק.

פאַרזייט איז אין בערג אַ פאַרטראָגענער זאָמען,
אַ פונק דערפליט און די בלעטער צעצינדט, —
מיר האָבן דאָ איבערגעלאָזט אַ נאָמען,
וואָס פרעמד איז ער אַפילו דעם ווינט.

ט

ביימער זענען דאָ גרין געשריפטס, —
טויזנט־מאָל־טויזנט אַלף ביתן,

לייענט זיי דער ווינט מיט אַ זיפֿץ,
נאָר ער ווייסט נישט ווי זיי הייסן.

טרעפֿט, אַז אַ פֿויגל אַהער פֿאַרפֿליט,
גיט אים דער עלנט אַ פֿלי אַריבער.
ביימער רוישן דאָ אויס אַ ליד,
וואָס איז אַליין אַ גאַנצער ציבור.

וואָס איז אַ בוים ? אַ וואָרצל. אַ שטאַם.
צווייגנגעפֿלעכט. צעבינטלטע בלעטער.
דאָ איז אַ בוים דער נקמת דם
פֿאַרן אַמאָל, דעם איצט און דעם שפּעטער.

שפּירסט ווי אין ביימער־אָדערן רינט
טרויעריק בלוט, צעגרינט באַרג־אַרויפֿיק,
אָפּגעשטעלט האָט זיך אָבער דער ווינט
איבערן לעצטן קלאַפּ פֿונעם דופק.

נישט אינעם טאָג און נישט אין דער נאַכט, -
אייביקער איז די שיין אין צעווישן, —
האָט זיך אַ בוך אַ גרינס אויפֿגעמאַכט,
ווינט זאָל די בלעטער זיינע מישן.

וועט ער מישן אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט
און זיך דערמישן צו אייגן געיאָמער, —
יידן האָט ער אויך אַמאָל געהאַט,
דאָ איז דער וואַלד פֿאַר יידנס נישטאָ מער.

ד

לאָמיר נעמען אַ מנין ביימער,
זאָגן קדיש דאָ פֿאַרנאַכט־צו,
אָדער לערנען פּשוט לאמר :
ריין געוואַשן — ויתרחצו.

קלאַנג פֿון בערג אַ פֿרומער שטראָם איז,
אַ פּרוכת איז די כמאַרע,

וועדט אַן עמוד פון נפשות,
בקדושה ובטהרה.

זאָג דעם ווינט שטיל און שטילער:
נעם אַן אַלטן בוים, צערויש אים,
ער זאָל זיין דאָ דער בעל־תפילה
אינעם יער הקדושים.

דאַכט זיך, אַז סע בעט אַ בוים אים:
נאָר נישט וויינען, נאָר נישט מאָנען,
נישט קיין קדיש פון יתומים,
נאָר אַ קדיש דרבנן.

## יא

אינעם יער הקדושים
טראָגט די טערקלטויב אַ טלית,
אויסגענייט בלאַט־אויף־בלאַט.
וואָרקעט־אויס אַ קדיש שטילן
מ׳קול — אַ טרויעריקער קוואַל איז.
ביימער דאַווענען אין תפילין,
דער של ראש אויף ביימער־קוישן,
אויף די שטאַמען — דער של יד.

אין דער גרינער ביימער־עדה,
צווייג־געפלעכט און בלאַט־געוועבן,
וואָס פאַרוויגט האָט זי דער ווינט
אין אַ חלום פון אַ זוניק לעבן,
איז די טערקלטויב דער שליח־ציבור.
וואַקסט איר קול דעם רויש אַריבער,
אַז פאַרנאַכט די זון פאַרגייט דאָ
און אין שאָטן־שיין צערינט.

שמעון, יצחק,ביילע, פראַדל, —
נעמען טויזנטער אויף טויזנט
איינגעאָטעמט אין איין קול,

אין איין ציטערדיקן ברויזן
פון אַ טונקלדיקן ניגון,
צער, וואָס טאָג האָט אויסגעשוויגן,
ברומט אין טערקלטויבס ויתגדל
פונעם באַרג אַראָפּ אין טאָל.

ווי שליחים פון די הייכן,
מיט צעשפּרייטע, שטומע פליגל,
פליען פייגל אָן צו צוויי.
דרייען זיך אין שאָטן־עיגול
און אויף צווייגן זיך צעזעצן.
אין געפלעכט פון בלעטער־נעצן
ענטפערט מיט אַ קול אַ ווייכן
בוים־צו־בוים: אָמן, יהא שמה.

יב

אין ווילנע, קעשענעוו, לובלין,
אין וואַרשע, ביאַליסטאָק און ווין
די טערקלטויב האָט מען פאַרברענט.
דאָס אַש אירס האָט געבראַכט דער ווינט
צום וואַלד, וואו זון נר־תמיד צינדט,
וואו ס'האָט זיך בוים־מיט־בוים דערקענט.

אין ציטערדיקן בלעטער־ראַש
איז אויפגעשטאַנען זי פון אַש,
מיט פונקען אין דעם פליגל־שפּרייט.
זי וואָרקעט מיט אַ וואַלד־געברום,
וואָס איז אין טרויער יידיש־פרום,
אמונהדיק און פול מיט פרייד.

אין גרינעם בלאַט, אין קנייטש פון שטאַם
בליט־אויף דער גואל הדם,
ווערט יידנאַש דערלייזט אין בלי.
פאַרנאַכט. דער וואַלד איז פול מיט לויב,

צעברומט זיך שטיל די טערקלטויב
תנ״כיש־יידישדיק ו י ה י .

סע זאָגן ביימער נאָך ו י ה י ,
דאָס וואָרט, — אַ טרויעריקער פלי, —
פּאַלט־צו מיט ליבשאַפט צו דעם וואַלד
אַז זון צעפינקלט טראָפנס טוי
און מישט איר גאָלד צונויף מיט בלוי,
ווערט יעדער בוים אַ ייד־געשטאַלט.

### י״ג

ביי דער סאַמע ערד וואַקסן גרינע קריינדלעך,
ווי די קאָפּטיבער אויף אָפּגעגאָלטע קעפּ,
שאָטענען אויף זיי פרומע ווייבערישע הנדלעך
מיטן חלום פון אַ מיידלס יונגע צעפּ.

אויפן באַרג אַ שלאָס, מיט ווענט, אין שטיין געשטרייפטע,
זיצט בן־מלך אין אים און קוקט־אַראָפּ צום טאָל,
אָ, אַזוי פיל כלות, זוניק אויסגעדרייפטע,
טראָגן אַרונטער, ווינט, צו זיי מיין ברוסטיק קול.

נאָר דער ווינט, ביז ער קומט אַרונטער צו דער נידער,
ווערט פאַרעלטערט, ברענגט אַן אָפּגעקילטן גרוס,
פונעם בן־מלך דערציילט ער מיטן ניגון פון אַ סידור,
לאַכט מיט טרוקענעם געלעכטער: אומיסטן, הערט אַ שטות.

הערן כלות, — הו־הו־הו — יינגער ווערן זיי און פרימער
דעקן־צו די קעפּ, וואָס מדבר האָט זיי אָפּגעגאָלט,
גיט די זון אויף זיי אַ ציטערדיק־פאַרשעמטן שימער,
און דער שאָטן טרינקט זיך אָן מיט טונקל־פייערדיקן גאָלד.

### י״ד

אויף די הויקערס פונעם נגב
גייט דער שאָטן פון אַ וועג אויף, —

רויטלעך, בלוילעך, צוגעמישט מיט גרוי.
גייט ער שטיל, נישט אויפֿצואוועקן
בערג, וואָס ווילן זיך פֿאַרדעקן
מיטן צודעק פֿון פּרימאָרגן־טוי.

מלכותדיק ביסטו און אָרעם,
קעניג דאָרשטיקער פֿון דרום,
זייגסט פֿון זיך אַ טראָפּן זאַפֿט.
אָרעמשאַפֿט טוסטו באַצירן,
מיט פֿאַרשאָטנטע קאָלירן,
און פֿון זיך ביסטו פֿאַרגאַפֿט.

גיסט זיך אַ פֿאַרהיל, דעקסט אַ ברעג אויף, —
ס'הייבט אַ וויע אויף דער נגבֿ —
לויכט דאָס אויג, אין זיך פֿאַרטייעט, קלוג.
בערג האָסטו, אויף זיי צו קריצן
טרוקן כּתבֿ פֿון ברוינע היצן,
צו פֿאַרדעקן וואָרט אין בלויען קוק.

## טו

דאָ איז גרעסער דער מענטש, אַז אין שטיין
איז געשטאַלט זיינס אויסגעפֿורעמט,
דאָ האָט גאָט אים אויסגעיסורימט,
איז זיין טרויער מדברדיק ריין,
וואַקסט אַריבער די בערג זיין עלנט
און דערגייט צו דער פֿרייד פֿון זיין אַליין, —
זיין אַליין אַפֿילו אין אייגן געביין,
אינעם גאָרנישט וויסן, גאָרנישט וועלן.

ס'איז דאָ דורכגעגאַנגען דער מענטש, ווי אַ שטראָם,
מיט געראַנגל, מיט ציטער, מיט בלוטגעפֿעסן,
ס'איז די צייט אים צופֿוסנס פֿאַרוואונדיקט געזעסן,
מיט די שראַמען אבֿרהמס, געוויינען פֿון סדום,
מיט די תאוותס פֿאַרטרונקענע פֿון לוטן.

ס'איז צייט אַ הונגעריקער שוואָם,
וואָס דערשלינגט אין זיך און בלייבט — תהום,
נאָר דער מענטש איז דאָ אַפילו אינעם שאָטן.

ווער האָט נאָכגעמאַכט דעם באַשאַף, — צי באַרג, צי גאָט ?
צי אין ביידע האָט זיך דער מענטש צעצונדן ?
שטום מיט רייד איז די מדבר. מיט פאַרבנוואונדן,
מיט באַהאַלטענעם אויפשיין, מיט מענטשגענאָד.
אַז אַפילו אין שטיין איז דער מענטש פול מיט שראַמען,
ווער וועט אויפדעקן אונדז זיין צער, זיין סוד ?
ס'האָט אים אויסגעהאַקט אַ האַנט מיט אַ דלאָט
און אַרומגענומען אין פאַרביקע ראַמען.

ער איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ פאַרטיק געשטאַלט,
זענען יאָרן פאַרגליווערט אים אין די שטריכן,
ס'איז אים גבורה אָנגעגאָסן אין די דיכן,
אויפן פנים באַוואוסטזיין איז צעשטראַלט,
פון די אוריאָרן זיינע איז נאָך דאָס וויסן,
פונעם נאָך־נישט־געקריצטן שטייניקן וואַלד,
פונעם אורדונער, וואָס איבער אים האָט געקנאַלט, —
דער פאַרנאַכט ווערט טונקל מיט פאַרביקע ריסן.

## טז

נבטים, — פון שטומע יאָרנהיילן,
פון די בערג, וואָס שניידן זיך אויף פאַסן,
פון צעוואונדיקטע, צעקאָרטשעטע טעראַסן,
זענען זיי אַרויסגעקומען, צו דערציילן
וואונדער־מעשהלעך פון לעבנס אָפגעווישטע
און חלומות, ווידער אויפגעמישטע.

אין דיין בלוט איז זייער נאָכקלאַנג נישט געראַנעט,
נישט געהערט האָסטו אין זיך געזאַנגען
פונעם ציטער, וואָס איז לאַנג פאַרגאַנגען,
ווי אַ שטיינדלקלאַנג אין טיפקייט פון אַ ברונעם.

נאָר אַ האַנט האָט זיי פון תהום אַרויסגעגראָבן
דאָס פאַרגעסנקייט פון זיי אַראָפּצושאָבן.

נבטים, — וואָס זענען זיי? אַ שטיין, אַ קריגל,
טעפּ צעדרינדזשעטע, מיט פאַרביקע געמעלן,
נאָר פון היילן, בערג, פון ווינטנס קרומע שוועלן,
פון נישט אויסגעבערנטע, האַלב־צעשטויבטע ציגל
וואַקסן־אויס פאַר דיר אַזוינע מענטשגעשטאַלטן,
וואָס די אייביקייט האָט זיי פאַר דיר באַהאַלטן.

הייבט די מדבר אָן פון זיך אַראָפּצושיילן
די פאַרהאַרטעוועטע, פאַרברענטע הויטן,
פאַלן שטיקערווייז אַרונטער דורות טויטן,
קריכט דער מענטש אַרויס פון חושך־היילן, —
ער איז דאָ, מיט פּיין זיינעם און טרויער,
מיט מענטשגעשריי, דער אייביקייטס געדויער.

נבטים, אין שפּיל פון מדברדיקע פאַרבן,
האָט איר אויפגעפראַלט צו אייביקייט אַ טויער, —
לעבן מיינס ווערט אויסגעשעפּטער, גרויער,
ווי די בערג דאָ, איז עס פול מיט קאַרבן,
נאָר איך הער דאָס פאָכען פון דער צייטס אַ פליגל:
מענטש איז אייביק־וואונדערדיקער עיגול.

יד

די זון איבער בערג אַ דינער רויך איז,
(נישט אָפּגעטאָן האָט זיך דער עמוד־הענן),
אַן אָרון־קודש, אַ שטייניק פּרוכת,
מיט פרומע לייבן, מיט גילדענע פאָנען.
דאָ נעמט גאָט אַרויס זיין תורה צו קריאה,
און בערג — דער מנין אין פאַרטאָגן פריע.

ער לייענט הויך די עשׂרת הדברות,
מיט מרכא, טפּחא, מונח, אתנחתא,

דאָס קול זיינס אַ קאַלטער פיבער איז,
די הערערס שטייען פאַרוואונדערט־פאַרטראַכטע.
ווי אַלע פאַרפרי אויף ס'ניי ווערט געבוירן
דער מדבר־אָנזאָג צו די בני־חורין.

די לייבן, אין שפּאַן פונעם הייליקן אָרון,
דערלאַנגען אַ טראָג נאָך צו העכערע הייכן,
דער אָנזאָג קלינגט־אָפּ מיט אַ קול אַ קלאָרן,
דאָס וואָרט ווערט אויף שטיין אַ ליכטיקער צייכן, —
אַז נעכטן האָט מענטש דאָס וואָרט אָנגעוואוירן,
רעדט ווידער היינט גאָט צו די בני־חורין.

דער טאָג, אַז ער האַלט אויפסניי אין ווערן,
באַלויכט אַ געשטאַלט, וואָס די בערג וואַקסט אַריבער,
מיט ווינקלדיק־וואונדיקן, צונדיקן שטערן,
מיט וואַקלדיק־טרויעריקן חיתוך־הדיבור,
מיט קריינדעלעך שיין, דער זונס קרנים,
וואָס טרינקען גאָטס וואָרט מיט אַ דאָרשט אַ נייעם.

די בערג פאַרוואונדערטע זינגען: זעט, ווי הויך איז
דאָס אָנגעצונדענע געשטאַלט אין אונדזער ציבור . . .
די זון שפּינט־אויס אויף אים אַ ציטערדיקן פּרוכת,
ער וואַקסט אַרויף די בערג, וואַקסט אַריבער,
ווי ס'איז דער אָנזאָג גאָטס אויף אים פאַרשוואוירן
אויף ס'ניי אים צו ברענגען צו די בני־חורין.

יח

אַ קוק געטאָן נאָר אויף יוטבתה,
וויביימלעך יונגע גרינען מאַטע,
ווי ס'שטייט אַ בוים, אַ דאַרער אַלמן
און גלוסט צו אויסגעפּוצטע פּאַלמען,
ווי קיעלעך די גרעזלעך קייען
מיט דינעם זאַמד — ס'איז זייער קלייען,
ווי איבער שטיבלעך בערג סע וואַכן

מיט רויטע, פּאַסמעדיקע שליאַכן,
ווי מדבר־ווינט איז פרעמדער טאַטע, —
אַ קוק געטאָן נאָר אויף יוטבתה.

אַ קוק געטאָן נאָר אויף יוטבתה.
דאָס פעלד צעשניטן ווי אַ גראַטע,
מיט גרינע פּאַסיקלעך אין מיטן.
ביי יונגען פנימער צעשניטן
פון שלאַקסן זון, פון שטראָמען ווינטן,
פון בלישטשענדיקע שטערנבינטן,
פון הערצער קלוגע־תמעוואַטע,
וואָס שניידן שטיקער ערד האָרבאַטע,
און עפּעס נאָך — געדאַנקען זאַטע, —
אַ קוק געטאָן נאָר אויף יוטבתה.

## דער מאָלעווער זיידע

### א

ביים מאָלעווער זיידן זענען די אויגן קלאָרע,
ווי טראָפּנס טוי, אַז די זון טוט אַ שפּראָץ.
אין לערנען, זאָגט ער, טאָר נישט זיין קיין סברא,
דאָס וואָרט די חז"לס איז דאָס וואָרט גאָטס,
און גאָט האָט פּשוט געזאָגט „יהי אור",
איז זעסטו דאָך, פרויקע, ווי ליכט איז קלאָר.

דער מאָלעווער זיידע לערנט מיט מיר גמרא
און גיט יעדער סוגיא על־פּי שכל צו פאַרשטיין.
די פּלוגתות ווערן מענטשלעכע, וואָרע,
נאָר איך וויל אַריינגעבן אַן אַנדערן מיין,
אַ פליי־טאָן מיט ניגון, מיט וואָרט, מיט געדאַנק,
אַ טרונק־טאָן פון קוואַל אַן אייגן געטראַנק.

זאָגט שטיל מיר דער זיידע: צו הויך פליסטו,
דער פּשוטער מיין איז אַליין שוין אַ פּלי,

אויף יענער זייט פּשטות זענען פעלדער וויסטע,
אַמאָל גיט אַ דאָרן אַ שטאָך און אַ ברי.
וידבר איז תמיד נישט מער ווי „גערעדט",
און מער קען, חלילה, נאָך ברענגען צו חטא.

נאָר ער, דער פאַרחלומטער ייִדע, דער גרויער,
איז איבער קבלה געזעסן די נעכט,
געהאַלטן פאַר ליכטיקע אויגן דעם זוהר
און הייליקן סוד מיט קיין וואָרט נישט פאַרשוועכט.
געפינקלט אויף אים האָט דאָס קריינדעלע ליכט
און שאָטן אויף אים געווען איז געדיכט.

ב

דו זעסט די גאַס, ווי זי איז פאַרשנייט דאָ?
דער מענטש איז אין שניי אינגאַנצן אַ בודד, —
האָט איינמאָל געזאָגט דער מאָלעווער ייִדע
און אויף דער באַנק האָט ער זיך צעהוידעט.

דער מענטש איז אַליין, אַז דאָס האַרץ איז אים ליידיק.
אַז שטום איז אין אים דעם אייבערשטנס שירה.
ביינאַכט, ביי חצות, אַז איך וויין, איז מיר פריידיק,
מיט מיר זיצן תמיד עטלעכע אירע.

ווער זענען זיי? גלייב מיר, איך ווייס עס אַליין נישט,
זיי זענען אין מיר, זיי זענען אַרום מיר.
די שטוב איז פול מיט רייד וואָס איך פאַרשטיי נישט,
סע רעדט אַפילו מיין שאָטן, דער שטומער.

געוויין וואָס איז? צו געזאַנג דער פּרוזדור,
דאָס פולע געוויין איז אַ פולע זכיה.
דערנאָך מיט אמונה דאָס האַרץ פאַרגרויז דיר,
ביז פרייד קומט צו דיר אין שעהן פריע.

און פרייד האָט מדרגות, — הויך און נאָך העכער,
וואָס ריינער דאָס האַרץ, אַלץ העכער די פרייד איז,

ווערסט פול, ווי מיט טייערן ווייַן אַ בעכער,
ביסט נישט אַליין, נאָר מיט גאַנצע עדה'ס.

דאָס שטיבל אין שניי איז איינגעשראָקן,
דער דרויסן מיט עלנט לאָקערט אויף שויבן,
נאָר ליכטיק רעדט דער זיידע, דער זקן,
פון מויל, דאַכט זיך, פליען אים ווייסע טויבן.

ג

דעם זיידנס פנים איז ווייס און בלאָלעך,
ווי אויף אַן אַלטער בערעזע די קאָרע.
דער תוך וואָס איז און וואָס איז די שאָלעכץ
וויל ער דערגיין ביים לערנען גמרא.

ס'איז פשוט, דאַכט זיך, דאָס וואָרט וילך,
נאָר מיר איז אַ ספק דער מיין פון געגאַנגען, —
אַ מענטש קען גיין דערהויבן און פריילעך,
די טריט זאָלן זיין אים פול מיט געזאַנגען.

נאָר ווידער, אַ מענטש קען גיין דערשלאָגן —
אַ פויגל, נעבעך פון פליען אַ מידער.
דער ספק טרעפט מיך, אַז ס'הייבט־אָן צו טאָגן
און שאָטנס מיט ליכט — צעקריגט ווי ברידער.

דעם זיידנס ספק, ווי אַן אַלטער בוים איז,
וואָס פול איז מיט שאָטן אַרום אים דער שטח.
פון אים רעדט־אַרויס די חכמה שלמהס,
די רייד זיינע — שאַרף פון פאַרטונקלטע בלעטער.

ד

אַמאָל, אַז דער ספק טוט מיך באַפאַלן,
זאָגט אין אַ זומער־פאַרנאַכט דער זיידע,
דערקטי־צו מיך דאָס עצבות מיט וואָלענע שאַלן,
פאַרשאָטנט בין איך, ווי די זון, וואָס פאַרגייט דאָ.

איז נעם איך אַ ספר און הייב־אָן מישן,
די ווערטער רינגען, ווי ווײַן פון אַ קראַן,
זיי טוען דעם גומען מיר דערפרישן,
ווי איינעם אין מדבר, רחמנא לצלן.

מיר דאַכט זיך, איך גיי אויף אַ באַרג אַ הויכן
און שורות זענעןביימערדיק גרין.
ס׳איז נישט די מחשבה, נישט דער תוכן,
ס׳איז, פּרוּיִקע, גאָר אַן אַנדער מין.

די אותיות זענען בלעטלעך צעבליטע,
דאָס וואָרט איז אַ בוים, וואָס רוישט און רעדט.
איך גיי צווישן זיי מיט טריט אָפּגעהיטע
און גיב יעדער אות מיט די אויגן אַ גלעט.

ה

דער מאָלעווער זיידע לעבט אַליין אין אַ חדר, —
אַ נזיר פון עלנט, די קרוין פון אַליין.
געווען, זאָגט ער, בין איך שוין עלנט, נאָך איידער
מיישב־געווען האָט זיך מרים צו גיין.

געגאַנגען איז מרים אין די דרייסיקער פריע,
דעם זיידן געלאָזט מיט טעכטער, מיט זין.
ביים קבר געזאָגט, ביים רייסן קריעה :
אַ בוים אָפּגעהאַקט, אַז געווען איז ער גרין.

דער זיידע, נאָך בחורווייז, ביים צמח צדק
איז אָפּגעזעסן אַ שיינע פּאָר יאָר.
דער רבי, דערציילט ער, איז געווען צו אים גנעדיק,
געזאָגט : פאָר אַהיים און שטעל־אויף אַ דור.

נאָר עלנט איז ער געווען אָנעם רבין,
דאָס האַרץ האָט געבענקט נאָכן שורש חבר.
געווען איז אים אַ סך מאָל דאָס לעבן,
ווי פון אַ בוים אַן אָפּגעפּליקט בלאַט.

מחשבה און האַרץ — חבר'ער שלימות,
און אים האָט דער קנופּ פון צונויפבונד געפעלט.
אַן אלמן איז ער און עלנט זיין היים איז,
אַפילו אַז ער האָט אַ דור אויפגעשטעלט.

דער זיידע רעדט פון מחשבה, פון עלנט,
דאָס קול איז געזאַנג, ס'איז וואַרעם דער קוק,
ער קוקט אַרויס אויף די מאָלעווער שוועלן
און ס'גיט אים דער מידער אַקסל אַ צוק.

איך זאָג עס אַקעגן די בחורשע ספקות,
וואָס זעען זע איך זיי אַמאָל אין דיין קוק.
דאָס האַרץ דיינס נעם און אין אותיות ווייק עס,
אַ תם וועסטו ווערן און דאָך זיין קלוג.

כ'האָב אותיות, זיידע, געטרונקען פאַרשיכורט, —
דער ספק אַליין איז ביי מיר אַ געטראַנק, —
נאָר האַרץ מיינס ווערט אַלץ נאָך צעריסן אויף שטיקער,
אפילו אַז אות ווערט ביי מיר אַ געזאַנג.

ביי זיבעציק האַלט איך. דער פאָרהאַנג פאַרציט זיך.
אַ פּאַסיקל שיין לייכט־אַריין נאָך אַמאָל.
די פרייד האָט אי שירה, אי רינה, אי דיצה,
דער ספק האָט אָבער נאָר איין־איינציק קול.

ו

אַלע מרימס האָט דער טויט אַרויסגעריסן,
איז דער באָבע מרימס קבר געבליבן עלנט,
אַז די רעגנס זאָלן אויף אים גיסן,
אַז וואָראָנעס זאָלן זיך אויף אים שטעלן.

יונג איז זי פון דער וועלט געגאַנגען,
נאָר דאָס פאָלק פאַרמערט מיט זין און טעכטער,
האָט דער זיידע זיי אויף זיך אַרויפגעהאַנגען
און געווען איז ער זייער שטילער וועכטער.

אַז די טעכטער האָבן אָנגעהויבן קינדלען
און געבענטשט געווען ביי די זין די דיכן,
האָט מען צוגעלייגט אויף דעכער שינדלען,
אַז דאָס קליינוואַרג זאָל זיך נישט צעקריכן.

נאָר אַ מרים האָט קיין יאָר אַפּילו נישט דערצויגן.
ס'האָט דער קברן אין אַ ליילעך אונטער דער פּאָלע
אַלע מרימס באַהאַלטן און שטיל געבויגן
זיי אַוועקגעטראָגן אין אַ פינצטערער בהלה.

אַז געכאַפּט האָט מען זיך, נאָך יאָרן־שטראָמען,
זענען זיבן מרימס שוין אין קברימלעך געלעגן,
און דער באָבע מרימס פרומער נאָמען
האָט אַרומגעבלאָנקעט אויף די וויסטע וועגן.

האָט דער זיידע טרויעריק אַריינגעשוויגן
דעם געדאַנק אין זיך, אַז אין אים דער פּגם איז.
מיט אַ קול, — אַ נישט דערוויינטער ניגון, —
האָט ער שטיל געטרייסט די פּאַר'צער'טע מאַמעס.

אַז אַ נאָמען ווערט פאַרמעקט קען זיך שיקן,
ווי אַ שיר אַמאָל ווערט איבערגעריסן
און געפינט שוין קיינמאָל נישט קיין תּיקון.
ס'איז אַ גזר אַזאַ, אַז ווער קען וויסן?

נאָר אויף זיך האָט ער גענומען אַ נדר
צו פאַרבלייבן אַן אלמן ביזן סוף פון די יאָרן,
און זיין אלמנשאַפט האָט ער ווי זויבערע קליידער,
פרום געטראָגן מיט דער באָבעס זכרון.

אויפן תּוספות יום־טוב, אויף דעם מגינים
האָט ער אָנגעשריבן: זה הספר שייך
להאישה מרת מרים, — מיט אַ כּתב אַ דינעם,
און אויף יידיש: גאָט, אין מיין צער שריי איך.

ז

גערעדט האָב איך שוין פון שאָלעכץ און יאָדער
און ווידער ביים אייגענעם ספק געבליבן,
אין רעדעניש רינט־אויס דאָס בלוט פון דער אָדער,
דאָס וואָרט האָט די רייד, ווי שאָף אין דער נאַכט, צעטריבן.

געוואוסט האָט אַוודאי רבי מאיר,
אַז נאָכגעגאַנגען איז ער דעם אחר,
נאָר מיר, אַז וואָרט איז אונדז פאַרשלייערט,
ווערט אונדז דאָס זעען, דאָס טיפערע, שוואַכער.

אָט רעדן מיר, דאַכט זיך, פון פשוט אמונה,
שטייט דער ואהבת, — צו ליבן און לויבן,
האָסטו שוין דאָס גלייכגעוויכט געפונען
פון ליבשאַפט צו גאָט און דערצו נאָך פון גלויבן?

אין מענטשנס טבע איז דאָ אַזאַ סתירה,
אַז ליב האָבן קען ער און דאָך נישט גלייבן.
איז ווי גלייכט מען אויס די קרומע ווירע,
אַז איבער זיך זאָל דער מענטש זיך דערהייבן?

איך זאָג: בכל נפשך ובכל מאודך
און בין צו ליבשאַפט די תפילה מכוון
נאָר אַז איך פאַרקוק זיך אַמאָל אויף דער סטרעכע,
ווייס איך שוין כמעט נישט וואָס איך דאַוון.

אַ נעסט איז דאָרט דאָ און פייגעלעך ברוינע,
מיט פוכיקע קעפּלעך און געלע שנעבלעך,
מיר דאַכט זיך, אַז ס'לויערט אויף זיי אַ שונא
איז ווער איך פאַרציטערט און דאַוון שוין לעבלעך.

איז ווידער: מיין ליבשאַפט האָב איך נישט פאַרמיטן,
פאַרקוקט האָב איך זיך אויף גאָטס יצירה, —
פון סטרעכע הייבן זיך אָן שטרויעלעך צו שיטן
און איך ווער נישט איינער, נאָר עטלעכע אירע.

צעקריגט אין מיר זענען יידן, — אַ ציבור, —
נישט מער ווי איבער פייגעלעך אין אַ סטרעכע, —
אין זיך גיי איך פון איינעם צום צווייטן אַריבער
און שלום מאַך איך צווישן זיי ערשט ביי ה׳ אלוהך.

## ח

דאָ איז נאָך אַן עיקר, זאָגט דער זיידע,
און דער שמייכל קנייטשט זיך אים אין ווינקלען מויל, —
בחירה חפשית, ווייסטו דאָך אַוודאי וואויל,
איז דער אויסקלייב פריי, ווי דער נוסח גייט דאָ.

קלייבט זיך אויס, בן־אָדם, צווישן גוט און שלעכט,
די מלחמה צווישן יצר־טוב און יצר־הרע.
פיר אַליין, אינעם עלנט פון דיין האַרץ, דיין נאַרע,
ביז דערגיין וועסטו צו דער מדרגה פון גערעכט.

גוט. ס׳האָט דיך גאָט נישט אַראָפּגעשיקט צום גרייטן.
קומסט אויף דער וועלט כלומרשט פריי.
לעבן אָבער איז דאָך בעל־כרחך אתה חי, —
לעבן טוט דיך דער באַשעפער נייטן.
איז ממה־נפשך: פריי, ווי איז שייך דאָ געניים?

# אין שפּעטן נאָכזומער

(נײַע לידער)

אַ פשוטער דינסטיק
די סטעזשקע
אין קריג מיטן חלום
צוויי שטילקייטן
שפּעטזומער ווינטן
מדרגות פרייד
סאָנעט
שטעכעדיקע בייטן
ערשטער אָפּשטעל
צו דער נאַכט
ערב — עבר
אלול
עברי־טייטשיש
יידיש־פּונקען
אָדעס
ביים סיני
אומעט פון קאָלירן
פייגל פאַלן
צו דער נאַכט
בית שערים
צום סוף
שפּעטע רייד
הערשענער פאַרמעט
שאָף בלאָנקען
יוסף טרומפּעלדאָר
דער לייב צום עמק
דריי ליאַלקעס
נאַכט פון תליות
וואָכעדיקע מנחות
בלייכע פּאַסן
מיינע אויגן
אַ שבתל אַן אָרעמס
די נאַכט אַרונטערשיילן
פון דער טיפעניש
טונקעלער טייך
לעצט געשריי
האַלבער שאָטן
נישט־אַנטפּלעקטער
צו יעקב פיכמאַן
ווייט דער גאַנג
טל
קינדערייען
אַ בריוול ביקלען
ירושלים של מעלה
אויסגעצאָלט גאָט
חנהן

# אַ פּשוטער דינסטיק

לכבוד נשיא מדינת ישראל,
ר׳ שניאור-זלמן שזר.

אַ פּשוטער דינסטיק. אָנהייב סיון, תשכ״ד.
פֿאַרטאָג גיט אַ פּאַסיקל בלוישיין אַ בלי.
אַ פֿויגל קושט פֿרום אויפֿן בוים אַ בלאַט
און גיט צום אויפֿגאַנג מיט ציטער אַ פֿלי.
אַזוי פֿיל חלומות איך לעבן געהאַט,
נאָר חלומדיקער איז איצטער פֿאַרטאָגיקע וואָר.
צו מײַנע אבות די אַנשי חב״ד
אין אויסטראַכט רעד איך:
טאַטע און זיידע, איך פֿאָר
מיט אייער חסידיש־חבדישן ציי
צו ר׳ שניאור־זלמן, כבוד הנשיא.

אָ, טאַטע מײַנער, דער שטורמישער שוחט פֿון בעליק,
אַ יושב אין קאָפּוסט געווען. דערגראָבן האָסטו זיך פֿאַר פֿרי
צו פֿרייד פֿון פֿאַרטראַכטן חסידות. דאָס האַרץ, אַ צעהעלטס,
אין דיר געטאָן האָט אַמאָל מיט בענקשאַפֿט אַ ברי
צום ניגון חבדער, צו קאָפּוסטער שטילן פֿלאַם.
צעזונגען האָסטו זיך, מײַן קלוגער, טרויעריקער תם,
אַז לעמעלעך זאָלן דיך הערן, מיט תמימותדיקן גלי,
ביי אונדזערע פֿענצטער, וואָס האָבן געטרונקען דעם סטעפּ.
איז טאַטע מײַנער, דער זון דײַנער האָט דערלעבט
דעם זכות צו פֿאָרן היינט אין דער פֿרי
צו ר׳ שניאור־זלמן, כבוד הנשיא.

און דו, מײַן מאָלעווער זיידע, אַ ווייסן האָב איך דיך דערקענט,
מיט בלויקייט פֿאַרטאָגיקער פֿון ווייטן נישט־זהי.
מײַן בלאָנדן, קינדערשן קאָפּ געגלעט מיט זיידענע הענט,
אַרײַנגעגלעט אין אים דאָס געשטאַלט פֿון הרב מליאַדי.
דערנאָך — גאָט געשמעקט אין סטעפּ, אין זומערדיקן ווינט.

געזאָגט האָסטו מיר:
עיך ווייס נישט, פרויקע, ווי
אַזוי פיל ליבשאַפט פאַרטראָגן האָט דער רבי פון ליאַדי.
נעם, זיידע מיינער, פיר מיך, ווי קינדווייז, ביי דער האַנט
צו ירושלים, דער אייביק־שטאָט, צו הרים סביב לו, —
צו ר׳ שניאור־זלמן, כבוד הנשיא.

## די סטעזשקע

די זילבערנע סטעזשקע פאַר נאַכט אויפן ים
מיט קנייטשן איז פול, ווי טונקעלע שופן.
דער טאָג, אַז ער גייט, לאָזט ער איבער אַ שראַם,
קאַרבט אויס אינעם זילבער צעוואונדיקטע קנופן.

דאָס זאַמד ווערט שוין קילער. ס׳ווערט טיפער דער רויש
פון כוואַליעס, וואָס שווימען אַריין אין דער שקיעה.
צום מערב גייט גאָט מיט אַ ליידיקן קויש
און לאָזט אַ פאַרשעמטער אַרונטער די וויעס.

און אפשר נישט גאָט, נאָר דו ביסט פאַרשעמט
וואָס ליידיקן קויש האָסטו נאַכט־צו דערטראָגן?
אַפילו דאָס אייגענע וואָרט איז דיר פרעמד
און זיך אַליין האָסטו עס מורא צו זאָגן.

די סטעזשקע פאַרלעשט זיך. דאָס זילבער איז קאַלט.
דער שראַם — מיט אַ נאַכטיקן הייטל פאַרצויגן.
נאָר אַ שוימיקע כוואַליע פאַלט צו און פאַלט
צו קושן דאָס זאַמד אין די גילדענע אויגן.

דער רויש ווערט פאַרטראַכטער. באַהעפט ליפ־צו־ליפ
איז כוואַליע צו זאַמד מיט פריידיקן וויינען.
דער הימל, אויך זיי, גיט די שטערן אַ זיפ, —
מיט דימענטלעך זאָל זיך די ליבשאַפט באַקריינען.

דערהערט האָסטו זיך אין פּאַרטייעטע נעכט
און איצטער — די נאַכט אַליין שוין דערהערן.
אַ פֿויגל אין פֿלי די פֿליגלען זיינע ברעכט
און לעשט זיך צו ביסלעך אין טיפֿקייט פֿון שטערן.

ס'איז קיינער אויף דער סטעזשקע נישט געגאַנגען,
נאָר אַ געדאַנק, וואָס נאַכטיקט שוין אַצינד.
געבליבן אָבער איז אַ גילדן געמיש פֿון קלאַנגען,
וואָס טונקלקייט מיט זונגעשפּיל פֿאַרבינדט.

ווי קען אַוועקגיין איינער, וואָס האָט גיין נישט אָנגעהויבן?
אָ, זע, ער איז נישטאָ. דו שפּירסט אים נאָך אין ווינט.
די סטעזשקע טוט אים דאָ אויף זעמדלעך גאָלד צעשטויבן.
דער דינער טרויער זיינער אין איר קנייטשגעוועב צערינט.

און אפֿשר קוקט דער מענטש אויף זיין אייגענעם אַוועקגיין?
דער וואונדער ווערט פֿאַר אים אין פֿאַרבנשפּיל אַנטפּלעקט,
דער דויער זיינער איז אַן אייביקייט אַ רגע. —
ביז ס'האָט די נאַכט די שטערן צו מעריב אויפֿגעוועקט.

## אין קריג מיטן חלום

אַז ס'איז שטיל געוואָרן דאָס גערייד אינעם הייפֿל
און פֿאַרמאַכט זייערע פֿענצטער האָבן די שכנים,
האָט די נאַכט זיך צעזונגען מיט אַ ניגון אַ ריינעם,
אַזאַ קיילעכדיקן, ווי אַ קינדעריש רייפֿל.

און געווען איז דער ניגון אַ ווייט־קריקגעקערטער
פֿון די שטרעקעס יאָרן, צעפּאַסמעט־צעשראַמטע,
מיט אַ נאָכלויף פֿון קנייטשלעך געזאַנגען פֿאַרזאַמטע,
וואָס דערכאַפּן די פֿאַרב פֿון פֿאַרהיימישטע ווערטער.

דו פֿאַרדרייסט דעם לאָמפּ. די מיטחודש־לבנה
איז צום ים געגאַנגען יונגמיידלש פֿאַרטרויערט.
נאָר דעם קיילעך אַרום איר האָט דורכגעבויערט
אַ פֿאַרטונקלטע, שיטערע, געלע קאָראָנע.

תל־אָביבער נאַכט, — איר אויפבלי־געדויער
איז געווען ווי דעם נביא יונהס קיקיון,
האָט איר הימל ביים זוים אַ קאַרב אַ גרויען
און צעשויבערטע טראָלדן פון אומרו רויער.

אין דער שפּעטער נאַכט טראַכסטו קריקוועגס אויף שפּעטער,
אויפן שיידוועג פון יאָרן פאַרבלאָנדזשעטע שטייסטו.
ס'איז אַן עלנט דאָ אין געזאַנג פון דערלייזטע,
ווי אין משהס אָז ישיר צו די ציגל־קנעטערס.

ער איז מיד, דער דערלייזטער, די גאולה צו טראָגן
און געווען איז ער פריש אינעם גאַנג צו גאולה.
ער איז שיכורדיק פול נאָך צעבראָכנקייט פולער,
ווי די טעג נאָכן אויפגאַנג פון פולע פאַרטאָגן.

דו אַליין, — אויסגעוואַרעמט האָסטו אַן עלנט,
וואָס צו אים קענסטו רעדן אַפילו אַ שטומער.
האָסט מיט אים, נאָכן פריי־יאָר, אין רייפקייט געזומערט
און געשאָטנט מיט אים אויף פאַרוויאַנעטע שוועלן.

אינעם פרי־חודש ווינטער, נאָך צעריסענע שלאַקסן,
האָסטו שטיל גערעדט צום לבנהקן האָרן:
ווי אַזוי וועסטו איצט, אויף די עלטערע יאָרן,
מיט אַ נייעם עלנט אָנהייבן וואַקסן?

האָסט דערשפּירט אַ געדאַנק, אַז ריין איז דער ניגון,
וואָס איז נאָך אין דער ליכטיק־פאַרטונקלטער בחינה,
ווי געוויקסן אין בענקשאַפט צו ווערן, צו גרינען,
און דערנאָך? וועסטו זיך מיט דיין חלום צעקריגן?

אָ, די קריג מיטן חלום האָט נאָך אָנגעהויבן
דער באַשעפער, אַז ווידערגעשפּעניקט האָט אָדם, —
דער געדאַנק האָט פאַרלוירן דעם אייגענעם פאָדעם,
אינעם אויפלייכט פון שכנישע טונקעלע שויבן.

## צוויי שטילקייטן

צוויי שטילקייטן קושן זיך צעניוף אין איין קאַיאָר, —
אַוועקגאַנג קייטלט־צו די טיר פֿון לעצטן שטערן,
דער אויפֿגאַנג עפֿנט־אויף די טיר צו נייעם ווערן,
און ביידע זענען פֿול מיט בראשיתדיקן יהי אור.

אַ צער איז דאָ אינעם אָנהייב פֿון געבערן,
דער סוף ווערט אויך געבוירן אין דער שטילער וואָר,
אין ביידע איז פֿאַרזייט דעם באַשאַפֿס געבענטשטער קערן,
כאָטש צווישן זיי אַ שטח פֿון אַ לעבנס פֿולע יאָר.

די שטילקייטן די צוויי — איינע בלאָנד און איינע גרוי, —
צעקושן זיך מיט ליבשאַפֿט, ווי דאָס גראָז מיט מאָרגנטוי,
און אויפֿן וואונדער פֿון צונויפֿטרעף קינדיש שטוינען.
אַזאַ צונויפֿטרעף — איין מאָל נאָר אין לעבן טרעפֿט,
אַז סוף מיט אָנהייב ווערן צערדיק צונויפֿגעהעפֿט
און ביידע אין איין שטילקייט נאָר איין רגע וואוינען.

## שפּעטזומער ווינטן

שפּעטזומער טרעפֿט זיך אַז איבער בעסאַראַבער ערד
צעהוליעט זיך אַ שטורעמדיקער, הייסער ווינט.
צעפֿלאָשעט איז ער, ווי דערשראָקן־שטומע פֿערד,
וואָס גריוועס זייערע אַ העליש פֿייער צינדט.
ער הויבט־אויף בערג מיט שטויב, צינדט זיי אָן און דרייט זיי.
ער כאַפּט אַראָפּ אַ קעלבל פֿון אַ יידנס פּלייצע.
צעבלאָזט אַ שטרוידאַך און דעקט־אויף די דריקלעך.
צעטרייבט פֿון די אָבאָרעס הינער, ציגן, ביקלעך.
כאַפּט־אָן ביים באָק די באָרד און טענהט אים אַריין: דו שוטה.
ביי יידענעס די קאָפּטיכלעך רייסט ער אַראָפּ — אוי־ווײ,
אַנטבלויזטע קעפּ, פֿון בושה בלוילעך־רויטע,
באַהאַלטן פֿרום די האָר, ווי פֿאַרוויאַנעט היי.

שפּעטזומער איצט ביי מיר, אינעם יאָר תשכ"ד,
דער אומעט האָט זיך היינט פאַרפרי נאָך אָנגעהויבן.
געזען האָב איך אים אויפן בוים, אין רויטן בלאַט,
אין בלויקייט טונקעלער אויף מיינע שויבן.
דער שטח פון די בעסאַראַבער שפּעטזומערדיקע ווינטן
איז רוים און צייט — אָקעאַן און איבער פופציק יאָר,
נאָר כ'האָב דערשפּירט זיי אויפן סטעפּ צעצינדטן,
אין מיינע שיטערע, פאַרגרויטע פּאַסמעס האָר.
ס'איז מדבר, — אָנגעזאַמדיקט־הייסער מדבר פּאָרן,
וואָס האָט מיר קינדווייז אין דער „בערע" אויפגעוועקט אַ פרייד.
דער אָנהייב פון די יידישע צעשטראַלטע יאָרן,
וואָס היינט נאָך אַזאַ ייד, ווי איך, צו גאָט אין מדבר גייט.

## מדרגות פרייד

די פרייד האָט מדרגות, — הויך און נאָך העכער.
וואָס ריינער דאָס האַרץ, אַלץ העכער די פרייד איז,
ווערסט פול, ווי מיט טייערן ווייַן אַ בעכער,
ביסט נישט אַליין, נאָר מיט גאַנצע יידישע עדהס.

ס'איז פשוט, דאַכט זיך, דאָס וואָרט וילך,
נאָר מיר איז אַ ספק דער מיין פון געגאַנגען.
אַ מענטש קען גיין דערהויבן און פריילעך,
די טריט זאָלן זיין אים פול מיט געזאַנגען.

נאָר ווידער, אַ מענטש קען גיין מיט משא דערשלאָגן, —
אַ פויגל, נעבעך פון פליען אַ מידער.
דער ספק טרעפט מיך, אַז ס'הייבט־אָן צו טאָגן
און שאָטנט מיט ליכט — צעקריגט ווי ברידער.

וילך אפרים, — אויף וואָסער מדרגה
איז איצטער דער גאַנג? ווי ווינט איז ער ריין?
צי אפשר, חלילה, פאַרקערט איז דער שטייגער?
אָ, גאָט, גיב מיר כח אין ריינקייט צו גיין.

## סאָנעט

ווי קום איך צו סאָנעטן, אַז פּעטראַרקע
דערטראַכט האָט זיך צו זיי אין אָפּגעוועלקטן רוים,
אין שאָטן פון די קלויסטערס אויפן טיבערס זוים,
ביים טויער טיטוסעס, אויף זינדיקע געמאַרקן?

אַז וואָרט האָט זיך ביי אים אַרויסגעשפּיגלט פונעם זוים,
געשמעקט מיט וועלקן אַראָמאַט אויף קרקע,
און מיינס וויל איך מיט ריינער תפילה שטאַרקן,
מיט פרישקייט פון אַ שבועותדיקן בוים?

נאָר אַז דער טרויער וואַקסט אין מיר, ביז קלאַנג און פאַרב,
ווי אויפן סטעפּ שפּעטזומער אַ צעזונטער גאַרב,
וואַקסט וואָרט אַרויס פון אים מיט דראַנג צו ווערן.
דעם קלאַנג־און־פאַרב, דעם טרויערס דינעם אַראָמאַט,
דערשפּיר אין די שורות, אויף פּאַפּיר אַ בלאַט, —
די פערצן שורות, ווי ביי פרעמדע סאָנעטערן.

## שטעכעדיקע בייטן

מיר גייען אַלע דאָ אויף שטעכעדיקע בייטן,
מיר, קינדער באָרוועסע, מיט אָפּגעשיילטע טריט,
מיר זוכן זיך צו היילן איינער אינעם צווייטן,
אַריינצוזויגן זיך אין אַנדערנס געמיט.

מיר נעמען שטיקער נאַכט, ווי ליים דער טעפּער,
צו פורעמען דעם טאָג מיט זון און מיט געזאַנג,
נאָר גייען גייט אונדז נאָך אַ טונקל־גרויער שלעפּער
און בעטלט־אויס ביי אונדז אַן אויפבליק, אַ געדאַנק.

מיר האָבן זיך אַליין אַראָפּגעשיילט פון אַלע הויטן,
ביז דאָס געמיט איז אונדז געוואָרן וואונדיק־רוי,
פון דערנער שטעכיקע געצונדן קנויטן,
ס'איז בלוט געוואָרן אונדזער פרישער טוי.

די בייטן היטן מיר, אַפילו מיט די דערנער, —
מיר האָבן זיי אַליין מיט יונגער פרייד פאַרזייט, —
מיר בעטן קינדיש גאָט: דעם לעצטן טאָג באַשער נאָר
אַן איינציקע, אַן אויפגעבליטע בייט.

## ערשטער אָפּשטעל

ערשטער אָפּשטעל מיינער — איסט בראָדוועי,
אינעם זומערדיקן פּרייטיק אויפדערנאַכט —
האָט מיט שבתדיקן יידיש טירן אויפגעמאַכט
און מיר צוגעטראָגן אַ פרישן יידיש־שפּריי,
מיט געשמאַקן טעם פון אַ היימיש גלעזל טיי.

אין הכנסת אורחים אויף איבערנאַכט אַ בעט.
מאָרגן וואָס וועט זיין? ס'איז אפשר מיר באַשערט
אַ פּאַרוואָרפן אַלקערל אויף דער נייער ערד.
איצט דערווייל האָט זיך איסט בראָדוועי צערעדט
מיטן ציטער פון אַן אָנהייב, וואָס איז נאַכטיק שפּעט.

גאַסן האָבן דאָ אַריינגעשניטן אומרו־רו און האָרעפּאַשנע רייד,
איסט בראָדוועי האָט זיי געטרונקען, ווי אַ גוט געטראַנק.
שטערן האָבן אויסגעטראַכט אַ צעפינטלטן געדאַנק,
און צעאַקערט יידנמי מיט רודעס, ווי אַ בייט,
אַז דערנאָך זאָל אויפגיין אונדזער וואָרט־געזאַנג אין פרייד.

אַזאַ ציטער איז געווען אין פאַרטראַכטקייט צו פאַרגיין
צו די גאַסן, וואָס צעשניידן אין דער ברייט איסט בראָדוועי —
אַז דו גיסט זיך, אומגערן, אויף קלינטאָן, אָדער מאָנראָ אַ פּאַרדריי,
קומט אַנטקעגן דיר אַ וואַסער, שאָטנדיק און ריין,
ליכט פון שיפן שיינען דאָ — אינאיינעם און אַליין.

שאַלט אַ שיף מיט אַ צעבראָכטעט־ברוסטיק קול,
קליינע שיפלעך האַלטן־אונטער, ווי משוררים דעם ש״ץ.
אויפן טישטעך־בלוי איז די לבנה ווי אַ זילבער־טאַץ,
צו דערלאַנגען שבת־אויבס, מיט איינגעמאַכץ אַ שאָל,
און אַ גילדן גלעזל טיי — שבת קודש לעבן זאָל.

אַז אין טיפֿער נאַכט האָט זיך דער ליכט־פֿאַרבלענד צעשפּילט,
אַ געמיש פֿון שאָטנס, יום־טוב, וואָך און שטיל געוויין,
איז דערשפּירט האָב איך אין מיין יונג צערודערטן געביין
אַ באַשערטן פֿריידיק־טרויעריקן טעם, וואָס קילט,
וואָס אַ שאָטנדיק געמיט מיט זונפֿאַרגאַנג באַגילדט.

מיר פֿאַרגייען נאָך אפֿילו היינט אויף איסט בראָדוועי —
אין דער שטרעקע צייט פֿון אָפּגעשיינטע פּוכציק יאָר,
אַז דערהערן זאָלן מיר דעם אָפּקלאַנג פֿונעם דור,
וואָס אַריינגעזונגען האָט ער אין דעם שטעט־געניי
אי די פֿרעמד און אי די היים, אי זיין פֿרייד און אי זיין וויי.

אַז צו רעשטלעך אונדז דאָס ווידערקול דערגייט
פֿונעם דור, וואָס האָט זיך מיט געזאַנג גענערט,
זאָגן מיר זיך: אַזוי איז אונדז אַצינד באַשערט —
צו דערזינגען אונדזער דור, צו דעררינגלען אונדזער קייט,
צו דערטרעטן ביז צו שטויב זייער וואונדער־גרינגע בייט.

∴

מיר דאַרפֿן אַלע אַביסעלע צדק,
אַז זיין זאָל דער בורא צו אונדז גנעדיק,
זיין זון זאָל וואַרעמען אונדז די געמיטער,
די נאַכט זאָל ער זיין איבער אונדז אַ היטער.

אין דרויסן פֿאַרעלטערטע גייען מיר,
סע בליאַקעווען שוין די ביימער,
די בלעטער האַלטן זיך אויף פֿעדעם —
נאָר, גאָט, חדש ימינו כקדם,
אַז אונדזער געמיט זאָל נאָך אַ בלי טאָן
און גרינקייט אונדזערס זאָל זי באַהיטן.

שטאַרק אונדז היינט, מיר דאַרפֿן זיין געשטאַרקט,
גיב אונדז כּח דורכצוטראָגן זיך אַליין,
אונדזער נישט־געוויינטע געוויין —
שטאַרק אונדז היינט, מיר דאַרפֿן זיין געשטאַרקט.

## צו דער נאַכט

אַז דער טאָג פאַלט אַנידער מיט אַ פול געמיט,
דעקט די נאַכט אים צו: שלאָף־איין, דו ביסט מיד,
האָסט אַ וועלט מיט זון אויף די פּלייצעס געטראָגן,
האָסט די ערד געגראָבן, געפלאַנצט און געזייט,
ביסט דאָס לאַנד אויסגעוועזן אין דער לענג און דער ברייט,
האָסט דאָס לעבן געשלעפּט, ווי אַ ליכטיקן וואָגן.

און אַז איך וועל קומען צו דעם טאָגיקן זוים,
וועט אַ האַנט מיך נעמען און פירן אַריבער אַ צוים,
צו דער מורא, וואָס דעם מענטשן איז זי אַ באַשערטע,
פאַרן אויפהער, פאַרן אויסלעש פונעם לעצטן פונק.
נאָר אַ שורה אין מיר וועט נאָך אפשר טאָן אַ זונג —
אַזאַ שורה, וואָס מיר אַליין איז זי נאָך נישט קיין געהערטע.

## ערב — עבר

פון ערב ביזקל עבר איז אַ קליינער מהלך —
נאָר איבערשטעלן דאָ דעם סדר פון דער בית —
דאָס איינע אות, אָבער, איז ליכטיק און איז בייז,
אין יאָך פון איבערטראָג אַ מידער פאַל איך.

די עין, ריש און בית האָב איך מיט פרייד געטראָגן
און זיך אַרומגעקוקט אַז ס'שטייט ביים סוף די ריש,
אַז שלאַבערדיק אין מיר איז דאָס געביין און פלייש,
אַז נאָר דעם איבערשטעל טו איך אַצינד פאַרמאָגן.

דער טרויער טיף אין מיר, ווי אַ קינד טוט זיך פאַרטאַיען —
דעם חודש אלול הער איך אין מיין יידישדיקן גאַנג.
דאָס וואָרט איז אָנגעלאָפן מיט אַן אומעטיק געזאַנג,
וואָס זאָגט, אַז ס'איז גרונטאָווגע נאָר די עין.

אין ע ר ב און אין ע ב ר בלייבט עין אַלץ פונפאָרנט,
דאָס אויג איז זי, וואָס זעט אי אויפקום, אי פאַרגיי,
דאָס וואַרעמע צעבליען און דעם קאַלטן שניי,
דעם חלום פון אָט־וועדן, דעם טרויער פון געוואָרן.

נאָר אויף דער שוועל אַן ערב זע איך גאָר אַ נייעם,
דעם עבר האָט ער שוין אינגאַנצן גאָר פאַרקלעקט —
אַז ריש און בית, ווי מענטשן, גייען פון דער וועלט אַוועק,
איז עלנט בלאָנקעט זיך אַרום די עין.

## א ל ו ל

דער ערשטער שופר־בלאָז. פאַרוואָלקנטע געמיטער.
דער אָנזאָג פון דער טאָמנע טראָגט דער ווינט.
בייטאָג איז זוניק, ביינאַכט כאַפּט מען אַ ציטער.
נישטאָ נאָך קיין לבנה, נאָר איר בלייכע שיין צערינט.

דער בוים ביים פענצטער לאָזט אַראָפּ די ברעמען
פאַרשעמט פון שאָטנדיקן, טרויעריקן דאַך.
די געלע בלעטער זיינע וועט דער ווינט צעקעמען
און אָנטאָן זיי אויף זיך צו יאָגן אויפן שליאַך.

דער שופר שאַלט.
אַ וויים געשטאַלט
צו אונדז איז היינט געקומען.
אַ קיטל גייט —
אַ מענטש פאַרשנייט —
וואַקסט־אוים און ווערט צעשוואומען.

שטרעקסט־אוים די הענט
צו שאָטנס ווענט :
געשטאַלט וואו איז צערונען ?
דיין תפילה איז
איצט פול מיט ריס,
מיט אָפּגעשיינטע זונען.

## עברי־טייטשיש

חלילה, ווידערשפּעניקן האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט
דער שפּראַך־קדושה און דעם זינג געזאַנג פון לדוד מזמור,
שיר השירים האָב איך איינגעהילט אין ריינסטן גאָלד
און אני לדודי ודודי לי פאַרניגונט טייער איז מיר.

אַפילו, אַז אויף אליהום הייל האָב איך געקוקט,
מיטן ציטער פונעם נביאס פייערדיקן וואָגן,
האָט זיך אַ כמאַרעלע אויף מיינע אויגן אָנגערוקט
און עברי־טייטשיש, מיט ריינסטער קלאָגעניש מיר געטאָן זאָגן:

ביסט נישט געאַכפּערט, נישט געפּרייזט,
דיין לשון שאַקלהאַפּטיק, פון זיך נאָך שלויער,
נאָר וואַרעם האָט עס דיר די האָר פאַרווייסט
און דיך געהיט אויף וועגן פול מיט לויער.

האָמט קערנער וואָרט געוואָרפן אויפן שפּריי —
ביסט קיינמאָל נישט געווען קיין שוינער —
נאָך פרייד איז אין דעם ווילד־פּאַרזיי
געוואַקסן, ווייץ געוואָרן גאָלדיק ברוינער,
דער אויסוואַקס איז דיין לוין,
די זון פון וואָרט איז גאָר דיין לוין.

## יידיש־פונקען

אַז דער העלעניסט־פּאָעט האָט נאָך געקניט
פאַר שטיינערנעם אַפּאָלאָ דער סטאַטוע,
האָט פרום אין מיר דער יידיש־פונק געטליט
מיט פאַסטעך דודס הללויה.

מיין עברי־טייטש האָב איך אויסגעצירט
מיט זיידנס פון דער באָבעס קרינאָלינע,
געבעטן האָב איך, ווי דער קיניג־הירט:
אָ, פיר מיך גאָט אויף לאָנקעס גרינע.

אַז ס'האָט אַן אַנדערער אין קאַלטער שווייַג
געזונגען פרעמד־געזאַנגען פון העלוועטיאַ,
האָב איך דאָס יידיש־גאָלד פון פראָסטן ווייַג
צונויפגעזאַמלט פאַר די טאָמנעס שפּעטע.

אַז פּייטנים זענען אין עברית
פון שטעטלדיקער אָרעמשאַפט אַנטלאָפן,
האָב איך די צייטן זייַד אירע אויפגעהיט
און ליד פון זיי מיט פרייַדיקייט געשפּונען.

די צייט האָט מיך, געלויבט צו גאָט, פאַרגרייט
און צוגעטונקלט מיר דאָס גאָלד פון רייפן קאָרן.
אין אָרעמקייט עס איך נאָך אַלץ מייַן שטיקל ברויט, —
אַמאָל אויף הויכן, אַמאָל אויף נידעריקן גאָרן.

נאָר אין פאַרנאַכטן, — אַמאָל אויך אַ קאַיאָר, —
אַז אַלטמאָדיש באַזעליקט מיך די שכינה,
לויכט־אויף מיר אין די שיטער־ווייסע האָר
די זון, צעשפּרענקלט מיט יידיש־פונקען דינע.

מיט שטיל געזאַנג און ציטער אין געביין
שפּאַציר איך אויפן קרומען, פרומען געסל,
וואו נאָר צום פאַלן ליגט אַמאָל אַ שטיין
און צום דערמאָנען דעם לא תעשה לך כל פסל.

העלוועטיאַ מייַנע איז דער באַרג מיט שטילע שאָף,
וואָס אינעם ליד שוין פופציק יאָר איך באַוועג,
און איבער זיי — דער אידישער אין סוף
פון איצט און דעם לעתיד לבוא.

## אָדעס

די שטאָט פון הימלען זייַד, פון פריי־יאָר בלויען בעז.
דער ים אירער איז וואַך, ווי אַ שפּילערס אויער.
אַז זומער זוניק־זינגיק איז אָדעס,
ווערט ווינטער איר געזאַנג ווינטיקער און רויער.

# אפרים אויערבאַך

אין יוגנטלעכן לייכטן, שפּילעוודיקן טרויער
דערקענט האָב איך די דרומדיקע יפת תואר.

אין דעם געמיש פון טאָטערן, אַרמענער און ציגיינערס,
פון טערקן, מאָלדאָוואַנער, רוסן און אוקראַאינער,
האָט יידנפאָלק זיין פאָדעמזייד אַריינגעוועבט.
מיט לירישן געזאַנג, צעפלויגענע געדאַנקען,
מיט וואוילע יונגען אויף דער מאָלדאָוואַנקע,
מיט תורה און הפקרות, איידל און פאַרגרעבט,
מיט לשון, ערשט פון וויינטרויבן אַרויסגערונען,
וואָס כמאַרעם שפּילן זיך אין דעם מיט זונען.

די טערקן טראָגן־אום אין קופּערפעסלעך בראַ,
פראַנזאָליעס פוטערדיקע טראָגן־אום די גריכן
און ברויט־קוואַס, — אַ געטראַנק אַ שיכורדיקס אַזאַ,
וואָס טאָטערן צאַפּן־אָן פון לאָגלען אויף די דיכן.
ציגיינערישע ראָמאַנסן, טרויעריק־פאַרשייטע,
זינגען זיך צונויף מיט ייד־ניגונים ווייטע.

די טעכטער יידישע, ווער איז דאָ זייער היטער,
צו צוימען זיי די צעוואָיוועטע געמיטער,
ווי ס'שטייט אין צאנה־ראנה: אייבערשטער, באַוואָר?
זיי שוועבן, ווי די פליגל, אויף די שאָטענע בולוואַרן
און בריען־אָפּ די פליגלען ביי די פרעמדע זשאַרן,
ווי ס'איז געווען דער טרויער פון אַ יידן־דור.
נאָר קריק אין נעסטן קומען זיי צופליען, —
צו שוועבן ווידער און זיך ווידער אָפּצובריען.

אין באַשקעס דאָס געזאַנג פון ציגיינער און באָסיאַק,
מיט פידלען, צימבלען, גענדזענער פּאָסטראַמע,
מיט טענץ כאָכאָלישע, מאַטשיזש און קראַקאָוויאַק,
מיט ריינקייט, וואָס איז זיך אין געוויין מטמא,
מיט שירה, וואָס דערלייטערט זיך אין טומאה,
און אויגן יידישע, — שעמעוודיקע, פרומע.

אַ שולעכל אין הויף, — אַרויפצוגיין אַ גאָרן, —
אַ קדישל, אַ יאָרצייט — און וואַגאָנעס ווייץ און קאָרן,
אַמאָל נאָך אַ לחיים פֿון אַ שיינעם גביר.
אַ סוחר כאַפּטשאַריין אַ „גרינגגן" דף גמרא
און גייט דערנאָך צום „שטיקל ברויט" מיט אויגן קלאָרע.
דערנאָך בלייבט צוגעמאַכט די שמאָלע טיר,
ביז שויבן לעשן זיך. ווער קומט די לאָמפּן צינדן?
אַ ייִד, וואָס זוכט דעם סוד, ווי מענטש מיט גאָט פֿאַרבינדן.

## ביים סיני

שלאָף, מיין קינד, מיין יורש פֿרייער,
ס'שלאָפֿט אין מדבר אויך דער ווינט,
אויפֿן סיני איז דאָס פֿייער
אויסגעלאָשן שוין אַצינד.

בליצן שניידן, דונערס שפּאַנען
האָבן מיר געזען מיט שרעק.
האָסט געהערט און נישט פֿאַרשטאַנען
וואָס ס'האָט גאָט אונדז דאָ אַנטפּלעקט.

ס'האָט אַנטפֿאַנגען דיך דיין מאַמע
אין דער מדבר, אויף דער פֿריי,
קנעכטשאַפֿט איז דיך נישט מטמא,
נאָר דאָס האַרץ וויינט פּיי־ווי־פּיי.

אין אַ טונקל־בלויען נעפּל
איז דער סיני איינגעהילט,
ווענדסט אַמאָל צו אים דיין קעפּל,
ווערט דאָס האַרץ אין מיר פֿאַרקילט.

שלאָף, מיין קינד, די נאַכט איז אָפֿן,
נאָר דער סיני איז פֿאַרקנוילט,
וואָס מיט משהן האָט געטראָפֿן
ליגט אין אים אַזוי פֿאַרהוילט.

ניִשט אין גילדענעם באַגינען,
ניִשט אין קאַלטן זאַמד קאַיאַר
קען איך אַ געזאַנג געפינען
אויסצוואָוואַשן דיר די האָר.

נאָר די נאַכט, מיט קאַלטע שטערן,
פינטלט אויס פאַר אונדז דעם סוד
פון געראַנגל פאָלק צו ווערן
אינעם פייערדיקן שוים פון גאָט.

שלאָף, און איך — די שטערן ציילן
וועל פאַר דיר ביז אינדערפרי,
וואונדן־טרויער אָפּצושיילן
פון דיין פאַל־טאָן און דיין פלי.

## אומעט פון קאָלירן

דער טאָג האָט היינט אויף שויבן אויסגעשפּילט
אַ קאַלטן, אומעטיקן ניגון פון קאָלירן, —
האַלב־בלייכע, האַלב־פאַררויטלטע, — אַז שפירן
זאָל איך ווי וואַרעמקייט אַ וועלט ווערט אָפּגעקילט,
ווי אָדערן אין אויסגעדרייטע ביימער פרירן.
נאָר אומגעריכט האָט זיך די זון אַרויסגעהילט
צום אונטערגייען, און האָט דעם הימלזוים באַגילדט,
אַז באַלד זאָל אים אַ שווערע האַנט צוריק פאַרשמירן
מיט פאַסן קויטיקע, מיט הויקערדיקע לאַטעס.

ווער האָט אויף מיינע שויבן אויסגעקאָוועט גראַטעס
און הינטער זיי אַ גאַנצע נאַכט מיט ווינטער דאָרט פאַרשפּאַרט?
צינד־אָן אַ לאָמפּ. נאָך וואָס? דאָס ליכט וועט נישט צעברעכן
די שטאַבעס שטאָל, וואָס יעדער איבער מיינעם שטעכן.

## פייגל פאַלן

חשוון פאַלן פייגל פון די דעכער.
פון באַלקאָנען פאַלן פייגל.
נאַכטיקייט אפילו אין פאַרפרי.
פליגלען זענען, ווי צונויפגעלייגטע פעכערס.
קעפ ביי זיי צונויפגעדרייט ווי בייגל, —
חשוון פאַלן פייגל אינעם פלי.

חשוון. לאָנקעס זענען אַלט און טרוקן.
פייגל, אַלט און טונקל, קערנער פיקן
מיט געבייזער און מיט רויען ווינט.
היינט וועל איך אויף קליינע שורות קוקן,
ווי זיי פאַלן אינעם עלנט־שפּעטן תיקון
צו דער שיין, וואָס אין מוטנעקייט צערינט.

## צו דער נאַכט

ווער בין איך אינעם פיבערדיקן ציטער
פונעם אויפלייז צו דער נאַכט?
אַז דער בוים שטייט אָנגעברייט
מיטן שאָרך פון זיינע בלעטער צו דער נאַכט?
אַז דער פויגל לאָזט אַרונטער
זיינע פליגלען צו דער נאַכט?
אַז דער טייך, אין זיינע קנייטשן,
ברעכט דעם זונפאַרגאַנג צו דער נאַכט?
אַז אויף מערב־זייט די וואָלקנס
טרינקען רויטן וויין צו דער נאַכט?

טרויעריקער קומער בין איך
צו מיין נאַכט. מיין אייביק נאַכט.

# בית שערים

אין קעניגרייך דאָ פון שטיינערנע קאַסטנס
האָט געבויך־איבערבלייב די צייט צעשטויבט,
נאָר געמעלן פון צווייגלעך, פון שיפלעך, פון מאַסטן
האָט אפילו די צייט נישט צוגערויבט.

ר׳ יהודה הנשיא׳ס סדרי משנה
אויף ביימער גרינע, אין צווייגן־געפלעכט.
דער טעם פונעם אייביקן וואָרט איז דאָ פריש נאָך, —
צי איז ר׳ גמליאל, צי אַן אַנדער תנא גערעכט.

דאָס בלויע דערפל קאפאר קאמא
פון כרמל קוקט אַרונטער צו בית שערים,
באַלד וועט אָנפליען בבא קמא,
מיט אַ צעזונגענעם פויגל אויף אים.

זיי וועלן אַ קוק־טאָן אויף מיין וואונדער־ציטער
און נעמען אויך מיך אויף זייער פלי.
וועל איך שוין זיין ביי זיי דער דריטער
און אַלץ נאָך נישט וויסן וואָס־און־ווי.

נאָר אין מיר וועט שפּילן אַ יונגע גאַמע,
אַ חדר־ניגון פון די נעכט אויפן סטעפּ,
ווי איך האָב פון אַ צעבלעטערטער בבא קמא
געזאַנג צו דער אייביקייט געשעפּט.

און אפשר איז שטום שוין אין מיר דער ניגון,
צעשטויבט, ווי אין די קאַסטנס דאָס געבוין?
גאָט, איך וויל פאַר דיר נישט זינגען קיין ליגן,
נאָר דעם אמת מיינעם — דאָס געוויין.

## צום סוף

דאָס זאָגט אפרים בן אלעזר שו״ב,
אַ ייד, וואָס זיינע שאָטנס טונקלען מידע, —
אין אויפשטייג זיינעם און אין זיין ירידה
שפּילט אַלץ אין אים דער ניגון פון אַ שטוב.

אַ שטוב, וואָס איר געזאַנג אַמאָל דערפליט דאָ
פאַרנאַכטיק בלוי, — ער זאָל עס טאָן אַ זופּ
און ווי אַ שיכור, אָנגעשפּאַרט אין קאַלטן סלופּ,
אַריינזינגען דעם ניגון אין די לידער.

ס׳איז שפּעט אין אָב. די נאַכט איז פאַר די גרילן,
דאָס בענקשאַפט פון די גראָזן איינצושטילן
און וואָרט, מיט פּיין, פאַרבינדן אין אַ קנופּ.

אַז ס׳איז געווען דער ניגון זיינער ייִנגער,
איז ער גערונען אים אפילו אין די פינגער,
אַצינד, צום סוף, איז מידער, אפרים בן אלעזר שו״ב.

## שפּעטע רייד

אָנגעפלויגן, ווי די פייגל טרויער
שפּעט אין טאָמנע, אויף אַ מידן סטויג,
זענען רייד פון אייביקן גערויער,
וואָס איך זע אינעם בלויקייט פון מיין אויג.

רייד די שפּעטע זיינען דויעריקער, —
אָנגעזויניקט און אין שאָטנס איינגעהילט, —
הערסט זיי פולער, זעסט זיי טרויעריקער,
טעם זייערער אויף דער צונג איז אָפּגעקילט.

מוטנע־זיסלעך איז דער ווייַן אין שפּילן,
לויטער, אַז ער האָט שוין אָפּגעשפּילט, —
וועל איך ווידער, גאָט, אַמאָל דערפילן
ווייַן מיינעם, איידער ער איז אָפּגעקילט?

## הערשענער פּאַרמעט

אויף דער עלטער האָט ר' אהרן סופר געשריבן
דאָס געזאַנג פון זיין לעבן אויף הערשענעם פּאַרמעט.
מיט די אייגענע הענט וועלשענע נים צעריבן,
אַז ווי שוואַרצער שפּיגל זאָל בלישטשען די טינט.
און די פּענעס געמייסטערט פון גענזענע פליגל,
אַז סע זאָל זיך, חלילה, נישט הערן קיין סקריפּ.
אָ, דער בנין פון תורה, מיט די הייליקע ציגל,
בויט ער אויף און זיפּט יעדער אות אין אַ טינטיקער זיפּ.
אין התרוממות אָבער גייט אים איצט אַ צער מיט,
אין די פינגער ציטערט אַ קאַלטער ווינט.

פאַרן „שם" זיך געטובלט אין זיבן פרומע טבילות,
נאָר דאָס פייער גאָטס, ווי אַ ווינטער־נאַכט קיל איז.
אַלעמאָל האָבן פונקען ביי די קריינדלעך פון „שם"
אים געלויכטן, ווי זומער ביינאַכט די שטערן,
אַז די באָרד זיך געטאָן מיט די פינגער אַ קעם,
האָט די הויט אים געבריט, — פאַרברענט נאָר צו ווערן.
איצט איז קאַלט אים די באָרד, דאָס האַרץ איז אים קעלטער,
און די שטערן אויף אותיות גיט די נאַכט אַ פאַרלעש.
אַז ער טאַפּט־אָן דעם „שם", ווערן פינגער אים עלטער,
און די טינט איז אים קאַלט, ווי אָפּגעריבן מעש.

ביי וזאת הברכה האָט אים תמיד געזונגען
דאָס געבענטש אין די ווייט־ווייטע דורות יידן,
איצט הערט ער אַ ניגון, אַ פאַרלאָשן־מידן,
און ער זעט, ווי אַן אות איז אים אָפּגעשפּרונגען.

האָט דער סופר געטאָן דעם הערשענעם פּאַרמעט קושן
און געזאָגט : „ס'איז, רבונו של עולם, דיין רצון,
אַז דערזינגען זאָל איך נישט דאָס לעצטע געזאַנג.
האָסט מיר יאָרן געגעבן אַזאַ הייליק געשאַנק,
איז אַ לויב דיר דערפאַר. ס'וועלן אותיות שפּראָצן
אין די פינגער ביי אַנדערע, מיט פייער פון קדושה, —

וואָרים קיינמאָל פֿאַרלאָשן ווערט נישט דיין פֿייער,
נאָר ס'איז אויסגעגאַנגען אין מיר שוין דער פֿלאַם,
בין איך פּסול ביי יידן צו זיין אַ סופֿר סת״ם.
און אַז זיצן וועל איך ביי מיין ליידיקן שייער
און אַמאָל וועט אַ פֿונק אין מיר נאָך אַ טלי־טאָן,
וועל איך שטיל דעם זכר פֿון געשאַנק דיינעם היטן.

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט דער סופֿר פֿאַרוויקלט
די פֿאַרשמעקטע הערשענע פֿאַרמעט־יריעות,
און געזעגן דורכן פֿענצטער אַריבערן ליקל,
ווי דער טאָג איז שוין שפּעט און די נאַכט נאָך פֿרי איז.

## שאָף בלאָנקען

די שאָף דיינע נעם צונויף.
זיי בלאָנקען זיך אַרום אין סטעפּ
און ברעכן איין די קני אין זייער לויף.
צום טייבל האָבן זיי זיך קוים דערשלעפּט,
נאָר טערפּקע איז דער מוטנער שטראָם.
זיי בלעקערצן אין עלנט און אין שרעק.
ביים באַרג־אָפּריס, ביים פֿינצטערן תהום,
אויף רוף דיינעם וואַרטן זיי שוין גאַנצע טעג.

די שאָף דיינע נעם צונויף.

מיט שטעכערס איז צעשטאָכן זייער פֿעל,
מיט כמאַרעלעך די אויגן זיי פֿאַרדעקט.
די וואָל איז פֿונעם שטויב געוואָרן געל,
די שיינע קעפּ — מיט אייגן מיסט פֿאַרפֿלעקט.
די אייטערס רינען־אויס. די מילך איז קאַלט.
דאָס קול, וואָס פֿריילעך האָט געשאַלט,
איז הייזעריק און דרינגדזשעט איצט, —
און דאָ, דער פּאַסטעך ביי זיין שטיבל זיצט.

די שאָף דיינע נעם צונויף.

דער פייף מיינער, וואָס האָט געטאָן דעם סטעפּ
אַ שניט מיט כוואַליעדיקער פרייד,
איז אָפּגעהאַקט, — מיד און אויסגעשעפּט.
צעקאָרטשעט ליגט דער פלויער און צונויפגעדרייט.
די דאָינע מיינע — וואונדיק און געקאַרבט,
ווי ס'איז דער שטעקן אין מיין אַלטער האַנט.
מיט גרויע פּאַסמעס איז זי אָפּגעפאַרבט
און קנייטשט זיך, ווי אַן אָפּגעבליאַקעוועט געוואַנט.

צונויפנעמען די שאָף אָן פייף און אָן געזאַנג, —
אַ טרויעריקע טשערעדע וועט קומען צו מיין שוועל.
ס'וועט באַלד דער טאָג מיר סיי ווי טאָן אַ צאַנק
און איבער מיר פאַרגיין וועט דאָס ליכטיקע געמעל.

# יוסף טרומפעלדאָר

פופציק יאָר זינט דעם גדוד אין גאַליפּאָלי. פינף-און-פערציק יאָר זינט טרומפּעלדאָר איז געפאַלן אין תל-חי.

דער אויסגעשטרעקטער רייטער אויפן ווייסן פערד,
דאָס פּנים — פאַרמעט-טונקל, נאָר ליכטיק זיינע האָר.
געשטאַלט זיינס וויגט זיך ריטמיש, שווייגעריש פאַרקלערט, —
מיין קאַפּיטאַן — יוסף טרומפעלדאָר.

איין האַנט נאָר האַלט דאָס ציימל, די אַנדערע איז האָליק,
דאָס פערד זיינס צוימט ער מיטן וואַרעם-ברוינעם קוק.
דאָס וועלדל איז אַ גרינס, פון גאָט אַן אויסגעמאָלטס, —
די מוילאייזלען אַפילו שפּאַנען דאָ פאַרחלומט קלוג.

פונוואַנעט קומט דיין חיל, שווייגער קאַפּיטאַן?
פון חלום יידישן, וואָס וואָר אַצינדערט ווערט.
פאָרויס די אייזלטרייבערס צו דער גאולה שפּאַן,
שפּין־אויס אַ מעשהלע, וואָס קיינער האָט נאָך נישט געהערט.

גאַליפּאָלי איז ווייט. אויף מזרח ליגט דיין לאַנד,
ווי קומסטו גאָר דיין חייל צו פירן אין דער פרעמד?
דער ייד האָט אומעטום צו ליכטיקייט געשפּאַנט,
אַפילו אַז די זון האָט אים מיט שיין אירער פאַרשעמט.

דער וועג צו דער גאולה איז דאָ אין אונז אַליין,
אין פינצטערן געראַנגל ווערט ער געלייטערט קלאָר.
געגאַנגען דורות ביז איצט, — מיר וועלן איצט דערגיין,
ווי גאָט אין זיין באַשאַף געזאָגט האָט יהי אור.

גאולה שרייבט זיך דאָ אין פייערדיקן וואָרט,
די אותיות צעפליען, ווי ווייסע טויבן־פּאָר,
דער רייטער אונז פאָרויס צום חלום וויטן פאָרט, —
מיין קאַפּיטאַן — יוסף טרומפּעלדאָר.

## דער לייב צום עמק

געווען איז דאָ די ערד נאָך וויסט און ליימיק,
אַ פּלויט אַ הילצערנער און שטיבלעך דריי.
איצט שרייט־אַראָפּ אַ לייב צום גרינעם עמק
דעם אומקום דיינעם אויף די טרעפּלעך פון תל־חי.

מיט איין האַנט ביסטו ביי דעם אַקער דאָ געגאַנגען,
ווי אין גאַליפּאָלי געריטן אויפן פערד.
דעם טויט זיך אויסגעשוויגן אינעם אויפגיין פון די זאַנגען,
און ערשט אין לעצטן פאַל דאָס קול דיינס שטיל דערהערט.

נאָר ווערטער פיר געזאָגט: טוב למות בעד ארצנו.
די ווערטער פיר אַצינד דער לייב צום עמק ברילט.
די ווערטער לויכטן איצט, ווי שטערן גרינע, ריינע,
ווי האַרץ דיינס, וואָס די קויל האָט אין תל־חי פאַרשטילט.

איך שטיי דאָ ביי דיין שטיין, ווי איך בין אַמאָל געשטאַנען
אין גאַליפּאָלי, מיט ציטערדיקן „ישר עמוד!"
ווי ווייט איז דען דער וועג אַהין־אַהין פונדאַנען?
נאָר איין אַריבערשפּאַן אויפן וועג צו גאָט.

די נאַכט פֿאַלט־צו. דער עמק נעמט זיך צינדן
מיט בינטלעך ליכט, וואָס זענען ווי די שטערן אייביק ניי.
ווי גאַרבן וועל איך זיי מיט פֿרייד צונויפֿבינדן
און צוטראָגן צום שטיין דיינעם אין תּל־חי.

## דריי ליאַלקעס

דריי ליאַלקעס שלאָפֿן אויף אַ שוועל,
ווי קינדער אָנגעשפּילטע, מידע.
איז איינע רויטלעך, איינע געל
און איינע — זעט אָט די דאָ,
איז אָנגעחלומט, אָנגעוואָיוועט,
אין שלאָף אַפֿילו זי מה־טובה'ט.

ווער האָט געלאָזט זיי אויף דער שוועל,
אַז מידקייט זאָל מיט זומער שמעקן?
דער טוי וועט מאַכן דאָ פֿון זיי אַ תּל,
פֿאַרטאָג וועט זיי שוין נישט דערוועקן.
די אָנגעחלומטע, די דריטע,
פֿאַרשפּילט האָט זיך נאָר איין מאָל אין אַ שמיטה.

אין שטוב, — צו שוועל זיך נאָר דערשפּילט,
מיר שלאָפֿן פֿולע, איינגעמידטע,
אַז דער פֿאַרטאָג אַ שויב באַגילדט,
דערוואַכן אונזערע געמיטער,
אויף וועגט נאָר שאָטענען געמעלן, —
דער מענטש דערשפּילט זיך נאָר ביז שוועלן.

## נאַכט פון תליות

דאָס ליד האָב איך אָנגעשריבן אין די פערציקער יאָרן, בעתן גרעאַנגל קעגן ענגלישן טעראָר אין ארץ-ישראל. סע איז געבליבן ליגן צווישן מיינע כתבים און ערשט איצט האָב איך דעם כתב-יד געפונען.

גע‎ווען איז די נאַכט, ווען די וועלט האָט זיך געהאָנגען
און אויף יידישע העלדזער פאַרצויגן די שטריק.
כ׳האָב געזען די כמאַרעס מיט אַ פינצטערניש אָנגיין,
כ׳האָב געהערט הערצער זיך וואַרפן אַהין און צוריק,
און די וועלט כאַרכלען דורך יידישע גאָרגלען,
און די מורא פאַרשפילן אויף פרומע אָרגלען.
ס׳איז געווען די נאַכט פון פאַרגליווערטע וויעס,
פון דערשראָקענע הענט, וואָס פאַרציען די שלייף,
פון תלינימלעך — שאָטנס איבער די הייף, —
ס׳איז געווען די נאַכט פון יידישע תליות.

האָט אַ מורמלען זיך געטראָגן איבער עכו:
— מע וועט די נאַכט הענגען.
— רעד שטילער. נעם די שטריק און הענג.
אַ געלעכטערל האָט זיך געשטיקט:
— וואָס זאָגסטו? טאַקע?
— מעסט די תליה אויס אין דער גאַנצער לענג,
ס׳דאַרף די נאַכט פאַרהוילן.
— הענגען, אָבער ווענען?
— מע וועט פון טורמע-קעמערלעך יידן נעמען...
— מאַידאַנעק האָט די אַרבעט געלאָזט אינמיטן,
פון טרעבלינקע גייט נאָך אַ יידיש געזאַנג.
— שטעל צונויף די תליה, אַ שטאַנג אויף אַ שטאַנג,
די נאַכט וועט מען הענגען.
— אָבער ווענען?
— גרעיט ברייטן...

— וועק נישט אויף די נאַכט, קיינער טאָר נישט וויסן,
ביי די שטערן אפילו האָבן יידן אַ זכות...

— ס׳איז ביי זיי דער חודש פון גאולה — ניסן...
אַ שרעק זיך אָנצוהייבן מיט די בלאָדי דזשום.
— אַ געהאָנגענעם האָבן זיי אונדז פאַר אַ גאָט געגעבן.
און אַז פיר וועלן הענגען?
— וועלן זיי נאָך לעבן...
— ס׳איז די האַנט קאַלט, די אויגן בריען.
— אין דער תליה האָט זיך פאַרטשעפּעט מיין פוס.
אָ, די בלאָדי דזשום...
— עי, וואָס בורטשעסטו דאָרטן?
— אַז איבערגעדרייט זענען די קאָרטן,
ס׳איז אונדזער אייגענע תליה.

ס׳האָט אַ פויגל זיך אויפגעכאַפּט און געטאָן אַ פלאַטער
איבער שטיינערנע פלויטן, איבער שטעכיק דראָט,
אין דער עכור׳ר טורמע האָט אַ ליכט זיך געמאַטערט
צו דערגיין דורך פינצטערניש אַרויף צו גאָט
און פון דאָרט אַרונטער צוריק אין דער קאַמער,
וואו צו גלויבן האָבן זיך יידן געקלאַמערט.
נאָר אַ האַלבוועג איז דאָס ליכט דערגאַנגען,
ס׳האָבן טעמפּ אויפן הויף געהאַמערט קלעפּ, —
ס׳איז די תליה שוין פאַרטיק, נאָר צושטעלן טרעפּ
און פון אויבן פאַרלייגן די הילצערנע שטאַנגען.

מע וועט די נאַכט הענגען. די שעה איז אַ פריע,
סע שטייט די צווייטע אשמורה פאַרטייעט און וואַרט.
סע פאַלט אַ פאַסיקל ליכט אויף דער פינצטערער תליה.
סע גיט אַ צווייג זיך אַ ברעך, — דערציטערט, פאַרדאַרט,
מיטן לעצטן הילך ענטפערט־אָפּ דער האַמער.
און אַצינד, גנבעט זיך אַריין אין קאַמער, —
— האַלט די שליסלען שטייפער.
— ש־ש־ש, זיי טאָרן נישט קלינגען.
מיטאַמאָל די יידן פון שלאָף טאָן אַ וועק.
— סע איז אַ סקריפּ אין דיין שליסל,
האַלט אים שטייפער אַביסל...
— כריפּעט ווי אַ שטומפּיקע זעג.

— צו דער טיר גיב זיך שטאַרקער אַ קלאַמער.
— וואָס הער איך פון קאַמער?
די בלאָדי דזשוס, זיי זינגען...

מע וועט הענגען די נאַכט, — וועמען הענגט מען, וועמען,
אַז די בלאָדי דזשוס זינגען־אויס זייער טויט?
סע איז אַ בושה דעם תליון זיך שעמען
פאַרן יידישן פנים, וואָס ברענט ווי אַ קנויט.
גיט די האַנט זיך אַ הייב, גיט אַ פאַל מיט צאָרן,
נאָר די יידישע הויט שטעכט ווי אַ דאָרן.
סע רינט דאָס יידישע בלוט מיט אַ וואַרעם שטרעמל,
פאַלט די האַנט אַרונטער, הייבט זיך אויף די האַנט,
צינדט זיך אָן אין קאַמער אַ פיבערדיק פלעמל
און אַ שאָטן טאַנצט אויף דער ליידיקער וואַנט.

איז די נאַכט געגאַנגען מיט זיי צו דער תליה.
סע האָט די שלייף זיך געוויגט, אין ווינט זיך געוויגט,
ביימער האָבן אויפגעהערט צו בליען
און אַ שטערן מיט אַ שטערן האָט זיך צעקריגט, —
וועמען הענגט מען די נאַכט, וועמען, וועמען?
די תליונימלעך הענגט מען. מיט צעשויבערטע ברעמען.
גיט דאָס לעצטע געזאַנג אויף דער תליה אַ ציטער,
ווערט די שלייף אָנגעשוואָלן מיט יידיש געזאַנג
ברעכט זיך אינמיטן די אייבערשטע שטאַנג,
איז דער תליון פאַרבלענדט און אַ געשריי גיט ער:
— משוגע צו ווערן, — דעם שטריק מיר דערלאַנג...

סע האָט די וועלט זיך געהאָנגען אויף אייגענע שטריק.
— זעסט די גופים?
— אַך, סע פליען פון זיי, ווי טויבן, ווערטער.
— וואָס דערלאַנגסטו צום האַלדז? נעם און דערשטיק.
— עי, מיר האָבן געהאָנגען און הענגען אַליין.
איבער אונדז וועט די זון אין אויפגאַנג פאַרגיין...

נאָך די הענגערס טראָגט די נאַכט נאָך די תליה
און פֿאַרציט די שלייף, פֿאַרציט, פֿאַרציט.
פֿון די פֿאַרשטאַרטע גופֿים דאָס געזאַנג פֿליט
און ביזן סוף פֿון די דורות וועט עס פֿליען.

## וואָכעדיקע מנחות

רבונו של עולם, דערהער מיך, דאָס בין איך עס
דער ייד, וואָס קומט צו דיר מיט וואָכעדיקע מנחות.
דער שיינער ייד, אַ געקרייזלט וואַכער איז,
ער כאַפּט אַריין לכל הפחות אַ שפּילעוודיקן שחרית.
דאָס קיילעכדיקע קול זיינס גיט זיך אַ צעוואָיווע
ביים סאַמע אָנהייב, טאַקע ביי מה טובו.
ער טרינקט, ווי גוטן וויין: אָ, גאָטעניו, לאָמיר
דערלאַנגען דיר אַ פֿייערדיקן ברוך שאָמר.

נאָר ווי דו קוקסט מיך אָן, ווער איך נתעלה
אין בין השמשות, פֿון אַ סטעפּישער פֿאַרניאַלע,
צו מנחה וועבן זיך אַריין די קלאַנגען
אין וואָכעדיקן לייוונט פֿון געזאַנגען
פֿון לעצט־שטראַליקע באַלויכטענע יידן,
וואָס דרעשן די אמונה פֿרום, ווי גדעון,
אין באַשקעס, אָדער טונקעלע בורדייען, —
מיט ווי טוט זיך דאָס מנחהלע דערפֿרייען.

## בלייכע פּאַסן

האָסט אַמאָל געזען, ווי די נאַכט צעגייט זיך
מיט לבנהדיקער שטילקייט אויף דיין פּלייצע?
קום, איך וועל דיר ווייזן אירע בלייכע פּאַסן
אינעם לייב מיינעם, ווי יוספֿס כתונת פּסים.

סטעפּעס טלית טראָגן איך פון די יאָרן יוגנט,
מיט דער נאַרישקייט פון אַ ייד אַ קלוגן.
אַ פאַרפּלאָנטערטער שטיי איך אין דער נידער,
ווי ביי עקידת יצחק סע איז דער ווידער
מיט די בלויע הערנער אָנגעברייט געשטאַנען
אויפצוגיין פאַר גאָט, אפילו אָן אַ ואתחנן.

## מיינע אויגן

מיינע אויגן זענען קלוג,
אָבער איך בין נאַריש.
מיטן בלויקייט פון מיין קוק
בין איך עולמות מרעיש,
אָבער אַז סע קומט צו רייד,
איז שוין ווי אין פּסוק שטייט :
לך מנגד לאיש כסיל, —
וואָס סע מיינט, שווייגט דער פּסוק שטיל.

## אַ שבתל אַן אָרעמס

אַ שבתל האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַן אָרעמס,
מיט מעשענע צוויי לייכטער און אַ בגדל פון שעוויעט.
אַ קימאַ־לן צוויי דורות, ווי איך שפּאָר אים,
די וואָכנטעג פאַר זיינעטוועגן אָפּגע׳אַביונ׳ט,
נאָר איידער וואָס, איז דאָס בגדל צעפּאַסמעט,
דאָס מעש אין לייכטער הייבט שוין אָן צו גרינען,
די שבת־פרייד איז ווי אַ פרעמדער בריוו פאַר׳חתמ׳עט
און שבת פייפט אין מיר מיט שאַרפע שינען.

ווי קען איך גיין דער שבת מלכותא אַנטקעגן,
מיט זייד צעהאַקטן, צוויקעלעך און צויטן ?
דער ווינט צעהאָנגען האָט פון מיינעטוועגן
געוויין צעריסנס אויף צעקרימטע פלויטן.

צוניפֿצונעמען ריס־צו־ריס געדויערן וועט יאָרן
און אַלט בין איך שוין, אָנצוהייבן אויפֿסניי צו שפּאָרן,
איז בעט איך: ווינט, די ליכט מיר נישט פֿאַרלעש,
אַז שיינען זאָלן מיר די לייכטערלעך פֿון מעש.

## די נאַכט אַרונטערשיילן

אַז דו וועסט נעמען די נאַכט און אַרונטערשיילן
פֿון איר די טונקל־בלויע הויט,
וואָס וועט דיר בלייבן פֿון איר? אַ צעריסענער הימל
מיט וואונדיקע שטערן.
נישט דערגיין וועסטו מיט דיין אומרו נישט ווייטער,
ווי צו דער שוועל פֿונעם טויט
און דאָס געוויין פֿון דיין טרויער וועסטו
אויף יענער זייט טונקלקייט דערהערן.

נאָר אין דער טונקלקייט דיינער איז טויט
אַ צעקאַרבטע, צעהויקערטע שוועל,
ביסט שוין געשטאַנען אויף איר און אַריבערגעקוקט,
ווי ביים שענקל אַ שיכור.
ס'איז דיר די הויט אָנגעוואַקסן, ווי אויף אַ חיה
אין ווינטער די שטעכיקע פֿעל,
האָסט זיך אַריינגעביסן אין לייב דיין אייגענעם,
צו רייסן דיין לעבן אויף שטיקער.

איז דאָך נישט שייך צו זאָגן, אַז טויט האָט אַ שוועל
און דו נעמסט און שטעלסט זיך אַוועק לעבן איר,
וואָרים אַריבערגיין גייסטו אַריבער צו אַן אויסלאָז,
צו אַ פֿאַרגליווערטן דומם,
ביסט נישט קיין איצט, קיין שפּעטער, קיין אָנהייב און סוף,
נישט קיין געדאַנק ביסטו און נישט קיין שפּיר,
ביסט ווי דער איידער־באַשאַף, וואָס פֿאַרפּלייצט האָט
דער תוהו ובוהו מיט שוים אים.

און אַז דו וועסט די נאַכט אַרונטערשיילן, וועט דיר בלייבן
נאָך אַ שטערנדיקע, צעלעכערטע זיפּ,
וועסט נאָך אַ טראַכט טאָן, אַ ־ אָ, פונוואָס וועסטו
אין אָפּגעשיילטער נאַכט נאָך טראַכטן?
קיין געדאַנקען נישטאָ אינעם אָפּשייל, נאָר אַ הוילקייט,
מיט אַן אַראָפּגעפאַלענער ליפּ,
וואָס האָט נאָך אַלץ נישט דערזאָגט דעם טרויער
פון מענטש דעם געדאַכט־נישט־געדאַכטן.

איז היינט די נאַכט אַ פולע, מיט רייפעלעך קאַלטע, —
אויף וואונדן נאָך שטורעם פאַרהיילט, —
איבער דעם בלויען אויסשפּרייט זענען צעלויכטן
אַריינגעטיפּטע פונקעלעך־שפּריצן.
נעמסט זיך אַליין אויף די הענט, ביסט אַ קינד,
וואָס די נאַכט דיר אַ מעשה דערציילט,
אַז דו אַליין זאָלסט ביזן לעצטן סוף, דעם אייביקן סוד,
אין איר ליכטיקייט דערזיצן.

## פון דער טיפעניש

דער ציגלקנעטער וואוינט אין אַ בורדעי,
וואָס איבער אים צעצווייגן זיך צוויי ביימלעך.
דאָס ווייב זיינס לויטער איז, ווי פרישער שניי,
און ליכט בענטשט זי אין אויסגעברענטע ליימלעך.

אַ זומערדיקער פרייטיק. זון פאַרגייט
אַריבער דעם בורדעי, צו סטעפּעס ברויטן,
מיט פעדעם זיידענע צונויפגעדרייט
דער שבת קומט אויף פריזבעס און אויף פלויטן.

אַז טונקל ווערט, באַלד האָט שוין אָפּגעטאָגט,
גיט שבת זיך אַ בייג אַראָפּ, און נידערט
צו דעם בורדעי, וואָס האָט נאָך נישט דערזאָגט
די בלעטלעך־תּפילות אינעם ביימלעכס סידור.

דער ציגלקנעטער, אַז דאָס בלעטער־שורשען הערט,
זאָגט פרום דעם ווייב: די ליכט צינד אין די ליימלעך.
דאָס ביסל וואָך האָסטו אַרויסגעקערט,
מיט דיינע ברכות איז דעם שבת היימלעך.

און ווער סע הערט ווי ס'שטיבל אין דער ערד
דעם שבת ברענגט מיט אַ פאַרבענקטן ניגון,
דערשפירט, ווי ער אַליין דערהויבן ווערט,
ווי וואָך אין אים ווערט זינגעוודיק אַנשוויגן.

דער רבי מיינער, דער סגי נהור בער,
דעם ממעמקים האָט געטייטשט מיר אָבער־ווידער:
דעם מיין צו ויסן, צום בורדעי גיי־צו און הער,
ווי הויכקייט גייט־אַרויף פון טיפסטער נידער.

## טונקעלער טייך

אַן אגדתא דערציילט, אַז בעת דער הערשאַפט פון רוים איבער יהודה און די יידן האָבן נישט געטאָרט תפילה־טאָן, איז אין אַן אינדערפרי געגאַנגען דער ייד אלישע מיט די תפילין אין בית הכנסת אַריין. אַ צענטוריאָן האָט אים געטראָפן און גע־פרעגט: וואָס טראָגסטו? אלישע האָט געזאָגט: טויבן טראָג איך. ווייז, האָט דער צענטוריאָן באַפוילן. אלישע האָט צע־נומען די הענט און צוויי טויבן זענען אַרויסגעפלויגן. דער־פאַר האָט מען אים גערופן „אלישע בעל הכנפים“.

דער טונקעלער טייך מיט קנייטשן איז אַלט,
נאָר איבער אים וויגן זיך גראָזן פרישע.
אויף יעדער זייט זע איך אַן עלנט געשטאַלט, —
אַ ייד, וואָס איך ווייס, אַז ער הייסט אלישע.

אַ טויבנכאַפער געווען איז דער ייד,
דער דאַך זיינער פול איז מיט טירלעך און שויבן.
די שטוב ביי אים וואָרקעט און טרויעריק פליט
און איז איבער זיך אַליין אויפגעהויבן.

נאָר דאָ, אויפן אַנדערן ברעג אַז ער שטייט,
און הייבט־אויף אַ האַנט, ווערט די האַנט אים אַ פליגל,
די פינגער אויף פעדערן זענען צעשפּרייט
און וואַסער שעפּט ער פונעם טייך מיט אַ קריגל.

איז קודם־כל פרעגט זיך: ווי איז עס געשיקט,
אַז אויפהייבן אַ האַנט זאָל אַ ייד נישט טאָרן?
אַז האַנט ווערט גאָר פליגל, איז דער ייד שוין צעקריגט
מיט גאָט און מיט זיך און מיט אייגענע יאָרן.

און היינט נאָך — וואַסער ווי נעמט ער און שעפּט?
איז הפקר אינגאַנצן דער דרך הטבע?
אָ ליד מיינס, איך האָב דיך מיט ווינט אויסגעשטעפּט
און דאָ איז אין דעם דיין ווינטער־גערעווע.

אַמאָל נעמט מיך אַריין דער טרויער אין קלעם,
וויל איך אים פאַרזינגען, נאָר איך פאַרשריי אים,
איז דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט טו איך און נעם
און ווער אַן אלישע בעל הכנפים.

נאָר יענער אלישע האָט תפילין געלייגט,
האָט איבער אים דער פּלי געהויערט,
און מיינע תפילין האָט דער רעגן צעווייקט
און לאַנג האָט דער ווינט אויף זיי שוין געטרויערט.

## לעצט געשריי

מיר גייען צוריק פון אַ גילדענעם זומער
און אַנקומען װעלן מיר ווינטערדיק גרוי.
מיר טראָגן אין בינטלעך פאַרזומערדיקט שטרוי
און זשמעניעס געזאַנג פון פרייען פאַרזיי.
אַז אונדזער געזאַנג אין איר זאָל פאַרפרירן,
פאַרנאַכטיק און ווינטיק, פאַרמאַכט אַלע טירן,
מיט רייד פול די ביימער, נאָר איך בין אַ שטומער, —
ווי וועל איך דערשרייען דאָס לעצטע געשריי?

## האַלבער שאָטן

מיר האָבן זיך היינט אומגעקערט צו זוכן אינעם זאַמד
דעם האַלבן שאָטן, וואָס דער מענטש האַקט־אָפּ אין אַ פאַרנאַכט.
געווען איז ער מיט גאָלד באַשפּרענקלט און באַ׳טעמ׳ט,
נאָר מיט אַ פּנים אַ צעשניטענעם, נישט דאָ געדאַכט.

און אפשר גאָר קיין פּנים נישט, נאָר אָן אַ צורה רוי,
אַ שטיק צעווירן טייג, וואָס גאָט האָט נאָך נישט אויסגעקלעפּט.
וואָס דאַרפן מיר אַ האַלבן שאָטן, וואָס האָט אַ טעם ווי שטרוי,
אַז גאַנצן שאָטן האָבן מיר נאָך אַלץ נישט אויסגעלעבט?

דער גאַנג פאַר אונדז איז נאָר אָן אָפּגעברענטער זוים,
וואָס גייט אין ערגעץ נישט און רייסט זיך איבער אָן אַ סוף.
אַ שאָטן נעמסטו און דו זאָגסט מיר: וואָס איז דאָס? אַ בוים?
די ברעמען לאָז איך נידעריק אַראָפּ און זאָג: איך האָף.

מיר שפּילן זיך אין טרעפּעניש, נאָר גאָרנישט טרעפט,
אפילו וואָרט אין שאָטן איז פאַר אונדז פאַרהילט.
נאָר וואָלקן האָט מיט וואָלקן זיך צונויפגעהעפט
אוןביידעס זוימען האָט די זון אַביסל צוגעגילדט.

דערציילן וועל איך נישט, אפילו עלנט מיינעם, — זיך אַליין,
ווי נאַריש איז אַ האַלבן שאָטן זוכן אינעם זאַמד אויף קריק.
שוין ליבערשט לאָמיר זוכן דאָ אַ פול, אַ גאַנץ געוויין,
וועט אפשר טרעפן אונדז דאָס טונקל־אויסגעקרימטע גליק.

## נישט־אַנטפּלעקטער

דו נישט־אַנטפּלעקטער גאָט, וואָס נאָר שפּירן
קען דיך דער מענטש, אָבער קיינמאָל דיך נישט זען,
מיט גלויבן, אַז דו וועסט מיך אין דיין גוטסקייט פירן,
געהערט האָב איך דיין קול, ווי זיך אַליין: געענע.

גענענט האָב איך צו דיר, דעם דאָ־נישט־דאָאיקן,
צו אַ ממשות, וואָס איז דאָ נאָר, ווי אַ געמיט,
געשפּירט האָב איך דיך אינעם דרויסן טויאיקן,
אין אומרו־ווידערקלאַנג פון אַ דערזונגען ליד.

אַ צונד־געטאָן האָט זיך אין דער נאַכט אַ פלעמל,
וואָס האָט מיט בלויען ליכט אין זיך אַליין געברענט.
אַ שיין האָט זיך געגאָסן, ווי אַ שנירל־שטרעמל
און מיר אַריינגעלויכטן אין די נאַכט־פאַרהילטע הענט.

וואָס הייסט דען, גאָט, צו דיר זאָל מענטש גענענען,
אַז ס'איז נישטאָ קיין שטח פון אים צו דיר צו גיין?
אַז נאָענטקייט צו דיר, און וויטקייט, — ביידע זענען
אַ ציטער פון געדאַנק, דער שאָטן פון אַ מיין?

און דאָך איז דאָ אַזאַ גענען צו דיר, איך פיל אים
אין רוף צו דיר, וואָס ווערט אַמאָל דערהערט.
געהערט האָב איך אים אין חצותעדיקן זיידנס תהלים,
אין באָבע אסתר לאהס „אַזוי איז מיר באַשערט".

נאָר איבער מיר האָט זיך אַ שטומקייט אויסגעגאָסן,
דאָס וואָרט מיינס האָט זיך צו אַ טרינק־קוואַל נישט דערשלעפּט.
פאַרשלאָפן האָב איך שוין דעם ניגון פון חצותן,
און אויפשטיין שטיי איך אויף מיט אויגן צוגעקלעפּט.

## צו יעקב פיכמאַן

ביידע אונדז האָט דער בלויסטעפּ גענערט,
מיט דער זון אין שכנות האָבן מיר געוואוינט.
אויף דער עלטער איצטער איז מיר באַשערט
מיטן נאָמען דיינעם צו ווערן באַקרוינט.

איך געדענק נאָך, ווי דו האָסט מיטן תנ"ך
אין דיין טאַטנס קאַמער געמאַכט קאַטשקעוואַל
און אַרויסגעזונגען צום וויט־שטויביקן שליאַך
מיט אַ טיפן, בחוריש־ברוסטיקן קול.

האָסט שוין דענצמאָל אוודאי פאַרחלומט דיין ליד
אין דער שאָפּענער מילעך, אינעם סטעפּ־אַראָמאַט.
אין „גבעולים" האָט שפּעטער דיין וואָרט זיך צעבליט
מיטן ציטער פון אַ בלויען אַקאַציע־בלאַט.

אין דיין פויעריש־קרעפטיקן, יונגן געשטאַלט,
אין צעדונערטן זומערדיק־ברוסטיקן לאַך
האָט די זון אַזוי ווייך, אַזוי דין געשטראַלט,
נאָר דער טרויער אין דיר איז שוין יונג געווען וואַך.

ס'איז דאָס ליד מיינס אין יידיש און דיינס אין עברית,
ס'איז תנכיש דיין וואָרט און מיינס — פּשוט ברויט,
נאָר געוואַרעמט האָט אונדז איין יידיש געמיט
און מיר האָבן דעם ליד דאָס שטילסטע פאַרטרויט.

## ווייט דער גאַנג

ווייט איז דער גאַנג איבער סטעפּעס גרינע,
איבער חורבן, איבער טויט.
זאָגן זאָג איך עס אין דער מדינה,
זומער תשכ"ה, ווען דער פרי־טאָג בלויט.

דאָ זענען מיר. אפילו פאַרלענדטע,
ווינטיקן מיר אין דער פלאַנץ, אין דער זאַנג.
פאַר נשמות איז נישטאָ קיין פענטע
צו דערגיין דעם ליכטיקן גאַנג.

ריינע נשמות, זיידן־פאַרפויערט.
יידן מיינע, מיט שאָפּענע בערד.
אייך אויסגעפריידיקט, אויסגעטרויערט,
אייך צו געשטאַלטיקן איז מיר באַשערט.

זאָגט מיר דעם וואָלעך מיט גמראשער סוגיא,
זייט מיך מצרף צו אַ מדרש פון סטעפּ.
אייערע אויגן, — אין פראַקטיקייט קלוגע, —
ליכטיקן אונדזערע גרויע קעפּ.

## ט ל

מיט דיין וויסן באַדאַכט איך זיך צו זאָגן,
אַז דיין טוי פאַר אונדז פריידיק לעבן טוט טראָגן.
טוי דערפרישט די ערד, די געוויקסן, די גראָזן,
טוי איז יונג, טוי איז פריי, טוי איז קינדיש צעלאָזן.
נאָך די טראָפּנס טוי בענקט די ערד אין די טיפן,
לאָנקעס בענקען, אַז טוי זאָל פאַרטאָג אויף זיי טריפן.
טוי גיסט לעבן אַריין אין געוויקסן פאַרדאַרטע,
און די פעלדזן אַפילו, די שטומע, די האַרטע,
טראָפּנס טוי אַריין גראָזן חנ׳עוודיק צאַרטע.

שיק דעם טוי אַ געדיכטן, אַ לויטערן, קלאָרן.
מיר, וואָס זענען אי דאָ, אי נישט־דאָאיק,
בעטן טוי פאַר דער שפע פון ווייץ און פון קאָרן, —
שיק דעם טוי אַ געדיכטן, אַ לויטערן, קלאָרן.

זאָל דער טוי אויפן לאַנד, דעם געבענטשטן, אונדז פאַלן,
פאַר די קי אויף דער פאַשע, פאַר די קעלבלעך אין שטאַלן,
אָנצופילן דעם שייער מיט פרוכטן און ברויטן
און דעם קעלטער — מיט ווייַן אויסגעשפּילטן און רויטן.

אַז דער זילבערנער טוי פאַלט אויף באַרגיקע הייכן,
ווי אַ וואַרעמער שניי, הייבט די נאַכט אָן צו בלייכן,
ווערט ליבשאַפט צעגאָסן אויף מענטש און געפליגל,
רינט די שיין פונעם טאָג, ווי פריש וואַסער פון קריגל.
זינגט דער גאַנצער באַשאַף, — פון דער מילב אין דער נידער,
ביזן אָדלער אין פלי, ביז דער טיפּעניש ווידער, —
אַ געזאַנג, אַ געלויב, מיט אַ דאַנקשאַפט אַ הודו,
סע וועט וואַקסן און בליען, ס׳איז טוי דאָ, ס׳איז טוי דאָ.

און אַ לויב איז דער טוי צום באַשאַף און באַשעפער,
ס׳ווערט דערהויבן דער מענטש אין דער טויאיקער שפע
צו אַ ליכטיקער תפלה, צו קדוש וטהור,
צו לויטערער ריינקייט, אַפילו אין טרויער.

## קינדערייען

דאָס זענען רייד, וואָס גערעדט האָט ער צו בינדלעך,
אַז געווען איז ער נאָך אַ חדר־ייִנגל, גאָר אַ צניפּל,
אַז געציילט האָט ער אויף די דעכער די גרינע שינדלען,
אַז אַ כמאַרעלע איז נאָך געווען ביי אים אַ הימלש שיפל.

רייד, וואָס האָבן נישט קיין טעם, קיין שכל,
נאָר אַצינדערט שמעקן זיי אים, ווי גאָר פריער קאָרן.
זעען זעט ער זיי, ווי זומער אַ דין, פאַרטאָגיק רייכל
אויפן סטעפ — זילבערדיקע לוקסעס אין זכרון.

ס'איז די מעשה פונעם טייך, דעם רעאוט, — גרינע סטענגעס,
וואָס אין לשון־קודש האָט אים יעקב פּיכמאַן שוין באַזונגען,
וואַסערן דעם רעאוט'ס זענען איינגעקרעמפּעוועטע, ענגע,
קלאַדקעס איבער אים — שאָקלדיקע ברעטער זיבן.

בעלצער רעאוט האָט זיך פריי־יאָר מוראדיק צעצערנט, —
מיט אַ שוים געטראָגן צווייגן, גאַנצע ביימער,
נאָר אַז דער זומער האָט דעם הימל וואַרעם אויסגעשטערנט,
האָט ער זיך צעלייגט, ווי אַ שטילע, כשרע בהמה.

פונעם רעאוט איז געבליבן וואַסער נאָר אַ שטריקל,
וואָס געדרייט האָט זיך עס צווישן גראָז און טשערעט,
אַז אַמאָל זאָל דאָרט אַ טרונקטאָן אַ צעוואָיוועט ביקל,
גריעס זאָלן אין אים באַרוועס פראַלן גרעט.

נאָר דאָס וואַסער האָט געשמעקט מיט פעטע שטיקער זומער,
פון דער טיף האָט עס אַרויסגעקוועלט מיט לויטער גאָלד.
אויפן דנאָ קילט זיך דאָ דער יין המשומר,
האָבן חדר־ייִנגלעך, אין פאַרטראַכטעניש, זיך אויסגעמאָלט.

אַז דאָס ייִנגל אויף דער קלאַדקע איז געשטאַנען,
האָט ער זיך אין וואַסער מיט אַ גרינער וועלט געוויגט,
ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ביימער דאָרטן שפּאַנען,
אַז דער גרונט מיט פעדעם זילבערנע איז אויסגעשטריקט.

נעמט דאָס חדר־ייִנגל שטיינדלעך, וואַשט זיי אינעם וואַסער
און ער זאָגט אַ שפּרוך אַן אייגענעם דערביי:
שטיינדל־חנ׳דל, נחל קישון, כּאַדיר מעשׂר,
ג׳מיר קריק ברילִיאַנטלעך, ריין און שפּאָגלניי.

לויפט־אָן בינדל, קרויזן גילדענע צעשויבערט.
אויגן, ווי דער הימל נאָך אַ רעגן, אויסגעלאָשן בלאָ.
קליידעלע אויף איר פּלאַטערט כוואַליעדיק און זויבער.
זינגט צו איר דאָס ייִנגל: דו ביסט, בינדל, מלכה שבאָ.

זאָגט זי: — מלכת שבאָ? איך וויל נישט, ז׳איז אַ גויע...
בעט ער זיך ביי איר: — ס׳איז דאָך מער נישט ווי אַ שפּיל...
אינדערוויַיט רעדט אַ פּאַסטעך אויפן פלויער.
אויף דער קלאַדקע איז דער שאָטן טונקל־קיל.

אויסגעפּינטלט איז דער שאָטן אונטערן אַקאַציע־ביימל,
ווייסער צווייט, ווי שטערנדלעך, איז אויסגעשפּרייט.
ביי אַ פּלויטל שטייט אַ פערד, קייט אין מויל דאָס ציימל,
מיט פאַרבלוטע שפּיצן איז דער הימל אויסגענייט.

בינדל, — דעם מלמד׳ס טאָכטער, ר׳ ישׂראל ווערטוזשענער,
אַ פאַרקעמטער ייִד, מיט שטיוועלעך פון דינעם כראָם,
מיט אַ באָרד אויף העלפט צעטיילט, ווי צוויי רויטע פענער,
מיט אַ ווילנער ש״ס פון אלמנה והאחים ראָם.

אַ געבונדענעם „המגיד״, גרעסער נאָך ווי אַ גמרא,
פון אַ יאָר, וואָס איז ביים ייִנגל דורות וויַיט,
האָט ער אָפּגעהיט, ווי אַ בן־יחיד פון אַן עין־הרע,
צוגערירט זיך צו די בלעטער, ווי צו ריינסטן זייד.

האַרט ביים רעאוט איז דעם רבינס שטוב געשטאַנען
און מיט שויבן ליכטיקע צום טייך אַרויסגעקוקט.
פאַר די פענצטער בלימלעך בליען און פאַרוויאַנען,
קאַרשנביימער צוויי, — פון אַריינגאַנג אָפּגערוקט.

אַז נאָך פּסח בורטשעט נאָך דאָס וואַסער מוטנע־זוניק,
האָט דער רעאוט קאָרטשן, ווי קאָרע אויף אַ בוים,

קומט דער ווערטוזשענער, דער פאַראיידלטער מפונק,
און די האַנט טונקט־איין אין דעם בורשטינעם שוים.

וואונדער, זאָגט ער, ווער קען זיי באַשיידן?
נאָר אַ טייכל, דאַכט זיך, אָבער מיט יצירה פול...
און דאָס יינגל זעט אין דמיון דעם בלויען זיידן,
ווי ער שטייט פאַר'דבקה'ט ביים דאַווענען אין שול.

קינדער, זאָגט דער ווערטוזשענער,
טראָגן צום באַשעפער שפילערייען,
אַז זיי ווערן עלטער, ווערט די שפיל שוין קלענער,
ווערט דער דמיון אויסגעמישט מיט קלייען.

גייען קינדער צוויי, די הענט געקייטלט, —
מלך ער און זי די יונגע מלכה,
ס'איז די לאָנקע רויט־און־בלוי געקווייטלט,
אויגן בלויע קוקן אוים ווי די פיאַלקעס.

ריטשקעלעך, ווי שנירלעך, רינען,
מיט אַ ווינטל גיט דער סטעפ אַן אָטעם
לאָמיר, מלכה, ביידע גיין געפינען
די פאַרפאַלענע צען שבטים...
גיט די מלכה זיך אַ שטעל אַנידער:
הייבסט שוין אָן צו זוכן ווידער?
אַז אויף אַלץ ביסטו אַ בעלן,
רק דו זוכסט און ווערסט פאַרפאַלן.

תמיד זוכט דאָס יינגל און ער ווערט פאַרפאַלן.
סטעפעס זוכט ער, רויטלעכע פאַרנאַכטן,
קעלבלעך, וואָס פאַרטאַנצן זיך אין שטאַלן,
לאָשעקלעך מיט אַ קוק פאַרטראַכטן.

מעשות, גרינע אינעם אַלטן חומש,
שטערן־רעשעטעס אין טונקעלע בלעטער,
ווערטער ביי אים האָבן אַ קאָלירטן צומיש,
פאַרבן הערט ער, קלאַנגען זעט ער,

רייד פאַר אים, ווי רויזן שמעקן,
אויפן הימל, טערקיש־רויטע שאַלן
שפּרייטן זיך, די זון פאַרדעקן, —
תמיד זוכט ער און ער ווערט פאַרפאַלן.

כמאַרעלעך זילבער, — אוי די קינדערייען
אינעם רויטלעכן פאַרנאַכט צערינען,
נאַכט טוט זיך אויף סטעפּעס שטיל פאַרטייען,
שטערן, — טרויער דערוואַקסענעם שפּינען.

## אַ בריוול ביקלען

(געשריבן אים, אין אַ זומער, בעת ער איז געווען אויף אַ
דאַטשע. איבערגעשריבן און צוגעשריבן תשרי, תשכ״ז)

ידידי היקר, ר׳ שלמה, נרו יאיר,
שיקן שיק איך אייך די ווערטער אויפן ווינט,
וואָרים אויסלייגן איז מיר שווער דעם טרויער
אויף פּאַפּיר מיט פען און מיט קלעקעדיקער טינט.
ווייסן ווייס איך, ווי איר אַנטלויפט פון ווינטן,
וועלן אייך די ווערטער נישט כאַפּן סייווי.
נאָכגיין וועלן מיינע רייד אין שויבערדיקע בינטן
אויפן זומערדיקן שליאַך, אין גרינעם זינגערייַ.

זאָגן וויל איך נאָר, אַז מיט די נעגל
גראָב איך אויס פון זיך אַמאָל אַ קערן
פון אמונה און פון זונעץ מוט.
פינטל־אויס דעם אמת מיט אַ סגל,
ליכטיק, ווי ביי אייך אין דאָרף דריי שטערן.

אַיי דערנאָך ? גיי איך אין געדאַנק אַוועק לשוט
איבער אויסגעטראַכטע שליאַכן גוטס,
איבער סטעזשקעס מענטש, וואָס דאַרף זיין גוט און ריין
(ס׳האָט אַמאָל געלעבט אַ מאַן אין ארץ עוץ,
האָט ער אויסגעטענהט גוטס פון זיך אַליין).

גיי איך, גיי, אין אויסטראַכט, און איך טראַכט:
ס'איז נאָך דאָ אַ ריינקייט, נאָר פאַרוויקלט
איז עס אינעם מענטש, ווי אַ קנויל מיט צעפּ,
ווי דאָס סטעזשקעלע ביי אונדז צו דעם ציגיינער־בריקל.
מענטש פאַרפּלאָנטערט איז, נישט דאָ געדאַכט,
ווי אַ חסידיש לעמעלע טאָמנע אויפן סטעפּ.

וויים איך, ווי איר כאַפּט זיך אויף דער זון אַרויס,
און פאַרבלאָנקעט תיכף צום געדיכט־באַצווייגטן בוים.
ליב האָט איר די זון, נאָר אונטער שאָטנדלעך אַ שטויס,
שיין זאָל זיך צעגיסן, ווי אַ כוואַליעדיקע שוים.

וויל איך ווידער זאָגן, אַז אָפּגעשוימט האָב איך די שיין,
יאָרן מיינע רוען שוין אין שאָטן, אויסגעזיפּטע.
וואָס סע איז נאָך דאָ און וואָס סע וועט נאָך זיין,
איז נישט מער, ווי צו אַ בריוו אַ פּאָסט־סקריפּטום, —
שורות בלישטשען, מיניען זיך מיט וואַרעמען געמיט,
נאָר דער צושרייב צום סוף־פּסוק דאַרף דערפירן,
ווערט דערפון אַ טרויעריק, פאַרעלטערט ליד,
וואָס אַ ייד, ווי איר, ר' שלמה, קען דערשפּירן.

נאָר געענג, איר זעט דאָך, ווי איך שטרויכל,
ווי אַ בלינדער אין אַ פרעמדער, קאַלטער שטוב.
זייט דערפאַר, ר' שלמה, פאַר די רייד מיר מוחל,
ווי סע בעט אייך, —
אפרים בן אלעזר שו"ב.

## ירושלים של מעלה

ירושלים, צו דיין פולקייט בין איך אין חודש ניסן
געגאַנגען איבער די שטייניקע בערג יהודהס.
דער ווינט, מיט געזאַנג, האָט די כמאַרעס צעריסן,
אַז אויפשיינען זאָל די לבנה אויף גריבער און רודעס.

אין בלייכער שיין האָבן זיך סטעזשקעס געדרייט,
מיט פינטעלעך שטעך די בערג־ריסן צונויפגענייט,
געלייגט אויף אַ שאָטן אַ זילבערנע לאַטע.
געטאַנצט מיר אַנטקעגן האָט אַ גאַזעל,
די פרייד האָט זיך געכוואַליעט אויף איר ברוינלעכער פעל, —
צו ירושלים של מעלה גייט ירושלים של מטה.

אין דעם איז שוין דאָ איבער אַ יובל יאָרן,
געטראָגן האָב איך תנכיש געזאַנג קיין ירושלים,
דעם וועג האָב איך געזען אַ לויטערן, קלאָרן,
אַ באַרגיק אַלטן און לבנהדיק נייעם.

צונויפגעגאָסן האָבן זיך נידער מיט הייך,
און שיין אויף סטעזשקעס געווען איז בלייך.
געזונגען האָב איך, ווי מיין פרומער טאַטע,
דאָס אייביקע יידישע אמונה־געזאַנג,
אַז גאָט וועט מיך היטן אויף מיין נאַכטיקן גאַנג
צו ירושלים של מעלה פון ירושלים של מטה.

אַז וואָס איז הייך און וואָס איז נידער,
אַז פון לבנה־געטראַנק בין איך בגילופין.
דאָס איז נאָך אַלץ דאָס קול פונעם סידור,
וואָס האָט מיך צו סדרה בערג אויפגערופן,
אַז ברכת ההרים זאָל איך זאָגן דער נאַכט,
וואָס האָט איבער מיר ביז אַצינדערט געוואַכט,
וואָס פירט מיך איבער די בערג די האָרבאַטע,
מיט ווייבער לבנה אָראָפּצו געווענדט,
מיט ברוינער גאַזעל פון דער שיין פאַרבלענדט, —
צונויפצווינגען דעם של מעלה מיטן של מטה.

פאַרטאָג האָט אַ שייך־געטאָן מיר דער הר הבית,
געווען איז ער רויטלעך אינעם ליכט דעם פריען,
אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַראַבישע אָבייעס
און אויסגעשריבן מיט ליכט דאָס איינע וואָרט צ־י־ו־ן.

דערנאָך זיך איינגעהילט אין אַ גרינלעכן טויל,
ווי שחרית אין אלול אין דער היימישער שול.
די שאָטנס געוואָרעמט האָבן זיך מאַטע,
דעם הר הבית אויפגעהויבן העכער פון הויך.
אין סוד פון באַהעפטונג בין איך אויך
געגאַנגען צו של מעלה פון של מטה.

אין דעם איז שוין דאָ איבער אַ יובל יאָרן,
צו דיר, ירושלים, פאַרעלטערט, קום איך ווידער,
דאָס האַרץ און דעם קוק געוואָלט האָב שפּאָרן,
אַז זען זאָל איך דיך, ווי אין יונגן סידור,
צונויפגעוואָקסן אין אַ ליכטיקן אחד,
מיט הייך, וואָס גיסט אויף נידער איר גענאָד...

נאָך איצט לויכטן בענקשאַפטן, אַמאָל געהאַטע,
די נידער אַרויפצוהייבן צו דער בלאָער הייך, —
דערפריי מיך, גאָט, אַז טאָן זאָל איך אַ דערגרייך
צו ירושלים של מעלה פון ירושלים של מטה.

## אויסגעצאָלט גאָט

מיר זענען שוין קיינעם נישט שולדיק קיין גאָט, —
מיט דורות עקידות האָבן מיר אים אויסגעצאָלט,
אַריינגעדרייט האָט אונדז די וועלט אין איר ראָד,
אַז סילוקן זאָלן מיר מיט בלוט, נישט מיט גאָלד.

פאַרחובט האָט אונדז גאָט צו דער גאָרער וועלט
און אָנגעזאָגט אונדז: בדמייך חיי...
נאָר אַז אַ בלאַט אויף אַ בוים האָט פאַרגעלט,
האָט בלוט אונדזערס שוין פאַרפלייצט דעם פאַרפרי.

אַמאָל האָב איך פרום געזונגען: א ח ד
און אויפגעגאַנגען אין מיר איז די פרייד,
וואָס ברענגען ברענג איך די איינקייט פון גאָט, —
אַ גורל פון אייביק ביז אייביק איז מיר אָנגעברייט.

נאָר אַז איך האָב זיך צו גאָט מײַנעם געקערט
מיט דער פּשוטער טענה: איז דאָס מײַן געצאָלץ,
אַז אָנטרינקען זאָל מײַן בלוט גאָר די ערד
און זײַן זאָל דער אָנטרינקער אַ געצל אַ געמאָלטס?

האָט גאָט גאָר זײַן כּעס אויף מיר אַראָפּגעשיקט,
חרון אַפּו, ווי אין הייליקן חומש שטייט,
די וועלט האָט מיך מיט גאָטס נאָמען צעפּליקט,
דערנאָך ערשט פֿאַרברענט און דאָס אַש מײַנס צעשפּרייט.

איז איצטער אַזוי: אַז מיר ווערן פֿאַרלענדט,
וועט זײַן אָן אונדז אַ געלאַטעטער גאָט,
וואָס הענגען וועט ער אויף סטעליעס, אויף ווענט, —
אַ חוזק אויף גאָט, אויף געלעכטער, אויף שפּאָט.

און מיר? אַמאָל, אין אַ נאַכט פֿון גענאַד,
פֿון אַש וועלן מיר אויפֿשטיין, פֿון געלייטערטן שטויב,
אַ קוק צו טאָן: וואו איז דער גרויסער גאָט,
וואָס אויסגעביטן האָט ער זיך אַליין אויף דרויב.

# חנהן

גרוי בין איך, ווי אַ מעווע,
דו, ווי אַ טויב ביסט גרוי,
נאָר צו די שישים ושבע
לויכט נאָך דיין חכמה אַזוי.

פאַלט אויף דיר שיין פון די יאָרן,
ווי אַ פאַרנאַכטיקער בלענד,
אויפהייבן לאָמיר די שטאָרן
זון זאָל זיך שפּילן אויף ווענט.

טיפער איז זון, אַז אַ כמאַרע
טונקל באַזוימט איר דעם ברעג, —
ביימער, — נאַקעטע, דאַרע,
אונדז אָבער ליכטיקן טעג.

טעג, אָנגעזעטיקט מיט וויסן,
טרויער און מאַטעווער פרייד,
גאַנצקייט, געפּייניקט אין ריסן,
רעטעניש און דער באַשייד.

איך האָב צו רעווען אַ טבע,
דו אָבער ברומסט, ווי אַ טויב, —
צו דיינע שישים ושבע
זינג איך, פאַרעלטערט, אַ לויב.